STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06081

# GEKLIBENE SHRIFTEN

Mikhail Aleksandrovich Bakunin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מיכאַאיל באַקונין

# געקליבענע שריפטען

איבערזעצט פון י. קרעפּליאַק

מיט אַ

**ביאָגראַפישע סקיצע**

פון רודאָלף ראָקער

אַרויסגעגעבען פון דער
קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט
ניו יאָרק 1919
200

# אינהאַלט:


פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — — — 5

ביאָגראַפישע סקיצע — — — — — — — — — — — — 7

I. גאָט און דער שטאַאַט — — — — — — — — — — 43

II. פעדעראַליזם, סאָציאַליזם און אַנטיטעאָלאָגיזם —
אַ מאָטיווירטער פאָרשלאַג צום צענטראַלען קאָמיטעט פון
דער „פריעדענס- און פרייהייטס-ליגע" — — — — — 97

I. פעדעראַליזם — — — — — — — — — — — — — 108

II. סאָציאַליזם — — — — — — — — — — — — 124

III. אַנטיטעאָלאָגיזם — — — — — — — — — — — 144

III. בריעף וועגען פאַטריאָטיזם:
צו די אַנטיילנעהמער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַר-
בייטער'ס אַסאָסיאַציע פון די שטעדט לאָקל און שאָ-
דע-פאָנדס.

ערשטער בריעף — — — — — — — — — — — — 265

צווייטער בריעף — — — — — — — — — — — — — 268

דריטער בריעף — — — — — — — — — — — — 272

פערטער בריעף — — — — — — — — — — — — 277

פינפטער בריעף — — — — — — — — — — — — 281

נאַטירליכער אָדער פיזיאָלאָגישער פאַטריאָטיזם — — 285

פאַטריאָטיזם (פאָרטזעצונג) — — — — — — — — 292

פאַטריאָטיזם (פאָרטזעצונג) — — — — — — — — 296

פאַטריאָטיזם (פאָרטזעצונג) — — — — — — — — 304

# פון די אַרויסגעבער.

מיט אָט דעם באַנד, די געקליבענע שריפטען פון מיכאיל באַקונין, ענדיגט זיך די ערשטע סעריע פון 10 ביכער — די אויסגעוועהלטע קלאַסיקער פון סאָציאַליזם — וועלכע די קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט האָט אַרויסגעגעבען אין די 7 יאָהר פון איהר עקזיסטענץ.

אַבוואויל דער קוואַל פון די סאָציאַליסטישע קלאַסיקער איז נאָך ניט אויסגעשעפּט — און מיר האָפען נאָך צו שעפּען פון איהם ווייטער — דאָך האָט די געזעלשאַפט געפונען פאַר נויטיג אָנצוהויבען די נייע סעריע מיט אַ ווערק איבער אַנאַנדערן אָבער זעהר פאַרוואַנדטען געביט — דעם געביט פון דער אַרבייטער באַוועגונג. מיר גרייטען צו פאַר אונזער נעקסטער אויסגאַבע דאָס באַריהמטע, שוין קלאַסיש געוואָרענע ווערק, פון סידנעי וועבּ, ד י ג ע ש י כ ט ע פ ו ן ט ר י י ד־י ו נ י אָ נ י ז ם.

דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז צו געבען דעם אידישען לעזער די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט די הויפּט ווערק ניט נאָר פון דעם טעאָרעטישען סאָציאַליזם, נאָר אויך פון דער פּראַקטישער אַרבייטער־באַוועגונג, און דעריבער וועלען מיר אויך זוכען אַריינצופיהרען אין אידיש די בעסטע אָפּהאַנדלונגען איבער אַלע פאַרשיידענע ריכטונגען פון דעם אַרבייטער־קאַמף אין אַלע לענדער.

אונזער ערפאָלג הענגט אָפּ פון דער גרויס פון דער צאָהל מיטגליעדער, וואָס פאַרשרייבען זיך אין דער געזעלשאַפט, און מיר האָפען, אַז דער צוטרויען, וואָס די געזעלשאַפט האָט געוואונען ביי די אַרבייטער ביז אַהער, וועט אויך פאַרזיכערן איהר ערפאָלג אויף ווייטער.

דער פאַרוואַלטונגסראַטה.

# מיכאַאיל באַקונין

(ביאָגראַפּישע סקיצע)

פון רודאָלף ראָקער.*)

*) די ביאָגראַפישע סקיצע איז אין 1902 אַרויסגעגעבען געוואָרן פון דער לידזער אַנאַרכיסטישער גרופּע, אין פּאַמפלעט פאָרם (אָגב, שוין לאַנג אַרויס פון דרוק) און איז געווען געשריבען אין אַ שטרענג פּאַר־טייאישען סטיל. מיר האָבען זיך דעריבער ערלויבט איהר אַביסעל צו פּאַרקירצען און אָפּשוואַכען די ענג־פּאַרטייאישע שפּיצען. דער מחבר, האָפען מיר, וועט אונז אַנטשולדיגען.

## זיין יוגענד.

מיכאאיל אַלעקסאַנדראָוויטש באַקונין איז געבאָרן געוואָרן דעם 20טען מאי 1814 אין פּראַמוכינא, אַ קליין דערפעל אין טווערער גובערניע. זיין פאמיליע איז געוועזן איינע פון די עלטסטע אריסטאָקראַטישע פאמיליעס אין רוסלאַנד, און ווי עס שיינט ניט אין קיין שלעכטע פארהעלטנישען. באַקונינ׳ס פאָטער איז געוועזן אַ הומאַנער און פריידענקענדער מענש, וועלכער האָט זאָגאר גענומען אַ דירעקטען אנטייל אין דער באוועגונג פון די דעקאַבריסטען; אויף דער עלטער אָבער איז ער געוואָרן זעהר פעסימיסטיש צו אַלע פרייהייטליכע שטרעבונגען, ווייל ער האָט פארלאָרן דעם גלויבען אין זייער פארווירקליכונג. באַקונינ׳ס מוטער איז געוועזן אַן אמת׳ע אריסטאָקראַטקע אין איהר כאַראַקטער, קאַלט און שטאָלץ צו אַלעמען, אפילו צו איהר אייגענער פאמיליע. וועגען באַקונינ׳ס יוגענד איז זעהר ווייניג באַקאַנט, איין זאַך איז אָבער זיכער, ער האָט געקראָגען אַ זעהר גוטע דערציהונג.

ווען ער איז אַלט געוועזן צוואַנציג יאָהר, האָט ער באַזוכט די אַרטילעריע־שולע אין פּעטערבורג, וואו ער האָט שטודירט די קריעגס־וויסענשאַפט מיט גרויס ערפאָלג. אין זיין איין־און־צוואַנציגסטען לעבענסיאָהר איז ער געוואָרן אָפיצער אין אַן אינפאַנטעריע־רעגימענט לעבען דעם פוילישען גרעניץ. אָבער דאָס לאַנגווייליגע סאָלדאַטען־לעבען האָט פאר דעם יונגען באַקונין קיין אינטערעס ניט געהאַט. גאַנצע טעג פלעגט ער פארברענגען ליגענדיג אויף אַן אַלטער זאָפע, שטענדיג פארטראַכט און פארטיעפט אין געדאַנקען. אין 1834 האָט ער ענדליך פארלאָזען די אַרמעע און האָט אינגאַנצען אויפגעגעבען זיין מיליטערישע קאַריערע.

די דייטשע פילאָזאָפיע האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער רוסישער יוגענד, און אויך באַקונין האָט זיך

שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די אַבסטראַקטע אַנשויאונגען און לעהרען פון קאַנט, פיכטע, שלעגעל א. אז. וו. דורך פאַרשיידענע רייזעס נאָך מאָסקווע און פעטערבורג איז ער באַקענט געוואָרען מיט אייניגע סטודענטען־צירקלען, וואו די רוסישע יונגעליים פלעגען זיך צוזאַמענקומען, צו שטודירען די פאַרשיידענע סיסטעמען פון די דייטשע און פראַנצויזישע פילאָזאָפען. אין 1835 האָט ער זיך באַקענט מיט סטאַנקעוויטש'ן, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער גייסטיגער פיהרער פון א באַדייטענדען צירקעל. די ביידע יונגעליים האָבען באַלד געשלאָסען אַן אינטימע פריינדשאַפט, און באַקונין איז געוואָרען א טעטיגער מיטאַרבייטער פון סטאַנקעוויטש'עס פילאָזאָפישען צירקעל. דורך סטאַנקעוויטש'עס איינפלוס איז באַקונין נעהנטער באַקאַנט געוואָרען מיט דעם דייטשען פילאָזאָף גאָטליב פיכטע, און מיט ליידענשאַפטליכער באַגייסטערונג האָט ער שטודירט זיינע שריפטען. נ. ביעלינסקי, וועלכער איז שפּעטער אַזוי באַריהמט געוואָרען אין דער רוסישער ליטעראַטור, האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבען א פילאָזאָפישע צייטשריפט, „דער טעלעסקאָפּ". אין דער דאָזיגער צייטשריפט האָט באַקונין פאַרעפענטליכט זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט, א רוסישע איבערזעצונג פון פיכטע'ס „פאָרלעזונגען איבער דער באַשטימונג פון דעם געלעהרטען".

ווען סטאַנקעוויטש האָט פאַרלאָזען רוסלאַנד, איז באַקונין געוואָרען דער גייסטיגער אינספּיראַטאָר פון דעם צירקעל. אין 1838 איז באַקונין צום ערשטען מאָל באַקענט געוואָרען מיט די לעהרען און אידעען פון דעם דייטשען פילאָזאָף העגעל, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט א מאַגנעטישען איינפלוס אויף אַלע גייסטער. דער איינפלוס איז געווען אַזוי מעכטיג, אַז ער האָט פאַראורזאַכט א גאַנצע רעוואָלוציע אין די אידעען און מיינונגען פון באַקונין און זיינע פריינד. העגעל'ס באַקאַנטער זאַץ: „אַלץ וואָס עקזיסטירט איז נאַטירליך און באַרעכטיגט צו עקזיסטירען", האָט פאַראורזאַכט געוואַלדיגע מיינונגס־פאַרשיידענהייטען צווישען דעם פילאָזאָפיש־געבילדעטען עולם, מיינונגס־פאַרשיידענהייטען, וועלכע האָבען געשאַפען די ערגסטע איינזייטיגקייטען און עקסטרעמען. באַקונין, ביעלינסקי און אַנדערע יונגעליים זיינען געוואָרען אָרטאָדאָקסישע העגעליאַנער, וועלכע האָבען זיך זאָגאָר ניט אָפּגע־

שראָקען פאַר די רעאַקציאָנערסטע קאָנסעקווענצען פון העגעל׳ס לעהרע. „דער רוסישער אבסאָלוטיזם עקזיסטירט, פאָלגליך איז ער בארעכטיגט און נאַטירליך" — די דאָזיגע באהויפּטונג, וואָס ביעלינסקי האָט אויפגעשטעלט, איז דעמאָלט געווען די אַלגעמיינע אָנשויאונג פון דעם יונגען פילאָזאָפישען סטודענטען־צירקעל. באַקונין האָט צו יענער צייט געשריבען אייניגע ארטיקלען און איבערזעצונגען אין דעם „מאָסקאָווסקי נאַבלודאַטעל", וועלכע זיינען איננאַנצען געווען רעאַקציאָנער און קאָנסערוואַטיוו.

אָבער דער שטורמדיגער כאַראַקטער פון דעם יונגען באַקונין האָט באַלד דערפיהלט די ענגקייט און איינזייטיגקייט פון דעם רעאַקציאָנערן העגעליאַניזם; ער האָט ביסלעכווייז באַגריפען, אַז דאָס לעבען איז אין דער ווירקליכקייט פאָרט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּוסטע וואָרטשפּיעלעריי. זיין געזונטער גייסט האָט איהם געמאַכט פאַרשטעהן, אַז די שטאַרקייט פון העגעל׳ס אידעען באַשטעהט ניט אין דעם גייסטיגען און מאָראַלישען אינהאַלט פון זיין פילאָזאָפיע, נאָר אין דער קריטישער מעטאָדע, וואָס ער האָט אָנגעווענדעט.

דורך דעם באַקאַנטען רוסישען שריפטשטעלער אָגאַריאָוו, וועלכער האָט שפּעטער צוזאַמען מיט הערצען ארויסגעגעבען דעם „קאָלאָקאָל", איז באַקונין באַקענט געוואָרן מיט אַלעקסאַנדער הערצען, דעם גרויסען רוסישען דענקער און ליטעראַט. הערצען איז געווען אַ ביטערער געגנער פון העגעל׳ס קאָנסערוואַטיווע אָנשויאונגען, און עס האָט זיך באַלד אַנטוויקעלט אַ שטאַרקער קאַמף צווישען איהם און די מיטגליעדער פון באַקונינ׳ס צירקעל. דער דאָזיגער קאַמף איז וואהרשיינליך געווען די ערשטע אורזאַך, וואָס האָט געמאַכט באַקונינ׳ען אויפגעבען זיינע איינזייטיגע רעאַקציאָנערע טעאָריעס און קאָנסערוואַטיווע ספּעקולאַציעס. דאָס לאַנגווייליגע לעבען, אָהן טעטיגקייט און אָהן באַוועגונג, איז איהם אַלץ אומדערטרעגליכער געוואָרן און ער האָט ביי זיך באַשלאָסען צו געהן נאָך בערלין, אום דאָרט צו שטודירן פילאָזאָפיע.

## ער ווערט רעוואָלוציאָנער.

אין בערלין איז באַקונין באַקענט געוואָרן מיט דער יונג־העגעליאַנישער ריכטונג, וועלכע האָט דעמאָלט פאַראייניגט אַלע

רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען אין דייטשלאַנד. דאָס גאַנצע לע־בען איז פאַר איהם פלוצלינג ערשינען אין אַ נײַ ליכט; אַ ברייט פעלד פאַר טעטיגקייט האָט זיך אויפגעעפענט פאַר איהם, און מיט אַ גליהענדער ליידענשאַפט האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין דעם רעוואָלוציאָנערן אידעען־שטראָם.

אין בערלין האָט זיך באַקונין אויך באַקענט מיט טורגע־ניעוו'ן, און ביידע האָבען באַזוכט די פאָרלעזונגען פון פראָפעסאָר ווערדער, איבער דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע. שעלינג'ס רע־אַקציאָנערע און מעטאַפיזישע אַנשויאונגען האָבען דעם יונגען באַ־קונין געגעבען אַ געלעגענהייט פאַר אַ ליטעראַרישען אַנגריף. אין 1842 האָט ער פאַרעפענטליכט אַ בראָשורע: „שעלינג און די אָפענבאַרונג, אַ קריטיק קעגען דעם לעצטען פאַרזוך פון דער רע־אַקציע צו באַקעמפען די פרייע פילאָזאָפיע." אין דער דאָזיגער שריפט פאַרטיידיגט באַקונין די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון לוד־וויג פייערבאַך, דעם פאָטער פון דער דייטשער מאַטעריאַליסטי־שער פילאָזאָפיע; זי איז די ערשטע מאַניפעסטאַציע פון באַקו־נינ'ס רעבעלישען גייסט. ער פרעדיגט דעם קאַמף פאַר דער פריי־הייט מיט באַגייסטערטע ווערטער, און כאָטש דער דאָזיגער קאַמף איז ביי איהם פאָרלויפיג נאָך אַ ריין פילאָזאָפישער, דאָך דער־קענען מיר שוין קלאָר און דייטליך דעם ריעזיגען אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיינע אידעען און אַנ־שויאונגען.

פון בערלין איז באַקונין אוועק נאָך דרעזדען; די דאָזיגע שטאָדט איז דעמאָלט געווען דער גייסטיגער צענטראַל־פונקט פון די רעוואָלוציאָנערע יונג־העגעליאַנער. אַרנאָלד רוגע, דער באַדיי־טענדסטער פאַרטרעטער פון דער דאָזיגער ריכטונג און דער ארויס־געבער פון די באַריהמטע „דייטשע יאָהרביכער", האָט דעם יונ־גען באַקונין אויפגענומען מיט דער גרעסטער אַכטונג און פריינד־שאַפט. דער ראַדיקאַלער קרייז פון רוגע און זיינע פריינד האָט גע־מאַכט אויף איהם אַ גוטען איינדרוק, און דורך די פיעלע דיסקו־סיעס מיט אַזעלכע גייסטרייכע מענער זיינען אַנזיכטען גע־וואָרן אַלץ ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער. אין 1842 האָט ער פאַרעפענטליכט אַן אַרטיקעל אין די „דייטשע יאָהרביכער", וועל־כער האָט ארויסגערופען דעם אינטערעס פון דער גאַנצער פילאָ־

זאָפישער וועלט. דער דאָזיגער ארטיקעל האָט זיך גערופען: „די רעאַקציע אין דייטשלאַנד, אַ פראַגמענט פון אַ פראַנצויז" און איז געוועזן געדרוקט אונטער דעם פסעוודאָנים זשיל עליזאַר. אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל זעהען מיר שוין דעם גאַנצען באַקונין, דעם באַ־גרינדער פון דער צעשטערונגס־פילאָזאָפיע, דעם טויט־פיינד פון אַלע קאָמפּראָמיסען און דיפּלאָמאַטישע פאַרמיטלונג־פּאַרזוכען. ער פאַרטיידיגט די רעוואָלוציע אַלס דעם פּרינציפּ פון דעם אייביגען פּראָגרעס און באַקעמפּפט די אַזויגערופענע פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע מיט ליידענשאַפטליכע ווערטער. די רעוואָלוציע איז דער אייביגער גייסט פון פאַרניינונג, פון אָפּלייקענונג, די לעבעדיגע קראַפט פון דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע. יעדער רעפאָרמער איז אַ רעאַקציאָנער, ווייל ער שטערט דעם גרויסען ציעל פון דער נייער באַוועגונג, די פולשטענדיגע צעשטערונג פון דער געגענווערטיגער פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלט. דער מערקווירדיגער אויפ־זאַץ ענדיגט זיך מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „די לופט איז שטיקענד און מיר אַלע פיהלען די נאָהענטקייט פון דעם גרוי־סען שטורעם; מיר רופען דעריבער צו אונזערע פאַרבלענדעטע ברי־דער: „טוט תשובה, טוט תשובה, דען עס איז משיח־צייט!" צו די פּאָזיטיווסטען זאָגען מיר: „עפענט־אויף אייערע גייסטיגע אוי־גען! זאָלען די מתים אַליין באַגראָבען זייערע טויטע; באַגרייפט שוין ענדליך, אַז דער גייסט, דער אייביג יונגער, דער אייביג ניי־געבאָרענער גייסט, לעבט ניט אין אַלטע איינגעפאַלענע חורבות!" לאָמיר פאַרטרויען דעם אייביגען גייסט, וועלכער צעשטערט און פאַרניכטעט, דערפאַר ווייל ער איז דער אייביגער, שאַפענדער קוואַל פון לעבען. די לוסט פון דער צעשטערונג איז אַ שאַפענדע לוסט!"

אייניגע חדשים נאָך דער פאַרעפענטליכונג פון דעם דאָזיגען אַרטיקעל האָט באַקונין פאַרלאָזען דרעזדען, ווייל זיין לאַגע איז געוואָרן זעהר אומזיכער. די רוסישע רעגירונג האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער איז דאָס געוועזן דער אייגענטליכער פאַרפאַסער פון דעם אויפזאַץ: „די רעאַקציע אין דייטשלאַנד", און ווי עס שיינט האָט זי געפאָדערט זיין צוריקשיקונג נאָך רוסלאַנד. באַקונין איז אַוועק אין דער שווייץ, און באַלד טרעפען מיר איהם ווידער אינ־מיטען פון די ראַדיקאַלסטע און רעוואָלוציאָנערסטע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך אונטער דעם צוואַנג פון דיזעלבע אומשטאַנדען

צוזאַמענגעטראָפֿען אין ציריך. אין דער שווייץ האָט זיך באַקונין צום ערשטען מאָל באַשעפטיגט מיט דער קאָמוניסטישער פראַגע. די שריפטען פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען האָבען געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיין רעבעלישען גייסט, און אַזוי ווי ער האָט שטענדיג געצויגען די לעצטע קאָנסעקווענצען פון אַ געוויסער אידעע, איז ער באַלד געוואָרן איינער פון די פאָרטגעשריטענסטע און ראַדיקאַלסטע אָנהענגער פון דער סאָציאַליסטישער וועלטאַנשויאונג.

דער דייטשער קאָמוניסט ווילהעלם וויטלינג האָט דעמאָלט אָרגאַניזירט קאָמוניסטישע ארבייטער-פאַרבינדונגען אין דער שווייץ. דער מיטעלפונקט פון די אַלע פאַרבינדונגען איז געווען אין ציריך, וואו וויטלינג האָט צוגעגרייט די ארויסגאַבע פון אַ נייער שריפט פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ. אָבער די שווייצארישע רעגירונג האָט איהם פּלוצלונג ארעסטירט און פאַרנומען אַלע זיינע שריפטען און קאָרעספּאָנדענצען. אונטער די בריעף זיינען אויך געווען איינינע, וועלכע האָבען באַקונינ'ען שטאַרק קאָמפּראָמיטירט און אויפגעדעקט זיינע געהיימע באַציהונגען צו די שווייצארישע קאָמוניסטען. ער האָט דעריבער אָפּגערייזט נאָך בערן, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרמיידען, מען זאָל איהם ניט ארעסטירן. די שווייצארישע פּאָליציי האָט די פּאַפּירען, וועלכע האָבען באַקונינ'ען קאָמפּראָמיטירט, איבערגעגעבען צו דעם רוסישען קאָנסול אין ציריך, וועלכער האָט באַלד געפאָדערט באַקונינ'ס אויסליפערונג אין דעם נאָמען פון דער רוסישער רעגירונג. באַקונין איז אָבער געווען געשווינטער פון דער פּאָליציי; ער האָט פאַרלאָזען די „פרייע שווייץ" און איז דירעקט אָפּגעפאָהרן נאָך פּאַריז.

אין פּאַריז איז באַקונין באַקענט געוואָרן מיט די פּראָגרעסיווסטע און רעוואָלוציאָנערסטע עלעמענטען פון דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָדט, אָבער זיינע אינטימסטע פריינד זיינען געווען: דער דייטשער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט זשאָרזש הערוועג, פּרודאָן און איינינע אַנדערע קאָמעראַדען. פּרודאָנ'ס סאָציאַליזם האָט געמאַכט דעם טיעפסטען איינדרוק אויף איהם, ווייל ער איז געווען באַגרינדעט אויף דער פרייהייט פון אינדיווידום. דער סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם פון די אַנדערע ריכטונגען איז באַקונינ'ען קיינמאָל ניט געווען סימפּאַטיש, צוליעב זיין אויטאָריטערן און דיק-

טאַטאַרישען כאַראַקטער. אין פּאַריז איז באַקונין אויך צוזאַמענ־געקומען מיט קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס און אַנדערע באַ־קאַנטע דייטשע ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטען. ער האָט אויך געשריבען אייניגע קורצע אַרטיקלען אין דער דייטשער צייטשריפט „פאָרווערטס״, וועלכע איז דעמאָלט ערשינען אין פּאַריז. אָבער די פּערזענליכע שטרייטיגקייטען, וועלכע האָבען געשפּאָלטען די דייטשע עמיגראַנטען, האָבען אויף באַקונינ׳ען געמאַכט אַ שלעכ־טען איינדרוק, און ער האָט מייסטענס פאַרבראַכט צווישען רוסען, פּוילען און פראַנצויזען.

אָבער אויך פּאַריז איז ניט געווען קיין זיכערער פּלאַץ פאַר באַקונינ׳ען. דעם 29טען נאָוועמבער 1847 האָט ער געהאַלטען אַ רעדע אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז געווען אַראַנזשירט צום אָנדענקען פון דער פּוילישער רעוואָלוציע אין 1830. די דאָ־זיגע רעדע איז געווען די ערשטע קריעגס־ערקלערונג פון דעם מוטיגען רעבעל געגען דעם רוסישען צאַריזם. מיט פייערדיגע ווערטער האָט ער געבראַנדמאַרקט די שמאך און שאַנד פון דעם רוסישען דעספּאָטיזם, וועלכען ער האָט עפענטליך ערקלערט אַלס דעם טויטפיינד פון דער אייראָפּעאישער פרייהייט. די דאָזיגע רעדע האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק. די רעוואָלוציאָנערן האָבען איהר באַגריסט מיט ליידענשאַפטליכער באַגייסטערונג; פאַר די טיראַנען אָבער האָט זי געקלונגען ווי אַ טויט־אורטייל. די רוסישע רעגירונג האָט געפאָדערט פון פראַנקרייך, אַז זי זאָל באַקונינ׳ען אַרויסשיקען פון לאַנד. דער יונגער פרייהייטס־קעמ־פער האָט געמוזט פאַרלאָזען די שעהנע פּאַריז און האָט אָפּגערייזט נאָך בעלגיע.

## זיין ראָלע אין דער רעוואָלוציע פון 1848—1849.

באַקונין האָט ניט געדענקט צו פאַרבלייבען אין בעלגיע, ווייל ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס דאָזיגע לאַנד קאָן איהם ניט געבען קיין זיכערהייט פאַר זיין פּערזאָן; זיין פּלאַן איז געווען צו געהן נאָך ענגלאַנד, וואָס איז געווען די איינציגע לאַנד אין אייראָפּאַ, אויף וועלכער דער רוסישער צאַריזם האָט קיין איינפלוס ניט געהאַט. אָבער נאָך איידער ער האָט געמאַכט זיינע צוגריי־

טונגען צו פאַרלאָזען בעלגיע, איז פּלוצלינג אויסגעבראָכען די פעברואַר־רעוואָלוציע אין פּאַריז. די דאָזיגע נאַכריכט האָט באַקונינ'ען געגעבען ריעזען־כחות. די רעוואָלוציע, אויף וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, איז ענדליך געקומען. און דער יונגער רעבעל האָט איהר באַגריסט אַלס דעם אויפטאָגען פון אַ נייע צייט. ער האָט זיך גלייך אומגעקעהרט צוריק נאָך פּאַריז און האָט זיך אַריינגעוואָרפען מיט לייב און זעעל אין די שטורמדיגע כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע. ער איז געשלאָפען אין די קאַזאַרמעס און האָט געגעסען און געטרונקען מיט די סאָלדאַטען; ער האָט פאַר זיי געפּרעדיגט זיין טעאָריע פון דער אַלגעמיינער צעשטערונג, דעם סאָציאַליזם און די פאַרניכטונג פון אַלע שטאַאַטליכע פאָרמען; ער האָט זיי אויפגעפאָדערט די רעוואָלוציע אַזוי לאַנג אָנצוהאַלטען, ביז אַלע יסודות פון דער אַלטער געזעלשאַפט וועלען זיין פאַרניכטעט. באַקונין איז געוועזען אומעטום: אויף די באַריקאַדען, אין די קאַזאַרמעס, אויף די עפענטליכע פּלעצער, מיט איין וואָרט, זיין קראַפט האָט זיך פאַרצעהנפאַכט. אָבער דער גרויסער רעוואָלוציאָנער איז ניט נאָר געווען דער שרעקען פאַר די רעאַקציאָנערען, אָפּילו די רעפּובליקאַנער האָבען געציטערט פאַר איהם, זעהענדיג זיין געוואַלדיגען איינפלוס. דער באַריקאַדען־אָפיצער קאָסידיער, אַ רעפּובליקאַנער, ווען עס איז געקומען צו רייד וועגען באַקונינ'ען, פלעגט שטענדיג זאָגען: „וואָס פאַר אַ מאַן! וואָס פאַר אַ מאַן דאָס איז; אין דעם ערשטען טאָג פון דער רעוואָלוציע איז ער טייערער ווי טויזענד ערדעלשטיינער; אָבער אויף דעם צווייטען טאָג מוז מען איהם דערשיסען!" ווען קאָסידיער האָט דיזעלבע ווערטער ווידערהוילט פאַר אַלעקסאַנדער הערצען, האָט הערצען איהם געענטפערט: „איהר אַליין זייט אויך אַ זעהר גוטער מאַן, אָבער אייך מוז מען שוין דערשיסען, נאָך איידער די רעוואָלוציע פאַנגט זיך אָן". פלאָקאָן, וועלכער איז געווען דער מיניסטער פון עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען בעת דער פּאַריזער פעברואַר־רעוואָלוציע, האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „ווען עס וואָלטען זיך געפונען אין גאַנץ פראַנקרייך דריי הונדערט מענער ווי מיכאאיל באַקונין, וואָלט אַ רעגירונג געווען אַ זאַך דער אוממעגליכקייט".

באַקונין האָט באַלד באַגריפען, אַז די פראַנצויזישע פעברואַר־

רעוואָלוציע קאָן ניט האָבען דעם געוואונשטען רעזולטאַט, וואָס ער און זיינע פריינד האָבען ערוואַרט; ער האָט אָבער אויך איינגע־זעהן, אַז מען דאַרף זיך דעריבער ניט שטעלען אָן אַ זייט, נאָר מען מוז אויסנוצען די געלעגענהייט און צוגרייטען רעוואָלוציעס אין גאַנץ אייראָפּאַ.

אין אַפּריל 1848 האָט באַקונין פאַרלאָזען פּאַריז; דער מי־ניסטער פלאָקאָן האָט איהם געגעבען טויזענד פראַנק און אַ פראַנ־צויזישען פּאַספּאָרט, ער זאָל געהן נאָך דייטשלאַנד און דאָרט אַגיטירען פאַר דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. אין דער אמת'ן אָבער איז דאָס נאָר געוועזען אַ מיטעל, כדי פּטור צו ווערן פון דעם געפעהרליכען רעוואָלוציאָנער. באַקונין אַליין האָט אויך באַ־גריפען, אַז זיין פּלאַץ איז ניט מעהר אין פּאַריז און ער איז פּלוצלינג פאַרשוואונדען געוואָרן. עס איז זעהר וואהרשיינליך, אַז ער איז דעמאָלט געוועזען פאַר אַ קורצער צייט אין רוסלאַנד און אין די איבעריגע סלאַווישע לענדער, אום דאָרט צוצוגרייטען אַן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד. ווענינסטענס דער־צעהלט אונז אַרנאָלד רוגע אין זיינע מעמואַרען, אַז „ער איז גע־גאַנגען נאָך רוסלאַנד, אום דאָרט צו אַגיטירען". באַקונין האָט אין דער צייט געהאַט זעהר פיעל פאַרבינדונגען מיט אַלע באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן אין אייראָפּאַ, און הויפּטזעכליך מיט דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די סלאַווישע לענדער.

דעם 1טען יולי 1848 האָט באַקונין באַזוכט דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלען סלאַווען־קאָנגרעס אין פּאַריז, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט דאָרט געפינען נייע געלעגענהייטען צו אַגיטירן פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע פּלענער און פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלי־זירונג פון דער רעוואָלוציע. דער סלאַווען־קאָנגרעס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַראייניגען אַלע סלאַווישע פעלקער, אום צו פאַרטיידיגען זייערע רעכטען געגען אַנדערע נאַציעס. ווי עס שיינט איז דער גרעסטער טייל פון די דעלעגאַטען געוועזען ניט זעהר פּראָגרעסיוו און ראַדיקאַל אין זייערע אידעען. די פאַרהאַנדלונגען פון דעם קאָנגרעס זיינען קיינמאָל ניט פאַרעפענטליכט געוואָרן, דערפאַר ווייסען מיר אויך ניט, צי באַקונין האָט דאָרטען געפונען די געלעגענהייט וואָס ער האָט געזוכט, צי ניט.

אָבער דער קאָנגרעס איז דאָך ניט אזוי רוהיג אריבער, ווי פיעלע האָבען געגלויבט. די עסטרייכישע רעגירונג האָט נעמליך מורא געהאט פאר רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראציעס פון די טשעכען, דערפאר האָט זי פארבאָטען אלע עפענטליכע מאניפעסטאציעס, וועלכע האָבען געזאָלט אויסדריקען זייער סימפּאטיע מיט דעם סלאווען־קאָנגרעס. דער דאָזיגער באשלוס האָט ארויסגערופען אן אומגעהייערע אויפרעגונג אונטער דער באפעלקערונג פון פּראג, און אלע גאסען און פּלעצער זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט מענשען; אָבער די פיעלע סאָלדאטען, וועלכע האָבען זיך פּלוצלינג באוויזען, האָבען פאר דער צייט געשטערט יעדען ערנסטען ארויסטריט פון די מאסען.

פאר דעם האָטעל „צום בלויען שטערן”, וואו באַקונין איז איינגעשטאנען, האָט זיך פארזאמעלט א גרויסער עולם. די סאָלדאטען האָבען פּרובירט פאנאנדערצוטרייבען די מאסען, אָבער עס איז געווען אוממעגליך. פּלוצלינג זיינען אָפּגעפייערט געוואָרן איניגע קוילען דורך די פענסטער פון האָטעל אויף די סאָלדאטען. דאָס איז געווען א סיגנאל פאר א בלוטיגען קאמף צווישען פאָלק און דאָס מיליטער. דאָס פאָלק האָט געבויט באריקאדען, און באַקונין האָט באלד גענומען דעם טעטיגסטען אנטייל אין קאמף. זיין אינערליכער מוט און זיין רוהיגע קאלטבלוטיגקייט האָט ביי אלעמען ארויסגערופען באוואונדערונג. דער טשעכישער שריפטשטעלער אירעטשעק דערצעהלט, אז באַקונין האָט איבערגענומען די מיליטערישע לייטונג פון דעם אויפשטאנד. אויף דעם דריטען טאָג פון קאמף האָט גענעראל ווינדישגרעטץ, דער קאָמאנדיר פון דאָס מיליטער, פארלאָזען די שטאָדט און האָט זיך צוריקגעצויגען צו די פעסטונגען אויסערהאלב פון פּראג. פון דאָרטען האָט ער געלאָזט באָמבארדירען די שטאָדט, וועלכע איז באלד געשטאנען אין פלאמען. נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם פּראגער אויפשטאנד איז באַקונין אנטלאָפען פון עסטרייך און האָט זיך אין געהיים אויפגעהאלטען אין בערלין, קעטהען און אנדערע דייטשע שטעדט.

---

אין קעטהען האָט באַקונין פארעפענטליכט זיין באקאנטען „מאניפעסט צו די סלאווישע פעלקער”, אין וועלכען ער האָט זיי

אויפגעפאָדערט זיך צוצוגרייטען פאַר דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער רעוואָלוציע. ער האָט געפיהלט די נאָהענטקייט פון א נייער רעוואָלוציע, און ער האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע כחות צו פאַראייניגען אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען אַלס א פעסט־געשלאָסענע מאַכט געגען דער רעאַקציע. עס איז געווען א ווילדע, שטורמדיגע צייט, א צייט פון קאַמף און לעבען; און באַקונין האָט געלעבט און געקעמפט מעהר ווי אַלע אַנדערע. אין א בריעף צו זיין ליעבען פריינד זשאָרזש הערוועג האָט ער אויסגעדריקט אַלע זיינע געפיהלען און עמפינדונגען: „איך גלויב ניט אין קיין קאָנסטיטוציע און אין קיינע געזעצען, אפילו די בעסטע קאָנסטיטוציע וואָלט מיך ניט געקאָנט באַפרידיגען. וואָס מיר דאַרפען איצט איז א גאַנץ אַנדער זאַך; מיר דאַרפען שטורם און לעבען, א נייע, געזעצלאָזע, און דערפאַר א פרייע וועלט". די דאָזיגע ווערטער זיינען כאַראַקטעריסטיש, ווייל זיי שטעלען אונז פאַר דעם ריכטיגען באַקונין, דעם מאַן פון טאַט, דעם ווילדען רעבעל, דעם אַפּאָסטעל פון דער אייביגער רעוואָלוציאָן.

באַקונין האָט דעמאָלט געהאַט געהיימע פאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער וועלט; און ווי עס שיינט האָט ער צו יענער צייט געאַרבייט פאַר א רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון די טשעכען און פּאָליאַקען.

אין מאַי 1849 האָט באַקונין ווידער געפונען אַן עפענטליכע געלעגענהייט צו מאַניפעסטירען זיין אומפאַרגלייכליכען מוט און זיין ענערגיע. אין פאַרשיידענע טיילען פון דייטשלאַנד זיינען אויסגעבראָכען רעוואָלוציעס, ווי צום ביישפּיעל אין באַדען און אין דרעזדען. באַקונין האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטען אין דרעזדען און האָט זיך געקליבען צו מאַכען א רייזע נאָך בעהמען, ווען עס איז פּלוצלינג אויסגעבראָכען די דרעזדענער מאַי־רעוואָלוציע. ער האָט זעלבסטפאַרשטענדליך גלייך אויפגעגעבען זיינע רייזע־פּלענער און זיך געשטעלט אין די פאָדערסטע רייהען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער איז געוואָרן א מיטגליעד פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, און אין די דריי טעג, וואָס די רעוואָלוציע האָט אָנגעהאַלטען, איז ער געווען דער אַבסאָלוטער דיקטאַטאָר פון דער זאַקסישער הויפּטשטאָדט. איינער פון זיינע הויפּט־מיטקעמפער איז

געווען ריכאַרד וואַגנער, וועלכער איז שפּעטער אַזוי באַריהמט געוואָרן אַלס קאָמפּאָניסט. פריינד און פיינד האָבען באַוואונדערט די ריזען־ענערגיע פון דעם דאָזיגען מענשען, און די רעאַקציאָנערן האָבען פאַר איהם מורא געהאַט, ווי פאַר'ן טייפעל אַליין, — זיי קאָנען זיך ניט גענוג אָנדערצעהלען פון זיינע טעראָריסטישע טאַטען. דער רעאַקציאָנערער שריפטשטעלער מאַנטהעע, צ. ב. ש., שרייבט פאָלגענדעס וועגען איהם: „דער בראַנד איז געוואָרן זיין פּרינציפּ, און זאָגאַר די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט געציטערט פאַר זיין ווילדער ענערגיע. ...באַקונען איז געוואָרן אַלץ ראַדיקאַלער, וואָס נעהנטער עס איז געוואָרן דער אויגענבליק פון אַנטשיידונג. די גאַנצע שטאָדט האָט מורא געהאַט פאַר דעם דאָזיגען מענשען".

די באַשלוסען פון דער אַזוי גערופענער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג האָבען איבערהויפּט ניט געהאַט קיין איינפלוס אויף באַקונינ'ען; ער האָט איינפאַך געהאַנדעלט, ווי די אומשטענדען האָבען געפאָדערט, ניט פרעגענדיג נאָך די פּוסטע דעקלאַמאַציעס פון די פּאָליטיקער. אויף ווי ווענינ באַקונין האָט רעספּעקטירט די רעפּרעזענטאַנטען פון דער נייער רעגירונג, באַווייזט פאָלגענדע קליינע עפּיזאָדע: באַקונין האָט געלאָזט אַריינברענגען גרויסע קאַסטענס מיט עקספּלאָדירענדע שטאָפען אין די קעלערן פון דעם דרעזדענער ראַטהויז און אַנדערע עפענטליכע געביידען. דער שטאָטראַט פּפאָפּענהויער, אַ גרויסער פייגלינג, איז געלאָפען צו באַקונינ'ען און האָט איהם פאָרגעשטעלט דעם גרויסען אומגליק, וואָס עס קאָן פּאַסירען, ווען דער פּולווער זאָל עקספּלאָדירן. אָבער באַקונין האָט אַ געשריי געטאָן אויף איהם: „ווער פרעגט נאָך די הייזער, זאָלען זיי פליהען אין דער לופט!" און ווען דער גוטער רעגירונגס־מאַן האָט נאָך געוואָלט ווייטער ריידען, האָט ער איהם איינפאַך אַרויסגעוואָרפען פון צימער.

דעם 9טען מאַי האָט זיך געענדיגט דער פאַרצווייפעלטער קאַמף אין דרעזדען; די פּרייסישע סאָלדאַטען זיינען געבליבען די זיגער. באַקונין האָט זיך צוריקגעצויגען נאָך קעמניץ, כדי אויך דאָרט צו אָרגאַניזירען דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. אָבער אין דער נאַכט פון דעם 9טען אויף דעם 10טען מאַי איז ער אַרעסטירט געוואָרען, ליגענדיג אין בעט, דורך אַ פאַרראַט פון די בירגער פון קעמניץ.

מען האָט איהם איבערגעגעבען צו די פּרייסישע סאָלדאַטען; און אזוי איז דער רעוואָלוציאָנערער העלד אריינגעפאַלען אין די בלוטיגע הענט פון דער רעאַקציע, און עס האָט געדויערט מעהר ווי צוועלף יאָהר איידער עס איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען.

## זיינע געפענגניש־יאָהרען.

אין דער צייט וואָס באַקונין איז אַרעסטירט געוואָרען, האָט די רוסישע רעגירונג געהאַט געמאָלדען, אַז זי וועט באַלוינען דעם־יעניגען, וואָס וועט באַקונינ'ען אַרעסטירען, מיט צעהן טויזענד רובעל; און די שטאָדט קעמניץ, וואו דער גרויסער רעבעל איז אַרעסטירט געוואָרען, האָט ווירקליך פאַר אַ לענגערער צייט אונ־טערהאַנדעלט מיט דער רוסישער רעגירונג וועגען דער אויסצאָה־לונג פון דעם פּאַררעטער־לוין. עס איז אָבער ניט באַקאַנט, צי רוסלאַנד האָט די פאַרשפּראָכענע סומע אויסגעצאָהלט.

פון דעם געפענגניש אין דרעזדען איז באַקונין אריבערגעפיהרט געוואָרען נאָך דער פעסטונג קעניגשטיין, וואו ער האָט מיט שטאָלצער רוהיגקייט און קאַלטבלוטיגקייט ערוואַרט, וואָס די צוקונפט וועט איהם ברענגען. זיין לאַגע איז געווען ערגער, ווי פון די אַנדערע פּאָליטישע געפאַנגענע, און ער האָט געמוזט טראָגען בייטאָג און ביינאַכט שווערע אייזערנע קייטען אויף די הענט און די פיס.

דעם 14טען יאַנואר 1850 איז באַקונין פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט. שטאָלץ און מוטיג, ניט אַרויסווייזענדיג די קלענסטע אויפרעגונג, האָט ער אויסגעהערט זיין טויט־אורטייל. זיין איינ־ציגער ענטפער איז געווען די פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע ווער־טער: „אין דער געשיכטע אַנטשיידט נאָר דער ערפאָלג. וואָלט עס מיר געלונגען דורכצופיהרען מיינע פּלענער, וואָלט מען מיר באַטראַכט פאַר אַ גרויסען מאַן; אָבער אזוי ווי איך בין באַזיעגט געוואָרען, ווער איך פאַראורטיילט צום טויט". באַקונינ'ס שטאָלצע האַלטונג פאַר'ן קריעגס־געריכט האָט געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק, און פיעלע צייטונגען האָבען געבראַכט זיין בילד מיט סימפּאַטישע באַמערקונגען. מען האָט איהם פאָרגעשלאָגען, ער זאָל שרייבען אַ באַגנאַדיגונגס־ביטע צום קעניג פון זאַקסען, אָבער מיט אַ העל־

דישען שטאָלץ האָט באַקונין דעם פאָרשלאַג צוריקגעוויזען, ערקלערענדיג, אַז דער טויט איז פאַר איהם בעסער ווי די דערנידערונג. אָבער נאָך איידער דער אורטייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען, האָט די עסטרייכישע רעגירונג געפאָדערט, מען זאָל איהר איבערגעבען דעם באַריהמטען רעוואָלוציאָנער צוליעב דעם שטאַרקען אנטייל, וואָס ער האָט גענומען אין דער פראַגער רעוואָלוציע פון 1848. געשמידט אין אייזערנע קייטען איז באַקונין טראַנספאָרטירט געוואָרען צו דער עסטרייכישער גרעניץ. די עסטרייכישע רעגירונג האָט נעמליך געגלויבט, אַז זי וועט דורך באַקונינ'ען אויסגעפינען די געהיימניסען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די סלאַווישע לענדער, דערפאַר האָט זי געפאָדערט זיין אויסליפערונג. אָבער איהרע האָפנונגען זיינען ניט דערפילט געוואָרען; באַקונין האָט זיך אנטזאָגט צו געבען וועלכע עס איז דערקלערונגען. דעם 19טען מאַי 1851 איז ער צום צווייטען מאָל פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט, פאַר זיינע באַציהונגען צו דער פראַגער רעוואָלוציע. אַ האַלב יאָהר צייט איז ער אָפּגעזעסען אין דער פעסטונג אָלמיץ אין אַ פינסטערן קערקער, צוגעשמידט צו דער וואַנט, דערוואַרטענדיג זיין טויט. אָבער דורך אַ מערקווירדיגען אומשטאַנד איז באַקונין צום צווייטען מאָל געראַטעוועט געוואָרען.

די רוסישע רעגירונג האָט נעמליך געפאָדערט זיין אויסליפערונג, און שפּעטער מיט עטליכע וואָכען האָט מען דעם געפאַנגענעם רעבעל געבראַכט נאָך רוסלאַנד. נאָך אַ לאַנגער רייזע איז באַקונין אָנגעקומען אין פּעטערבורג, וואו מען האָט איהם באַגראָבען פאַר לאַנגע יאָהרען אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. די געפאַנגענשאַפט אין רוסלאַנד איז פאַר באַקונינ'ען געווען די שרעקליכסטע צייט אין זיין לעבען; דען די איינזאַמקייט און אומטעטיגקייט איז פאַר איהם געווען ערגער ווי דער טויט. ניקאָלאַי דער ערשטער האָט פון איהם געפאָדערט געוויסע דערקלערונגען וועגען דער סלאַווישער באַוועגונג, און באַקונין האָט איהם געענטפערט אין זיין באַריהמטען בריעף: „אַן דעם רוסישען צאַר“. אין מוטיגע ווערטער האָט ער פאַרטיידיגט זיינע רעוואָלוציאָנערע אידעען און האָט זיך אנטזאָגט אַרויסצוגעבען אירגענד וועלכע נעמען. די שטאָלצע ווערטער פון דעם געפאַנגענעם רעבעל האָבען געמאַכט

אַ שטאַרקען איינדרוק אויפ'ן צאַר, און ער האָט איהם מעהר קיין פּראַגעס ניט געשטעלט.

באַקונינ'ס קרובים האָבען איינינע מאָל געמאַכט דעם פּאַרזוך צו פּועל'ן ביים צאַר, ער זאָל איהם באַגנאַדיגען; אָבער ניקאָלאַי האָט אָפען ערקלערט, אַז רוסלאַנד איז ניט גרויס גענוג, אַז אַזעלכע צוויי מענשען, ווי ער און באַקונין, זאָלען קאָנען עקזיסטירען אין דערזעלבער צייט. באַקונין האָט פאַרשיידענע מאָל געזוכט צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, אָבער די באַוואַכונג איז געווען אַזוי שטרענג, אַז ער האָט זיין פּלאַן קיינמאָל ניט געקאָנט דורכפיהרען. מעהר ווי אַלץ האָט איהם געפּייניגט דער געדאַנק, אַז די איינזאַמקייט וועט איהם טרייבען צו משוגעת, אָדער וועט אָפּשוואַכען זיין ענערגיע און קראַפט. כדי צו שטאַרקען זיין גייסט, האָט דער געפאַנגענער באַקונין דראַמאַטיזירט די גריכישע לעגענדע פון פּראָמעטעאוס, וועלכע האָט באַגייסטערט די רייכע פאַנטאַזיע פון דעם גרויסען רעבעל; אין דער איינזאַמקייט פון זיין שטילען קערקער האָט ער געטרוימט פון דער צעשטערונג פון דער אַלטער וועלט, און אַזוי ווי פּראָמעטעאוס האָט געבראַכט צו דער מענשהייט דאָס ליכט, אַזוי האָט ער געהאָפט אויף דעם טאָג פון באַפרייאונג, ער זאָל קאָנען אריינשליידערן דעם פאַקעל פון רעוואָלוציאָן אין דער פאַרשקלאַפטער וועלט.

אין 1854 האָט מען באַקונינ'ען אריבערגעפיהרט נאָך שליסעלבורג, וואו ער איז פאַרבליבען ביז 1857. די דאָזיגע פּעריאָדע איז געווען די שרעקליכסטע צייט אין זיין גאַנצען לעבען, וויילע חוץ וואָס זיין גייסטיגער צושטאַנד איז געווען אַ זעהר שרעקליכער, איז אויך זיין קערפּער געפּייניגט געוואָרן פון שווערע קראַנקהייטען. ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געשטאָרבען, האָט באַקונינ'ס מוטער געמאַכט אַ נייעם פאַרזוך צו קריגען אַ באַגנאַדיגונג ביי אַלעקסאַנדער דעם צווייטען; אָבער דער נייער צאַר האָט ערקלערט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען וועט באַקונין קיינמאָל ניט באַפרייט ווערן. מיט עטליכע מאָנאַטען שפּעטער איז באַקונין פאַרשיקט געוואָרן נאָך סיביר.

אין סיביר איז זיין לאַגע געווען דערטרעגליכער, ווי אין די קערקערס פון פּעטערבורג. דורך זיין שטאַרקען פּערזעליכען איינ־

פלום האָט ער זיך פאַרשאַפט געוויסע פריווילעגיעס, וועלכע קיין אנדער געפאַנגענער האָט ניט געהאַט. זיין טעטיגקייט צווישען די פאַרשיקטע דעקאַבריסטען און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו באַשרייבען. אין מערץ 1859 איז באַקונין אַרי־בערגעשיקט געוואָרן נאָך דעם מזרח־טייל פון סיביר. אַ לאַנגע צייט האָט ער פאַר דער דאָזיגער אַריבערשיקונג געאַרבייט, ווייל פון דאָרט איז פיעל לייכטער צו אַנטלויפען ווי פון אַנדערע פּלע־צער. ענדליך, אין 1861, ווען דער גובערנאַטאָר פון מזרח־סיביר איז געווען אַוועק אויף אַ לענגערער רייזע, האָט באַקונין באַנוצט די געלעגענהייט צו אַנטלויפען.

## זיין אַנטלויפען פון סיביר.

דאָס מערקווירדיגסטע אין באַקונינ'ס אַנטלויפען איז דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ רוסישער רעגירונגס־שיף, אום דורכצופיהרען זיין באַפרייאונגס־פּלאַן. די געשיכטע איז נעמליך געווען אַזוי: באַקונין האָט באַשלאָסען אַרונטערצופאָהרען דעם אַמור, אַ גרויסער טייך אין סיביר, ביז צום שטילען אָקעאַן. ער האָט גערעכענט צו טרעפען אַן אַמעריקאַנער שיף, וואָס זאָל איהם ברענגען קיין יאַפּאַן. ווען ער איז אָנגעקומען ביי דעם אַמור, האָט ער דערזעהן אַ שיף מיט דער קייזערליכער פאָהן. שנעל אַנט־שליסענדיג זיך איז ער צוגעפאָהרען אין אַ קליין שיפעל צו דער רוסישער רעגירונגס־ שיף און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם קאַפּיטאַן אַלס געשעפטס־רייזענדער פון אַ גרויסער רוסישער פירמע. דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבען באַקונינ'ען ניט געזעהן, האָט געפיהלט אַ מערקווירדיגע סימפּאַטיע צו דעם אומבאַקאַנטען סוחר, וועלכער האָט זיך געוויזען צו זיין אַן אינ־טערעסאַנטער און ליעבענסווירדיגער געזעלשאַפטער. ווען באַ־קונין האָט איהם פאַרגעשלאָגען צו באַגלייטען, האָט ער גלייך צוגעשטימט דערצו. אָפּפאָהרענדיג אייניגע שטונדען, איז שוין באַקונין געווען באַקאַנט מיט דעם קאַפּיטאַנ'ס אַלע געהיימניסען, מיט דעם צוועק און ציעל פון זיין רייזע א. אז. וו. ער האָט אויס־געפונען, אַז זיין גאַסטפריינדליכער קאַפּיטאַן האָט דעם אויפטראַג

איבערצונעהמען דעם גובערנאַטאָר פון מזרח־סיביר, וועלכער איז זיי געפאָהרען אַנטקעגען אויף אַ רוסישער קריג־שיף.

די לאַגע פון דעם אַנטלאָפענעם איז געווען זעהר אַ געפעהר־ליכע, ווייל דער גובערנאַטאָר האָט איהם פּערזענליך געקענט, און ווען ער זאָל זיך מיט איהם באַגעגנען וואָלטען אַלע זיינע פּלענער צעשטערט געוואָרען. אָבער באַקונין איז ניט געווען דער מענש, וועלכער זאָל זיך אָפּשרעקען פאַר אַ געפאַהר. גאַנץ פאָרזיכטיג האָט ער געפרעגט דעם קאַפּיטאַן, ווען און וואו ער וועט זיך צונויפ־טרעפען מיט דער קריעג־שיף. דער קאַפּיטאַן, ניט דענקענדיג קיין שלעכטס, האָט איהם געגעבען דעם בעסטען ענטפער אויף זיין פראַגע. דער קלוגער רעוואָלוציאָנער האָט שנעל געמאַכט זיינע פאָרבערייטונגען; ניט ווייט פון דעם פּונקט, וואו די שיף האָט זיך געזאָלט באַגעגנען מיט דעם גובערנאַטאָר, האָט ער געבעטען דעם קאַפּיטאַן, ער זאָל איהם לאָזען אריבערגעהן אויף אַן אמערי־קאַנער שיף, וועלכע איז געפאָהרען נאָך יאַפּאַן. דער קאַפּיטאַן האָט מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט דערפילט דעם וואונש פון זיין אומבאַקאַנטען גאַסט, און שפּעטער מיט אַ האַלבער שטונדע איז באַקונין רוהיג פאַרבייגעפאָהרען די שיף פון דעם גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיכער ניט געדענקט, אַז דער געפעהרליכסטער רע־וואָלוציאָנער פון גאַנץ אייראָפּאַ געפינט זיך אַזוי נאָהענט פון איהם.

דאָס איז געווען די לעצטע געפאַהר, און אָהן ווייטערע שוועריגקייטען איז באַקונין אָנגעקומען אין יאָקאָהאַמאַ, די הויפּטשטאָדט פון יאַפּאַן. פון דאָרט איז ער געפאָהרען נאָך סאַן־פראַנציסקאָ, וואו ער האָט געפונען פאַרשיידענע פריינד, וועלכע האָבען איהם פאַר־שאַפט די נויטיגע מיטלען צו פאָהרען נאָך ניו יאָרק. אין נאָוועמ־בער 1861 האָט באַקונין פאַרלאָזען ניו יאָרק און איז אָפּגעפאָה־רען נאָך לאָנדאָן, ענגלאַנד. דאָרטען איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע פון אַלעקסאַנדער הערצען, אָגאַראָוו און דעם גאַנצען צירקעל, וועלכער האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט אין דעם „קאָלאָקאָל", דעם אָרגאַן פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אַזוי האָט זיך געענדיגט באַקונינ'ס רייזע אַרום דער ערד, וועלכע האָט פאַרנומען צוועלף יאָהר פון זיין לעבען. די ערשטע העלפט

פון דער רייזע האָט ער דורכגעמאַכט מיט קייטען אויף די הענט; די צווייטע העלפט — אלס היימלאָזער אנטלאָפענער.

## זיינע רעוואָלוציאָנערע פלענער.

ענדליך, ענדליך, נאָך א לאנגער געפאנגענשאפט, איז באַקונין געווען פריי, און מיט דער גאנצער קראפט פון זיין שטורמדיגען טעמפעראמענט האָט ער זיך פון דאָס ניי אריינגעוואָרפען אין דעם רוישענדען שטראָם פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. הערצען גיט אונז א קורצע באשרייבונג פון זיין דעמאָלטיגער טעטיגקייט, ער שרייבט: „נאָך א שטילשווייגען פון 9 יאָהר, פאַרבונדען מיט דער גרעסטער איינזאמקייט, האָט באקונין ווידער אָנגעהויבען לעבען. ער האָט דעבאטירט, געפרעדיגט, קאָמאנדירט, אגיטירט, אָרגאניזירט און געוועקט דעם גאנצען טאָג, די גאנצע נאכט, אלע פיער און צוואנציג שטונדען. און די ווייניגע פרייע מינוטען, וואָס זיינען געבליבען, פלעגט ער צולויפען צום שרייבטיש און אָנשרייבען פינף, צעהן, צוואנציג בריעף נאָך סעמיפּאָלאטינסק, אראַד, בעלגראַד, פּראג, קאָנסטאנטינאָפּאָל, בעסאַראַביע און בולגאריע".

באקונין האָט ארומגעקליבען ארום זיך א צירקעל פון באַגייסטערטע אָנהענגער, און דורך זיין געוואלדיגען איינפלוס איז דער „קאָלאָקאָל" געוואָרן ראדיקאלער פון נומער צו נומער. ער האָט אָנגעגריפען הערצענ'ען, ווייל ער איז ניט געווען גענוג רעוואָלוציאָנער און האָט צופיעל געהאלטען פון קאָמפּראָמיסען. באקונין האָט דאן געלעגט זיין גאנצע האָפנונג אויף די סלאווישע פעלקער און האָט אָפּגעגעבען זיין גאנצע קראפט פאר דער סלאווישער באוועגונג. אין יענער צייט האָט ער געשאפען די ערשטע גרונדלאגען פון א געהיימער אָרגאניזאציע אין רוסלאנד און אין די איבעריגע סלאווישע לענדער. באקונין האָט באלד באגריפען, אז ארבייטען צוזאמען מיט הערצען און אָגאַרעוו איז פאר איהם אוממעגליך. די צוויי מענער זיינען נאָך געווען צו ענג פארבונדען מיט דער אָפיציעלער רוסישער געזעלשאפט, און דער גרויסער רעבעל האָט געוואָלט איבעררייסען אלע פארבינדונגען מיט דער אָפיציעלער

רוסלאַנד. זיינע שריפטען, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿענטליכט אין יענער צייט, ווי צום ביישפּיעל, „צו אַלע רוסישע, פּוילישע און סלאַווישע פֿריינד" און די בראָשורע „ראָמאַנאָוו, פּוגאַטשאָוו אָדער פּעסטעל?" באַווייזען קלאָר און דייטליך זיינע פּראַקטישע אידעען פֿון יענער פּעריאָדע.

ערשט די פּוילישע פֿראַגע האָט ווידער צוזאַמענגעבראַכט באַקונינ'ען מיט די אַרויסגעבער פֿון דעם „קאָלאָקאָל". אין פּוילען האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געגען דעם רוסישען יאָך, וועלכע האָט אַרויסגערופֿען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערן. די פּוילישע באַוועגונג, וועלכע איז אָנגעפֿיהרט געוואָרן פֿון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט אייגענטליך קיין געמיינשאַפֿטליכעס מיט באַקונינ'ס אידעען ניט געהאַט; ער האָט אָבער געוואָלט אויסנוצען די באַוועגונג פֿאַר ראַדיקאַלע צוועקען.

קורץ פֿאַר דעם אויסברוך פֿון דעם פּוילישען אויפֿשטאַנד אין 1863 איז פֿאָרגעקומען אַ וויכטיגע באַשפּרעכונג צווישען די אַרויסגעבער פֿון דעם „קאָלאָקאָל" און צוויי דעלעגאַטען פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין וואַרשאַ. עס איז דעמאָלט באַשלאָסען געוואָרן, אַז באַקונין זאָל פֿיהרען אַ שיף מיט וואָפֿען און פּוילישע רעוואָלוציאָנערן נאָך פּוילען, און דאָרטען זאָל ער אַליין מיטווירקען אין דעם אויפֿשטאַנד. לײדער זיינען די צוגרייטונגען ניט געמאַכט געוואָרן פֿון באַקונינ'ען אַליין, און דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאַך, וואָס דער גאַנצער פּלאַן איז דורכגעפֿאַלען. דעם 21טען פֿעברואַר האָט באַקונין פֿאַרלאָזען לאָנדאָן און איז אָפּגעפֿאָהרען נאָך קאָפּענהאַגען, און פֿון דאָרט נאָך שוועדען, וואו די שיף מיט דער פּוילישער עקספּעדיציע האָט געוואַרט אויף איהם. אָבער דורך דער ניט־פֿאָרזיכטיגקייט, מיט וועלכער די אונטערנעהמונג איז צוגעגרייט געוואָרן, און דורך דעם דירעקטען פֿאַרראַט פֿון דעם קאַפּיטאַן, וועלכער האָט די שיף קאָמאַנדירט, האָט דער פּלאַן ניט געקאָנט דורכגעפֿיהרט ווערן. נאָר דורך דער אייזערנער ענערגיע און דעם העלדישען מוט פֿון באַקונינ'ען איז די שיף און די מאַנשאַפֿט געראַטעט געוואָרן. באַקונין האָט נעמליך אויסגעפֿונען, אַז דער קאַפּיטאַן האָט אין קאָפּענהאַגען באַזוכט דעם רוסישען

קאנסול און ער האט מורא געהאט, אז דער פארדעטער וועט זיי איבערגעבען צו א רוסישער קריעג־שיף. ווען די שיף איז געווען אין מיטען ים האט ער דעם קאפיטאן פריי און אפען ערקלערט, אז ער האט צו איהם קיין צוטרויען ניט און האט איהם געזאגט, אז אין דעם אויגענבליק ווען ער וועט דערזעהן א רוסישע קריעג־שיף, וועט ער געבען א באפעהל איהר אנצוגרייפען; און אין פאל עס וועט איהם ניט געלינגען איהר צו באזיגען, וועט ער די אייגענע שיף עקספלאדירן. דער קאפיטאן האט ווייטער ניט געוואלט פאהרן און אוים מורא פאר באקונינ'ען האט ער די שיף אומגעקעהרט צוריק נאך קאפענהאגען, פארטיידיגענדיג זיך מיט פאלשע אויס־ריידען. די גאנצע אונטערנעהמונג איז אלזא ניט געלונגען, צוליעב די שלעכטע צוגרייטונגען פון די פאליאקען. באקונין איז נאך געבליבען אויף א צייט אין שוועדען און בעת ער האט עפענטליך געווירקט אויף דער אלגעמיינער מיינונג פון די שוועדען, האט ער געזוכט און געפונען גאנץ אין דער שטיל נייע געהיימע פארבינ־דונגען מיט רוסלאנד פאר דער פלאנמעסיגער און סיסטעמאטישער פארשפרייטונג פון רעוואלוציאנערע ליטעראטור. אין דערזעלבער צייט האט ער אויך געשאפען די ערשטע רעוואלוציאנערע פאר־בינדונג מיט פינלאנד. זיין פלאן איז געווען אריבערצוגעהן אין געהיים די רוסישע גרעניץ און רייזען דורך ליטא נאך פוילען, כדי פערזענליך אנטיילצונעהמען אין דעם פוילישען אויפשטאנד. אבער די פיהרער פון דעם אויפשטאנד, צום גרעסטען טייל אריסטאקרא־טען און פאטריאטען אהן וועלכע עס איז רעוואלוציאנערע שטרע־בונגען, האבען פאר באקונינ'ען מעהר מורא געהאט ווי פאר דער רוסישער רעגירונג, ווייל זיינע אידעען און פלענער זיינען געווען צו ראדיקאל פאר זיי. זיי האבען איהם דעריבער צוריקגעהאלטען פון קומען דורך פאלשע אויסריידען. איבעריגענס האט דער פוי־לישער אויפשטאנד ניט אנגעהאלטען אזוי לאנג, ווי באקונין און זיינע פריינד האבען גערעכענט. ער האט דערפאר פארלאזען שוועדען און האט זיך אומגעקעהרט נאך לאנדאן. אבער אפילו ווען זיינע פלענער זיינען דורכגעפאלען, האט דאך די רוסישע רעגירונג זיך געשראקען פאר דער שטארקער ענערגיע און דעם פארצוויי־פעלטען מוט פון באקונין. אין דער צייט וואס ער איז נאך געווען אין שוועדען, האט זי באשטימט דרייסיג טויזענד רובעל פאר

דעמיעניגען, וואָס וועט איהר איבערגעבען דעם געפעהרליכען רעבעל, לעבעדיג אָדער טויט.

אין לאָנדאָן איז באַקונין לאַנג ניט געבליבען, ווייל ער האָט נאָך פריהער געהאַט געפּלאַנט צו פאָהרען נאָך איטאַליע. אין יאַנואַר 1864 איז ער אָנגעקומען אין פלאָרענץ. מיט דער דאָזיגער רייזע ענדיגט זיך זיין ריין־סלאַווישע פּראָפּאַגאַנדאַ ; פון דאַן אָן האָט ער אָפּגעגעבען זיין גרויסע אַגיטאַציאָנס־קראַפט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

## זיין טעטיגקייט אין איטאַליע.

איטאַליע איז געווען אַ גוטער פּלאַץ פאַר באַקונינ׳ס פּראָפּאַ־גאַנדיסטישער טעטיגקייט. דער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט פון דעם איטאַליענישען פאָלק און דער מערקווירדיגער אינטערעס פון דעם איטאַליענער פאַר אַ קאָנספּיראַטיווער פּראָפּאַגאַנדאַ, — דאָס אַלץ זיינען געווען גוטע פאַקטאָרן פאַר זיינע פּלענער. אָבער אחוץ די דאָזיגע גינסטיגע באַדינגונגען האָט ער אויך געפונען אַ סך שווערינקייטען און שטערונגען. גראָד די עלעמענטען, וועלכע האָ־בען רעפּרעזענטירט די רעוואָלוציאָנערע קראַפט אין איטאַליע און אויף וועלכע באַקונין האָט פריהער גערעכענט, גראָד זיי זיינען געווען די אָנהענגער פון מאַדזיני, דעם גרויסען איטאַליענישען פּאַט־ריאָט. באַקונין האָט דעריבער אָנגעפיהרט אַן ענערגישען קאַמף קעגען די טעאָריעס און שטרעבונגען פון מאַדזיני און זיינע אָנהענ־גער, און זיין וואונדערבאַרע קראַפט און געשיקטקייט האָבען איהם באַלד פאַרשאַפט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער איטאַליענישער יוגענד. אַ סך סטודענטען און ארבייטער האָבען פאַרלאָזען דעם רעליגיעזען און פּאַטריאָטישען לאַגער פון מאַדזיני און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די אַטעאיסטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אידעען פון דעם גרויסען רוסישען רעבעל.

פון פלאָרענץ איז באַקונין אַוועק נאָך נעאַפּעל, וואו ער האָט פאַרבראַכט צוויי יאָהר. אין נעאַפּעל האָט זיך באַקונין באַקענט מיט פיעלע סימפּאַטישע מיטקעמפער, ווי צום ביישפּיעל פאַנעלי, גאַמבוצי, מולעטי, פאַרלאַדינאַ און אַנדערע, מיט וועלכע ער האָט פאָרמירט די ערשטע אַנאַרכיסטישע גרופּע אין יענער שטאָדט.

דעמאָלט האָט ער אנאַליזירט זיינע אַנשויאונגען אין דעם „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ" („דאָס איטאַליענישע פאָלק") און אין דער „ליבערטאַ ע דזשוסטיציאַ" („פרייהייט און גערעכטיגקייט"), דעם ערשטען אנאַרכיסטישען אָרגאַן אין איטאַליע.

אין דער פּעריאָדע האָט באַקונין זיין גאַנצע קראַפט אָפּגע־געבען צו אָרגאַניזירען אַן אינטערנאַציאָנאַלע געהיימע געזעלשאַפט, כדי צו שאַפען אַ זיכערע און פעסטע גרונדלאַגע פאַר דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג אין איירָאָפּאַ. זיין פּלאַן איז געווען, צו געווינען די אינטעליגענטסטע, עהרליכסטע און ענערגישסטע מענער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פאַר זיין אַנאַרכיסטיש־אַטעאיסטיש־קאָלעקטיוויסטישען פּראָגראַם. די דאָזיגע מענשען זאָלען דאַן גרינדען אין אַלע איירָאָפּעאישע לענדער געהיימע אָרגאַ־ניזאַציעס און געבען דער עפענטליכער באַוועגונג אַ באַשטימטע רעוואָלוציאָנערע ריכטונג. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער בונד פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט", וועלכע איז אָבער אַמבעסטען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „אינטערנאַציאָ־נאַלע ברידערליכקייט". אין אַ בריעף צו אַלעקסאַנדער הערצען רעדט ער פון זיינע ערפאָלגען אין דער הינזיכט און דערצעהלט איהם, אַז ער האָט געפונען גענאָסען אין שוועדען, נאָרוועגיען, דענעמארק, ענגלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, שפּאַניע, איטאַליע, פּוילען און רוסלאַנד.

פיעלע איינצעלהייטען פון זיין דעמאָלסטיגער פּראָפּאַגאַנדאַ זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען; אָבער ווען מיר באַטראַכטען די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען אין די ראָמאַנישע לענדער, איבערהויפּט אין שפּאַניע און איטאַליע, דאַן באַגרייפען מיר די ריזענהאַפטע ארבייט פון דעם דאָזיגען גרויסען מענשען.

אום צו באַגרייפען באַקונינ'ס דעמאָלסטיגע טעטיגקייט, מוזען מיר צוערשט פאַרשטעהן די פּאָליטישע און סאָציאַלע צושטאַנדען פון יענער פּעריאָדע. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 האָט זיך אָנגעפאַנגען אין גאַנץ איירָאָפּאַ אַ צייט פון רעאַקציע און שטיל־שטאַנד. דער דאָזיגער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטען ביז צום אָנ־הויב פון די זעכציגער יאָהרען. דאַן האָט זיך אַנטוויקעלט אַ רע־וואָלוציאָנערע שטרעבונג אין אַלע לענדער. דער אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקען, די פּראָפּאַגאַנדאַ פון פערדינאַנד לאַסאַל אין דייטש־

לאַנד, די טעטיגקייט פון מאַדזיני און גאַריבאַלדי אין איטאַליע, די „ליבעראַלע” פעריאָדע אין רוסלאַנד א. אַז. וו., דאָס אַלץ זיינען געוועזן דערשיינונגען פון אַ נייער צייט. דער אַנטוויקלונגס־פראָצעס פון דער דאָזיגער רעוואָלוציאָנערער פעריאָדע איז ערשט אונטערבראָכען געוואָרן דורך דעם אויסברוך פון דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג אין 1871, וועלכער האָט באַגרינדעט די הערשאַפט פון די גרויסע שטאַאַטען און דעם מיליטערישען סיסטעם אין גאַנץ אייראָפּאַ. דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער דעמאָלסטיגער עפּאָכע דערקלערט אונז אַלזאָ די אונטערערדישע טעטיגקייט פון באַקונין. ער האָט דורכגעלעבט דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1848 און ער האָט אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען, אום ניט צו דערלאָזען אַ נייעם דורכפאַל; ער האָט דעריבער פאַרזוכט צו פאַראייניגען די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען פון אַלע לענדער.

באַקונינ׳ס טעטיגקייט איז גרעסטענטיילס געוועזן אַ געהיימע; ער האָט ווייניג אָנטייל גענומען אין דער עפענטליכער באַוועגונג, ווייל זיין פּלאַן איז געוועזן צו בלייבען דערווייל אומבאַמערקט און צוצוגרייטען דעם באָדען פאַר אַ שפּעטערדיגער עפענטליכער טעטיגקייט. דער מאָמענט, וועלכער האָט איהם געגעבען אַ פּאַסענדע געלעגענהייט צו אַנטוויקלען זיינע אַנאַרכיסטישע אָנשוי־אונגען און אידעען פאַר דער גאַנצער וועלט, איז געקומען גיכער ווי ער האָט אַליין דערוואַרט.

## זיין טעטיגקייט אין דער „פרידען־ און פרייהייטס־ליגע”.

אין 1867 איז די באַציהונג צווישען דייטשלאַנד און פראַנקרייך געוואָרן זעהר אַ פיינדליכע, צוליעב דער לוקסעמבורג פראַגע, און די דאָזיגע אָנגעלעגענהייט האָט זיך שיעור ניט געענדיגט מיט אַ מלחמה צווישען דיביידע לענדער. דעמאָלט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גרויסע באַוועגונג צו גונסטען אַן אַלגעמיינעם פרידען, אין וועלכער עס האָבען זיך באַטייליגט מענשען פון אַלע קלאַסען און פּאַרטייען. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער באַוועגונג איז געווען, די גרינדונג פון דער אַזוי־גערופענער „פרידען־ און פרייהייטס־ליגע”. דער כאַראַקטער פון דער פאַראייניגונג איז געווען אַז אינטערנאַציאָנאַלער, און אַ סך באַקאַנטע פערזענליכקייטען

פון דער פּאָליטישער און רעוואָלוציאָנערער וועלט, ווי צום ביישפּיל גאַריבאַלדי, קאַסטעלאַר, יאָהאַן יאַקאָבי און אַנדערע, האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן איהר.

באַקונין האָט באַלד באַגריפען, אַז די „פרידענס און פרייהייטס ליגע" איז אַ גוט פעלד פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדא. עס איז זיכער, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געטרוימט צו באַקעהרען דער ליגע צום אַנאַרכיזם, אָבער דאָס איז אויך גאָר ניט געווען זיין צוועק; ער האָט נאָר געוואָלט געפינען נייע פאַרבינדונגען פאַר זיינע פּלענער. אין סעפּטעמבער 1867 האָט ער פאַרלאָזען איטאַליע און האָט אָפּגערייזט נאָך זשענעווא, וואו עס איז צו דערזעלבער צייט פאָרגעקומען דער ערשטער קאָנגרעס פון דער „פרידענס און פרייהייטס ליגע". באַקונין און איינינע פון זיינע אינטימע פריינד זיינען געווען דעלעגאַטען צו דעם קאָנגרעס. פאַר מיר ליגט אַ קורצע באַשרייבונג פון דעם איינדרוק, וואָס באַקונין האָט געמאַכט אויף דער פאַרזאַמלונג. אין דער דאָזיגער באַשרייבונג, וועלכע אַנטהאַלט אַ קורצען באַריכט פון די געשעפטספאַרהאַנדלונגען, הייסט עס: „פּלוצלינג איז ערשינען אויף דער פּלאַטפאָרם אַ ריעזען־מאַן, וועלכער האָט אַרויסגערופען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אָנוועזענדע דורך זיין מעכטיגער אָראַטאָרישער פעהיגקייט. דער מאַן איז געווען מיכאאיל באַקונין. אָבער אָנשטאָט צו ריידען פון דעם אַלגעמיינעם פרידען האָט ער געפּרעדיגט די סאָציאַלע רעוואָלוציע, דעם קריעג קעגען רעליגיע, שטאַאַט און אייגענטום". אין די מערקווירדיגע רעדען, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר דעם קאָנגרעס, האָט ער באַוויזען, אַז די אורזאַכען פון קריעג זיינען פיעל טיעפערע, ווי פיעלע גלויבען; ער האָט דערקלערט, אַז די אורזאַכען זיינען דער שטאַאַט, די רעליגיע און דאָס פּריוואַט־קאַפּיטאַל. זיך שטעלענדיג אויף דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט האָט באַקונין געפאָדערט, אַז די ליגע זאָל ניט נאָר פאַרטיידיגען דעם פרידען, נאָר זאָל אויך אָנגרייפען די גרונד־אינסטיטוציעס פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וואָרים די דאָזיגע אינסטיטוציעס זיינען די אייביגע אורזאַכען פון קריעג און פעלקער־מאָרד.

די מאַיאָריטעט פון דעם קאָנגרעס איז נאַטירליך ניט געווען איינשטימיג מיט די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע אָנשוי־

אונגעו פון באקונין ; נאָר מען האָט זיי אויך אינגאַנצען ניט פאַר־וואָרפען. באקונין איז זאָגאר דערוועהלט געוואָרן אין דעם אָר־גאַניזאַציאָנס קאָמיטעט פון דער ליגע. אין דער פעריאָדע האָט באקונין פאַרזוכט צו דערקלערן זיינע אידעען אין א באזונדער ווערק : „פעדעראַליזם, סאָציאַליזם און אַנטיטעאָלאָגיזם". דאָס דאָזיגע ווערק איז אָבער ערשט פאַרעפענטליכט געוואָרן אין 1895 דורך דר. מאַקס נעטלאַו.

אין דער צייט פון דעם ערשטען ביז דעם צווייטען קאָנגרעס פון דער „פרידענס און פרייהייטס ליגע" האָט די אָרגאַניזאַציע געמאַכט ווענינ פראָגרעס, צוליעב די פאַרשיידענע אידעען און אָנשויאונגען פון איהרע מיטגלידער. באקונין האָט דעריבער בא־שלאָסען אָנצואווענדען אַלע זיינע קרעפטען, אום איהר צו געבען אַן אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַליסטישען און רעוואָלוציאָנערן כאַ־ראַקטער, אָדער ארויסצורופען אַן אָפיציעלע שפּאַלטונג צווישען דעם ראַדיקאַלען און בירגערליכען עלעמענט אין דער ליגע. אין 1868 איז פאָרגעקומען דער צווייטער קאָנגרעס פון דער פאַראייניגונג און באקונין האָט אריינגעטראָגען א פאָרשלאַג, אַז די ליגע זאָל זיך פאַראייניגען מיט דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אסאָ־ציאַציע", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן מיט א פאָר יאָהר פריהער. אַחוץ דעם האָט ער געפאָדערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיך עפענטליך ערקלערן פאַר דער עקאָנאָמישער פרייהייט פון דעם פּראָלעטאַריער קלאַס. דער קאָנגרעס האָט זיך אַנטזאָגט אָנצונעהמען די פאָר־שלאָגען און באקונין און זיינע פריינד האָבען עפענטליך דערקלערט זייער אַרויסטריט פון דער „פרידענס און פרייהייטס ליגע". אונ־טער די מיטגלידער פון דער מינאָריטעט האָבען זיך געפונען עלי רעקלו, עליזע רעקלו, פאַנעלי, גאַמבוצי, זשאַרקלאַר און א סך אַנדערע באַקאַנטע פערזענליכקייטען פון דער רעוואָלוציאָנערער בא־וועגונג.

מען פרעגט גאַנץ אָפט, ווי קומט עס וואָס באקונין האָט זיך באַלד ניט אָנגעשלאָסען אָן דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אסאָציאַציע" ? דער ענטפער אויף דער פראַגע איז א פשוט'ער. אין די ערשטע יאָהרן פון זיין עקזיסטענץ איז דער „אינטער־נאַציאָנאַל" געווען ריין־רעפאָרמאַטאָריש און אַנטירעוואָלוציאָנער. ערשט שפּעטער האָט זיך אַנטוויקעלט דער סאָציאַליסטישער און

רעוואָלוציאָנערער גייסט אין דער גרויסער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען אויך געווען אַנדערע אורזאַכען, וועלכע האָבען באַקונינ'ען געשטערט זיך אָנצושליסען אָן איהר; אָבער דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אגיטאַטאָר האָט באַלד איינגעזעהן די וויכטיגקייט פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", און ער האָט דערפאַר געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז די „פרידען און פרייהייטס ליגע" זאָל זיך פאַראייניגען מיט דער מעכטיגער אָרגאַניזאַציע.

ווען די מינאָריטעט האָט זיך צוריקגעצויגען פון דעם פרידענס־קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין בערן, האָט באַקונין פאָרגעשלאָגען, אַז אַלע זאָלען זיך אָנשליסען אָן דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און אינערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע פראָפּאַגאַנדירן זייערע אידעען. אָבער דער גרעסטער טייל פון זיינע פריינד איז געווען פאַר דער גרינדונג פון אַן אייגענער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָנפיהרן די רעוואָלוציאָנערע פראָפּאַגאַנדאַ אין אַלע איירעפּעאישע לענדער.

די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אורשפּרינגליך אַ נאָמען געגעבען „אַליאַנץ דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע"; שפּעטער אָבער האָט מען איהר איינפאַך גערופען „אינטערנאַציאָנאַלע אַליאַנץ". די אַליאַנץ האָט אָרגאַניזירט גרופּען און פאַראיינען אין אַלע דרום־איירעפּעאישע לענדער, און די ענערגישע אַגיטאַציע פון איהרע מיטגלידער האָט אויפגעבויט דעם פונדאַמענט פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אין די דאָזיגע לענדער. אַ פריינד פון באַקונין, דער איטאַליענער פאַנעלי, האָט געקראָגען דעם אויפטראַג צו אַגיטירען אין שפּאַניע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידעע. זיין רייזע האָט געהאַט אַן אומגעהייערן ערפאָלג. אין באַרצעלאָנאַ, מאַדריד, רעאָס, סאַראַגאָסאַ און אַנדערע שטעדט האָבען זיך אַרבייטער און סטודענטען אָנגעשלאָסען אָן דער נייער באַוועגונג, און אַזוי איז דער רעוואָלוציאָנערער אַנאַרכיזם איינגעפיהרט געוואָרן אין דעם דאָזיגען לאַנד. עס וואָלט פאַרנומען צופיעל פּלאַץ צו באַשרייבען די טעטיגקייט פון דער „אַליאַנץ" אין די פאַרשיידענע אַנדערע לענדער, ווי איטאַליע, פראַנקרייך, די שווייץ א. אז. וו. די „אַליאַנץ" האָט זיך אויפגעלייזט אין 1869 און איהרע מיטגלידער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דער „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציע". מיט דעם אריינ־

טרעטען פון די אַליאַנציסטען אין „אינטערנאַציאָנאַל" האָט זיך פאַר באַקונינ'ען געעפענט אַ נייַ פעלד פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. די אומגעהייערע אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע אין די ראָמאַנישע לענדער איז געווען דער דירעקטער רעזולטאַט פון זיין פּראָפּאַגאַנדאַ.

## זיין טעטיגקייט אין „אינטערנאַציאָנאַל" אין דער דייטש-פראַנצויזישער קריעג.

די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציע" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1864 אין לאָנדאָן. איהר צוועק איז געווען, צו פאַראייניגען די אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנען, אום דורך אַ געמיינשאַפטליכער טעטיגקייט צו פאַרבעסערן די אַלגעמיינע לאַגע פון פּראָלעטאַריער-קלאַס. אין די ערשטע צוויי יאָהר פון איהר עקזיסטענץ איז איהר אַנטוויקלונג געווען זעהר אַ שוואַכע; אָבער וואָס מעהר איהר כאַראַקטער איז געוואָרן סאָציאַליסטיש און רעוואָלוציאָנער, אַלץ גרעסער זיינען געווען איהרע ערפאָלגען. אויף דעם ערשטען קאָנגרעס פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1866 אין זשענעוואַ, זיינען אָנגענומען געוואָרען געוויסע סטאַטוטען, וועלכע האָבען געגעבען אַ מעגליכקייט פאַר אַלע ריכטונגען אין דער אַרבייטער-באַוועגונג זיך אָנצושליסען אָן איהר. די פּרינציפּעלע און טאַקטישע גרונדלאַגע פון די סטאַטוטען איז געווען *דער עקאָנאָמישער קאַמף און די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון דעם אַרבייטער-קלאַס*. מיט דעם וואָס די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציע" האָט פּראָקלאַמירט די דאָזיגע פּרינציפּען האָט זי פאַראייניגט אַלע שולען און פּאַרטייען אין דער סאָציאַלער באַוועגונג, ווי פאַרשיידען עס זיינען ניט געווען זייערע אידעען און מיינונגען אין אַנדערע פּונקטען. יעדע ריכטונג האָט געהאַט דאָס רעכט צו פּראָפּאַגאַנדירן איהרע באַזונדערע אָנשויאונגען און אָנצואווענדען איהר באַזונדער טאַקטיק, אַזוי לאַנג זי איז איינשטימיג געווען מיט די גרונדפּרינציפּען פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע. די טאָלעראַנץ, די אַבסאָלוטע אויטאָנאָמיע פון די סעקציעס און פעדעראַציעס איז געווען די

קראַפט און שטאַרקייט פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל״; ווען ער וואָלט געהאַט אַ באַשטימטען פּראָגראַם און אַ פעסטע טאַקטיק, וואָלט ער קיינמאָל ניט געווען אים שטאַנד צו פאַראייניגען צוויי מיליאָן ארבייטער אין אייראָפּאַ און אַמעריקע. דער „אינטער־נאַציאָנאַל״ האָט איינגעשלאָסען אַלע ריכטונגען: פּרודאָניסטען, מאַרקסיסטען, קאָלעקטיוויסטען, מוטואַליסטען, אַנאַרכיסטען און אַנדערע, ווייל דער קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער באַפרייאונג פון דעם ארבייטער־קלאַס האָט זיי אַלעמען פאַראייניגט.

אין אָנפאַנג זיינען די אַלגעמיינע טענדענצען פון דער אָרגאַ־ניזאַציע, ווי שוין געזאָגט, געווען זעהר אומבאַשטימט און וועניג סאָציאַליסטיש; אָבער דורך דער טעאָרעטישער אַנטוויקלונג פון די אידעען, און הויפּטזעכליך דורך די פאַרפאָלגונגען פון די רע־גירונגען, איז דער ראַדיקאַלער עלעמענט אין דער אַסאָציאַציע גע־וואָרן אַלץ שטאַרקער, איבערהויפּט אין די ראָמאַנישע לענדער. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין בריסעל, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין 1868, האָבען זיך די רעוואָלוציאָ־נערע אידעען דורכגעבראָכען. דער בעלגישער סאָציאַליסט דע־פּאַפּ האָט דאָרט פאַרטיידיגט דעם קאָלעקטיוויזם קעגען די אַנטירעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען פון די פראַנצויזישע פּרודאָ־ניסטען און קעגען דעם אויטאָריטערן שטאַאַטס־קאָמוניזם פון די מאַרקסיסטען. די פּעריאָדע פון 1868 ביז 1870 איז געווען די גלענצענדסטע צייט פון דעם גרויסען „אינטערנאַציאָנאַל״.

אין פריהלינג פון 1769 זיינען באַקונין און פיעלע פון זיינע פריינד אריינגעטראָטען אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ און די טעטיגקייט פון דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער איז געווען אַן אומ־שאַצבאַרע קראַפט פאַר דער אַנטוויקלונג און אויסברייטונג פון דעם ריעזיגען ארבייטער־פאַרבאַנד. ער האָט דעמאָלט געוואוינט אין זשענעווא און דורך זיין אומערמידליכער טעטיגקייט האָט זיך אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דער פראַנ־צויזישער שווייץ. ער איז דאַן געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער זשענעווער „עגאַליטע״ („גלייכהייט״), אין וועלכער ער האָט דעפיגירט און ערקלערט זיינע פּרינציפּעלע און טאַקטישע אָנשוי־אונגען אין צאָהלרייכע גלענצענדע ארטיקלען. דורך די פאַרשיי־דענע אַגיטאַציאָנס־רייזעס אין די קליינע שטעדט פון די שווייצער

יורא־בערג איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט פיעלע סימפּאַטישע מע־
נער, וועלכע זיינען געוואָרן טרייע גענאָסען און גוטע פּראָפּאַגאַנ־
דיסטען פון זיינע אידעען. אין סעפּטעמבער 1869 איז פאָרגע־
קומען דער 4טער קאָנגרעס פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארביי־
טער אסאָציאַציע אין באַזעל, אין וועלכען באַקונין האָט אַנטייל
גענומען אַלס פאַרטרעטער פון די מעכאַניקער אין נעאַפּעל און
די וועבער אין ליאָן. דער באַזעלער קאָנגרעס איז געוועזן דער
וויכטיגסטער פון אַלע קאָנגרעסען, וואָס דער „אינטערנאַציאָנאַל"
האָט ווען אָפּגעהאַלטען, ווייל דאָרטען האָט דער רעוואָלוציאָנערער
סאָציאַליזם באַזיעגט דעם אַלטען פּרודאָניזם און דעם אויטאָריטערן
מאַרקסיזם. באַקונין און זיינע פריינד וואַרלען, פאַרגאַ פּעלי־
סיער, דע־פּאַאַפּ און אַנדערע האָבען געמיינשאַפטליך פּראָפּאַגאַנ־
דירט די אידעען פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָלעקטיוויזם. אין
איינער פון די רעדען, וועלכע באַקונין האָט געהאַלטען אויף דעם
באַזעלער קאָנגרעס, האָט ער דערקלערט: „איך וויל ניט נאָר דאָס
קאָלעקטיווע אייגענטום פון גרונד און באָדען; איך וויל, אַז אַלע
רייכטימער זאָלען ווערן קאָלעקטיוועס אייגענטום; דערפאַר בין
איך אַן אָנהענגער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, דעריבער קעמף
איך פאַר דער אָפּשאַפונג פון דעם פּאָליטישען און געזעצליכען
שטאַאַט. דער קאָלעקטיוויזם איז די הויפּטשטיצע פון דעם
אינדיווידום, און דאָס אינדיווידועלע אייגענטום איז ניט קיין אַנ־
דער זאַך, ווי דער רויבען פון פּרוכטען, וואָס זיינען געשאַפען
געוואָרען דורך קאָלעקטיווע ארבייט".

באַקונין האָט זיינע אידעען אויסגעדריקט אין דריי ווער־
טער: „אַטעאיזם, קאָלעקטיוויזם, אַנאַרכיזם". די דאָזיגע אידעען
זיינען געוועזן די פּרינציפּעלע גרונדלאַגע פון דער ארבייטער־באַ־
וועגונג אין בעלגיע, האָלאַנד און די ראָמאַנישע לענדער. באַקו־
נינ'ס איינפלוס אין דעם אינטערנאַציאָנאַל איז געוואַקסען פון
טאָג צו טאָג און זיין נאָמען האָט אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער
רעוואָלוציאָנערער וועלט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם קאָנגרעס אין באַזעל האָט באַקונין
פאַרלאָזען זשענעוואַ און איז אַוועק נאָך לאָקאַרנאָ. ער האָט
דאָן געפיהרט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט כמעט אַלע באַקאַנטע
סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערן איבער גאַנץ אייראָפּאַ;

הויפּטזעכליך האָט ער אָבער געאַרבייט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ אין איטאַליע, רוסלאַנד, שפּאַניע און פראַנקרייך. אין דער צייט פון 1869 ביז 1870 האָט ער פאַרעפענטליכט פיעלע מאַניפעסטען און פּראָפּאַגאַנדאַ־שריפטען אין דער רוסישער שפּראַך, ווי צ. ב. ש. „איינינע ווערטער צו מיינע יונגע ברידער אין רוסלאַנד״; „די וויסענשאַפט און די געגענווערטיגע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונג״; „צו די אָפיצערן אין דער רוסישער אַרמעע״ און אַנדערע. אין דער דאָזיגער פעריאָדע האָט ער געמאַכט די באַקאַנטשאַפט מיט דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער נעטשאַיעוו. דאָ איז נאַטירליך ניט דער פּלאַץ צו באַשרייבען נעטשאַיעוו׳ס טעטיגקייט און זיינע באַציהונגען צו באַקונינ׳ען; ער אַליין איז ניט געווען קיין אַנאַרכיסט, ער איז אָבער געווען אַ מאַן פון טאַט, און דערפאַר האָט באַקונין מיט איהם סימפּאַטיזירט. ערשט שפּעטער, ווען באַקונין האָט איינגעזעהן, אַז נעטשאַיעוו באַנוצט זיך נאָר מיט זיין נאָמען, צו באַאיינפלוסען די רוסישע יוגענד פאַר זיינע אייגענע אידעען און מיינונגען, האָט זיך באַקונין פון איהם צוריקגעצויגען. אָבער ווען די רוסישע רעגירונג האָט געפאָדערט פון דער שווייצאַרישער רעפּובליק די אויסליפערונג פון נעטשאַיעוו, צוליעב דער ערמאָרדונג פון דעם סטודענט איוואַנאָוו אין פּעטערבורג, וועלכען נעטשאַיעוו האָט באַטראַכט אַלס אַ פאַררעטער, האָט באַקונין אַלץ געטאָן, איהם צו רעטען. ווען נעטשאַיעוו איז דורך פאַרראַט אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דער שווייצאַרישער פּאָליציי, האָט באַקונין געשריבען זיין באַקאַנטע בראָשורע: „די בערען אין דער שטאָדט בערן און דער בער אין פּעטערבורג״, דורך וועלכער ער האָט געוואָלט באַאיינפלוסען די עפענטליכע מיינונג קעגען דער אויסליפערונג פון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער. נעטשאַיעוו׳ס נאָמען איז פיעל באַשמוצט געוואָרען; עס איז אויך אמת, אַז זיינע מיטלען זיינען ניט שטענדיג געווען די בעסטע; אָבער איין זאַך איז זיכער, ער איז געווען אַן איבערגעבענער רעוואָלוציאָנער און זיין גרויזאַמער ענד אַליין איז שוין אַ גענינענדער גרונד, אַז מען זאָל זיינע פעהלערן באַטראַכטען מילדער.

---

## דער אויסברוך פון דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג אין 1870

האָט באַקונינ׳ען פון דאָס ניי געטריבען אויף דעם שלאַכטפעלד פון דער רעוואָלוציע. ער האָט גלייך באַגריפען אַז דער קריעג מוז פאַרשטאַרקען די אייראָפּעאישע רעאַקציע, און זיין איינציגע האָפ־נונג איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַציע אין איטאַליע, שפּאַניע און פראַנקרייך, אום צו באַקעמפען דעם וואַקסענדען פּאַטריאָטישען און מיליטערישען גייסט, וועלכען דער קריעג האָט אַרויסגערופען. ער האָט געוואוסט, אַז דער זיעג פון דייטשלאַנד איז דער זיעג פון דעם מיליטאַריזם, דער זיעג פון דעם צענטראַ־ליזירטען שטאַאט; אַ זיעג פון נאַפּאָלעאָן איז דער זיעג פון דעם־פּאָטיזם און קאָרופּציע. און צו פאַרהינדערן די דאָזיגע קאָנסעק־וועגצען גיט עס נאָר איין מיטעל — די רעוואָלוציע. באַקונין האָט באַגריפען, אַז אויב קיין רעוואָלוציע וועט ניט אויסברעכען, וועט די פרייהייטליכע שטרעבונג זיין פאַרניכטעט פאַר אַ לאַנגער צייט. זיין ערשטע ארבייט איז געווען די אַרויסגאַבע פון אַ בראָשורע: „בריעף צו אַ פראַנצויז”, אין וועלכער ער האָט דער־קלערט זיינע טאַקטישע פּלענער. די בראָשורע איז ערשינען אין סעפּטעמבער 1870 און האָט געפונען אַ שטאַרקע פאַרשפּרייטונג. אין דערזעלבער צייט איז ער אוועק נאָך ליאָן, אום דאָרטען צוצור־גרייטען דעם אויפשטאַנד. באַקונין האָט דערוואַרט אַ רעוואָלוציע אין פּאַריז, און ליאָן איז געווען דער וויכטיגסטער פּונקט אין דער פּראָווינץ, צו אונטערשטיצען פּאַריז. דעם 28טען סעפּטעמבער האָבען די רעוואָלוציאָנערן פון ליאָן פּראָקלאַמירט דעם אויפשטאַנד און די באַקוניניסטען האָבען זאָגאַר פאַר אַ קורצער צייט געהאַט די שטאָדט אין זייערע הענט. אָבער די ניט־איינינקייט אין דעם לאַגער פון די רעוואָלוציאָנערן און די אַלגעמיינע גלייכגילטיגקייט פון די איבעריגע שטעדט האָבען געשטערט דעם ערפאָלג פון דער באַוועגונג. באַקונין אַליין איז געווען אין גרויס געפאַהר און האָט געמוזט פאַרלאָזען ליאָן אין געהיים. פון ליאָן איז ער אוועק נאָך מאַרסייל און האָט דאָרט געווירקט פאַר דעם אַלגעמיינעם אויפ־שטאַנד. ער האָט נאָך דאַן געפּלאַנט זיך אומצוקעהרן נאָך ליאָן, ווען די רעוואָלוציאָנערן זאָלען נאָר מאַכען די נויטיגע צוגריי־טונגען פאַר אַ נייעם אויפשטאַנד. ענדליך, נאָכדעם ווי אַלע זיינע פּלענער זיינען געבליבען אָהן ערפאָלג, צוליעב דער גלייכגילטיג־קייט פון די מאַסען, איז ער אוועק צוריק נאָך לאָקאַרנאָ. ער איז

געוועזן זעהר אומצופרידען מיט דער גאַנצער סיטואַציע, און זיין שטאַרקער גייסט האָט געפיהלט, אַז די רעאַקציע וועט פאַרלויפיג זיעגען איבעראַל. אין אָט דער צייט האָט ער געפאַסט דעם באַשלוס, צו פאַרעפענטליכען זיינע טעאָריעס אין אַ באַזונדער ווערק. דער ערשטער טייל פון אָט דעם ווערק איז ערשינען אין 1871 אונטער דעם נאָמען: „דאָס קנוטאָ־גערמאַנישע קייזעררייך און די סאָציאַלע רעוואָלוציע"; דער צווייטער טייל איז ערשינען אין 1882, דאָס הייסט זעקס יאָהר נאָך זיין טויט, אונטער דעם נאָמען „גאָט און דער שטאַאַט"; אין דעם דריטען טייל, דער שלוס פון „גאָט און דער שטאַאַט", איז אין 1895 פאַרעפענטליכט געוואָרן פון דר. נעטלאָו. די גאַנצע שריפט איז אַ גלענצענדע קריטיק פון דער גאָט־ און שטאַאַט־אידעע, און דער צווייטער טייל פון „גאָט און דער שטאַאַט"; און דער דריטער טייל, דער שלוס פון דערנע שפּראַכען. אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געשריבען זיינע גלענצענדע פּראָפּאַגאַנדאַ־שריפטען געגען מאַדזיני, וועלכע האָבען געהאַט אַן אומגעהייערן ערפאָלג אין איטאַליע.

די פּראָקלאַמירונג פון דער קאָמונע האָט ווידער ארויסגערופען באַקונינ'ס ענטוזיאַזם; ער האָט אָבער אין דערזעלבער צייט איינגעזעהן, אַז פאַריז מוז פאַלען, ווייל די פּראָווינץ איז געווען טויט. זיין איינציגער וואונש איז געווען, אַז דער אונטערגאַנג פון פאַריז זאָל זיין אַ העלדישער, אום ער זאָל זיין אַ ביישפּיעל פאַר דער גאַנצער וועלט. ער האָט דאַן אָנגעפאַנגען צו שרייבען אַ ווערק איבער דער קאָמונע, אָבער דער פאָרוואָרט צו דער דאָזיגער שריפט איז ערשט ערשינען אין 1878, אונטער דעם נאָמען: „די פאַריזער קאָמונע און דער פּרינציפּ פון שטאַאַט".

## זיינע לעצטע לעבענס־יאָהרען.

אין סעפּטעמבער 1871 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" אין לאָנדאָן, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט ערקלערט דעם פּאָליטישען קאַמף אַלס אַ טאַקטישע באַדינגונג פאַר אַלע פעדעראַציעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. באַקונין און זיין ריכטונג איז דאָרט שטאַרק אָנגעגריפען געוואָרען. די דאָזיגע קאָנפערענץ האָט ארויס־

גערופען דעם פּראָטעסט פון די מייסטע סעקציעס פון דעם אינטער־נאציאָנאַל קעגען דער ניט טאָלעראַנטער האַנדלונג פון דעם לאָנ־דאָנער גענעראַל קאָמיטעט, וואָס האָט שפּעטער געפיהרט צו דעם אונטערגאַנג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אסאָציאַציע״.

דעם 2טען סעפּטעמבער 1872 איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן דער באַריהמטער קאָנגרעס אין האַאַג. ווי עס ווערט באַהויפּטעט, איז דער קאָנגרעס אַבזיכטליך פאַררופען געוואָרען אין האַאַג, כדי באַקונין זאָל אויף איהם ניט קאָנען קומען. ער וואָלט געמוזט דורכפאָהרען פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד, און ער וואָלט דאָרט זיכער ארעסטירט געוואָרן. עס איז אוממעגליך דאָ איבערצוגעבען די פאַרהאַנדלונגען פון דעם האַאַגער קאָנגרעס (די איינצעלהייטען קאָן מען געפינען אין די „מעמוארען פון דער יורא פעדעראַציע״); באַקונין און גיאַיאָם זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרן פון „אינטער־נאציאָנאַל״ דערפאַר, אַזוי איז עס מאָטיווירט געוואָרן, ווייל זיי האָבען געגרינדעט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע אין דעם „אינטער־נאציאָנאַל״. אַז דער זיעג פון דער מאַרקסיסטישער ריכטונג איבער דער באַקוניניסטישער איז געווען ניט מעהר ווי אַ פּאַר־מעלער זיעג קאָן דיענען אַלס באַווייז דער פאַקט, אַז מאַרקס אליין האָט פאָרגעשלאָגען אריבערצוטראָגען דעם גענעראַל קאָמיטעט נאָך אַמעריקא, וואָס האָט מיט אַנדערע ווערטער געמיינט — דער אונטערגאַנג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די רעוואָלוציאָנערע מינאָריטעט האָט גלייך פאַררופען אַ נייעם קאָנגרעס אין סיינט אימיער, אין דער שווייץ, וועלכער איז שאַרף ארויסגעטראָטען געגען די באַשלוסען פון האַאַג און האָט ערקלערט, אַז ער האָט מעהר קיין באַציהונגען ניט מיט דעם לאָנדאָנער גענעראַל־קאָמי־טעט. די איטאַליענער, שפּאַניער, פראַנצויזען, בעלגיער, האָלענ־דער, רוסען און פאַרשיידענע סעקציעס אין דער שווייץ און אַמעריקא האָבען פאָרמירט אַ נייעם „אינטערנאַציאָנאַל״, וועל־כער האָט נאָך עקזיסטירט לאַנגע יאָהרען נאָך דעם אונטערגאַנג פון דעם מאַרקסיסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

נאָך דעם קאָנגרעס אין סיינט אימיער האָט זיך באַקונין צוריקגעצויגען פון דער עפענטליכער טעטיגקייט. די קראַנקהייט, וועלכע איז איהם געבליבען פון זיין לאַנגער געפאַנגענשאַפט אין רוסלאַנד, האָט אָנגעהויבען ווערן אַלץ ערגער און האָט איהם גע־

שטערט אין יעדער עפענטליכער טעטיגקייט. אין יולי 1874 איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין איטאַליע געוואָרן אַזוי מעכטיג, אַז אַלע האָבען ערוואַרטעט דעם אויסברוך פון אַן אויפשטאַנד. באַקונינ'ס פריינד האָבען דעם אויפשטאַנד צוגעגרייט, און באַקונין איז אין געהיים אַוועק נאָך באָלאָניאַ. זיינע באַציהונגען צו דעם אויפשטאַנד פון באָלאָניאַ זיינען היינט נאָך גאַנץ אומקלאָר. די זאַך איז געווען אַ דורכפאַל, און דער טויט-קראַנקער מאַן האָט זיך ווידער געמוזט צוריקציהען נאָך דער שווייץ. זיין קראַנקהייט איז געוואָרן אַלץ ערגער, און ער האָט באַשלאָסען צו געהן נאָך בערן, צו זיין אַלטען גוטען פריינד פּראָפעסאָר אַדאָלף פאָגט, ער זאָל אויף איהם אויפפּאַסען. אָבער דעם 1טען יולי 1876 איז ער דאָרט געשטאָרבען, אין עלטער פון 62 יאָהר.

# גאָט און דער שטאַאַט

יאַקאָבינער אַבסאָלוטיסטען און רעוואָלוציאָנערן פון זשאַן־זשאַק־רוסאָ'ס און ראָבערספיער'ס שיטה פּראָקלאַמירן די אוממענשליכע און געפעהרליכע טעאָריע פון דעם אַבסאָלוטען רעכט פון שטאַאט, אין נאָמען פון אַן איינבילדונג, אַ פיקציע, וועלכע מען רופט אָן פאַרשיידען: דאָ קאָלעקטיווער אינטערעס, דאָ קאָלעקטיווער רעכט אָדער גאָר קאָלעקטיווער ווילען און פרייהייט. דאַגעגען, זיינען שוין פיעל מעהר אויסגעהאַלטען די אַבסאָלוטיסטען־מאָנאַרכיסטען, ווען זיי באַגרינדען דאָס רעכט פון שטאַאט אויף גאָט'ס גנאָד. די ליבעראַלע דאָקטרינערן, צום ווענינסטען די וואָס נעהמען ערנסט די ליבעראַלע טעאָריעס, האַלטען פאַר זייער אויסגאַנגס־פּונקט דעם פּרינציפּ פון פּערזענליכער פרייהייט, און ווי עס איז באַקאַנט, ערקלערן זיי זיך אָנפאַנג אַלס געגנער פון דעם שטאַאט־פּרינציפּ. זיי האָבען דאָס די ערשטע געזאָגט, אַז אַ רעגירונג, ד. ה. אַ קערפּערשאַפט פון באַאַמטע, וואָס איז אויף וועלכען עס איז אופן אָרגאַניזירט און באַפאָלמעכטיגט אויסצופיהרען די פונקציעס פון שטאַאט — איז אַ נויטווענדיגע צ ר ה , און אַז די גאַנצע ציוויליזאַציע באַשטעהט אין דער פאַרקלענערונג פון די רעכטען און אַטריבוטען פון דער רעגירונג. דאָך זעהען מיר, אַז יעדעס מאָל, ווען דער קיום פון שטאַאט ווערט ווירקליך געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכען, צייגען זיך די אַלע ליבעראַלע דאָקטרינערען אַרויס פאַר ניט קיין קלענערע פאַנאַטישע אָנהייננער פון אַבסאָלוטען שטאַאט־רעכט, ווי די אַבסאָלוטיסטען פון מאָנאַרכיזם אָדער יאַקאָביניזם.

זייער בוקען זיך צום שטאַאט, וואָס איז אין פלוג אַזוי סותר זייערע ליבעראַלע אָנשויאונגען, דערקלערט זיך אויף צוויי אופנים: ערשטענס, פּ ר אַ ק ט י ש, מיט די אינטערעסען פון זייער קלאַס, וואָרים די גרויסע מאַיאָריטעט פון די ליבעראַלע דאָקטרינערן געהערט צו דער בורזשואַזיע. אָט דער צאָהלרייכער און חשוב'ער קלאַס וואָלט זיך גאָר קיין בעסערס ניט געוואונשען, ווי פאַרכאַפּען

פאַר זיך דאָס רעכט, ריכטיגער געזאָגט די פּריווילעגיע, פון דער פולסטער אַנאַרכיע. די גאַנצע סאָציאַלע עקאָנאָמיע פון דעם קלאַס, דער רעאַלער באַזיס פון זיין פּאָליטישען קיום, האָט ניט, ווי ס'איז באַוואוסט, קיינע אַנדערע געזעצען אויסער אָט דער אַנאַרכיע, וועל־כע דריקט זיך אויס אין דעם באַריהמט־געוואָרענעם שפּרוך: Laisser faire et laisser passer* אָבער די בורזשואַזיע ליעבט די אַנאַרכיע נאָר פאַר זיך אַליין און מיט דעם באַדינג, אַז די מאַסען, „וואָס זיינען צו־אונוויסענד צו קאָנען זיך באַנוצען מיט איהר און ניט מיסברויכען", זאָלען פאַרבלייבען אונטער דער שטרענ־גער דיסציפּלין פון שטאַאַט. וואָרים ווען די מאַסען, מיעד ווערענ־דיג צו האָרעווען פאַר אַנדערע, זאָלען רעוואָלטירן, וואָלט דאָך צעשטערט געוואָרן די גאַנצע פּאָליטישע און סאָציאַלע עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזיע. און דעריבער זעהען מיר טאַקע, אומעטום און אַלעמאָל, אַז ווי נאָר די אַרבייטער הויבען אָן זיך צו טומלען, ווערן אַפילו די איבערגעבענסטע ליבעראַלען־בורזשועץ גלייך פאַרקאָכטע אָנהענגער פון דער אַלמעכטיגקייט פון שטאַאַט. און אַזוי ווי דער אויפגערייצטער צושטאַנד פון די פאָלקס־מאַסען וואַקסט איצטער אַלץ מעהר און ווערט אַ כראָנישע קראַנקהייט, זעהען מיר, אַז די בורזשואַן־ליבעראַלען באַקעהרען זיך אַלץ מעהר און מעהר. אַפילו אין די פרייסטע לענדער, צו דעם קולט פון אַב־סאָלוטער הערשאַפט.

צוזאַמען מיט אָט דער פּראַקטישער אורזאַך איז פאַראַן אַן אורזאַך, אַ ריין טעאָרעטישע, וועלכע צווינגט אַפילו די אויפריכ־טיגסטע ליבעראַלען שטענדיג זיך צוריקצוקעהרן צום קולט פון שטאַאַט. אייגענטליך רופען זיי זיך דערפאַר ליבעראַלען, ווייל זיי האַלטען די פּערזענליכע פרייהייט אי פאַר'ן יסוד, אי פאַר'ן אויסגאַנגס־פונקט פון זייער טעאָריע; און טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס איז זייער גרונדלאַגע און אויסגאַנגס־פונקט, זיינען זיי על פּי לאָגיק געצוואונגען צו אַנערקענען דאָס אַבסאָלוטע רעכט פון שטאַאַט.

אינדיווידועלע פרייהייט, טענה'ען זיי, איז ניט אַ היסטאָרי־שער פּראָדוקט, אַ שאַפונג פון דער געזעלשאַפט. זיי באַהויפּ־

* לאָז עס געהן ווי ס'געהט.

טען, אַז זי קומט פריהער פאַר יעדער געזעלשאַפט, און אַז יעדער מענש ברענגט זי מיט זיך, בעת ער ווערט געבוירן, ווי אַ מתנה פון גאָט, צוזאַמען מיט זיין אונשטערבליכער נשמה. דערפון פאָלגט, אַז אַ מענש שטעלט מיט זיך עטוואָס פאָר, אַז ער איז אינגאַנצען אַ איך פאַר זיך, און ווייזט זיך ארויס ווי אַ פאָלקאָמענער, ווי אַן אבסאָלוטער וועזען, נאָר ווען ער געפינט זיך אויסער דער געזעלשאַפט. און אַזוי ווי ער איז פאַר זיך אַליין אַ פרייער לכתחילה און אַפּאַרט פון דער געזעלשאַפט, קאָן ער זי גרינדען נאָר דורך אַ פרייער האנדלונג און, אַזוי צו זאָגען, דורך אַ געוויסען אָבמאַך, — אַן אינסטינקטיווען און שטילען, אָדער אַ באַוואוסטזיניגען און פאָרמולירטען. מיט איין וואָרט, לויט אָט דער טעאָריע קומט אויס, אַז ניט די אינדיווידומען ווערן געשאַפען פון דער געזעלשאַפט, נאָר פאַרקעהרט, זי ווערט געשאַפען פון זיי, זייענדיג געצוואונגען דערצו דורך אַ וועלכער עס איז אויסערליכער נויטווענדיגקייט, ווי צום ביישפּיעל, דורך ארבייט אָדער דורך מלחמה.

ווי עס איז צו זעהן, לויט אָט דער טעאָריע, עקזיסטירט גאָר אייגענטליך ניט קיין געזעלשאַפט. אַ נאַטירליכע מענשליכע געזעלשאַפט, דער מקור פון יעדער ציוויליזאַציע, די איינציגע סביבה, וואו עס קאָן ווירקליך געבאָרן ווערן און זיך אַנטוויקלען די פּערזענליכקייט און די מענשליכע פריהייט, איז פאַר אָט דער טעאָריע גאָר אינגאַנצען אומבאַקאַנט. פון איין זייט אַנערקענט זי נאָר אינדיווידומען, עקזיסטירענדע וועזענס, וועלכע זיינען פאַר זיך אַליין פריי; פון דער אַנדער זייט — די אָפּגעמאַכטע געזעלשאַפט, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט דורך דעם ווילען פון די אינדיווידומען און איז געגרינדעט אויף אַן אויסגעשפּראָכענעם אָדער שטומען אָפּמאַך, ד. ה. אויף אַ רעגיערונג. (זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז קיין איין היסטאָרישע רעגירונג איז ניט אויפגעבויט געוואָרן אויף דעם באַזיס פון אַן אָפּמאַך; אַז זיי זיינען אַלע געגרינדעט געוואָרן דורך גוואַלט און עראָבערונגען. אָבער אָט די איינרייזדעניש, אַז דער באַזיס פונ'ם שטאַאַט איז אַ פרייער אָפּמאַך, איז פאַר זיי נויטווענדיג, און דעריבער באַשליסען זיי עס פאַר זיך אָהן איבעריגע צערעמאָניעס.)

מענשליכע אינדיווידומען, ווען זיי זאָלען זיך פאַראייניגען דורך אַן אָפּמאַך און צונויפשטעלען אַ שטאַאַט, וועלען לויט אָט

נשמות, ווען זיי זיינען געקומען צוריק צום ישוב פון וואנען זיי זיינען מיט עקעל אנטלאפען. ווי נאר זייער הייליגע שליחות האט זיך געענדיגט, האבען זיי זיך וואס שנעלער צוריקגעקעהרט אין דעם מדבר, אום ווייטער מתקן צו זיין די אייגענע כמעט האלב פארלארענע שלימות דורך שטענדיגען פארטראכטען זיך וועגען דעם אייגענעם אינדיווידועלען וועזען, וועגען דער אייגענער איינזאמער נשמה אין דער אנוועזענהייט נאר פון גאט אליין.

אט דעם ביישפיעל האבען געדארפט נאכפאלגען די אלע, וואס גלויבען נאך היינט אין איינגעבארענער פרייהייט אדער אין פרייען ווילען, אויב זיי ווילען מציל זיין זייערע נשמות און אויף א פאר־סענדען אופן זיי צוגרייטען צו עולם־הבא. איך ווידערהאל נאכ־אמאל, אז די הייליגע אנארכיסטען, וועלכע האבען דורך פרישות דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון אפטעמפונג, זיינען גע־ווען דורכאוים אויסגעהאלטען. ווייל אויב די נשמה איז אומ־שטערבליך, ד. ה. שוין אין תוך אומענדליך, פריי און זעלבסט־באַ־צוועקט, דארף זי זיך צופרידענשטעלען מיט זיך אליין. נאר צייט־ווייליגע, באגרעניצטע און שטערבליכע וועזענס קאנען זיך איינס דאס אנדערע ערגענצען; דאס אומענדליכע פארטראגט ניט קיין ערגענצונג. אזא מין וועזען, ווען עס טרעפט זיך צונויף מיט עפעס, וואס איז אויסער איהם, פיהלט זיך שוין אבגעקירצט און דארף דעריבער עס אויסמיידען, איגנארירען אלץ, וואס עס איז נאר ניט ער אליין. שטרענג גערעדט, אז אומשטערבליכע נשמה, ווי איך האב שוין געזאגט, וואלט זיך געדארפט באגעהן אפילו אהן א גאט אויך. א וועזען, וואס איז אן־און־פאר־זיך אומענדליך, קאן ניט אנערקענען נאך א וועזען גלייך צו זיך און נאך ווייניגער איז פאר איהם מעגליך צו אנערקענען א וועזען, א העכערען פון זיך. יע־דער וועזען, וועלכער זאל זיין אויך אזוי אומענדליך ווי ער און צו דערזעלבער צייט ניט ער גופא — וואלט איהם שוין באגרעניצט און פאלגליך פארוואנדעלט אין א וועזען וואס איז שטערבליך און באגרעניצט פון דרויסען. אויב ער אנערקענט, אז א חוץ איהם עקזיסטירט נאך אזא אומענדליך וועזען, ווי ער אליין איז, מוז שוין אט די אומשטערבליכע נשמה, לאגישער ווייזע, אנערקענען איהר אייגענע שטערבליכקייט. ווארים דאס אומענדליכע איז ווירקליך אזוינס, וואס כאפט ארום אלץ און לאזט קיין זאך ניט

דער טעאָריע פאַרקומען אַלס עפּעס גאָר מאָדנע וועזענס, וואָס זיינען פול מיט סתירות. באַשאַנקען יעדערער מיט אַ פרייער, אומשטערבליכער נשמה און פרייהייט, אָדער מיט אַ פרייען ווי־לען, וועלכע קאָנען פון זיי ניט אָבגעטיילט ווערען — זיינען זיי, פון איין זייט, וועזענס אונענדליכע, אבסאָלוטע, און אַלס אַזעל־בע האָבען זיי שוין אַן אייגענעם אינהאַלט, קאָנען זיך שוין באַ־גנוגענען מיט זיך אַליין, נויטיגען זיך מעהר אין קיינעם ניט; אויפריכטיג גערעדט, אפילו אין גאָט אַליין ניט, ווייל אַלס אומ־שטערבליכע און אומענדליכע זיינען זיי דאָך אַליין געטער. פון דער אנדער זייט ווידער, זיינען זיי וועזענס פון פּשוט'ען חומר, שוואַכע, ניט קיין פאָלקאָמענע, באַגרעניצטע און אינגאַנצען אונ־טערוואָרפען דער אויסערליכער נאַטור, וועלכע האַלט זיי אויף און רינגעלט זיי אַרום, און וועלכע טראָגט זיי איבער, פריהער אָדער שפּעטער, אויף יענער וועלט. ווען מען באַטראַכט זיי פון ערשטען שטאַנדפּונקט, נויטיגען זיי זיך אַזוי ווינציג אין אַ געזעלשאַפט, אַז די לעצטע קומט גאָר אויס עפּעס ווי אַ שטערונג פאַר זייער פאָלשטענדיגער פרייהייט. און אַזוי זעהען מיר טאַקע, אין אָנ־הויב פון דער ערשטער תקופה פון קריסטענטום, מענשען הייליגע און אומבויגזאַמע, וואָס האָבען ערנסט זיך געזאָרגט וועגען זייער אומשטערבליכקייט און וועגען מציל זיין די אייגענע נשמות, אַז זיי האָבען איבערגעריסען אַלע פאַרבינדונגען מיט דער געזעלשאַפט, האָבען געוויכט פון יעדער שייכות מיט מענשען און האָבען נאָר אין פּרישות געזוכט שלימות און גאָט'ס חסד. מיט מעהר זין און לאָגיק האָבען זיי שוין געהאַלטען די געזעלשאַפט פאַר'ן מקור פון אַל־דאָס־בייז, און דאָס פאָלשטענדיגע אָפּזונדערן זיך אַלס אַ באַדינג צו אַלע גוטע מידות. און אויב זיי זיינען יאָ ווען אַרויס־געקומען פון זייער אָבגעזונדערטקייט, איז דאָס ניט געווען דער־פאַר, וואָס זיי אַליין האָבען זיך גענויטיגט אין דעם; נאָר צוליעב דעם חסד, צוליעב דעם קריסטליכען רחמנות צו די מענשען, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען אין דער געזעלשאַפטליכער סביבה און גע־האַלטען אין איין פאַרדאַרבען, נויטיגענדיג זיך אין זייערע עצות און מנהיגות. דאָס איז תמיד געטאָן געוואָרן מיט דער כונה אָנ־דערע צו ראַטעווען, קיינמאָל ניט צוליעב אייגענער שלימות. אין געגענטייל, זיי האָבען ריזיקירט אומצוברענגען זייערע אייגענע

איבער אויסער זיך. נאָך מיט א גרעסערער אומפאַרמיידליכקייט קאָן ניט און דאַרף ניט אַן אומענדליך וועזען אַנערקענען עפּעס א וועזען נאָך העכער פון זיך. אומענדליכקייט דערלאָזט ניט קיין שטופען און מדרגות; די ווערטער: העכערערע אומענדליכקייט און נידריגערע אומענדליכקייט, זיינען אַן אַבסורד. און גאָט איז טאַקע אַן אַבסורד. די טעאָלאָגיע, וועלכע האָט די פּריווילעגיע צו זיין אַבסורד און גלויבט אין זאַכען נאָר צוליעב דעם, ווייל זיי זיינען אבסורד, האָט אַוועקגעשטעלט העכער פון די אומשטערבליכע מענשליכע נשמות, און במילא שוין אויך אומענדליכע, די העכערע, די אבסאָלוט העכסטע, אומענדליכקייט פון גאָט. נאָר, אום דאָס פאַרריכטען, האָט זי אויסגעטראַכט דעם שטן, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך די מרידה פון אַן אומענדליכען וועזען קעגען דער עקזיסטענץ פון אַן אַבסאָלוטער אומענדליכקייט — קעגען גאָט. און פּונקט ווי דער שטן האָט מורד געווען קעגען דער העכסטער אומענדליכקייט פון גאָט, פּונקט אַזוי האָבען די הייליגע, קריסטליכע אַנאַרכיסטען, זייענדיג צו־באַשיידען זיך צו בונטעווען קעגען גאָט, — זיך געבונטעוועט געגען דער אַלגעמיינער אומענדליכקייט פון מענשען — געגען דער געזעלשאַפט. זיי האָבען געהאַט גענוג גרונד צו דערקלערן, אַז זיי נויטיגען זיך ניט אין א געזעלשאַפט כדי זיך צו ראַטעווען, און אַז וויבאַלד זיי זיינען צוליעב עפּעס א מאָדנער פאַטאַליטעט אומענדליכע...* און געפאַלענע, באַפרידיגט זיי די געזעלשאַפט פון גאָט און זייער אייגענער חשבון הנפש אין דער אַנוועזענהייט פון אָט דער אַבסאָלוטער אומענדליכקייט.

און איך דערקלער נאָכאַמאָל, אַז דאָס איז א ביישפּיעל, וואָס עס דאַרפען נאָכפאָלגען אַלע די, וואָס גלויבען אין דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט קאָן זיי טאַקע די געזעלשאַפט גאָרנישט געבען, אויסער א זיכערען אונטערגאַנג. אין דער אמת'ן, וואָס גיט די געזעלשאַפט די מענשען? ערשטענס ממשות'דיגע רייכטימער, וואָס קאָנען ניט געשאַפען ווערן אין א גענינגענדער צאָהל סיידען דורך קאָלעקטיווער ארבייט. אָבער

---

* דאָ שטעהט א וואָרט, וואָס מען קאָן ניט איבערלייענען אין מאַנוסקריפּט פון אָריגינאַל.

יענע, וואָס גלויבען אין אייביגען קיום, דאַרפען זיי דען ניט פאַר־אַכטען אָט די רייכטימער? האָט דען ישו הנצרי ניט געלערנט זיינע תלמידים: „זאַמעלט ניט קיין אוצרות אויף דער וועלט, וואָרים וואו אייערע אוצרות זיינען דאָרט געפינט זיך אויך אייער הארץ"? און אַן אַנדער מאָל: „ס'איז גרינגער דורכצוקריגען אַ דיקען שטריק (לויט אַ צווייטע וואַריאַציע: אַ קעמעל) דורכ'ן אויער פון אַ נאָדעל, ווי פאַר'ן רייכען אַריינצוקומען אין מלכות השמים." (איך שטעל מיר שטענדיג פאָר די מינע, וואָס עס מאַכען דערביי די פרומע און די רייכע בורזשוען־פּראָטעסטאַנטען פון ענגלאַנד, אַמעריקאַ, דייטשלאַנד, שווייצאַריע, בשעת זיי לייענען אָט די פאַר זיי אַזעלכע אַנטשיידענדע און אומאַנגענעמע ווערטער).

ישו הנוצרי איז גערעכט; צווישען דאָס גלוסטען נאָך מאַטעריעלע רייכטימער און דעם ווילען צו ראַטעווען די אומשטערבליכע נשמות איז פאַראַן אַן אַבסאָלוטע אומפאַראייבנבאַרקייט. אין אַזאַ פאַל, אויב דו גלויבסט באמת אין דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה, איז דען ניט גלייכער זיך אָפּצוזאָגען פון דעם לוקסוס און קאָמפאָרט, וואָס די געזעלשאַפט פאַרזאָרגט, און זיך נאָר נעהרען מיט רויהע וואָרצלען, ווי עס האָבען געטאָן די נזירים, וועלכע האָבען בעסער אויף אייביג מציל געווען זייערע נשמות איידער זיי צו פאַרזינדיגען צוליעב עטליכע צעהנדליג יאָהר עולם־הזה? אָט דער חשבון איז אַזאַ איינפאַכער, אַזאַ אויגענשיינליך־ריכטיגער, אַז מיר זיינען געצוואונגען צו דענקען, אַז די אַלע פרומע און רייכע בורזשוען, באַנקירען, פאַבריקאַנטען, סוחרים, וועלכע קאָנען אַזוי קונציג באַאַרבייטען זייערע געשעפטען און באַנוצען זיך דערביי, ווי איהר ווייסט, מיט אַלע מיטלען, און דאָך תמיד מיט אַ פסוק פון עוואַנגעליום אויף די ליפען — רעכענען זיך גאָרניט מיט דער אומשטערבליכקייט פון זייערע נשמות און גרויסמוטיג לאָזען זיי דאָס איבער פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט, איבערלאָזענדיג פאַר זיך אַליין נעבעך די נישטיגע מאַטעריעלע אוצרות, וואָס זיי זאַמלען צונויף אויף דער ערד.

אַחוץ מאַטעריעלע רייכטימער, וואָס נאָך גיט די געזעלשאַפט? תאוה'דיגע, מענשליכע און אירדישע נייגונגען, בילדונג און די קולטור פון שכל, די אַלע זאַכען, וואָס זיינען אַזוי ריעזיג לויט דעם פאַרבייגעהענדען, אירדישען, מענשליכען קוק, אָבער וועלכע זיינען

אין פארגלייך מיט דער אייביגקייט, אומשטערבליכקייט, מיט גאָט, גלייך צו גאָרנישט. איז דען אפילו די העכסטע מענשליכע חכמה ניט אַן אומזין אין פארגלייך מיט גאָט?

א לעגענדע פון דער אָריענטאַלישער קירכע דערצעהלט, אַז צוויי הייליגע נזירים האָבען זיך מיט׳ן אייגענעם רצון אָפּגעזונדערט אויף עטליכע צעהנדליג יאָהר אויף אַן אינזעל. זיי האָבען זיך אפילו דערווייטערט איינער פון אַנדערן און פארבראַכט גאַנצע טעג און נעכט נאָר אין תשובה און אין תפלה. זיי זיינען דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי האָבען זאָגאָר פארלאָרן דעם לשון. פון אַלע פריהערדיגע ווערטער איז ביי זיי אינגאַנצען פארבליבען דריי אָדער פיער, וועלכע צוזאַמענגענומען האָבען קיין זין ניט געהאַט. פונדעסטוועגען האָבען זיי פאַר גאָט פּראַכטפול געקאָנט אויסדריקען די העכסטע שטרעבונגען פון זייערע נשמות. זעלבסטפארשטענדליך, אַז זיי האָבען זיך נאָר געשפּייזט מיט וואָרצלען און מיט קרייטיכער ווי מעלי־גירה׳דיגע בעלי־חיים. פון מענשליכען שטאַנדפּונקט זיינען אָט די צוויי מענשען געווען שוואַכזיניג אָדער גאָר אומזיניג; אָבער פון געטליכען שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון גלויביגען אין דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה, האָבען זיי זיך ארויסגעצייגט פאַר פיעל טיעפערע בעלי־חשבונות ווי גאַלילעי און ניוטאָן. זיי האָבען געאָפּפערט מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר פון עולם־הזה און וועלטליכע חכמה, כדי באַלוינט צו ווערן מיט עולם־הבא און געטליכער ווייזהייט.

עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז אַ מענש, אויף וויפיעל ער איז באַשאָנקען מיט אַן אומשטערבליכער נשמה, אויף וויפיעל ער איז באַשאָנקען מיט אומענדליכקייט און פרייהייט, שטעלט ער זיך ארויס אויפ׳ן העכסטען גראַד אַלס אַן אַנטיסאָציאַלער וועזען. און אויב ער וואָלט שטענדיג געווען פארקלערט און אויסשליסליך פארטאָן מיט זיין אומשטערבליכקייט, וואָלט ער נאָר אויף אַזויפיעל קלוג געווען, ער זאָל מבטל זיין אַלע וואוילטאָגען, תענוגים און ערדישע הבלי־הבלים; ער וואָלט קיינמאָל ניט ארויס פון דעם צושטאַנד פון געטליכער צניעות אָדער שוואַכזיניגקייט, און וואָלט קיינמאָל די געזעלשאַפט ניט באַשאַפען. קורץ, אָדם און חוה וואָלטען קיינמאָל ניט פארזוכט פון עץ־הדעת און מיר וואָלטען אַלע געלעבט ווי חיות אין ערדישען גן־עדן, וואָס גאָט האָט באַשטימט פון זייערט־

וועגען. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך די מענשען פאַרוואָלט זיך אויסצובילדען, זיך אויסצומענשלען, טראַכטען, ריידען און באַנוצען זיך מיט די מאַטעריעלע וואוילטאָגען — זיינען זיי געצוואונגען געווען ארויסצוקומען פון זייער איינזאַמקייט און צוזאַמענשטעלען אַ געזעלשאַפט. וואָרים אויף וויפיעל זיי זיינען אינערליך אומענדליך, אומשטערבליך און פריי, אויף אַזויפיעל זיינען זיי אויסערליך באַגרעניצט, שטערבליך, מאַכטלאָז און אָפּהענגיג פון דער אויסערליכער וועלט.

ווען מען באַטראַכט זיי פון אַן ערדישען שטאַנדפּונקט, ד. ה. פון אַ רעאַלער און ניט פיקטיווער עקזיסטענץ, שטעלט פאָר מיט זיך די גרויסע מאַיאָריטעט מענשען אַזאַ שפּל'ען אויסזעהן, אַזאַ דלות אין העלדישקייט, ווילען און שכל, אַז מען מוז ווירקליך באַזיצען אַ גרויסע פעהיגקייט זיך אַליין אָפּצונאַרען, אַז מען זאָל געהן זוכען צווישען זיי אַן אומשטערבליכע נשמה און אַ ניצוץ פון פרייען ווילען. פאַר אונז ערשיינען זיי אַלס וועזענס, וועלכע זיינען דוכאוים און פאַטאַל באַשרענקט. פריהער פון אַלץ זיינען זיי באַגרעניצט דורך דער אויסערליכער נאַטור, דורך דעם כאַראַקטער פון באָדען און דורך די אַלע מאַטעריעלע באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ, וועלכע זיינען אויך באַשרענקט דורך אומצעהלבאַרע פּאָליטישע, רעליגיעזע און סאָציאַלע באַציהונגען, וואָס זיינען אָפּהענגיג פון מנהגים, געוועהנהייטען, געזעצען און פון אַ גאַנצער וועלט פאָראורטיילען און געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך לאַנגזאַם אָנגעזאַמעלט דורך די פריהערדיגע דורות און זיי האָבען זיי איבערגענומען, וויייל זיי זיינען געבאָרען געוואָרן אין דער געזעלשאַפט. זיי זיינען קיינמאָל ניט איהרע שאַפער, נאָר אומגעקעהרט; פריהער זיינען זיי געווען אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט און דערנאָך זיינען זיי געוואָרן איהרע ווערקצייג. צי קאָן מען דען געפינען אויף טויזענד מענשען כאָטש איינעם, וועגען וועלכען מען זאָל קאָנען זאָגען, אַפילו פון אַ רעלאַטיווען שטאַנדפּונקט, שוין ניט ריידענדיג פון אַן אבסאָלוטען, אַז זיינע פאַרלאַנגען און געדאַנקען זיינען זיינע אייגענע? די גרויסע מאַיאָריטעט פון די מענשליכע אינדיווידומען, ניט נאָר פון די אומוויסענדע מאַסען, נאָר אויך פון די ציוויליזירטע און פּריווילעגירטע קלאַסען, באַגעהרען און דענקען נאָר דאָס, וואָס די וועלט ארום זיי פאַר-

לאנגט און דענקט. זיי אַלע מיינען געוועהנליך, אַז זייערע געדאַנ־
קען און וואונשען זיינען פון קיינעם ניט דיקטירט; אָבער אין
דער ווירקליכקייט איז דאָס אַ שקלאַפישע, רגילות׳דיגע נאָכאהמונג
פון פרעמדע געדאַנקען און פאַרלאַנגען, פילייכט מיט קליינע,
אומוויכטיגע שינוים. אָט די שקלאַפעריי, אָט די רגילות זיינען
אומערשעפּליכע קוואַלען פון באַנאַליטעט; אָט דאָס פעהלען פון
רעוואָלוציאָנערן ווילען און אָפּוועזענהייט פון איניציאַטיווע אין
די געדאַנקען פון די אינדיווידומען, זיינען די הויפּט־אורזאַכען
פון דעם לאַנגזאַמען היסטאָרישען אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער
מענשהייט, וועלכער קאָן טרייבען צו פאַרצווייפלונג. פאַר אונז
מאַטעריאַליסטען אָדער רעאַליסטען, וועלכע גלויבען ניט, ניט
אין דער אומשטערבליכער נשמה, און ניט אין דעם פרייען ווילען,
איז אָט די לאַנגזאַמקייט, ווי טרויעריג דאָס זאָל ניט זיין, דאָך
אַ נאַטירליכע ערשיינונג. אַרויסקומענדיג פון דעם ווילדען גאָ־
רילאַ־צושטאַנד, האָט דער מענש מיט גרויס מיה דערגרייכט
צום מענשליכען באַוואוסטזיין און צו דער רעאַליזירונג פון זיין
פרייהייט. אין אָנפאַנג איז גאָר אוממעגליך, אַז ער זאָל קאָנען
האָבען אָט דעם באַוואוסטזיין און אָט די פרייהייט. ער ווערט
געבאָרען אַ ווילדע חיה און אַ שקלאַף, און נאָר ביסלעכווייז
מענשעלט ער זיך אויס און עמאַנציפּירט זיך, און טאַקע נאָר
אין דער געזעלשאַפטליכער סביבה, וועלכע איז די פאָרגעהערין
פון זיינע געדאַנקען, ווערטער און ווילען. ער קאָן דאָס באַשאַפען
נאָר מיט די געמיינשאַפטליכע כחות פון אַלע פריהעריגע און
איצטיגע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע ווערט אויף
אַזאַ אופן דער באַזיס און דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זיין מענש־
ליכען קיום. פון דעם פאָלגט, אַז דער מענש פאַרווירקליכט זיין
אינדיווידועלע פרייהייט און ברענגט אַרויס זיין פערזענליכקייט
נאָר דאַן, ווען זי ווערט ערגענצט פון אַלע איבעריגע אינדיווי־
דומען, וואָס רינגלען איהם אַרום, און אַ דאַנק דער אַרבייט און
דער קאָלעקטיווער אַלמעכטיגקייט פון כלל, אָהן וועלכע ער וואָלט
זיכער פאַרבליבען די סאַמע פאַרטעמפּטסטע און אומגליקליכסטע
באַשעפענים פון אַלע ברואים, וואָס לעבען אויף דער ערד. לויט
דעם סיסטעם פון די מאַטעריאַליסטען, וואָס איז דער איינציג־
נאַטירליכער און לאָגישער, איז ניט נאָר פאַרקלענערט ניט און

באַגרעניצט ניט די געזעלשאַפט די פרייהייט פון מענשליכע אינ־דיווידומען, נאָר פאַרקעהרט, זי באַשאַפט איהר גאָר. די געזעלשאַפט איז אי דער וואָרצעל, אי דער בוים, און די פרייהייט איז איהר פרוכט. און דעריבער מוז דער מענש צו יעדער צייט זוכען זיין פרייהייט, ניט אינ׳ם אָנפאַנג, נאָר אין סוף פון דער געשיכטע, און מען קאָן זאָגען, אז די אמת׳ע און פאָלשטענדיגע באַפרייאונג פון יעדען מענשליכען אינדיווידום איז דער גרויסער ציעל, דער העכסטער צוועק און דער געקרוינטער ערפאָלג פון דער געשיכטע.

גאַנץ אַנדערש איז דער שטאַנדפּונקט פון די אידעאַליסטען. לויט זייער סיסטעם ווערט דער מענש לכתחילה געבאָרן אַלס אַן אומשטערבליך, פריי וועזען, נאָר ער פאַרענדינט מיט דעם, וואָס ער ווערט אַ שקלאַף. אַלס אומשטערבליכער, פרייער, פאָלקאָמענער און זעלבסטבאַצוועקטער גייסט, נויטיגט ער זיך ניט אין קיין געזעלשאַפט; פון וואָס עס פאָלגט, אַז אויב ער טרעט אריין אין דער געזעלשאַפט, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל ער איז ביז אַ געוויסען גראַד געפאַלען, אָדער צוליעב דעם וואָס ער פאַרגעסט און פאַרלירט דעם באַוואוסטזיין פון זיין אומשטערבליכקייט און פרייהייט. אַ ווידערשפּרוכיגע באַשעפענים: אומענדליך ווי אַ גייסט אינערליך און צו דער זעלבער צייט אויסערליך אָפּהענגיג, אומפאָלקאָם און מאַטעריאַליסטיש, מוז ער אריינטרעטען אין אַ צוזאַמענבונד ניט צוליעב די באַדערפעענישען פון זיין נשמה, נאָר פאַר דער אויפהאַלטונג פון זיין גוף. און אָט אַזוי ווערט די געזעלשאַפט געבויט נאָר דורך דעם, וואָס מען איז מקריב די אינטערעסען פון דער אומאָפּהענגיגער נשמה צוליעב די שפּל׳דיגע באַדערפעענישען פון גוף. דאָס איז אַן אמת׳ע ירידה און פאַרשקלאַפונג פאַר דעם אינדיווידום, וועלכער איז אינערליך אומשטערבליך און פריי; לפּחות מיינט דאָס אַ טיילווייזער אָפּזאָגען זיך פון דער אורשפּרינגליכער פרייהייט.

עס איז פאַראַן אַ באַקאַנטע סאַקראַמענטאַלע פראַזע, וואָס דריקט אויס אויף דעם זשאַרגאָן פון אַלע אָנהענגער פון שטאַאַט און געזעץ אָט די ירידה און אויפאָפּפערונג, אָט דעם ערשטען פאַטאַלען שריט צו מענשליכער שקלאַפעריי: „דער אינדיווידום, באַנוצענדיג זיך מיט זיין פאָלקאָמער פרייהייט אין זיין אור־

שפּרינגליכען צושטאַנד, ד. ה. איידער ער ווערט אַ מיטגליעד פון וועלכער עס איז געזעלשאַפט, אָפּפערט מיט אַ טייל פון זיין פרייהייט, אריינקומענדיג אין דער געזעלשאַפט, כדי די לעצטע זאָל איהם גאַראַנטירען דאָס איבערגעבליבענע". ווען מען פרעגט פאַר אַן ערקלעהרונג פון אָט דער פראַזע, ענטפערט מען געוועהנ־ליך: „די פרייהייט פון יעדען מענשליכען אינדיווידום טאָר ניט האָבען קיין אַנדערע גרעניצען, ווי די פרייהייט פון אַלע איבעריגע אינדיווידומען".

אויגענשיינליך קאָן גאָר גערעכטער ניט זיין! ניט אמת? און פונדעסטוועגען ענטהאַלט אָט די טעאָריע שוין אין קערן אַלע טעאָריעס פון דעספּאָטיזם. אין איינקלאַנג מיט דער גרונד־אידעע פון די אידעאַליסטען פון אַלע שיטות, און אין געגענזאַץ צו אַלע רעאַלע פאַקטען, ווערט דער מענשליכער אינדיווידום ארויסגע־בראַכט אַלס פאָלשטענדיג־פרייער ווזען אויף אַזויפיעל, און נאָר אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל ער פאַרבלייבט אויסער דער גע־זעלשאַפט; פון וואָס עס פאָלגט, אַז אויב מען זאָל די געזעלשאַפט טאַקע באַטראַכטען אין זין פון אַ פּאָליטישער און אירדישער געזעלשאַפט, ד. ה. אַלס אַ שטאַאַט — איז דאָס די פאַרלייקענונג פון פרייהייט. אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם אידעאַליזם; ווי עס איז צו זעהן, איז ער אינגאַנצען אין היפוך מיט די שלוסען פון דעם מאַטעריאַליזם, וועלכער רעכענענדיג זיך מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער רעאַלער וועלט האַלט, אַז די אינדיווידועלע פרייהייט פון מענשען איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט און אַ נאַטירליכער רעזולטאַט פון דער קאָלעקטיווער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט.

די מאַטעריאַליסטישע, רעאַליסטישע און קאָלעקטיוויסטישע באַשטימונג פון פרייהייט געהט אינגאַנצען להיפוך צו דער באַשטי־מונג פון די אידעאַליסטען, זי לויטעט: אַ מענש ווערט אַ מענש און דערגרייכט צום באַוואוסטזיין און צו דער פאַרווירקליכונג פון זיין מענשליכקייט, נאָר אין דער געזעלשאַפט, און ניט אַנדערש ווי נאָר דורך די קאָלעקטיווע האַנדלונגען פון דער גאַנצער געזעל־שאַפט; ער באַפרייט זיך פון יאָך פון דער אויסערליכער נאַטור נאָר אַ דאַנק דער קאָלעקטיווער אָדער סאָציאַלער ארבייט, וואָס נאָר זי אַליין איז ביכולת איבערצואַנדערשען די אויבערפלעך פון

דער ערד און עס פאַרוואַנדלען אין אַ פּלאַץ, וואָס זאָל זיין גינסטיג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט. אָהן אַזאַ מאַטעריעלער באַפרייאונג קאָן ניט געמאָלט זיין וועלכע עס איז אינטעלעקטור־עלע אָדער מאָראַלע באַפרייאונג; דער מענש קאָן אַנדערש זיך ניט באַפרייען פון זיין פאַריאָכונג צו זיין אייגענער נאַטור, ער קאָן ניט אונטערוואַרפען די אינסטינקטען און די תאוות פון זיין אייגענעם גוף אונטער דער קאָנטראָל פון זיין אַנטוויקעלטען שכל, סיידען דורך דער הילף פון דערציהונג און בילדונג. אָבער סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע זיינען אינגאַנצען און דורכאויס סאָציאַלע געגענשטאַנדען, ווייל אויסער דער געזעל־שאַפט וואָלט דער מענש שטענדיג פאַרבליבען אַ ווילדע חיה אָדער אַ הייליגער, וואָס איז אין תוך כמעט איינס און דאָס זעלבע. נאָך אַלעמען קאָן גאָר אַן איזאָלירטער מענש ניט האָבען קיין ריכטי־גען באַגריף פון זיין פרייהייט. פאַר אַ מענשען צו זיין פריי, הייסט זיין געאַכטעט אוןווירקליך פאַררעכענט און אַנערקענט אַלס אַזעלכער פון זיינע מיטמענשען. די פרייהייט איז אַלזאָ ניט די פרוכט פון איינזאַמקייט, נאָר פון געגענזייטיגקייט; ניט פון פרישות, נאָר פאַרקעהרט, פון געזעלשאַפטליכקייט. וואָרים די פרייהייט פון יעדען אינדיווידום איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די אָפּשפּיגלונג פון זיין מענשליכקייט, פון זיינע מענשליכע רעכטען אין דעם באַוואוסטזיין פון אַלע אַנדערע פרייע מענשען, זיינע ברידער, וואָס זיינען גלייך צו איהם.

איך קאָן זיך באַטראַכטען און פיהלען אַלס פרייער מענש, נאָר אין דער אַנוועזענהייט און אין דער באַציהונג פון אַנדערע מענשען. פאַר די ברואים פון אַ נידעריגען מין בין איך ניט, ניט קיין פריי וועזען, ניט קיין מענש, וואָרים אַזעלכע באַשעפינישען זיינען ניט ביכולת צו באַגרייפען, און במילא זיינען זיי אומפעהיג צו דערקענען מיין מענשליכקייט. איך בין נאָר אויף אַזוי פיעל מענשליך און פריי, אויף וויפיעל איך אַנערקען די פרייהייט און די מענשליכקייט פון אַלע אַרומיגע מענשען. נאָר אַרויסצייגענדיג אַכטונג צו זייער מענשליכקייט, צייג איך אַרויס אַכטונג צו מיין אייגענער. דער קאַניבאַל, וועלכער פרעסט אויף זיין געפאַנגענעם, באַגעהענדיג זיך מיט איהם ניט ווי מיט אַ מענשען, נאָר ווי מיט אַ ווילדע חיה, צייגט דערמיט אַרויס, אַז ער אַליין איז ניט קיין

מענש, נאָר א ווילדע חיה. אַ שקלאַפען־האַלטער איז ניט קיין מענש, נאָר אַן אייגענטימער. ניט אַנערקענענדיג די מענשליכ־קייט פון זיינע שקלאַפען, אַנערקענט ער ניט זיין אייגענע מענש־ליכקייט. דער גאַנצער סדר פונ'ם אַלטערטום קאָן אונז דינען אַלס באַווייז: די גריכען און די רוימער האָבען זיך ניט געהאַלטען פאַר פרייע, דערפאַר ווייל זיי זיינען מענשען; זיי האָבען זיך געהאַלטען פאַר פּריווילעגירטע, ווייל זיי זיינען גריכען, רוימער, און דאָס אויך נאָר אין זייער אייגענעם פאַטערלאַנד, אַזוי לאַנג ווי ער איז פאַרבליבען אומאָפּהענגיג און אומבאַזיעגט און האָט נאָך, פאַרקעהרט, באַזיעגט אַנדערע לענדער אַ דאַנק דעם ספּעציע־לען שוץ פון די נאַציאָנאַלע געטער; זיי האָבען אָבער קיינמאָל ניט געהאַלטען פאַר זייער רעכט און פאַר זייער חוב צו פּראָטעס־טירען, ווען זיי אַליין זיינען באַזיעגטע אריינגעפאַלען אין שקלאַ־פעריי.

דאָס גרויסע פאַרדינסט פון קריסטענטום איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט, אַז אַלע מענשליכע וועזענס האָבען זייער מענשליכע ווערדע, אויך פרויען אריינגערעכענט, און אַז ביי גאָט זיינען אַלע מענשען גלייך. אָבער וואו און פאַר ווען איז דאָס פּראָקלאַמירט געוואָרען? פאַר'ן הימעל און אויף יענער־וועלט, אָבער ניט פאַר דעם ערדישען לעבען, דאָ אויף דער וועלט. אַחוץ דעם איז נאָך די גלייכהייט פון יענער־וועלט אויך אַ שקר, וואָרום ווי באַוואוסט איז די צאָהל פון די אויסדערוועהלטע זעהר אַ באַגרעניצטע. אין דעם פּונקט זיינען די טעאָלאָגען אַפילו פון די פאַרשיידענסטע קריסטליכע סעקטען איינשטימיג. דאָס מיינט, אַז די כלומרשטע קריסטליכע גלייכהייט קעהרט זיך אום צוריק צו דער שרייענדיגער פּריווילעגירטקייט, וואָס דערהויבט עטליכע טויזענד אויסדערוועהלטע פון גאָט'ס גנאָד איבער מי־ליאָנען פאַרשטויסענע. אַחוץ דעם, ווען אָט די גלייכהייט פאַר גאָט זאָל שוין פאַרווירקליכט ווערן פאַר יעדען איינציגען, וואָלט דאָס אויך ניט געווען קיין אַנדער זאַך ווי די גלייכע פאַרשקלאַ־פונג פון אַלעמען צו אַ העכערן האַר. איז דען ניט דער באַזיס פון קריסטליכען קולט און דער ערשטער באַדינג צו ראַטעווען די נשמה, דאָס אָפּזאָגען זיך פון דער מענשליכער ווירדע און די פאַראַכטונג פון דער דאָזיגער ווירדע אין פאַרגלייך מיט דער

גרויסקייט פון גאָט? אַ קריסט קאָן שוין אין דעם זין ניט פאַררעכענט ווערן פאַר אַ מענשען, ווייל ניט האָבענדיג קיין אכטונג צו דער מענשליכער ווירדע גופא, קאָן ער שוין ניט אכטען זי ביים צווייטען; און ניט שעצענדיג זי ביים צווייטען, קאָן ער זי ניט אכטען ביי זיך אליין. אַ קריסט קאָן זיין אַ נביא, אַ הייליגער, אַ גייסטליכער, אַ קיסר, אַ גענעראַל, אַ מיניסטער, אַ באַאַמטער, אַ פאַרשטעהער פון וועלכער עס איז מאַכט, אַ זשאַנדאַרם, אַ בורזשוא אָדער אַ פאַרשקלאַפּטער פראָלעטאַריער, אַן אונטערדריקער אָדער אַן אונטערדריקטער, אַ פייניגער אָדער אַ געפייניגטער, אַ בעל הבית אָדער אַן אָנגעשטעלטער, — ער האָט אָבער ניט דאָס רעכט זיך אָנצורופען מענש, וואָרים אַ מענש ווערט ווירקליך אַזעלכער נאָר דאַן, ווען ער אכטעט און ליעבט אלעמענס מענשליכקייט און פרייהייט, און ווען זיין אייגענע פרייהייט, זיין אייגענע מענשליכקייט ווערט געאַכטעט און גע־ליעבט, ארויסגערופען און געשאַפען פון אלע מענשען.

איך בין נאָר דעמאָלט אויף אַן אמת פריי, ווען אלע ארומיגע מענשליכע וועזענס, מענער און פרויען, זיינען פונקט אַזוי פריי. די פרייהייט פון אנדערע איז ניט נאָר ניט קיין באַגרעניצונג, קיין פאַרלייקענונג פון מיין אייגענער, נאָר אדרבא, זי איז אַ נויט־ווענדיגער באַדינג און אַ הסכם אויף מיין אייגענער פרייהייט. איך ווער ווירקליך פריי, נאָר דורך דער פרייהייט פון אנדערע; אַזוי, אַז וואָס צאָהלרייכער עס זיינען די פרייע מענשען, וואָס רינגלען מיך ארום, און וואָס ברייטער און טיפער זייער פרייהייט איז, אלץ ברייטער און טיפער ווערט מיין אייגענע פרייהייט. פאַרקעהרט ווידער, די מענשליכע שקלאַפעריי באַגרעניצט מיין פרייהייט; אָדער, מיט אנדערע ווערטער, זייער טיערישקייט איז אַ פאַרלייקענונג פון מיין מענשליכקייט, ווייל, ווידער דאָס איי־גענע, איך קאָן זיך באַטראַכטען אלס ווירקליך פריי נאָר דאַן, ווען מיין פרייהייט, אָדער, וואָס איז איינס און דאָס זעלבע, מיין מענשליכע ווירדע, — וואָס באַשטעהט אין דעם ניט זיין אונ־טערוואָרפען צו קיין מענשען, אין דעם באַשטימען די אייגענע האַנדלונגען לויט דער פערזענליכער איבערצייגונג, וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם גלייכען פרייען באַוואוסטזיין פון אלע מענשען, — ווערט מיר צוריקגעקעהרט אַ באַשטעטיגטע דורך דער אלגע־

מיינער איינשטימונג. באשטעטיגט אויף אזא אופן — דורך אלעמענס פרייהייט, — ברייטערט זיך אויס מיין פערזענליכע פרייהייט אין דער אונענדליכקייט.

פון דעם איז צו זעהן, אז די פרייהייט, ווי די מאטעריאַליסטען פארשטעהען זי, איז א פאזיטיווע און קאמפליצירטע זאך, און באזונדערס א דורכאויס סאציאלע, ווייל זי קאן פארווירקליכט ווערן נאר דורך דער געזעלשאפט און בלויז דורך דער שטרענגסטער גלייכהייט און סאלידאריטעט פון יעדען איינעם מיט אלעמען. מען קאן אין איהר אונטערשיידען דריי מאמענטען פון אנטוויקלונג, דריי עלעמענטען, פון וועלכע דער ערשטער איז דורכאויס א פאזיטיווער און א סאציאלער; דאס איז — די פולסטע ענטוויקלונג און די פאלשטענדיגסטע אויסנוצונג פון אלע מענשליכע פעהיגקייטען און כחות, וועלכע יעדער באקומט דורך ערציהונג, דורך בילדונג און דורך מאטעריעלען וואוילשטאנד; זאכען וואס קאנען יעדען געגעבען ווערן נאר דורך דער אלגעמיינער מאטעריעלער און אינטעלעקטועלער ארבייט, דורך דער מוסקול־און נערוועז־ארבייט פון דער גאנצער געזעלשאפט צוזאמענגענומען.

דער צווייטער עלעמענט, אדער דער פרייהייט'ס מאמענט, איז א נעגאטיווער. דאס איז דער רעוואלט פון יעדען מענשליכען אינדיווידום געגען יעדער הערשאפט, סיי געטליכער סיי מענשליכער, סיי קאלעקטיווער אדער אינדיווידועלער.

ערשטענס איז דאס א רעוואלט געגען דער טיראניי פון דער אלערהעכסטער איינבילדונג פון דער טעאלאגיע — געגען גאט. עס איז פאלשטענדיג קלאר, אז כל זמן מיר וועלען האבען א האר אין הימעל, וועלען מיר פארבלייבען קנעכט אויף דער ערד. אונזער שכל און אונזער ווילען וועלען קיין באדייטונג ניט האבען, כל זמן מיר וועלען זיך פיהלען פארפליכטעט, אין די באציהונגען צו איהם, צו זיין אבסאלוט געהארכזאם — און אין דער באציהונג צו גאט קאן גאר אנדערש ווי געהארכזאמקייט ניט געמאלט זיין, — וועלען מיר שוין ניט־ווילענדיג זיין געצוואונגען פאסיוו און אהן דער קלענסטער קריטיק זיך צו אונטערווארפען אונטער דער הייליגער אויטאריטעט פון זיינע פארמיטלער און אויסדערוועהלטע: די משיחים, די נביאים, די פון גאט־באגייסטערטע געזעצגעבער, די קיסרים, די מלכים און אלע זייערע באאמטע און מי־

ניסטאָרען, — אונטער די געהייליגטע פאָרשטעהער און דיענער פון די צוויי גרויסע אינסטיטוציעס, וועלכע גיבען זיך אויס פאַר אונז אַלס די פון גאָט אַליין באַשטימטע צו געוועלטיגען איבער די מענשען: די קירכע און דער שטאַאַט. יעדע צייטוויילינע אָדער מענשליכע הערשאַפט שטאַמט דירעקט פון דער גייסטיגער אָדער געטליכער הערשאַפט. הערשאַפט אָבער איז די אָפּלייקענונג פון פרייהייט. און וויבאַלד אַזוי, איז גאָט, אָדער בעסער געזאָגט, די געטליכע איינבילדונג, די פאַרהייליגונג און די מאָראַלע און אינטעלעקטועלע אורזאַך פון דער גאַנצער שקלאַפּעריי אויף דער ערד; און די מענשליכע פרייהייט וועט נאָר דאַן זיין פאָלקאָם, ווען זי וועט פאָלשטענדיג פאַרניכטען די שעדליכע איינבילדונג וועגען אַ הערשער אין הימעל.

צווייטענס, איז דאָס אַלס אַ לאָגישער פועל־יוצא פון דאָס ערשטע, אַ רעוואָלט געגען דער מענשליכער טיראַניי, געגען דער אינדיווידועלער, פונקט ווי געגען דער סאָציאַלער הערשאַפט, וואָס איז פאַרטראָטען און פאַרגעזעצליכט דורך דעם שטאַאַט. דאָ אָבער איז נויטיג זיך גוט צו דערקלערן. און כדי זיך ריכטיג צו דערקלערן, מוז מען פריהער פעסטשטעלען דעם ריכטיגען אונטערשייד צווישען דער אָפיציעלער און פאָלגליך טיראַנישער מאכט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז אָרגאַניזירט אין אַ שטאַאַט, און דעם נאַטירליכען איינפלוס און ווירקונג, וואָס די ניט־אָפיציעלע געזעלשאַפט איבט אויס אויף יעדען איינציגען פון איהרע מיטגליעדער.

דער רעוואָלט געגען אָט דעם נאַטירליכען איינפלוס פון דער געזעלשאַפט איז פאַר דעם אינדיווידום פיעל שווערער, ווי דער רעוואָלט געגען דער אָפיציעלער, אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט — געגען שטאַאַט, כאָטש ער איז גאַנץ אָפט פונקט אַזוי אומפאַרמיידליך, ווי דער לעצטער. די געזעלשאַפטליכע טיראַניי, וואָס פאַראומגליקט און דריקט אַזוי אָפט, טראָגט ניט דעם כאַראַקטער פון צווינגענדער געוואַלט, פון דעם פאָרמולירטען און פאַרגעזעצליכטען דעספּאָטיזם, מיט וועלכען עס צייכענט זיך אַזוי אויס די מאכט פון שטאַאַט. זי האָט ניט דעם פּנים פון אַ געזעץ, אונטער וועלכען יעדער אינדיווידום איז געצוואונגען זיך אונטערצואוואַרפען, צוליעב דער מורא באַשטראָפט צו ווערן. איהר ווירק־

קונג איז אַ ווייכערע, זי נאַרט זיך אריין, מען קאָן זי ניט אַזוי אַנטאַפּען, אָבער צו דערזעלבער צייט איז זי אַ סך מעכטיגער, ווי די מאַכט פון שטאַאט. זי געוועלטיגט איבער די מענשען דורך מנהגים און זיטען, דורך אַלערליי געפיהלען און אַבערגלויבענס, דורך אַט דאָס אַלץ, וואָס מיר רופען אַן געזעלשאַפטליכע מיינונג. זי רינגעלט דעם מענשען אַרום פון דעם טאָג וואָס ער ווערט געבאָרען, זי דרינגט אין איהם אריין, זי פילט איהם אָן און שטעלט צונויף דעם יסוד פון זיין אינדיווידועלער עקזיסטענץ; אַזוי, אַז יעדער איינער ווערט ביז אַ געוויסען גראַד איהרער אַ מיטהעלפער געגען זיך זעלבסט, און גאַנץ אָפט איז ער זיך אַפילו גאָר ניט חושד אין דעם. דערפון פאָלגט, אַז אום צו רעוואָלטירען קעגען אַט דעם איינפלוס, וואָס פאַרשקלאַפט איהם אַזוי נאַטירליך צו דער געזעלשאַפט, דאַרף זיך דער מענש טיילווייז אויפהויבען קעגען זיך אַליין, וואָרום אַלע זיינע מאַטעריעלע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלע שטרעבונגען און נייגונגען, און ער זעלבסט, זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט. אַט דערפון שטאַמט די אומגעהייערע מאַכט פון דער געזעלשאַפט איבער די מענשען.

פון שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטער מאָראַל, ד. ה. פון מענשליכער אַכטונג, — און איך וועל באַלד דערקלערען, וואָס איך מיין מיט אַט דעם וואָרט, — קאָן אַט די געזעלשאַפטליכע מאַכט זיין פונקט אַזוי גינסטיג ווי שעדליך. זי טוט גוטס, ווען זי שטרעבט צו דער אַנטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט, צו מאַטעריעלען וואוילשטאַנד, צו פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכער סאָלידאַריטעט צווישען מענשען; זי איז שעדליך, ווען זי האָט פאַרקעהרטע טענדענצען. אַ מענש, וואָס ווערט געבאָרען צווישען בהמות, וועט מיט זעהר ווייניג אויסנאַהמען, פאַרבלייבען אַ בהמה; ווערט ער געבאָרען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון גייסטליכע, וועט פון איהם ווערען אַן אידיאָט און אַ צבועק; ווערט ער געבאָרען אין אַ חברותא פון גנבים, וועט ער וואהרשיינליך ווערען אַ גנב; וועט ער געבאָרען ווערען ביי דער בורזשואזיע, וועט ער זיין אַן עקספּלואַטירער פון דעם צווייטענ׳ס אַרבייט; און אויב ער האָט דאָס אומגליק געבאָרען צו ווערען אין דער געזעלשאַפט פון האַלב-געטער, וואָס געוועלטיגען

איבער אונזער ערד, צווישען מיוחסים, פּרינצען, קייזערליכע זיהן, וועט ער געווים זיין, לויט דער מדרגה פון זיינע פעהיגקייטען, זיינע מיטלען און זיין מאכט, א פאַראַכטער און פאַרשקלאַפער פון דער מענשהייט — א טיראַן. אין אַט די אַלע פאַלען איז נויטוועגדיג די מרידה פון דעם אינדיווידום געגען דער געזעלשאַפט, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, כדי דער אינדיווידום גופא זאָל ווערן מענשליכער.

נאָר איך חזר איבער, אז דער רעוואָלט פון דעם אינדיווידום געגען דער געזעלשאַפט איז א פּיעל שווערערע זאך ווי דער רעוואָלט געגען שטאַאַט. דער שטאַאַט איז א היסטאָרישע און פאַראיבערגעהענדע אינסטיטוציע, א פאַראיבערגעהענדע געזעלשאַפטליכע פאָרם, וואָס איז עהנליך צו דער קירכע, ווענענס איינגערער ברודער ער איז, און אנטהאַלט ניט דעם פאַטאַלען, אומבאַוועגליכען כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז די פאָרגעהערין פון יעדער מענשליכער אנטוויקלונג, און וועלכע, באַזיצענדיג די גאַנצע אַלמעכטיגקייט פון די נאַטירליכע געזעצען, האַנדלונגען און ערשיינונגען, שטעלט צונויף דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער מענשליכער עקזיסטענץ. דער מענש, זינט ער האָט געמאַכט דעם ערשטען שריט צו מענשליכקייט, זינט ער האָט אָנגעהויבען ווערן א מענשליך וועזען, ד. ה. א וועזען וואָס רעדט און דענקט מעהר אָדער וועניגער, ווערט ער געבאָרען אין זיין געזעלשאַפט, ווי די מוראַשקע אין איהר מוראַשניק און די ביהן אין איהר ביהנשטאָק; ער קלייבט זי ניט אוים, פאַרקעהרט, ער איז איהרער א פּראָדוקט, און ער איז אויף אַזויפיעל פאַטאַל אונטערוואָרפען די נאַטירליכע געזעצען פון געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, אויף וויפיעל ער איז אונטערוואָרפען אַלע אַנדערע נאַטור־געזעצען. די געזעלשאַפט איז די מוטער פון יעדען מענשליכען אינדיווידום און זי לעבט איהם איבער, ווי די נאַטור אַליין; זי איז אייביג ווי די נאַטור, אָדער ריכטיגער געזאָגט, זייענדיג געבאָרן אויף דער ערד, וועט זי עקזיסטירען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג אונזער ערד וועט עקזיסטירען. איינגאַנצען צו רעוואָלטירען געגען דער געזעלשאַפט איז פאַר דעם מענשען פּונקט אַזוי אוממעגליך, ווי צו רעוואָלטירן געגען דער נאַטור, שוין דערפאַר אַליין, ווייל די געזעלשאַפט גופא איז ניט קיין אַנדער זאך, ווי די לעצטע גרויסע

ערשיינונג אָדער פּראָדוקט פון דער נאַטור אויף דער ערד; און ווען דעם אינדיווידום וואָלט זיך פאַרגלוסט צו שטעלען פראגען אויף דער געזעלשאַפט, ד. ה. אויף דער נאַטור בכלל און אויף זיין אייגענער נאַטור בפרט, וואָלט ער מיט דעם אליין זיך אוועקגע־שטעלט אויסער אלע באַדינגונגען פון רעאַלער עקזיסטענץ, און וואָלט זיך אריינגעלאָזען אין אַן אבסאָלוטער פוסטקייט, אין אַ טויטער אבסטראַקציע, — אין געטליכקייט. ס׳איז פונקט אזוי אוממעגליך צו פרעגען, צי איז גוט אָדער שלעכט די געזעלשאַפט, ווי עס איז אוממעגליך צו פרעגען צי איז גוט אָדער שלעכט די נאַטור, דאָס אַלוועלטליכע, דאָס מאַטעריעלע, רעאַלע, איין־איינ־ציגע, אַלערהעכסטע און אבסאָלוטע וועזען; זי איז עטוואָס מעהר ווי גוט אָדער שלעכט; זי איז אַן אומפאַרגלייכליכער, פּאָזי־טיווער, אַלערערשטער פאַקט, וואָס איז עלטער פאַר וועלכען עס איז באוואוסטזיין, פאַר וועלכער עס איז אידעע, פאַר יעטווידער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער אָפּשאַצונג; דאָס איז דער סאַמע יסוד, דאָס איז די וועלט, אין וועלכער עס אַנטוויקעלט זיך שפּעטער פאַר אונז, אויף אַ פאַטאַלען אופן דאָס, וואָס מיר רופען אָן גוטס אָדער שלעכטס.

גאַנץ אַנדערש איז די זאַך מיט׳ן שטאַאַט; און ניט קווינק־לענדיג זיך, זאָג איך, אַז דער שטאַאַט איז אַ צרה, נאָר אַ היס־טאָריש־נויטווענדיגע צרה. ער איז אויף אַזויפיעל געווען נויט־ווענדיג אין דער פאַרגאַנגענהייט, אויף וויפיעל עס וועט נויט־ווענדיג זיין, פריהער אָדער שפּעטער, איהם אינגאַנצען צו פאַר־ניכטען, ווי עס איז נויטיג געווען די פאַרניכטונג פון דעם אור־אַלטען טיערישען צושטאַנד און פון די טעאָלאָגישע פוסטע פּלפּולים פון די מענשען. דער שטאַאַט איז ניט די געזעלשאַפט, ער איז ניט מעהר ווי איהרע אַ היסטאָרישע פאָרם, נאָר אויף אַזויפיעל רויהער, ווי אבסטראַקטער. דער שטאַאַט איז אין אַלע לענדער אַ היסטאָרישע פרי, וואָס איז ארויסגעוואַקסען פון דעם שידוך צווישען גוואַלט, רויבעריי און פאַרניכטונג, קורץ, פון מלחמות און עראָבערונגען. דער שטאַאַט איז געבאָרן געוואָרן צוזאַמען מיט די געטער, וואָס זיינען שטופענווייז באַשאַפען געוואָרן דורך דער טעאָלאָגישער פאַנטאַזיע פון די פעלקער. דער שטאַאַט איז געווען און פאַרבלייבט ביז צום היינטיגען טאָג דער געטליכער

הסכם אויף רויהער פיזישער מאַכט און טריאומפירענדער אומגע־רעכטיגקייט. און דוקא אין די מעהר דעמאָקראַטישע לענדער, ווי עס זיינען די פאַראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקא און די שווייצאַרישע קאַנטאָנען... * די פּריווילעגירטקייט פון וועלכער עס איז מינדערהייט און די אמת'ע פאַרקנעכטונג פון דער ריעזיגער מעהרהייט.

צו רעוואָלטירען געגען שטאַאט איז פאַרהעלטניסמעסיג לייכט, וואָרים אין דעם כאַראַקטער גופא פונ'ם שטאַאט איז שוין פאַראַן עפּעס אזוינס, וואָס רופט צו רעוואָלט. דער שטאַאט איז מאַכט און גוואַלט, דאָס איז די חוצפּה און דער שפּיגעל פון מאַכט. ער זוכט ניט צו געפעלען, ער זוכט ניט צו ווירקען דורך איבער־צייגונג; און ווען עס קומט איהם גאָר אויס, נעהמט ער קעגען דעם גוטען ווילען, ווייל די טבע פון שטאַאט איז שוין אזא, אז ער זאָל ווירקען דורך צוואַנג, דורך גוואַלט און ניט דורך איבער־צייגונג. אויף וויפיעל דער שטאַאט זאָל זיך ניט באַמיהען צו פאַרבאָרגען זיין נאַטור, בלייבט ער אַלץ דער געזעצליכער פאַר־גוואַלטיגער פון דעם מענשליכען ווילען און די פאַרניינונג פון זיין פרייהייט. אַפילו דאַן, ווען ער צווינגט דעם מענשען צו גוטס, מאַכט ער עס אויך צו גאָרנישט און פיהרט עס איבער, שוין צוליעב דעם אליין, וואָס ער צווינגט, און יעדער צוואַנג וועקט און רופט אַרויס דעם גערעכטען רעוואָלט פון דער פרייהייט; און נאָך מעהר דערפאַר, וואָס אַפילו גוטס, וויבאַלד עס איז נאָר געצוואונגען, איז עס שוין פון שטאַנדפּונקט פון אמת'ער מאָראַל, — פאַרשטעהט זיך, פון מענשליכער מאָראַל און ניט פון געטליכער, — שלעכטס. מענשליכע פרייהייט, זיטליכקייט און ווירדע באַשטעהט אין דעם, וואָס דער מענש טוט גוטס ניט דערפאַר ווייל ער איז געצוואונגען צו דעם, נאָר דערפאַר ווייל אַזוי אנערקענט ער, אַזוי וויל ער, אַזוי האָט ער ליעב.

די געזעלשאַפט פאָדערט ניט, אז מען זאָל אנערקענען איהר מאַכט אויף א פאָרמעלען, אָפיציעלען, אויטאָריטעטען אופן; זי הערשט אויף א נאַטירליכען אופן, און טאַקע דעריבער איז איהר

* דאָ קומט אַ וואָרט, וואָס איז אוממעגליך איבערצולייענען אין מאַנוסקריפּט פון אָריגינאַל.

ווירקונג אויף דעם אינדיווידום ניט אין פארגלייך מעכטיגער ווי דער איינפלוס פון שטאאט. די געזעלשאפט באשאפט און פאר־מירט אלע אינדיווידומען, וואס ווערן געבארן און אנטוויקלען זיך אויף איהר שויס. לאנגזאם, פון ערשטען געבארן טאג ביז׳ן לעצ־טען, באשענקט זי זיי אלעמען מיט איהר מאטעריעלען, אינטע־לעקטועלען און מאראלען כאראקטער, אזוי ווי זי וואלט זיך אינ־דיווידואליזירט אין יעדען איינציגען.

דער רעאלער מענשליכער אינדיווידום איז אזוי ווייט פון צו זיין אן אבסטראקטער און אוניווערסאלער וועזען, אז יעדער איינציגער, נאך אין זיין מוטער׳ס ליב, איז שוין באגרעניצט און באשטימט דורך די פיעלע מאטעריעלע, געאגראפישע, קלימאטישע, עטנאגראפישע, היגיענישע און עקאנאמישע אורזאכען און וויר־קונגען, וועלכע שטעלען צונויף דעם מאטעריעלען כאראקטער, וואס געהערט אויסשליסליך נאר צו זיין משפחה, זיין קלאס, זיין נאציאנאליטעט, זיין ראסע; און אויף וויפיעל די מענשליכע נייגונגען און אינסטינקטען זיינען אין שייכות מיט אט די אלע אויסערליכע אדער פיזישע ווירקונגען, אויף אזויפיעל ווערט יעדער איינציגער געבארן מיט זיין באזונדערער נאטור, אדער מיט זיין אינדיווידועלען כאראקטער, וואס איז מאטעריעל באשטימט פון פאראויס. אחוץ דעם, א דאנק דער פארהעלטניסמעסיג הויכער ארגאניזאציע פון מענשליכען מארך, ברענגט יעטווידער איינצעל־נער מענש מיט זיך, אמת, ניט אין קיין גלייכער מאס, גלייך ווי ער ווערט געבארן, — ניט קיין איינגעבארענע אידעע און גע־פיהלען, ווי דאס ווילען האבען די אידעאליסטען, — נאר די מא־טעריעלע און פארמעלע פעהיגקייט צו דענקען, טראכטען, ריידען און פארלאנגען. דער מענש ברענגט מיט זיך אראפ נאר די פ ע־ה י ג ק י י ט צו שאפען און צו אנטוויקלען אידעען, און ווי כ׳האב שוין געזאגט, א ריין פארמעלע, פריי פון וועלכען עס איז אינהאלט, אהן קראפט פאר טעטיגקייט. ווער זשע גיט איהר דעם ערשטען אינהאלט? די געזעלשאפט.

ניט דא איז דער פלאץ אויסצופארשען אויף וואס פאר א שטייגער עס האבען זיך אויסגעבילדעט אין די אורעלטע געזעל־שאפטען די ערשטע באגריפען און אידעען, פון וועלכע די גרעסטע צאהל איז נאטירליך געווען זעהר אומגעלומפערט. אלץ וואס מיר

קאָנען מיט זיכערהייט זאָגען איז נאָר, אַז זיי זיינען תחילת ניט באַשאַפען געוואָרן אָפּגעזונדערט און פּלוצלינג, אויף אַ וואונדערליכען אופן דורך די באַגייסטערטע מוחות פון איינצעלנע, נאָר פאַרקעהרט, דורך דער קאָלעקטיווער און זעהר אָפט אומבאַמערקבאַרער אינטולעקטועלער ארבייט פון אַלע, וואָס האָבען צוזאַמענגעשטעלט די געזעלשאַפט; די יחידי סגולה, די געניאַלע מענשען האָבען נאָר אויסגעדריקט דעם רעזולטאַט פון אָט דער ארבייט אין דער ריכטיגסטער און געלונגענסטער פאָרם, וואָרים אַלע געניאַלע מענשען האָבען תמיד געטאָן, ווי וואָלטער: זיי „האָבען גענומען זייערע אוצרות איבעראַל, וואו זיי האָבען זיי נאָר געפונען". אויף אַזאַ אופן האָט די קאָלעקטיווע אינטעלעקטועלע ארבייט פון די אוראַלטע געזעלשאַפטען געשאַפען די ערשטע אידעען. די דאָזיגע אידעען זיינען תחילת געווען זעהר איינפאַכע, פאַרשטעהט זיך, ניט אינגאַנצען פאָלקאָמע באַגריפען פון די נאַטירליכע און סאָציאַלע ערשיינונגען, און נאָך וועניגער שוין פעסטגעשטעלטע, באַגרינדעטע שלוסען, וואָס זיינען אַ פּועל־יוצא פון באַאָבאַכטען די דאָזיגע ערשיינונגען. אָט אַזוי האָבען זיך אָנגעהויבען אַלע מענשליכע פאָרשטעלונגען, פאַנטאַזיעס און געדאַנקען. דער אינהאַלט פון אָט די געדאַנקען איז אויף אַ האָר ניט געשאַפען געוואָרן דורך דעם פרייען אַקט פון מענשליכען גייסט, נאָר פריהער פון אַלץ איז דער אינהאַלט אַריינגעגעבען געוואָרן דורך דער רעאַלער וועלט, סיי פון דער אויסערליכער, סיי פון דער אינערליכער. דער מענשליכער שכל, ד. ה. די דורכאויס אָרגאַנישע און, פאָלגליך מאַטעריעלע, פונקציאָנירענדע ארבייט פון מענשליכען מאַרך, וואָס איז עמפינדליך צו אַלע די אויסערליכע און אינערליכע רעגונגען, וואָס די נערוועז ברענגען איהם, טראָגט פון זיך אַליין גאָרנישט ניט צו, אויסער ריין־פאָרמעלע טעטיגקייטען, וועלכע באַשטעהען אין פאַרגלייכען און קאָמבינירען זאַכען און ערשיינונגען אין אמת'ע אָדער פאַלשע סיסטעמען. און אָט אַזוי זיינען געבאָרן געוואָרן די ערשטע אידעען. מיט דער הילף פון וואָרט זיינען אָט די אידעען, — בעסער געזאָגט, די ערשטע שאַפונגען פון דער פאַנטאַזיע, — געוואָרן באַשטימט, קריסטאַליזירט און זיינען איבערגעגאַנגען פון איין מענשליכען אינדיווידום צום אַנדערן; אויף אַזאַ אופן האָבען

זיך די שאַפונגען פון איניווידועלע פאַנטאַזיעס צונויפגעטראָפען, זיך קאָנטראָלירט, מאָדיפיצירט און ערגענצט, מעהר אָדער ווע־ניגער זיך צונויפגעגאָסען אין אַן איינהייטליכען סיסטעם און זיך פאַרענדיגט דערמיט, וואָס עס איז באשאפען געוואָרן דער גע־מיינשאַפטליכער פארשטאַנד, דער קאָלעקטיווער געדאַנק פון דער געזעלשאַפט. אָט דער געדאַנק, וואָס געהט איבער במסורה פון איין דור צום אנדערן, איז די אינטעלעקטועלע און מאָראַלע ירושה פון דער געזעלשאַפט, פון דעם קלאַס און פון דער נאַציאָנאַליטעט.

יעדער נייער דור געפינט שוין אין דער וויגעלע א גאַנצע וועלט פון אידעען, פאָרשטעלונגען און געפיהלען, וואָס ער באַקומט אַלס ירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות. די דאָזיגע וועלט ערשיינט פאַר דעם נייגעבאָרענעם מענשען תחילת ניט אין איהר אידעאַליס־טישער פאָרם, אַלס א סיסטעם פון פאָרשטעלונגען און אידעען, ווי א רעליגיע, ווי א לעהרע; דאָס קינד איז ניט ביכולת צו פארשטעהן און באַגרייפען די וועלט אונטער אָט דער פאָרם; זי דרינגט אריין אין זיין באוואוסטזיין אַלס א וועלט פון פאַקטען, א בולט'ע און א פארווירקליכטע, ווי אין די פערזאָנען אַזוי אויך אין זאַכען, וואָס רינגלען איהם ארום און וועלכע ריידען צו זיינע גע־פיהלען דורך אַלץ, וואָס ער זעהט און הערט פון זיין ערשטען לעבענס-טאָג אָן. וואָרים די מענשליכע אידעען און פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען תחילת ניט געווען קיין אנדער זאַך, ווי פראָדוקטען פון רעאַלע פאַקטען, פון נאַטירליכע, אַזוי ווי סאָציאַלע, אין דעם זין וואָס זיי זיינען געווען אַן אָפשפּיגלונג און א ווידערהאָלונג אין מענשליכען מארך, און אַזוי צו זאָגען, א אידעאַלע, מעהר אָדער ווייניגער ריכטיגע רעפּראָדוקציע פון די אויסערליכע פאַקטען אין אָט דעם ריין-מאַטעריעלען אָרגאַן פון מענשליכען שכל, — איז ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך גוט איינגעפעסטיגט, אויף דעם אופן וואָס איך האָב נאָר-וואָס באַשריבען, אין קאָלעקטיווען באוואוסטזיין פון וועלכער ניט איז געזעלשאַפט, — ערשט דאַן האָבען זיי באַקומען די פעהיגקייט אַליין צו ווערן שאַפענדע אור־זאַכען פאַר נייע פאַקטען, שוין ניט פון נאַטירליכע, אין בוכשטעב־ליכען זין פון וואָרט, נאָר פון סאָציאַלע. סוף כל סוף איבעראַנ־דערשען זיי און טראַנספאָרמירען, אמת גאַנץ לאַנגזאַם, די מענש־ליכע עקזיסטענץ, די מנהגים און אינסטיטוציעס, מיט איין וואָרט,

אַלע מענשליכע באַציהונגען אין דער געזעלשאַפט; און אַ דאַנק דעם, וואָס זיי פאַרקערפּערן זיך אין געגענשטאַנדען, וואָס זיינען אַזוי געוועהנליך אין לעבען פון יעדען, ווערן זיי פיהלבאַר און בולט פאַר אַלעמען, אפילו פאַר קינדער. אַזוי, אז יעדער נייער דור ווערט פון זיי דורכגעדרונגען באַלד פון דער פריהסטער קינדהייט, און דערגרייכענדיג צו בגרות, ווען עס הויבט זיך אָן די ריכטיגע ארבייט פון אייגענעם געדאַנק, וואָס מוז באַגלייט ווערן מיט אַ נייער קריטיק, געפינט שוין דער נייער דור, ווי אין זיך גופא אַזוי אין דער ארומיגער געזעלשאַפט, אַ גאַנצע וועלט פון אָנגענומענע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען, וואָס דינען פאַר איהם אַלס אויסגאַנגס־פּונקט און גיבען איהם, אַזוי צו זאָגען, דעם ערשטען מאַטעריאַל און די גרונדלאַגע פאַר זיינע אייגענע אינטעלעקטועלע און מאָראַלע טעטיגקייטען. אַהער געהערן די שאַפונגען פון דער אַלגעמיינער, טראַדיציאָנעלער פאָרשטעלונגס־קראַפט, וועלכע די מעטאַפיזיקער, פאַרפיהרט פון דער אומפיהלבארקייט און אומבאַמערקבארקייט, מיט וועלכע אָט די פאָרשטעלונגען, וואָס קומען פון דרויסען, דרינגען אריין און שטעמפּלען זיך אָפּ אין דעם מארך פון די קינדער, איידער זיי דערגרייכען נאָך אפילו צו זעלבסטבאַוואוסטזיניגקייט, — רופען על פי טעות — איינגעבאָרענע אידעען.

אָט אַזוי זיינען די אַלגעמיינע און אַבסטראַקטע אידעען פון גאָטהייט און נשמות איינגאַנצען אומגעלומפּערטע אידעען, וואָס זיינען אָבער אומפאַרמיידליך, פאַטאַל אין דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון מענשליכען שכל, וועלכער, בלויז לאַנגזאַם, אין פאַרלויף פון יאָהרהונדערטען, דערגרייכענדיג צו דער ראַציאָנאַלער דערקענטניס און דער זעלבסטקריטיק און דער קריטיק פון דער אייגענער אָפּענבאַרונג, געהט שטענדיג ארויס פון נאַרישקייט, כדי צו דערגעהן צום אמת, און פון שקלאַפעריי, כדי זיך צו דערשלאָגען צו פרייהייט; אידעען, וואָס זיינען פאַרהייליגט דורך דער אַלוועלטליכער אומוויסענהייט און דומהייט פון דורות, פּונקט ווי דורך די גוט־באַוואוסטזיניגע אינטערעסען פון די פּריווילעגירטע קלאַסען, אַזוי אז עס איז היינט אוממעגליך אָפען און אויף אַ צוגענגליכער שפּראַך זיך ארויסזאָגען געגען אָט די אידעען, ניט אויפרייצענדיג קעגען זיך אַ באַדייטענדען טייל פון די פאָלקס־

מאַסען און ניט צו זיין אויסגעזעצט דער געפאַהר פאַרשטיינט צו ווערן דורך דער בורזשואַזער היפּאָקריטסטווא. צוזאַמען מיט די דאָזיגע ריין אַבסטראַקטע אידעען און אין ענגען צוזאַמענהאַנג מיט זיי, געפינט דער יונגער מענש, וואָס וואַקסט אין דער געזעלשאַפט, דורך דעם שטאַרקען איינפלוס וואָס זי האָט געהאַט אויף איהם אין דער קינדהייט, אין זיך אַליין אַ סך אַנדערע פאָרשטעלונגען און אידעען, וואָס זיינען פיעל קלערער און שטעהען אין אַ פיעל ענגערער באַריהרונג מיט דעם רעאַלען לעבען פון מענשען, מיט זיין אַלטעגליכער עקזיסטענץ. אָט דאָס זיינען די פאָרשטעלונגען וועגען נאַטור און מענש, וועגען גערעכטיגקייט, וועגען די פליכטען און רעכטען פון אינדיווידומען און קלאַסען, וועגען סאָציאַלער אַנשטענדיגקייט, וועגען פאַמיליע, וועגען אייגענטום, וועגען שטאַאַט און נאָך אַ סך אַנדערעס, וואָס באַשטימען די באַציהונגען פון די מענשען. אָט די אַלע אידעען, וועלכע ער געפינט ביי זיין געבאָרן ווערן, פאַרקערפּערט אין זאַכען און אין מענשען, קריצען זיך איין אין זיין מאַרך דורך דער ערציהונג און בילדונג, וואָס ער באַקומט נאָך איידער ער דערגרייכט צום זעלבסטבאַוואוסטזיין, און ער געפינט זיי שפּעטער פאַרהייליגט, דערקלערט און קאָמענטירט דורך טעאָריעס, וואָס דריקען אויס דעם אַלגעמיינעם פאַרשטאַנד און דעם קאָלעקטיוועז פאָראורטייל פון אַלע רעליגיעזע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכע ער נעמט אַן אַנטייל. ער אַליין איז מיט זיי אַזוי דורכגעדרונגען, אַז צי ער איז פּערזענליך פאַראינטערעסירט אין זייער פאַרטיידיגונג, צי ניט, וועט ער דאָך, ניט ווילענדיג, זיין זייערער אַן אָנהענגער צוליעב זיינע מאַטעריעלע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלע געוועהנהייטען.

וואָס עס איז ווערט צו באַוואונדערן איז, ניט דעם שטאַרקען איינפלוס פון די אידעען, וואָס דער קאָלעקטיווער באַוואוסטזיין פון דער געזעלשאַפט איבט אויס אויף דער מענשליכער מאַסע, נאָר פאַרקעהרט, דאָס וואָס צווישען אָט דער מאַסע געפינען זיך אינדיווידומען, וועלכע באַזיצען נאָך פאַרשטאַנד, ווילען און דרייסטקייט צו קעמפען געגען זיי. וואָרים דער דרוק, וואָס די געזעלשאַפט איבט אויס אויף דעם אינדיווידום איז אַן אונגעהויער, און ס'איז גאָרניט פאַראַן אַזאַ פעסטער כאַראַקטער, אַזאַ

שטאַרקער גייסט, וואָס זאָל זיך פיהלען זיכער געגען די אָנפאַלען פון אָט דער מאָראַל, וועלכע איז אַזוי דעספּאָטיש, פּונקט ווי אומבאַזיעגבאַר.

קיין זאַך באַווייזט ניט אַזוי דעם געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער פון מענשען, ווי אָט דער איינפלוס. מען קאָן זאָגען, אַז דער קאָלעקטיווער באַוואוסטזיין פון וועלכער ניט איז געזעלשאַפט, וואָס איז פאַרקערפּערט אין גאָר גרויסע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, ווי אין אַלע איינצעלהייטען פון פּריוואַטען לעבען און דיענט אַלס באַזיס פאַר אַלע טעאָריעס, באַשאַפט אַ מין אַלגעמיינע סביבה, אַ מין אינטעלעקטועלע און מאָראַלע אַטמאָספערע, אמת אַ שעדליכע, אָבער אַ דורכאויס נויטיגע פאַר דער עקזיסטענץ פון אַלע איהרע מיטגליעדער. זי הערשט איבער זיי און צו דערזעלבער צייט האַלט זי זיי אויף, פּאַראייניגענדיג זיי דורך די באַציהונגען פון געוועהנליכע און נויטווענדיגע אָפּמאַכען; איינוואָרצלענדיג אין יעדען דעם באַוואוסטזיין פון זיכערהייט און פעסטקייט, און אוועקשטעלענדיג פאַר אַלעמען אַלס העכסטע און נויטווענדיגסטע באַדינגונג די עקזיסטענץ פון דער מאַסע, פון דער באַנאַליטעט, פון געמיינשאַפטליכען אָרט, פון דיסציפּלין.

די גרויסע מאַיאָריטעט פון די מענשען, — ניט נאָר פון די פאָלקס־מאַסען, נאָר פּונקט אַזוי, און גאַנץ אָפט נאָך מעהר פון די פּריווילעגירטע קלאַסען, — פיהלען זיך ניט באַרוהיגט און בשלום מיט זייער געוויסען, ווען זיי פאָלגען ניט אויס אין אַלע זייערע געדאַנקען, אין אַלע זייערע אויפפיהרונגען אין לעבען בלינד און שקלאַפיש די טראַדיציעס און מנהגים: „אונזערע פאָטערס האָבען אַזוי געדענקט און געהאַנדעלט, דאַרפען מיר אויך דענקען און האַנדלען ווי זיי; די גאַנצע וועלט אַרום דענקט און האַנדעלט אַזוי, פאַרוואָס זאָלען מיר עפּעס דענקען און האַנדלען אַנדערש, ווי די גאַנצע וועלט?" אָט די ווערטער דריקען אויס די פילאָזאָפיע, די איבערצייגונג און די אויפפיהרונג פון ניין־און־ניינציג פּראָצענט פון דער מענשהייט, אָהן אונטערשייד פון וועלכען געזעלשאַפטליכען קלאַס מען זאָל ניט נעהמען. און, ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז דאָס די גרעסטע שטערונג פאַר דעם פּראָגרעס און פאַר דער מעגליכער גיכער באַפרייאונג פון מענשליכען מין.

וואָס זיינען דאָס די אורזאַכען פון אָט דער כמעט אומבאַוועג־

ליכער לאַנגזאַמקייט, וואָס קאָן טרייבען צום פאַרצווייפלען, וועלכע איז נאָך מיין מיינונג דער גרעסטער אומגליק פאַר דער מענשהייט?

אורזאַכען דערפאַר זיינען דאָ אַ סך. איינע פון די וויכטיגסטע צווישען זיי איז, אָהן צווייפעל, די אומוויסענהייט פון די מאַסען. שטענדיג און סיסטעמאַטיש ניט דערלאָזען צו בילדינג, אַ דאַנק דער פאַטערליכער השגחה פון אַלע רעגירונגען און פריווילעגירטע קלאַסען, וועלכע געפינען פאַר ניצליך צו האַלטען זיי וואָס לענגער אין אומוויסענהייט, גאָטספאַרכטיגקייט און אמונה — דריי זאַך־ווערטער, וואָס באַדייטען כמעט איינס און דאָסזעלבע — ווייסען זיי כמעט גאָר ניט אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך און אַז מען קאָן זיך דערמיט באַנוצען אַלס מיטעל פון אינטעלעקטועלער באַפרייאונג, וואָס רופט זיך אָן קריטיק, אָהן וועלכער אַ פאָלשטענדיגע מאָראַלע און סאָציאַלע רעוואָלוציע איז אוממעגליך.

די מאַסען, אין וועמעס אינטערעסען עס איז צו רעבעלירן געגען דער אויפגעשטעלטער אָרדענונג, זיינען פונדעסטוועגען, מעהר אָדער ווייניגער צוגעבונדען צו איהר, צוליעב דער אמונה פון זייערע עלטערן, און די פריווילעגירטע קלאַסען זעהען דאָס פאַראויס.

און אויך די פריווילעגירטע קלאַסען, וועלכע, וויפיעל זיי זאָלען ניט ריידען, האָבען שוין מעהר ניט קיין גאָטספאַרכטיגקייט און קיין אמונה, זיינען אויך צוגעבונדען צו דער עקזיסטירענדער אָרדענונג צוליעב זייערע פאָליטישע און סאָציאַלע אינטערעסען. פונדעסטוועגען קאָן מען ניט זאָגען, אַז דאָס איז די איינציגע אורזאַך פון זייער שטאַרקען צובונד צו די הערשענדע אידעען.

וואָס פאַר אַ נידעריגע מיינונג איך זאָל ניט האָבען וועגען דעם מאָראַלען און אינטעלעקטועלען ווערט פון אָט די קלאַסען, קאָן איך דאָך ניט צולאָזען, אַז נאָר דער אייגענננוציגער אינטערעס איז די קראַפט וואָס באַוועגט זייערע געדאַנקען און האַנדלונגען.

פאַרשטעהט זיך, אין יעדען קלאַס און אין יעדער פאַרטיי איז פאַראַן אַ מעהר אָדער ווייניגער צאָהלרייכע גרופּע פון קלוגע, דרייסטע און באַוואוסטזיניגע ניט-געווויסענהאַפטע עקספּלואַטאַטאָרס, די אַזוינערופענע שטאַרקע מענשען (homme sports), וועלכע זיינען פריי פון יעדער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער

אבערגלויבעריי, וועלכע זיינען גלייכגילטיג צו אלע איבערצייגונ־גען און וועלכע באַנוצען זיך, ווען עס מאַכט זיך, מיט אלע מענ־ליכע מיטלען, אבי נאָר צו דערגרייכען זייער ציעל. אָבער אַט די אויסערגעוועהנליכע מענשען, אפילו צווישען די גאָר פאַרדאָרבענע קלאַסען, שטעלען נאָר צונויף אַ גאַנץ אומבאַדייטענדע מינדער־הייט; אויך ביי זיי באַזיצען די מייסטע דיזעלבע שעפּסענע איי־גענשאַפטען, וואָס די פאָלקסמאַסען. נאַטירליך זיינען זיי אונ־טערגעוואָרפען דעם איינפלוס פון זייערע אינטערעסען, וואָס צווינגט זיי צו זעהן אין דער רעאַקציע די באַדינגונג פאַר זייער עקזיסטענץ. מען קאָן אָבער ניט צולאָזען, אַז שאַפענדיג די רע־אַקציע, פאָלגען זיי נאָר אויס זייער עגאָאיסטישען געפיהל. די גרויסע מעהרהייט פון די מענשען, אפילו ווען זיי זיינען באַדיי־טענד פאַרדאָרבען, זיינען דאָך ניט פעהיג צו זיין אַזוי היפּאָקרי־טיש, ווען זיי האַנדלען קאָלעקטיוו. אין יעדער צאָהלרייכער אַסאָציאַציע, און נאָך מעהר אין טראַדיציאָנעלע, היסטאָרישע אַסאָציאַציעס, וואו עס געפינען זיך קלאַסען, ווען אפילו זיי זאָ־לען דערגעהן צו דעם, אַז זיי זאָלען ווערען אינגאַנצען שעדליך און קעגענגעזעצט די אַלגעמיינע אינטערעסען און רעכטען, פאַר־בלייבט נאָך אַליץ אַ וועלכער־ניט־איז מאָראַלער פּרינציפּ, אַ וועל־כע־ניט־איז אמונה און צוטרויען, — פאַרשטעהט זיך, זעהר וויי־ניג ראַציאָנאַל און אָפט זאָגאַר לעכערליך, — און פאָלגליך זעהר ענג, אָבער אויפריכטיג, — וועלכע זיינען אַ נויטווענדיגע מאָראַלע באַדינגונג פאַר דער עקזיסטענץ פון אַט די אַסאָציאַציעס.

---

דער אַלגעמיינער און פונדאַמענטאַלער טעות פון די אידעאַ־ליסטען, — אַ טעות וואָס איז זאָנסט גאַנץ לאָגיש אויסנעהאַלטען לויט זייער גאַנצען סיסטעם — באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי זו־כען די גרונדלאַגע פון מאָראַל אין דעם איזאָלירטען אינדיווידום, בעת זי געפינט זיך און קאָן זיך געפינען נאָר ביי אינדיווידומען, וועלכע לעבען אין אַ געמיינדע. אום דאָס צו באַווייזען, וועלען מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָבשאַצען, לויט זיין פאַרדיענסט, דעם איזאָלירטען אָדער אבסאָלוטען אינדיווידום פון די אידעאַ־ליסטען.

אַט דער איינזאַמער אבסטראַקטער מענשליכער אינדיווידום איז פּונקט אַזאַ פיקציע, ווי די פיקציע פון גאָט; ביידע זיינען זיי איינצייטיג באַשאַפען געוואָרן, ניט דורך דעם רעפלעקטיווען, עקספּערימענטאַלען און קריטישען שכל, נאָר דורך דער גלויביגער קינדערשער פאַנטאַזיע, דורך דעם איינבילדונגס־חוש פון די פעלקער, און זיינען דערנאָך אַנטוויקעלט, פאַרטייטשט און דאָגמאַטיזירט געוואָרן דורך די טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע טעאָריעס פון די אידעאַליסטישע דענקער. ביידע שטעלען זיי מיט זיך פאָר אַן אבסטראַקציע, וואָס איז דורכאויס אינהאַלטסלאָז, וואָס שטימט ניט מיט דער ווירקליכקייט, און לאָגישערווייזע דערגעהען זיי צו דער ניט־עקזיסטענץ. איך מיין, אַז איך האָב דערוויזען די ניט־מאָראַלישקייט פון דער פיקציע וועגען גאָט; שפּעטער, צום סוף, וועל איך נאָך קלערער באַווייזען איהר לעכערליכקייט. איצט וויל איך אַנאַליזירען די פיקציע פון אבסאָלוטען אָדער אבסטראַקטען מענשליכען אינדיווידום, וועלכע איז פּונקט אַזוי אוממאָראַליש ווי אומזיניג, אַ פיקציע, וועלכע די מאָראַליסטען פון דער אידעאַליסטישער שולע נעהמען אָן אַלס באַזיס פון זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע טעאָריעס.

פאַר מיר וועט ניט שווער זיין צו דערווייזען, אַז דער מענשליכער אינדיווידום, וועלכען זיי פּרעדיגען און ליעבען, איז אינגאַנצען אַן אוממאָראַליש וועזען. ער איז די פאַרקערפּערונג פון דעם עגאָאיזם, ער איז איבערהויפּט אַן אַנטיסאָציאַלער וועזען. אַזוי ווי דער דאָזיגער אינדיווידום איז באַשאָנקען מיט אַן אונשטערבליכער נשמה, איז ער ניט־ענדליך און אַ צוועק־פאַר־זיך, דאָס הייסט, אַז ער נויטיגט זיך אין קיינעם ניט, אפילו ניט אין גאָט, און נאָך מעהר נויטיגט ער זיך ניט אין אַנדערע מענשען. לויט דער לאָגיק טאָר ער ניט דולדען די עקזיסטענץ פון אַ צווייטען אינדיווידום, אַ גלייכען אָדער אַ העכערן פון זיך, וועלכער איז פּונקט אַזוי אומשטערבליך און אומענדליך, אָדער נאָך אומשטערבליכער און אומענדליכער, ווי ער אַליין׳ איז. ער וואָלט בעדאַרפט זיין דער איינציגער מענש אויף דער ערד; וואָס רייד איך? — ער וואָלט בעדאַרפט זיך באַטראַכטען פאַר דעם איינ־איינציגען וועזען פון דער וועלט. וואָרים אויב די אומענדליכקייט באַגעגענט עטוואָס אחוץ זיך, באַגעגענט זי אַ גרעניץ, זי הערט אויף צו זיין

אַן אומענדליכקייט, און ווען צוויי אומענדליכקייטען באַגעגענען זיך פאַרניכטען זיי זיך געגענזייטיג.

ווי קומט עס, וואָס די טעאָלאָגען און די מעטאַפיזיקער, וועלכע צייגען זיך זאָנסט אַרוים פאַר זעהר שאַרפזיניגע לאָגיקער, האָבען דערלאָזען און דערלאָזען נאָך איצט אויך, אַזאַ ניטאַויסגעהאַלטענקייט, ווי די עקזיסטענץ פון אַ סך גלייכע אומשטערבליכע, ד. ה. פון גלייכע אומענדליכע מענשען, און איבער זיי די עקזיסטענץ פון גאָט, וועלכער איז נאָך מעהר אומשטערבליך און אומענדליך? זיי זיינען צו דעם געצוואונגען געווען דורך דער אַבסאָלוטער אומענדליכקייט צו פאַרלייקענען די רעאַלע עקזיסטענץ, די שטערבליכקייט און די געגענזייטיגע אומאָפּהענגיגקייט פון מיליאָנען מענשען, וואָס וואוינען און לעבען אויף דער ערד.* דאָס איז אַ פאַקט, פון וועלכען זיי קאָנען זיך ניט אָפּוואַרפען, ווי שטאַרק זייער פאַרלאַנג זאָל ניט זיין. לאָגיש וואָלטען זיי געדאַרפט קומען צום שלום, אַז די נשמות זיינען ניט אומשטערבליך, אַז זיי האָבען קיין באַזונדערע עקזיסטענץ פון זייער קערפּערליכען און שטערבליכען מלבוש, און אַז, באַגרעניצענדיג איינער דעם אַנדערן, און געפינענדיג זיך אין געגענזייטיגער אָפּהענדיגקייט, געפינענדיג אַחוץ זיך אַליין אַן אומענדליכע צאָהל פון פאַרשיידענע זאכען, זיינען די מענשליכע אינדיווידומען, פּונקט ווי אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, פאַרגעהענדע וועזענס, באַגרעניצטע און ענדליכע. אָבער ווען זיי זאָלען דאָס אַנערקענען, וועלען זיי זיך מוזען אָבזאָגען פון דעם סאַמע באַזיס פון זייערע אידעאַליסטישע טעאָריעס, וועלען זיי זיך מוזען אָנשליסען אונטער דער פאָהן פון ריינעם מאַטעריאַליזם, אָדער עקספּערימענטאַלער און ראַציאָנאַלער וויסענשאַפט. און צו דעם לאַדט זיי אויך איין די מעכטיגע שטימע פון דער צייט.

טויב פאַרבלייבען זיי צו דעם דאָזיגען רוף. זייער כאַראַקטער פון באַגייסטערטע נביאים, פון דאָקטרינערן און גייסטליכע, זייער שכל וואָס ווערט באַוועגט דורך די קונציגע נאַרעריען פון דער מעטאַפיזיק, זייער צוגעוועהנטקייט צום בין־השמשות־ליכט פון די

---

* דאָ איז אין פראַנצויזישען אָריגינאַל אַ ניט קלאָרקייט אין געדאנק, וואס פארבלייבט אויך אין דער איבערזעצונג.

אידעאַליסטישע פאַנטאַזיעס, רעוואָלטירן געגען די אָפּענבאַרע שלו־
סען און דער פולער טאָגליכט פון איינפאַכען אמת. זייער האַס
צו איהם איז אַזוי גרויס, אַז זיי ציהען פאָר צו פאַרבלייבען ביי
דעם ווידערשפּרוך, וואָס זיי שאַפען אַליין מיט דער אומזיניגער
פיקציע פון אַן אומשטערבליכער נשמה, כאָטש דאָס צווינגט זיי
אָנצוקומען צו אַ נייעם אומזין, צו דער פיקציע פון גאָט. פון
טעאָרעטישען שטאַנדפּונקט איז גאָט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דאָס
לעצטע באַהעלטעניש און דער העכסטער אויסדרוק פון די אַלע
אומזיניגקייטען און ווידערשפּרוכען פון אידעאַליזם. אין דער טעאָ־
לאָגיע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די קינדערשע און נאַאיווע
מעטאַפיזיק, איז ער דער יסוד און די ערשטע אורזאַך פון דעם אומ־
זין, אין דער מעטאַפיזיק אָבער, אין דעם ריכטיגען זין פון
וואָרט, ד. ה. אין דער פאַרפיינטער און ראַציאָנאַליזירטער טעאָ־
לאָגיע, איז ער, פאַרקערט, די לעצטע אינסטאַנץ און די העכסטע
באַהעלטעניש פון דעם אומזין, אין דעם זין, וואָס אַלע ווידערשפּרו־
כען, וואָס שיינען צו זיין אומלייזבאַר אין דער רעאַלער וועלט, ווע־
רען דערקלערט אין גאָט און דורך גאָט, ד. ה. אין אַ לעכערליכער,
פאַרשטעלטער, אויף ווי ווייט מעגליכער, ראַציאָנאַלער אויסערליכ־
קייט.

די עקזיסטענץ פון אַ פּערזענליכען גאָט, און די אומשטערב־
ליכקייט פון דער נשמה, זיינען צוויי ניט קיין פאַנאַנדערטיילבאַ־
רע פיקציעס, — צוויי פּאָליוסען פון דעם איין און דעמזעלבען אַב־
סאָלוטען אומזין, — וועלכע רופען געגענזייטיג ארויס איינע די
אַנדערע, און וועלכע קאָנען איינע אָהן די אַנדערע ניט געפינען
קיין דערקלערונג און באַגרינדונג פאַר זייער עקזיסטענץ. און אָט
אויף דעם קלאָרען ווידערשפּרוך, וואָס עקזיסטירט צווישען דער
פאָראויסזעצונג פון דער אומענדליכקייט פון יעדען מענשען און
דעם רעאַלען פאַקט וואָס עס עקזיסטירן אַ סך מענשען, (ד. ה.
וואָס עס עקזיסטירן אַחוץ איינעם נאָך אַ סך אומענדליכע וועזענס,
וועלכע באַגרענצען זיך געגענזייטיג); אויף דעם ווידערשפּרוך
צווישען זייער שטערבליכקייט און אומשטערבליכקייט, צווישען
זייער נאַטירליכער אָפּהענגיגקייט און זייער אַבסאָלוטער אומ־
אָפּהענגיגקייט איינס פון אַנדערן, — האָבען די אידעאַליסטען נאָר
איין ענטפער: גאָט; — און אויב דער ענטפער דערקלערט אייך

גאָרנישט און באַפרידיגט אייך ניט, איז אַלץ פאַר אייך ערגער. קיין אַנדער ענטפער קאָנען זיי אייך ניט געבען.

די פיקציע פון אַן אומשטערבליכער נשמה און די פיקציע פון אַן אינדיווידועלער מאָראַל, וואָס איז אַ נויטווענדיגע פאָלגע פון דער ערשטער, זיינען די אָבלייקענונג פון דער גאַנצער מאָראַל. און אין דער הינזיכט דאַרף מען געבען גערעכט די טעאָלאָגען, וועלכע, זייענדיג אַ סך אויסגעהאַלטענער און לאָגישער פון די מעטאַפיזיקער, לייקענען גאַנץ דרייסט אָפּ דאָס, וואָס איז איצט אָנגענומען צו רופען: אומאָפּהענגיגע מאָראַל, דערקלערענדיג מיט מעהר פאַרשטאַנד, אַז וויבאַלד עס ווערט נאָר צוגעלאָזען די אומשטערבליכקייט פון דער נשמה און די עקזיסטענץ פון גאָט, מוז מען שוין אָנערקענען, אַז עס קאָן נאָר עקזיסטירען איין מאָראַל, אַ געטליכע, וואָס איז אַנטפּלעקט אין דער תורה, די רעליגיעזע מאָראַל, ד. ה. די באַציהונג פון דער אומשטערבליכער נשמה צו גאָט דורך גאָט'ס לייטזעליגקייט.

אַחוץ אָט דער ניט־ראַציאָנאַלער, מופת'דיגער און מיסטישער באַציהונג, די איין־איינציג היילינע, די איין־איינציג דערלייזענדע, און אַ חוץ די וואָס זיינען דירעקט פון איהר אַרויסגעקומען פאַר'ן מענשען, זיינען אַלע אַנדערע באַציהונגען גלייך צו גאָרנישט. די געטליכע מאָראַל איז די אַבסאָלוטע אָפּלייקענונג פון דער מענשליכער מאָראַל.

די געטליכע מאָראַל האָט געפונען איהר בעסטען אויסדרוק אין דעם פאָלגענדען קריסטליכען גרונדזאַץ: „דו דאַרפסט ליעב האָבען גאָט מעהר פון זיך אַליין, און דיין נאָהענטען — ווי זיך גופא" — פון וואָס עס קומט אַרויס די פליכט מקריב צו זיין פאַר גאָט זיך און דעם נאָהענטסטען. מילא, אויפאָפּפערן זיך אַליין, צו דעם קען מען זיך נאָך באַציהען ווי צו אַן אומזין; אָבער אויפצואָפּפערן דעם נאָהענטען — דאָס איז שוין, פון מענשליכען שטאַנדפּונקט, אין גאַנצען אַממאָראַליש. און צוליעב וואָס בין איך דאָס פאַרפליכטעט צו אָט דער אוממענשליכער אויפאָפּפערונג? כדי צו ראַטוועען מיין נשמה. אָט דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון קריסטענטום. דאָס מיינט, כדי אויסצונעמען ביי גאָט און מציל זיין מיין נשמה, מוז איך מקריב זיין מיין נאָהענטען. דאָס הייסט אַבסאָלוטער עגאָאיזם. און אָט דער עגאָאיזם,

ניט אָפּגעשוואַכט, ניט פאַרניכטעט, נאָר אביסעל פאַרמאַס־קירט דורך דער פאַרגוואַלטיגענדער קאָלעקטיוויטעט און מאַכט־האָבערישער היראַרכיע און דעספּאָטיע, וואָס איז פאַראיי־ניגקייט אין קאַטאַליציזם, צייגט זיך אַרויס מיט זיין גאַנצער ציניזם, אפעטעצרען, זיי ציעען, איז פּאָליצייאיזם, וואָס איז ער־שינען מיט זיין מין פון רעליגיע: „ראַטעוועט זיך, ווער עס קאָן נאָר".

די מעטאַפּיזיקער פון זייער זייט באַמיהען זיך צו פאַרדעקען אָט דעם עגאָאיזם, וועלכער איז דער וויכטיגסטער און פונדאַמענ־טאַלסטער פּרינציפּ פון אַלע אידעאַליסטישע לעהרען, מיט דעם, וואָס זיי ריידען ווייניג, אַזוי ווייניג ווי מעגליך, וועגען די באַ־ציהונגען פון מענש צו גאָט, און וואָס מעהר וועגען די געגענ־זייטיגע באַציהונגען פון די מענשען. דאָס איז פון זייער זייט, אי ניט שעהן, אי ניט אָפענהערציג, אי ניט לאָגיש; וואָרים אויב מיר דערלאָזען איינמאָל די עקזיסטענץ פון גאָט, זיינען מיר גע־צוואונגען צו אַנערקענען די נויטווענדיגקייט פון באַציהונגען צווישען מענשען און גאָט; און מען מוז אויך אַנערקענען, אַז אין פאַרגלייך מיט דער באַציהונג צו דעם אבסאָלוטען, אַלערהעכסטען וועזען, זיינען אַלע אַנדערע באַציהונגען ניט מעהר ווי אַ שפּיעלכעל. אָדער גאָט איז ניט גאָט, אָדער זיין אַנוועזענהייט פאַרשלינגט אַלץ, פאַרניכטעט אַלץ. נאָר לאָמיר דאָס לאָזען...

אַזוי זוכען די מעטאַפּיזיקער די מאָראַל אין די באַציהונגען פון מענשען צווישען זיך, און צו דערזעלבער צייט פאַרזיכערען זיי, אַז זי איז דורכאויס אַ פאַקט פאַר זיך, אַ געטליך געבאָט, וואָס איז איינגעשריבען ביי יעדען מענשען אין האַרצען, איננאַנצען אומאָפּהענגיג פון זיינע געגענזייטיגע באַציהונגען מיט אַנדערע מענ־שען. אָט דאָס איז דער אומלייזבאַרער ווידערשפּרוך, אויף וועל־כען עס איז באַגרינדעט די מאָראַל־טעאָריע פון די אידעאַליסטען. אויב איך טראָג אין זיך דעם מאָראַלען געבאָט, וואָס איז אַנגע־שריבען געוואָרן פון גאָט אַליין ביי מיר אין האַרצען נאָך איידער איך האָב וועלכע באַציהונג מיט דער געזעלשאַפט, און פאָלגליך איז מיין פערזענליכקייט אינגאַנצען אומאָפּהענגיג פון וועלכען ניט איז געזעלשאַפטליכען איינפלוס, מוז שוין אָט דער מאָראַלער געזעץ זיין פרעמד און גלייכגילטיג, אויב ניט פיינדליך, צו מיין

געזעלשאַפטליכער עקזיסטענץ; ער קאָן ניט באַריהרען מיינע באַציהונגען צו די מענשען, ער קאָן נאָר באַשטימען מיינע באַציהונגען צו גאָט, ווי דאָס באַהויפּטעט לאָגיש די טעאָלאָגיע. וואָס איז שייך צו מענשען, זיינען זיי מיר, לויט דעם שטאַנדפּונקט פון דעם דאָזיגען געזעץ, אינגאַנצען פרעמד; ווייל אַזוי ווי דער מאָראַלער געזעץ איז באַשאַפען און אויסגעקריצט געוואָרען אין מיין הארצען איידער איך האָב געהאַט וועלכע באַציהונגען מיט זיי, האָט ער מיט זיי קיין שום שייכות ניט.

ענטפערט מען מיך אָבער: דערפאַר הייסט טאַקע דער געזעץ ליעבען די מענשען ווי זיך אליין, ווייל זיי זיינען אונזער גלייכען, און ניט טאָן זיי אַזוינס, וואָס מיר וואָלטען אליין ניט געוואָלט אַז מען זאָל אונז טאָן; אָפּהיטען די גלייכהייט אין באַצוג צו זיי, פּונקט ווי אין באַצוג צו דער גאַנצער מאָראַל און גערעכטיגקייט. ענטפער איך דערויף, אַז אויב עס איז אמת, אַז דער מאָראַלער געזעץ אַנטהאַלט טאַקע אין זיך אַזאַ געבאָט, מוז איך דריגנען דערפון, אַז ער איז ניט באַשאַפען און איז ניט אויסגעקריצט געוואָרן אין מיין הארצען אויף אַ באַזונדערן אופן; ער באַווייזט אומבאַדינגט אַז איך האָב שוין געהאַט באַציהונגען מיט אנדערע מענשען, עהנליכע באַשעפענישען צו מיר, און פאָלגליך שאַפט ער ניט אָט די באַציהונגען, נאָר ער געפינט זיי שוין איינגעפונדעוועטע אויף אַ נאַטירליכען אופן; ער רעגולירט זיי נאָר, און ער אַליין איז ניט מעהר ווי אַן ערשיינונג פון זיי, אַן אַנטוויקלונג, אַ דערקלערונג, אַ פּראָדוקט. דערפון איז קלאָר, אַז דער מאָראַלער געזעץ איז ניט קיין אינדיווידואַליסטישער פאַקט, נאָר אַ געזעלשאַפטליכער, געשאַפען פון דער געזעלשאַפט.

אויב דאָס זאָל אַנדערש זיין, וואָלט דער מאָראַלער געזעץ, וואָס איז אָנגעשריבען אין מיין הארצען, געווען לעכערליך, ער וואָלט רעגולירט מיינע באַציהונגען צו ווענעס מיט וועלכע איך האָב קיין באַציהונגען ניט, דער פאַקט פון וועמעס עקזיסטענץ מיר איז אומבאַקאַנט.

אויף דעם האָבען די מעטאַפיזיקער איין ענטפער. זיי זאָגען, אַז יעדער מענשליכער אינדיווידום, ווען ער ווערט געבאָרן, ברענגט מיט זיך דעם געזעץ, אָנגעשריבען מיט גאָט'ס האַנט אין זיין הארצען, נאָר ער געפינט זיך תחילת אין אַ פאַרבאָרגענעם צושטאַנד,

אין א צושטאנד פון א פעהיגקייט, וואס איז נאך ניט רעאליזירט, וועלכע האט זיך נאך ניט אנטפלעקט פאר'ן אינדיווידום גופא, וואס קאן איהר אין זיך אליין ניט פאנאנדערקלייבען, סיידען ער אנטוויקעלט זיך אין א סביבה פון זיינ'ס גלייכען; מיט איין ווארט, אז דער מענש קומט ניט אנדערש צום באוואוסטזיין פון דעם געזעץ אין איהם, ווי נאר אין די באציהונגען מיט אנדערע מענשען.

דורך אט דער, אויב אפילו ניט ריכטיגער, אבער יעדענפאלס לייכט אננעהמבארער דערקלערונג, קעהרען מיר זיך ווידער אום צו דער לעהרע פון איינגעבארענע אידעען, געפיהלען און פרינ־ציפען. די דאזיגע טעאריע איז באקאנט: די מענשליכע נשמה, אין תוך אן אומשטערבליכע און אן אומענדליכע, נאר קערפערליך א באשרענקטע, באגרעניצטע, באלאדענע, און אזוי צו זאגען, א פארבלענדבארע, א פארניכטבארע אין איהר רעאלער עקזיסטענץ, אנטהאלט אין זיך אט די אלע אייביגע און געטליכע פרינציפען, נאר אליין ניט וויסענדיג פון דעם, פאלט עס איהר גארנישט איין, אזוי ווי זיי וואלטען גאר אויף דער וועלט ניט געווען. זייענדיג אומשטערבליך, מוז זי נויטוועגדיגערווייזע אויך זיין אומשטערבליך אין דער פארגאנגענהייט, ווי אין דער צוקונפט. ווארים אויב זי זאל האבען אן אנהויב, מוז זי אויך האבען א סוף, און זי וואלט ניט געווען אומשטערבליך. וואס זי איז געווען, וואס זי האט געטאן אין פארלויף פון איהר גאנצער אייביגקייט, וואס זי האט איבערגעלאזט הינטער זיך, דאס ווייס איין גאט; וואס איז שייך איהר גופא, געדענקט זי עס ניט, ווייס זי עס ניט. דאס איז א גרויסער סוד, וואס איז פול מיט שרייענדיגע ווידערשפרוכען, פאר וועמעס פאנאנדערפלאנטערונג מען מוז אנקומען צום העכ־סטען ווידערשפרוך — צו גאט. עס קומט אויס, אז די נשמה, אליין ניט האבענדיג פון דעם קיין אהנונג, האלט דאך ערגעץ פארבאהאלטען אין א פארבארגען ווינקעלע פון איהר וועזען, אט די אלע געטליכע פרינציפען. נאר א פארפאלענע אין ערדישען חומר, אן אפגעטעמפטע דורך די גראב־מאטעריעלע באדינגונגען פון איהר געבורט און עקזיסטענץ אויף דער ערד, באזיצט זי ניט מעהר די פעהיגקייט זיי צו פארשטעהן, אפילו ניט זיך צו דער־מאנען אן זיי. דאס איז אלץ אייגס, ווי זי וואלט זיי נאר לחלוטין

ניט געהאַט. נאָר אָט באַגעגענען זיך אַ סך מענשליכע נשמות, — אַלע בעצם גלייך אומשטערבליך, אַלע גלייך אָפגעטעמפּט, פאַר־דאַרבען און פאַרמאַטעריאַליזירט דורך זייער רעאַלער עקזיסטענץ אין דער געזעלשאַפט. לכתחילה דערקענען זיי איינע די אַנדערע אַזוי ווייניג, אַז איין מאַטעריאַליזירטע נשמה פרעסט־אויף דער צווייטער. מענשענפרעסעריי איז געווען, ווי באַוואוסט, דער ער־שטער איינפיהר פון מענשליכען מין. דערנאָך, ווייטער פיהרענדיג איינע מיט די אַנדערע פאַרביטערטע מלחמות, שטרעבט יעדער איינציגער צו פאַרשקלאַפען אַלע איבעריגע, — דאָס איז דער לאַנגער פעריאָד פון שקלאַפעריי, וועלכער איז נאָך ביז היינטיגען טאָג ווייט צו קיין סוף ניט געקומען. ניט אין מענשענפרעסעריי, ניט אין שקלאַפעריי קאָן מען געפינען דעם מינדסטען שפור פון געטליכע פרינציפּען. נאָר אין דעם אומענדליכען קאַמף פון מענ־שען און פעלקער צווישען זיך, וועלכער מאַכט די געשיכטע, און צוליעב די אַלע אומצעהלבאַרע ליידען, וועלכע זיינען דער שיינ־באַרער רעזולטאַט פון אָט דעם קאַמף, ערוואַכען ביסלעכווייז די נשמות, געהען אַרויס פון זייער פאַרטעמפטקייט, קומען צו זיך, דערקענען איינע די אַנדערע און אַלץ מעהר און מעהר פאַרטיפענדיג זיך אין דעם איינענעם וועזען, וועקענדיג און רופענדיג איינע די אַנדערע, הויבען זיי ערשט אָן זיך דערמאָנען און דערפיהלען, און דערנאָך אַלץ קלערער זעהן און באַגרייפען די פרינציפּען, וועלכע גאָט האָט פון אייביג אָן פאַרזיגעלט אין זיי מיט זיין אייגענער האַנט.

די דאָזיגע דערוואַכונג און דערמאָנונג קומט פאָר ניט אין די מעהר אומענדליכע און אומשטערבליכע נשמות, וואָס דאָס וואָלט געווען אָן אונזין; די אומענדליכקייט קאָן ניט זיין גרע־סער אָדער קלענער, אַזוי אַז די נשמה פון דעם גרעסטען אידיאָט איז פונקט אַזוי אומענדליך און אומשטערבליך, ווי די נשמה פון דעם גרעסטען זשעניע; זיי קומען פאָר אין די נשמות פון די וואָס זיינען אַמווייניגסטען פאַרגרעבט און פאַרמאַטעריאַליזירט, און פאָלגליך זיינען זיי פעהיגער צו דערוואַכען און דערמאָנען זיך. אָט דאָס זיינען די מענשען, וואָס זיינען באַשאָנקען מיט געניאַ־ליטעט, מענשען, וואָס זיינען אינספּירירט פון גאָט, וואָס האָבען געהאַט אַ התגלות, די געזעצגעבער, די נביאים. איינמאָל האָבען

אַט די גרויסע מענשען, באַזעעלטע און אויפגעפאָדערטע פון גייסט, אָהן וועמעס הילף קיין גרויסעס און קיין גוטס קומט ניט פאָר אַט אויף דער וועלט, געפונען אין זיך אַט די געטליכע אמת'ען, וועלכע יעדער מענש טראָגט אינסטינקטיוו ביי זיך אין דער נשמה, ווערט שוין גרינגער פאַר אַלע אַנדערע מעהר פאַרגרעבטע און פאַרמאַ־טעריאַליזירטע מענשען צו מאַכען דיזעלבע אַנטדעקונג. און אַט פאַרוואָס יעדער גרויסער אמת, אַלע אייביגע פרינציפען, וואָס זיינען פון אָנפאַנג ערשינען אין דער געשיכטע אַלס געטליכע אַנטפּלעקונגען, ווערן שפּעטער דערפיהרט צו אמת'ן, פאַרשטעהט זיך געטליכע, נאָר וועלכע יעדער איינער קאָן און מוז אויסגעפינען אין זיך אַליין און זיי אָנערקענען אַלס דעם יסוד פון דעם אייגע־נעם אומענדליכען תוך, אָדער אומשטערבליכער נשמה. דאָס דער־קלערט, ווי אַזוי אַן אמת, וואָס איז לכתחילה אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן פון איין מענשען, פאַרשפּרייט זיך ביסלעכווייז אויף די אַרומיגע, שאַפט זיך תלמידים, — אין אָנהויב ווייניג און געוועהנליך פאַרפאָלגט פונקט ווי דער לעהרער, — צווישען די מאַסען און די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט; פאַרשפּריי־טענדיג זיך נאָכדעם אַלץ מעהר, טאָקע אַ דאַנק אַט די פאַרפאָל־גונגען, און ענדיגט זיך דערמיט, אַז ער באַהערשט דעם קאָלעק־טיוועז באַוואוסטזיין, און זייענדיג אַ לאַנגע צייט אויסשליסליך דער אמת פון איינעם, ווערט ער צום סוף איבערגעאַרבייט אין אַן אמת, וואָס איז אָנגענומען פון דער געזעלשאַפט; צי ער ווערט אָנגעווענדעט גוט אָדער שלעכט אין די עפענטליכע און פריוואַטע אַנשטאַלטען פון דער געזעלשאַפט, — ער ווערט אַ געזעץ.

דאָס איז די אַלגעמיינע טעאָריע פון די מאָראַליסטען פון דער מעטאַפיזישער שולע. אויפ'ן ערשטען בליק, זאָג איך, לאָזט זי זיך לייכט אָננעהמען און, ווי עס שיינט, פאַראייניגט זי זאַכען, וועלכע פּאַסען זיך לחלוטין ניט: די געטליכע אַנטפּלעקונג מיט דעם מענשליכען שכל, די אומשטערבליכקייט און אַבסאָלוטע אומ־אָפּהענגיגקייט פון די אינדיווידומען מיט זייער שטערבליכקייט און אַבסאָלוטער אָפּהענגיגקייט, דעם אינדיווידואַליזם מיט דעם סאָ־ציאַליזם. אונטערזוכען מיר אָבער די דאָזיגע טעאָריע און איהרע שלוסען נעהנטער, זעהען מיר באַלד איין, אַז דאָס איז נאָר אַ ריין אויסערליכע פאַראייניגונג, וועלכע באַהאַלט אונטער דער מאַסקע

פון ראַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם דעם גאָר אַלטען טריאומף פון דעם געטליכען אומזין איבער דעם מענשליכען שכל, און פון דעם אינדיווידועלען עגאָאיזם איבער דער געזעלשאַפטליכער סאָלידאַריטעט. סוף כל סוף דערפיהרט זי לאָגיש צו דער אבסאָלוטער פאַנאַנדערטיילונג און אָפּזונדערונג פון די אינדיווידומען, און פאָלגליך צו דער פאַרלייקענונג פון יעדער מאָראַל.

ניט קוקענדיג אויף די פּרעטענזיעס פון דער דאָזיגער טעאָריע אויף ריינעם ראַציאָנאַליזם, הויבט זי אָן מיט דער פאַרלייקענונג פון דעם גאַנצען שכל, מיט אַן אונזין, מיט דער פיקציע פון אומענדליכקייט, וואָס פאַרלירט זיך אין ענדליכקייט, אָדער מיט דער פאָראויסזעצונג פון נשמות, א סך אומשטערבליכע נשמות, וואָס זיינען פאַרזעצט און פאַרשפּאַרט אין תפיסה פון שטערבליכע קערפּערם. כדי גוטצומאַכען און צו דערקלערן דעם דאָזיגען אומזין, איז די טעאָריע געצוואונגען אָנצוקומען צו אַן אַנדער אומזין, צו דעם פאָרצינגליכסטען אומזין, צו גאָט, וועלכער איז אויך א מין אומשטערבליכע, פּערזענליכע, אומפאַרענדערליכע נשמה, וואָס איז פאַרזעצט און פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה פון דער פאַרגענגליכער און שטערבליכער וועלט, און בלייבט פונדעסטוועגען דאָך ביי איהר אַלוויסענהייט און אַלמעכטיגקייט. ווען מען שטעלט דער דאָזיגער טעאָריע ניט קיין באַשיידענע פראַגען, וועלכע זי איז געוועהנליך ניט ביכולת צו פאַרענטפערן, ווייל אַן אומזין איז אומפעהיג צו פאַרענטפערן־זיך און דערקלערן־זיך, ענטפערט זי מיט דעם שרעקליכען וואָרט גאָט, דער געהיימניספולער אבסאָלוט, וואָס דריקט כמעט גאָרנישט ניט אויס, אָדער באַדייט ניט עפּעס אוממעגליכעס, נאָר וואָס לויט איהר מיינונג, פאַרטייטשט און דערקלערט אַלץ. דאָס איז איהר זאַך און איהר רעכט, וואָרום דערפאַר, זייענדיג די יורש'טע און מעהר אָדער וועניגער די געהאָרכזאַמע טאָכטער פון דער טעאָלאָגיע, רופט זיך זיך מיטאַפיזיק.

אָבער דאָס וואָס פאַר אונז איז נויטיג צו באַטראַכטען איז די מאָראַלע פאָלגען פון אָט דער טעאָריע. קודם כל שטעלען מיר פעסט, אז איהר מאָראַל, ניט קוקענדיג אויף איהר סאָציאַליסטישען אויסזעהן, איז אין תוך אויסשליסליך אַן אינדיווידועלע מאָראַל; דערנאָך האָבען מיר שוין קיין שוועריגקייטען ניט צו באַווייזען,

אז וויבאלד איהר הויפטכאראקטער איז פון אזא מין, איז זי אין דער אמת'ן די פארלייקענונג פון דער נאנצער מאראל.

נאך אט דער טעאריע קומט אויס, אז די אומשטערבליכע און אינדיווידועלע נשמה פון יעדען מענשען, וועלכע איז אומענדליך און אבסאלוט־פאלקאמען אין איהר עצם, און אלס אזעלכע נויטיגט זי זיך ניט אין וועלכען עס איז וועזען, אדער אין באציהונגען מיט אנדערע וועזענס, זיצט א געפאנגענע, ווי זי וואלט גאר פריהער קיין שום באדייטונג ניט געהאט, אין דעם שטערבליכען קערפער. אין אט דעם צושטאנד פון נעפאלענקייט, וועמעס אורזאכען, ווי עס שיינט, וועלען פאר אונז פארבלייבען אויף אייביג פארבארגען, ווייל דער מענשליכער שכל איז אומפעהיג זיי צו דערקלערן און ווייל זייער איינציגע דערקלערונג געפינט זיך אין דעם אבסאלוטען סוד, אין גאט, נויטיגט זיך די מענשליכע נשמה, וועלכע איז דערבראכט צו אט דעם צושטאנד פון מאטעריאליזם און אפהענגיגקייט פון דער אויסערליכער וועלט, אין א געזעלשאפט, כדי צו דערוואכען, כדי זיך צו באזינען, כדי ווידער צו קומען צו דעם זעלבסטבאוואוסטזיין און די געטליכע פרינציפען, וועלכע זיינען פון אייביג אן פון גאט אין איהר פארפלאנצט און וועלכע שטעלען צוזאמען איהר אמת'ן תוך. אט דאס איז דער סאציאליסטישער טייל, דער סאציאליסטישער כאראקטער פון דער טעאריע. די געגענזייטיגע באציהונגען פון מענש צו מענש און פון יעדען מענשליכען אינדיווידום צו אלע איבעריגע, מיט איין ווארט, דער סאציאלער לעבען, איז לויט אט דער טעאריע ניט מעהר ווי א נויטווענדיגער מיטעל פון אנטוויקלונג, ניט מעהר ווי א בריק אריבערצוגעהן, אבער ניט דער ציעל; דער אבסאלוטער און לעצטער ציעל פאר יעדען אינדיווידום — דאס איז ער גופא, אפגעזונדערט פון אלע אנדערע מענשליכע אינדיווידומען; דאס איז ער אליין, אין אנגעזיכט פון דער אבסאלוטער אינדיווידואליטעט, פון גאט. דער מענש נויטיגט זיך אין מענשען, כדי ארויסצוגעהן פון זיין ערדישער נישטיגקייט, כדי זיך אליין צו געפינען, כדי פון דאס ניי ארומצוכאפען זיין אומשטערבליכען תוך, נאר קוים האט ער איהם געפונען, קעהרט ער זיך צוריק אום צו איהם מיט'ן רוקען, שעפט דאס לעבען נאר אין זיך אליין און בלייבט פארטיעפט אין דער באטראכטונג פון געהיימניספולען אומזין — אין בוקען זיך צו זיין גאט.

אויב ער האַלט נאָך דאָן אָן וועלכע ניט איז באַציהונג מיט מענשען, איז דאָס ניט צוליעב אַ מאָראַלען דראַנג, ניט צוליעב דער ליעבשאַפט צו זיי; ווייל מען ליעבט נאָר דאָס אין וואָס מען נויטיגט זיך און אין וואָס מען ווערט באַנויטיגט; אָבער אַ מענש, וואָס געפינט זיין אומענדליכען און אומשטערבליכען עצם צו־פרידענגעשטעלט אין זיך גופא, נויטיגט זיך אין קיינעם ניט, ער נויטיגט זיך אפילו ניט אין גאָט, וועלכער באַזיצט, ווי עס צייגט זיך אַרויס, אַ דאַנק דער נעהיימנים, וואָס נאָר די מעטאַפיזיקער אַליין פאַרשטעהען, אָן אומענדליכקייט וואָס איז מעהר אומענדליך און אָן אומשטערבליכקייט, וואָס איז מעהר אומשטערבליך, ווי די אומענדליכקייט און די אומשטערבליכקייט פון די מענשען. פון דעם מאָמענט וואָס אָן אינדיווידום, געשטיצט אויף דער אַלווי־סענהייט און אַלמעכטינקייט פון גאָט, איז פאַרטיעפט און פריי אין זיך אַליין, קאָן ער זיך מעהר ניט נויטיגען אין אַנדערע מענשען. און דעריבער, אויב ער האַלט נאָך ווייטער אָן באַציהונגען מיט זיי, קאָן דאָס נאָר זיין בלויז צוליעב צוויי טעמים:

ערשטענס, דערפאַר, ווייל אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך באַלאַדען מיט זיין שטערבליכען חומר, נויטיגט ער זיך אין אַ דירה, עסען און קליידונג, אין שוץ און פאַרטיידיגונג נעגען דער אויסערליכער נאַטור, ווי נעגען מענשליכע אָנפאַלען; און אויב ער איז נאָך אַ ציוויליזירטער מענש, נויטיגט ער זיך אין אַ סך מאַטעריעלע זאַכען, וועלכע פאַרשאַפען קאָמפאָרט, הרחבה, לוקסוס און אַ סך זאַכען, פון וועלכע אונזערע עלטערן האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט, וועלכע ווערן אָבער היינט פון אַלעמען אָנערקענט אַלס זאַכען פון דער ערשטער נויטווענדינקייט. פאַרשטעהט זיך, ער וואָלט גאַנץ גוט געקאָנט נאָכטאָן דעם ביישפיעל פון די הייליגע פון פאַרגאַנגענע דורות און זיך צוריקציהען ערגעץ אין אַ הייל און זיך דערנעהרן מיט וואָרצלען. ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס שמעקט ניט אונזערע היינטיגע קדושים, וועלכע דענקען וואַהרשיינליך, אַז דער מאַטע־ריעלער קאָמפאָרט איז נויטיג, כדי צו מציל זיין די נשמה. און דערפאַר נויטיגט ער זיך אין אָט די אַלע זאַכען. די אַלע זאַכען קאָנען אָבער פּראָדוצירט ווערן נאָר דורך דער קאָלעקטיווער ארבייט פון די מענשען: די איזאָלירטע ארבייט פון איין מענשען וואָלט

ניט אימשטאנד געווען צו פראָדוצירן אפילו א מיליאָנט־חלק פון דעם.

עס שטעלט זיך, אַלזאָ, ארויס, אז דער אינדיווידום, וועלכער באַזיצט אַן אומשטערבליכע נשמה און אַן אינערליכע, פון געזעלשאַפט ניט אָפּהענגיגע פרייהייט, — דער היינטיגער קדוש, — נויטיגט זיך מ א ט ע ר י ע ל אין אָט דער אייגענער געזעלשאַפט, אין וועלכער, פון מאָראַלען שטאנדפונקט, ער נויטיגט זיך לחלוטין ניט.

אָבער וואָס פאר א נאָמען דארף מען געבען אַזעלכע באַציהונגען, וועלכע זייענדיג מאָטיווירט אויסשליסליך פון מאַטעריעלע באדערפענישען, זיינען צו דערזעלבער צייט ניט געשטיצט און געהייליגט פון וועלכער ניט איז מאָראַלער באדערפעניש? עס איז קלאָר, אז נאָר איינעם: ע ק ס פּ ל ו א ט א צ י ע. און אין דער ווירקליכקייט, אין דער מעטאַפיזישער מאָראַל, און אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע, ווי באַוואוסט, אנטהאַלטען אין זייער עצם אָט די מאָראַל, מוז יעדער אינדיווידום ווערן אַן עקספּלואַטאַטאָר פון דער געזעלשאַפט, ד. ה. פון יעדען איינעם, און דער שטאַאַט, אין זיינע פאַרשיידענאַרטיגסטע פאָרמען, אָנהויבענדיג פון דער טעאָקראַטישער רעגירונג און דער אבסאָלוטסטער מאָנאַרכיע ביז דער דעמאָקראַטישסטער רעפּובליק, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם ברייטסטען אַלגעמיינעם וואהלרעכט, — איז אין דער אמת'ן קיין אַנדער זאַך ניט, ווי דער רעגולירער און גאַראַנטירער פון אָט דער געגענזייטיגער עקספּלואַטאַציע.

אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף דער מעטאַפיזישער מאָראַל, מוז יעטווידער אינדיווידום זיין אַן עקספּלואַטאַטאָר פון אַנדערע, דורך דער לאָגישער נויט, וואָס קומט ארויס פון זיין לאַגע, ווייל מ א ט ע ר י ע ל נויטיגט ער זיך אין אַלעמען, און מ אָ ר א ל י ש נויטיגט ער זיך אין קיינעם ניט.

און אָט אַזוי, אנטלויפענדיג פון דער געזעלשאַפטליכער סאָלידאַריטעט, אלס א שטערונג פאר דער פאַלשטענדיגער פרייהייט פון זיין נשמה, נאָר זוכענדיג איהר אלס א נויטיגען מיטעל אויפצוהאַלטען דעם אייגענעם גוף, באַטראַכט איהר יעדער איינער בלויז פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּערזענליכען מאַטעריעלען נוצען, און פון זיין זייט טראָגט ער ביי און גיט איהר בלויז דאָס, וואָס

איז אומפאַרמיידליך נויטיג ער זאָל בייטראָגען, כדי צו האָבען, ניט דאָס רעכט, נאָר די מ ע ג ל י כ ק י י ט צו פאַרזיכערן זיך מיט אָט דעם נוצען. מיט איין וואָרט, יעדער איינציגער באַציהט זיך צו איהר ווי אַן עקספּלואַטאַטאָר. אָבער אַזוי ווי אַלע זיינען צו גלייכער צייט עקספּלואַטאַטאָרס, ווערען אומפאַרמיידליך אייניגע זיין גליקליך און די איבעריגע אומגליקליך, וואָרום יעדע עקספּלואַטאַציע מוז אויך האָבען עקספּלואַטירטע.

און אָט אַזוי זיינען פאַראַן עקספּלואַטאַטאָרס, וועלכע קאָנען זיין אַזעלכע און זיינען עס טאַקע אין דער ווירקליכקייט; און עס זיינען פאַראַן אַנדערע, די מעהרהייט, דאָס פאָלק, וועלכע זיינען עקספּלואַטאַטאָרס בלויז מיט זייער קאָנען און ווילען, אָבער ניט אין דער ווירקליכקייט. אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי תמיד די עקספּלואַטירטע. און אָט אַזוי האָבען מיר דאָס, צו וואָס ער דערגעהט, אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמיע, די מעטאַפיזישע אָדער די בורזשואַזע מאָראַל: צו אַן אומאויפהערליכען, אכזריות'דיגען קריעג צווישען אַלע אינדיווידומען, צו אַ פאַרביטערטער מלחמה, וואו די מעהרהייט קומט אום, כדי צו פאַרזיכערן דעם טריאומף און דאָס גליק פון אַ קליינער צאָהל.

דער צווייטער טעם, וואָס קאָן צווינגען דעם אינדיווידום, וועלכער איז דערגאַנגען צו פולער זעלבסטבאַהערשונג, אָנצוהאַלטען באַציהונגען מיט די אַנדערע מענשען, איז דער פאַרלאַנג צו געפינען חן ביי גאָט. און די פליכט צו דערפיהלען זיין צווייטען געבאָט; די ערשטע פליכט איז — ליעב האָבען גאָט מעהר ווי זיך אַליין, און די צווייטע — ליעב צו האָבען מענשען, די נאָהענטע, פונקט ווי זיך אַליין, און טאָן זיי, פון ליעבע צו גאָט, אַל־דאָס־גוטס, וואָס זיי פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיי טאָן.

לאָמיר זיך אָפּשטעלען אויף די ווערטער: „פ ו ן ל י ע ב - ש אַ פ ט צ ו ג אָ ט"; זיי דריקען אויסגעצייכענט אויס דעם כאַראַקטער פון דער איינציג מעגליכער מענשען־ליעבע לויט דער מעטאַפיזישער מאָראַל, וועלכע באַשטעהט אייגענטליך אין דעם, אַז מען זאָל ליעב האָבען די מענשען, ניט צוליעב זיי גופא, ניט צוליעב אייגענער נויטווענדיגקייט, נאָר אויסשליסליך מיט דעם צוועק אויסצונעהמען ביי דעם אַלערהעכסטען האַר. איבעריגס, מוז עס אַזוי זיין: וואָרום קוים דערלאָזט די מעטאַפיזיק די עק־

זיסטענץ פון א גאָט און באַציהונגען פון מענשען צו גאָט, איז זי שוין געצוואונגען, פונקט ווי די טעאָלאָגיע, צו אונטערוואַרפען אונטער זיי די מענשליכע באַציהונגען. די אידעע פון גאָט פאַר־שלינגט און פאַרניכטעט אַלץ, וואָס איז ניט גאָט, פאַרבייטענדיג אַלע מענשליכע ווירקליכקייטען אויף געטליכע פיקציעס.

דער מענש, וואָס האָט דערגרייכט צום באַוואוסטזיין פון זיין אומשטערבליכער נשמה און זיין אינדיווידועלער פרייהייט פאַר גאָט און אין גאָט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, קאָן ניט, לויט דער מע־טאַפיזישער מאָראַל, ליעב האָבען די מענשען, ווייל מאָראַליש נויטיגט ער זיך ניט מעהר אין זיי, און דערפאַר, ווי איך האָב שוין צוגעגעבען, ווייל מען קאָן נאָר ליעב האָבען דאָס, וואָס נויטיגט זיך אין אייך.

אויב מען זאָל גלויבען די טעאָלאָגען און די מעטאַפיזיקער, ווערט דער ערשטער באַדינג אויסגעצייכענט דערפילט אין דער באַציהונג פון מענשען צו גאָט, ווייל זיי פאַרזיכערן, אז א מענש קאָן זיך אָהן גאָט ניט באַגעהן. ד. ה., א מענש קאָן און דאַרף ליעב האָבען גאָט, ווייל ער נויטיגט זיך אין איהם. וואָס איז שייך צום צווייטען באַדינג, צו דעם קאָנען ליעב האָבען נאָר דאָס, וואָס נויטיגט זיך אין דער ליעבע, ווערט דער דאָזיגער באַדינג ניט דערפילט אין די באַציהונגען צווישען מענשען און גאָט. עס וואָלט געווען אַן אומרעכט צו זאָגען, אז גאָט נויטיגט זיך אין דער ליעבע, פון מענשען. וואָרים אין עפּעס זיך נויטיגען, מיינט ליידען מאַנגעל אין זאַכען, וועלכע זיינען נויטוועדיג פאַר א פולער עקזיסטענץ, ד. ה. אז דאָס וואָלט געווען א באַוויז פון שוואַכקייט, אַן אָנער־קענונג פון אָרימקייט. גאָט, דער אַבסאָלוטער אַלעס־און־אַלץ אין זיך גופא, קאָן זיך ניט נויטיגען אין וועמען־עס־איז אָדער אין וואָס־עס־איז. ניט נויטיגענדיג זיך לחלוטין אין דער ליעבע פון די מענשען, קאָן ער זיי ניט ליעב האָבען; און דאָס וואָס עס ווערט אָנגערופען זיין ליעבע צו מענשען, ווייזט זיך אַרויס, איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַן אַבסאָלוטער יאָך, וואָס איז עהנליך, און גאַנץ נאַטירליך נאָך שטאַרקער, ווי דער היינטיגער יאָך פון דייטשען קייזער איבער זיינע אונטערטאַנען. די ליעבע פון די מענשען צו גאָט דערמאָנט אויך זעהר די ליעבע פון די דייטשען צו אָט דעם

מאָנאַרך, וועלכער איז איצט געוואָרן אַזוי מעכטיג, אַז נאָך גאָט, ווייסען מיר ניט פון קיין גרעסערער מאַכט.

אָן אמת׳ע, רעאַלע ליעבע, אָן אויסדרוק פון געגענזייטיגער און גלייכער נויטווענדיגקייט, קאָן נאָר עקזיסטירען צווישען גלייכע. די ליעבע פון אַ העכערן צו אַ נידעריגערן איז אַ לאַסט, אָן אָפּ־קומעניש, אַ דרוק, דאָס איז ענאַאיזם, גאוה און פוסטע פּראַלעריי, וואָס טריאומפירען אין זייער געפיהל פון גדלות און וואָס איז באַזירט אויף דעם צווייטענס דערנידעריגונג. די ליעבע פון אַ ני־דעריגערן צו אַ העכערן, דאָס איז די דערנידעריגונג, דער שרעק און די האָפענונג פון אַ שקלאַף, וואָס דערוואַרט פון זיין האַרר גליק אָדער אומגליק.

אָט דאָס איז דער כאַראַקטער פון דער באַריהמטער ליעבע פון גאָט צו די מענשען און פון די מענשען צו גאָט. דאָס איז דער דעספּאָטיזם פון איינעם און די שקלאַפעריי פון די אַנדערע.

וואָס באַדייטען די ווערטער: ליעב האָבען די מענשען און זיי טאָן גוטס צוליעב דער ליעבע צו גאָט? דאָס מיינט, אַז מען זאָל זיך מיט זיי באַגעהן אַזוי, ווי ס׳איז גאָט׳ס רצון, אַז מען זאָל זיך מיט זיי באַגעהן; און ווי וויל ער מען זאָל זיך מיט זיי באַגעהן? ווי מיט שקלאַפען. גאָט, לויט זיין טבע, קאָן זיך מיט זיי אַנדערש ניט באַגעהן. זייענדיג אַליין אַן אַבסאָלוטער האַר, מוז ער זיי באַטראַכטען, ווי אַבסאָלוטע שקלאַפען; און באַטראַכטענדיג זיי אַלס אַבסאָלוטע שקלאַפען, קאָן ער זיך מיט זיי אַנדערש ניט באַ־געהן, ווי מיט אַזעלכע. אום זיי צו באַפרייען האָט ער נאָר איין מיטעל, זיך אַליין פאַרלייקענען, פאַרניכטען און פאַרשווינדען. דאָס איז אָבער גאָר ניט קיין קליינע פאָדערונג אפילו פאַר זיין אַלמעכ־טיגקייט. כדי צופרידענצושטעלען זיין זאָנדערבאַרער ליעבע, וואָס ער פיהלט צו די מענשען פון זיין אייביגער, ניט וועניגער זאָנדער־באַרער גערעכטיגקייט, קאָן ער, ווי דער עוואַנגעליום דערצעהלט אונז, מקריב זיין זיין איינציגען זוהן; אָבער זיך אַליין פאַרליי־קענען, זיך אַליין טויטען, אויס ליעבע צו די מענשען, דאָס וועט ער קיינמאָל ניט טאָן, סיידען ער וועט דערצו געצוואונגען ווערן פון דער וויסענשאַפטליכער קריטיק. כל זמן די לייכטזיניגע פאַנטאַזיע פון די מענשען וועט איהם ערלויבען צו עקזיסטירן, וועט ער שטענדיג בלייבען אַן אַבסאָלוטער האַר, אַ הערשער איבער שקלאַפען. עס איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז באַגעהן זיך מיט מענשען אין איינקלאַנג

מיט דעם ווילען פון גאָט, מיינט, באַגעהן זיך מיט זיי ווי מיט שקלאַפען. ליעב האָבען די מענשען ווי גאָט, הייסט ליעב האָבען זייער שקלאַפעריי. דורך גאָט'ס גנאָד אַ פאָלקאָמענער און אומ־שטערבליכער אינדיווידום, וואָס פיהלט זיך פריי, דוקא אַלס גאָט'ס אַ קנעכט, נויטיג איך זיך אַפילו ניט אין קיין איינציגען מענשען, כדי פולער צו מאַכען מיין גליק און מיין אינטעלעקטועלע און מאָראַלע עקזיסטענץ, איך האַלט נאָר אָן באַציהונגען מיט זיי, אויס געהאָרכזאַמקייט צו גאָט, און ליעב האָבענדיג זיי אויס ליעבשאַפט צו גאָט, באַגעה איך זיך מיט זיי, אין איינקלאַנג מיט גאָט'ס ווילען, איך וויל, אַז זיי זאָלען זיין גאָט'ס שקלאַפען, פונקט ווי איך אַליין. דאַריבער, אויב דעם אַלערהעכסטען הערשער וועט געפעלען זיין אויסצודערוועהלען מיך, אום אויסצופיהרען זיין הייליגען רצון אויף דער ערד, וועל איך זיי קאָנען צווינגען צו דעם. אָט דאָס איז דער אמת'ער כאַראַקטער פון דעם, וואָס די אויפריכטיגע און ערנסטע דיענער פון גאָט רופען אָן זייער ליעבע צו מענשען. דאָס איז ניט אַזוי די זעלבסט־אויפאָפּפערונג פון די, וועלכע ליעבען, ווי די גע־צוואונגענע זעלבסטאָפּפערונג פון די, וועלכע זיינען די גענענ־שטאַנדען, אָדער בעסער געזאָגט די קרבנות, פון דער ליעבע. עס איז ניט זייער באַפרייאונג, עס איז זייער פאַרשקלאַפונג פאַר דעם גרויסען כבוד פון גאָט. און אָט אויף דעם דאָזיגען אופן געהט איבער די געטליכע הערשאַפט אין מענשליכער הערשאַפט און די קירכע ווערט דער שטאַאַט.

אין איינקלאַנג מיט דער טעאָריע, האָבען אַלע מענשען גע־דאַרפט דיענען גאָט אויף דעם שטייגער. נאָר ווי באַוואוסט, רופט מען אַ סך, נאָר מען קלייבט אויס וועניג. און אַ חוץ דעם, ווען אַלע וואָלטען געוועזן גלייך פעהיג דאָס צו דערפילען, ד. ה. ווען אַלע וואָלטען דערגרייכט אַ גלייכע שטופע פון מאָראַלער און אינ־טעלעקטועלער פאָלקאָמענהייט, הייליגקייט און פרייהייט אין גאָט, וואָלט דאָס דיענען גופא געוואָרן אומנויטיג. אויב ס'איז יאָ נויטיג, איז עס דערפאַר, ווייל די גרויסע מעהרהייט פון די מענשליכע אינדיווידומען האָבען נאָך ניט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, פון וואָס עס פאָלגט, אַז אָט די אומוויסענדע, ניט־געהייליגטע מאַסע נויטיגט זיך מען זאָל זי ליעבען און מדריך זיין אין איינקלאַנג מיט גאָט'ס רצון, ד. ה. ווערן רעגירט און פאַר־

שקלאַפּט פון א קליינער צאָהל הייליגע, וועלכע גאָט אליין וועהלט אויס, אויף אזא אָדער אויף אנאַנדער אופן, און שטעלט זיי אוועק אין א פּריוויליגירטער לאַגע, כדי זיי זאָלען זיין ביכולת צו דערפילען אָט די פליכט.*

די געהייליגטע פּראַזען ביים באהערשען די פאָלקס־מאַסען, — פאַרשטעהט זיך, פון זייער טובה וועגען, צוליעב דעם ראַטעווען זייערע נשמות, אויב שוין ניט זייערע קערפּערס, — באַשטעהען אומעטום, — אין די טעאָקראַטישע און אריסטאָקראַטישע שטאַאַטען, וואָס ווערן באהערשט דורך הייליגע און אַריסטאָקראַטען, ווי אין די געלעהרטע, ליבעראַלע און אפילו רעפּובליקאַנישע שטאַאַטען, וועלכע זיינען געגרינדעט אויף אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט, און ווערן רעגירט פון אינטעליגענטען און רייכע, — פון דיזעלבע

---

* אין די גוטע אַלטע צייטען, ווען די קריסטליכע אמונה איז נאָך געווען פעסט און פאַרטראָטען הויפּטזעכליך דורך דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע, ווען זי האָט געבליהט אין איהר פולער קראַפט, האָט גאָט ניט געדאַרפט זוכען קיין מיטלען ווי אָנצוצייגען אויף זיינע אויסדערוועהלטע. עס איז געווען אַלגעמיין אָנערקענט, אַז אַלע קיסרים גרויסע און קליינע, געוועלטיגען מיט גאָט'ס גנאָד, אויב זיי זיינען נאָר ניט געווען אויסגעשלאָסען פון דער קירכע; אויך דער אַדעל האָט באַגרינדעט זיינע פּריווילעגיעס אויף דעם הסכם און דער ברכה פון דער הייליגער קירכע. אַפילו דער פּראָטעסטאַניזם, וועלכער האָט שטאַרק בייגעהאָלפען — געגען דעם אייגענעם ווילען, נאַטירליך — צו פאַרניכטען רעליגיאָן, האָט פונדעסטוועגען אין דער הינזיכט איבערגעלאָזען די קריסטליכע לעהרע אומבאַריהרט: „יעדע מאַכט” — האָט ער נאָכגעזאָגט דעם [illegible] פּאַול — „איז פון גאָט”. דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט זייער פאַרשטאַרקט די קעניגליכע מאַכט, פּראָקלאַמירענדיג, אַז זי שטאַמט דירעקט פון גאָט, ניט נויטיגענדיג זיך אין דער פאַרמיטלונג פון דער קירכע, נאָר פאַרקעהרט, אונטערוואַרפענדיג איהר אונטער זיך. זינט אָבער די פילאָזאָפיע פון לעצטען יאָהרהונדערט, צוזאַמען מיט דער בורזשואַזער רעוואָלוציע, האָבען דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ דער רעליגיע און האָבען אַרונטערגעוואָרפען אַלע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געווען געבויט אויף אמונה, קומט עס אָן ניט גאָר גרינג צו רעסטאַווירען די לעהרע פון מאַכט אין דעם באַוואוסטזיין פון די מענשען. אמת, די היינטיגע קעניגע רופען זיך נאָך אַלץ הערשער „פון גאָט'ס גנאַדען”, אָבער די דאָזיגע ווערטער, וועלכע האָבען אַמאָל געהאַט אַזאַ לעבענספולע, מעכטיגע, רעאַלע באַדייטונג, ווערען היינט באַטראַכט פון די אינטעליגענטע קלאַסען, און זאָגאַר פון אַ טייל פון פאָלק, ווי אַן אַלטע, באַנאַלע פראַזע, וואָס האָט אין דער אמת'ן קיין באַדייטונג ניט. נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט זי פּרובירט באַנייען, צוגעבענדיג צו איהר אַ צווייטע פראַזע: „און מיט'ן ווילען פון פאָלק”, וועלכע, ווען מען שטעלט איהר צו צו דער ערשטער, איז אָדער זי פאַרניכטעט איהר און ווערט אַליין פאַרניכטעט, אָדער זי מיינט, אַז וואָס דאָס פאָלק וויל, דאָס וויל אויך גאָט.

ווערטער: „אַלץ פאַר'ן פאָלק, גאָרנישט דורכ'ן פאָלק". דאָס באַדייט, אַז די הייליגע, די אַריסטאָקראַטען, אָדער די וואָס זיינען דורך זייער וויסענשאַפטליכער אַנטוויקעלטער בילדונג, אָדער דורך זייער עשירות, — אַט די אַלע מענשען, וואָס זיינען פיעל נעהענטער ווי די פאָלקס־מאַסען צום אידעאַל אָדער צו גאָט, ווי עס זאָגען איינע; צום פאַרשטאַנד, צו גערעכטיגקייט און אמת'ער פרייהייט, ווי עס זאָגען אַנדערע, — האָבען אויף זיך די הייליגע און ערהאַבענע שליחות צו זיין די ויעגווייזער פון די פאָלקס־מאַסען. אויפאָפּפערנדיג די אייגענע אינטערעסען און פאַרנאַכלעסיגענדיג די אייגענע עסקים, מוזען זיי זיך ווידמען צו דעם גליק פון זייער קלענערן ברודער — דאָס פאָלק. רעגירען איז ניט קיין פאַרגעניגען, דאָס איז אַ שווערע פליכט: יאָגענדיג זיך נאָך

---

עס בלייבט נאָר צו דערוויסען זיך, וואָס דאָס פאַלק וויל און דורך וועלכען מיטעל ער דריקט אַם בעסטען און אַם ריכטיגסטען אויס זיין ווילען. די ראַדיקאַלע דעמאָקראַטען ריידען זיך איין, אַז אַזאַ זאַך איז שטענדיג די פאַרזאַמלונג, וואָס איז ערוועהלט דורך אַלגעמיינע שטימרעכט. אַנדערע, נאָך מעהר ראַדיקאַלע, לייגען נאָך צו דעם רעפערענדום, די דירעקטע אָפּשטימונג פון גאַנצען פאָלק וועגען יעדען אויף וויפיעל ניט איז וויכטיגען געזעץ. אַלע, די קאָנסערוואַטיווען, ווי די ליבעראַלען, די מעסיגע ראַדקאַלען און די עקסטרעמע ראַדיקאַלען, זיינען איינשטימיג אויף דעם פונקט, אַז דאָס פאָלק מוז רעגירט ווערן; ער קאָן זיך אַליין אויסקלייבען זיינע רעגירער און הערען, אָדער זיי קאָנען אַרויפגעזעצט ווערן אָהן זיין ווילען, אָבער אין יעדען פאַל מוז ער האָבען הערשער און הערען. ניט האָבענדיג קיין שכל, מוז ער זיך פאַרלאָזען אויף דער פיהרערשאַפט פון די, וואָס זיינען דערמיט באַשאָנקען.

אין דער צייט, וואָס אין פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט מען דאָס רעכט צו הערשען נאַאיוו באַרעכטיגט אין נאָמען פון גאָט, באַרעכטיגט מען עס היינט, טעאָרעטיש, אין נאָמען פון שכל; שוין ניט די גייסטליכע פון אַ געשטירצטער אמונה, נאָר די פּאַטענטירטע גייסטליכע פון דאָקטרינערן שכל פאָדערן הערשאַפט, און דאָס איז אין אַן עפּאָכע, ווען דער באַנקראָט פון דעם דאָזיגען שכל ווערט קלאָר. וואָרים קיינמאָל האָבען די געבילדעטע און געלעהרטע, און די וואָס מען רופט געבילדעטע קלאַסען, ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ בילד פון אַזאַ מאָראַלער געזונקענהייט, פון אַזאַ פּיגהייט, פון אַזאַ עגאָאיזם און פון אַזאַ פאָלשטענדיגער אָפּוועזענהייט פון איבערציוגונגען, ווי אין אונזערע טעג. צוליעב דער אויסערגעוועהנליכער פּיגהייט, זיינען זיי פאַרבליבען שוואַכזיניג, ניט קוקענדיג אויף זייער גאַנצער געלעהרטקייט, ניט זייענדיג בכח אויסצודענקען עפּעס אַנדערש, ווי אויפצוהאַלטען דאָס וואָס עס איז שוין פאַראַן, נאַריש האָפענדיג אָפּצושטעלען דעם גאַנג פון דער געשיכטע דורך דער רויהער קראַפט פון אַ מיליטערישער דיקטאַטור, פאַר וועלכער זיי אַליין בוקען זיך אַזוי שענדליך.

דעם, שטרעבען זיי ניט צופרידענצושטעלען זייער עהרגייץ, זייער אַמביציע אָדער גיריגקייט, נאָר בלויז עס זאָל פאַר זיי מעגליך זיין זיך מקריב צו זיין פאַר'ן אַלגעמיינעם גליק. אָט דערפאַר איז דאָס די צאָהל זוכער פון אָפּיציעלע עמטער אַזוי אומבאַדייטענד, אָט דערפאַר נעהמען דאָס די קיסרים, די מיניסטאָרען, די גרויסע און די קליינע בעאַמטע, זייער הערשאַפט בלויז מיט אַ שוועער הארץ.

און אָט ווי אַזוי מיר האָבען אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט לויט דער טעאָריע פון די מעטאַפיזיקער, צוויי פאַרשיידענ־אַרטיגע און זאָגאַר נעגענזעצליכע מינים באַציהונגען, וואָס קאָנען עקזיסטירען צווישען אינדיווידומען: ערשטענס — עקספּלואַטאַציע, צווייטענס — הערשאַפט. אויב ס'איז אמת, אז הערשען מיינט

פונקט ווי אין די אַמאָליגע צייטען האָבען זיך די פאָרשטעהער פון געטליכען שכל און אויטאָריטעט, די קירכע און די הייליגע, אָפּען פאַרבונדען מיט דער עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע פון די מאַסען, וואָס איז אויך געווען די הויפּט־אורזאַך פון זייער פאַלען, פונקט אַזוי האָבען זיך היינט די פאָרשטעהער פון מענשליכען פאַרשטאַנד און אויטאָריטעט, דער שטאַאַט, די געלעהרטע געזעלשאַפטען און די געבילדעטע קלאַסען, גאַנץ שטאַרק אידענטיפיצירט מיט דער זאַך פון אכזריות'דיגער און אומגערעכטער עקספּלואַטאַציע, כדי צו זיין ביכולת אויפצוהאַלטען כאָטש די קלענסטע מאָראַלישע קראַפט, דעם מינדעסטען פּרעסטיזש. געפּלאָגטע פון איינענעם געוויסען, פיהלען זיי זיך אַנטמאַסקירט, און זיי האָבען ניט קיין אַנדער באַהעלטעניש, פון דער כשר־פאַרדיענטער — לויט זייער איינענעם באַוואוסטזיין — פאַראַכטונג, ווי דעם ווילדען באַווייזען פון דער נויטווענדיגקייט פון אַן אָרגאַניזירטער און באַוואָפענטער געוואַלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט אויף דריי עקעלהאַפטע זאַכען: ביוראָקראַטיע, פּאָליציי און אַ שטענדיגע אַרמעע, דאָס וואָס עס איז איצט דער שטאַאַט, די פאַרקערפּערונג פון דעם עקספּלואַטירענדען און דאָקטרינערען שכל פון די פּריוועליגירטע קלאַסען.

קעגען אָט דער פוילענדער און אָפּשטאַרבענדער בילדונג שטעהט אויף און ווערט געשאַפען אין די פאָלקס־מאַסען אַ נייע בילדונג, אַ יונגע, אַ קרעפטיגע, פול לעבען און צוקונפט, וועלכע, פאַרשטעהט זיך, איז נאָך ניט וויסענשאַפטליך אַנטוויקעלט, נאָר וועלכע גאַרט נאָך אַ נייער וויסענ־שאַפט, וואָס זאָל זיין באַפרייט פון די אלע נאַרישקייטען פון מעטאַפיזיק און טעאָלאָגיע. אָט די בילדונג וועט ניט האָבען ניט קיין פּאַטענטירטע פּראָפעסאָרען, ניט קיין נביאים, ניט קיין גייסטליכע, נאָר אויפפלאַקערנדיג אין יעדען איינציגען און אין אַלע, וועט זי ניט באַשאַפען ניט קיין נייע קירכע, ניט קיין נייעם שטאַאַט; זי וועט פאַרניכטען יעדען שפור פון אָט דעם פאַרשאָלטענעם פּרינציפּ פון הערשאַפט, סיי מענשליכע, סיי געטליכע, און איבערלאָזענדיג די פולסטע פרייהייט פאַר יעדען איינציגען, וועט זי פאַרווירקליכען די גלייכהייט, סאָלידאַריטעט און ברידערליכקייט פון מענשליכען מין.

אָפּפערן זיך פאַר'ן וואוילזיין פון די באהערשטע, איז דער צווייטער מין באַציהונג אין דער ווירקליכקייט איינגאַנצען להיפּוך דער ער־שטער, — דער באַציהונג פון עקספּלואַטאַציע. נאָר לאָמיר דאָס דערקלערן. אין איינקלאַנג מיט דער אידעאַליסטישער טעאָריע, דער טעאָלאָגישער אָדער מעטאַפיזישער, קאָנען די ווערטער: „וואוילזיין פון פאָלק" ניט באַדייטען דאָס ערדישע, צייטוויילינע וואוילזיין פון פאָלק; וואָס פאַר אַ ווערדע האָבען עטליכע צעהנדליג יאָהר פון ערדישען לעבען אין פאַרגלייך מיט דער אייביגקייט. עס איז בכן נויטיג צו רעגירען איבער די מאַסען, ניט צוליעב דעם גשמיות'דיגען גליק, וואָס קומט פון דעם מאַטעריעלען וואוילזיין אויף דער ערד, נאָר צוליעב זייער אייביגער רעטונג. מאַטעריעלע נויטען און צרות קאָנען אפילו באַטראַכט ווערן אַלס אַן ערציהונגס מיטעל, וואָרים עס איז באַוויזען, אַז דער איבערפלוס פון קערפּער־ליכע פאַרגעניגענס טויטעט די אומשטערבליכע נשמה. אין דעם פאַל אָבער פאַרשווינדט דער ווידערשפּרוך: עקספּלואַטירען און רעגירען, מיינט איינס און דאָס זעלבע; איינס ערגענצט דאָס אַנדערע און דיענט אי אַלס מיטעל, אי אַלס ציעל.

עקספּלואַטאַציע און הערשאַפט, — פון וועלכע די ערשטע גיט די מיטלען צו הערשען און בילדעט דעם נויטיגען יסוד, ווי אויך דעם ציעל פון יעדער הערשאַפט, וועלכע פון איהר זייט גאַ־ראַנטירט און פאַרגעזעצליכט די מעגליכקייט פון עקספּלואַטאַציע, — זיינען ביידע, די צוויי ניט־צעטיילבאַרע ברעגען פון דעם, וואָס עס ווערט אָנגערופען פּאָליטיק. אין אָנהויב פון דער געשיכטע האָבען זיי אייגענטליך מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס רעאַלע לעבען פון רעגירונגען: טעאָקראַטישע, מאָנאַרכיסטישע, אַריסטאָקראַ־טישע און אפילו דעמאָקראַטישע. אין די פריהערדיגע צייטען, ביז צו דער גרויסער רעוואָלוציע אין סוף פון 18טען יאָהרהונדערט, איז זייער אינטימער בונד געווען פאַרמאַסקירט דורך רעליגיעזע, לאָ־יאַלע און ריטערישע איינבילדונגען; אָבער פון דער צייט אָן, וואָס די רויהע האַנט פון דער בורזשואזיע האָט די דאָזיגע, אגב אורחא זעהר דורכזיכטיגע, מאַסקע אַרונטערגעריסען; פון דער צייט אָן, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער שטורם האָט פאַנאַנדערגעטריבען אַלע פוסטע פאַנטאַזיעס, הינטער וועלכע די קירכע, דער שטאַאַט, די טעאָקראַטיע און די מאָנאַרכיע האָבען געקאָנט אַזאַ לאַנגע צייט

און אזוי רוהיג אָפּטאָן זייערע אַלע שעדליכע מעשים; פון דער צייט אָן, וואָס דער בורזשואזיע איז מיאוס געוואָרן צו זיין די קאָוואדלע און איז אַליין געוואָרן דער האמער; מיט איין וואָרט, פון דער צייט, וואָס זי האָט באַשאַפען דעם מאָדערנעם שטאַאַט, איז אָט דער פאַטאַלער בונד פאַר אַלעמען געוואָרן אַן אָפענער און אומבאַשטרייטבאַרער אמת.

עקספּלואַטאַציע איז דער ממשות׳דיגער גוף, און רעגירונג — די נשמה־פון בורזשואזען רעזשים. און ווי מיר האָבען נאָר וואָס געזעהן, זיינען זיי ביידע אזוי ענג צונויפגעבונדען, אַז זיי ווערן, סיי פון טעאָרעטישען, סיי פון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, דער נויטוועדיגער און ריכטיגער אויסדרוק פון מעטאַפיזישען אידעאַליזם, אַן אומפאַרמיידליכע פאָלגע פון דער בורזשואזער לעהרע, וואָס זוכט די פרייהייט און מאָראַליטעט פון די אינדיווידומען אויסערהאַלב פון דער געזעלשאַפטליכער סאָלידאַריטעט. די דאָזיגע לעהרע פיהרט צו דער עקספּלואַטירענדער הערשאַפט פון אַ קליינער צאָהל גליקליכע אָדער אויסדערוועהלטע און צו דער עקספּלואַטירטער שקלאַפעריי פון דער מעהרהייט, כמעט פון אַלעמען; עס ברענגט צו דער פאַרלייקענונג פון יעדער מאָראַל און פון יעדער פרייהייט.

---

אָנווייזענדיג אויף וואָס פאַר אַ אופן דער אידעאַליזם, וועלכער קומט אַרויס פון די אומזיניגע אידעען: גאָט, אומשטערבליכקייט פון דער נשמה, אורשפּרינגליכע פרייהייט פון אינדיווידומען און זייער מאָראַל, אומאָפּהענגיג פון דער געזעלשאַפט, האָט געמוזט פאַטאַל פיהרען צו דער פאַרהייליגונג פון שקלאַפעריי און אוממאָראַליטעט, בלייבט מיר איצט צו דערווייזען, ווי די רעאַלע וויסענשאַפט, דער מאַטעריאַליזם און דער סאָציאַליזם — דער צווייטער אויסדרוק איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די ריכטיגע און פולע אַנטוויקלונג פון דעם ערשטען — פיהרען מיט דערזעלבער נויטוועדיגקייט, — און טאַקע דערפאַר ווייל זיי קומען אַרויס פון דער מאַטעריעלער נאַטור און פון דער נאַטירליכער אורשפּרינגליכער שקלאַפעריי פון די מענשען, דעריבער מוזען זיי זוכען די באַפרייאונג פון דעם מענשען ניט אויסערהאַלב דער געזעלשאַפט

נאָר אין איהר גופא, ניט געגען איהר נאָר דורך איהר, — צו, דער איינפיהרונג פון דער ברייטסטער אינדיווידועלער פרייהייט און מענשליכער מאָראַליטעט.

# פעדעראַליזם, סאָציאַליזם און אַנטיטעאָלאָגיזם

אַ מאָטיווירטער פאָרשלאַג צום צענטראַלען קאָמיטעט פון דער „פרידענס־ און פרייהייטס־ליגע”, פון מיכאַאיל באַקונין.

זשענעוואַ.

מיינע הערען!

די זאַך, וואָס באַשעפטיגט אונז היינט, איז צו אָרגאַניזירען און ענדגילטיג צו באַפעסטיגען די „פרידענס־און פרייהייטס־ליגע", נעהמענדיג אַלס באַזיס די פרינציפּען, וועלכע זיינען פאָרמולירט געוואָרן פון פריהערדיגען פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט און וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן פון קאָנגרעס. די דאָזיגע פרינציפּען זיינען פון דעמאָלט אָן געוואָרן אונזער כאַרטיע, דער נויטווענדיגער באַזיס פאַר אַלע אונזערע ווייטערדיגע ארבייטען. מיר האָבען מעהר קיין רעכט ניט אַרונטערצונעמען פון זיי כאָטש דעם קלענסטען טייל; מיר קאָנען אָבער און עס איז אויך אונזער פליכט, זיי צו אַנטוויקלען.

די דערפילונג פון אָט דער פליכט איז אין דער איצטיגער צייט נאָך נויטווענדיגער, ווייל, ווי ס'איז אַלעמען באַוואוסט, זיינען די דערמאָנטע פרינציפּען פאָרמולירט געוואָרן אין איילעניש, אונטער דעם דרוק פון דער האַרטער זשענעווער גאַסטפריינדליכקייט... מיר האָבען זיי אָנגעוואָרפען, אַזוי צו זאָגען, צווישען צוויי שטורעמס, זייענדיג געצוואונגען אָפּצושוואַכען אונזערע אויסדרוקען, כדי צו פאַרמיידען אַ גרויסען סקאַנדאַל, וועלכער וואָלט געקאָנט פיהרען צו דער פאָלשטענדיגער פאַרניכטונג פון אונזער זאַך.

היינט, ווען אַ דאַנק דער מעהר אויפריכטיגער און ברייטהערציגער גאַסטפריינדליכקייט פון דער שטאָט בערן, זיינען מיר פריי פון יעדען אָרטיגען, אויסערליכען דרוק, מוזען מיר אָט די פרינציפּען אַוועקשטעלען אין זייער גאַנצער אומבאַריהרבאַרקייט, אַוועקוואַרפענדיג יעדע צווייזייטיגקייט, אַלס אַ זאַך, וואָס איז ניט פאַסיג פאַר אונז, וואָס איז ניט פאַסיג פאַר דער גרויסער זאַך, וועלכער מיר זיינען גערופען געוואָרן צו באַגרינדען.

פאַרשוויגונג, האַלבע אמת'ען, אָפּגעקירצטע געדאַנקען, העפליכע מילדקייט און די נאָכגעביגקייט פון שרעקעדיגער דיפּלאָמאַטיע, דאָס אַלץ איז נוצלאָז אין דער פאַרווירקליכונג פון גרויסע זאַכען; אַזעלכע זאַכען ווערן נאָר פאַרווירקליכט מיט דער הילף

פון א געהויבענעם הארצען, א קלאָרן און פעסטען שכל, א קלאָר באשטימטען ציעל און א שטארקען מוט.

מיינע הערען, מיר האָבען אונטערנומען א גרויסע זאך, לאָמיר זיך דערהויבען צו דער הויכקייט פון אונזער אונטערנעהמונג. זי וועט זיין גרויס אָדער לעכערליך, מיטעלמעסיג טאָר זי ניט זיין; און כדי די זאך זאָל זיין גרויס, איז לכל הפחות נויטיג, אז מיר, דורך אונזער דרייסטקייט און אויפריכטיגקייט, זאָלען זיך ארויס־ווייזען אלס אזעלכע.

ניט קיין אקאדעמישען אנאליז פון פרינציפען לעגען מיר פאָר איצט פאר אייער אויפמערקזאמקייט. מיר לאָזען ניט ארויס פון אויג, אז מיר זיינען זיך דאָ הויפטזעכליך צוזאמענגעקומען, כדי אנצומערקען די אלע מיטלען און די אלע פּאָליטישע מאסרעגלען, וואָס זיינען נויטיג פאר דער פארווירקליכונג פון אונזער זאך. מיר ווייסען אָבער אויך, אז אין דער פּאָליטיק איז אָן אָרענטליכע, ניצליכע, פּראקטישע טעטיגקייט אוממעגליך, אָהן א קלאָר־באשטימ־טער טעאָריע און אָהן א לייטענדען ציעל. אין געגענפאל, ווי מיר זאָלען ניט זיין באגייסטערט פון די ברייטסטע און פרייהייטס־ליעבענדסטע געפיהלען, וואָלטען מיר געקאָנט דערגעהן צו א פּראק־טיק, וואָס איז אינגאנצען להיפוך די געפיהלען; מיר וואָלטען גע־קאָנט אָנהויבען פון רעפּובליקאנישע, דעמאָקראטישע און סאָציא־ליסטישע איבערצייגונגען און פארענדיגען ווי ביסמארקיאנער אָדער ווי באָנאָפּארטיסטען.

דריי זאכען מוזען מיר היינט טאָן:

1) פעסטשטעלען די באדינגונגען און די עלעמענטען פון א נייעם קאָנגרעס.

2) אָרגאניזירען אונזער ליגע, אויף וויפיעל דאָס וועט מעגליך זיין, אין אלע אייראָפּעאישע לענדער; איהר אויסברייטען, און אונז דאכט זיך, אז דאָס איז זעהר וויכטיג, אפילו אויף אמעריקא, און גרינדען אין יעדען לאנד נאציאָנאלע קאָמיטעטען און פּראָ־ווינציעלע אונטערקאָמיטעטען, איבערלאָזענדיג פאר זיי זייער פולע געזעצליכע, נויטיגע אויטאָנאָמיע, און זיי אלע היראַרכיש אונטער־אָרדנען דעם צענטראלען קאָמיטעט אין בערן. געבען די קאָמי־טעטען פולמאכט און די נויטיגע אינסטרוקציעס פאר פּראָפּאגאנדא און דעם אויפנעהמען פון נייע מיטגליעדער.

3) צוליעב אַט דער פראָפּאַגאַנדאַ גרינדען אַ צייטונג.

איז עס דען ניט קלאָר, אַז כדי מיר זאָלען קאָנען ריכטיג דורכפיהרען די דריי זאַכען, דאַרפען מיר קודם כל פעסטשטעלען די פּרינציפּען, וועלכע זאָלען באַשטימען, שוין אָהן שום צווייפעלהאַפטיגקייט, דעם כאַראַקטער און דעם ציעל פון דער ליגע? די דאָזיגע פּרינציפּען וועלען פון איין זייט באַגייסטערן און ריכטען אונזער שריפטליכע, ווי די מינדליכע פּראָפּאַגאַנדע, און פון דער צווייטער זייט וועלען זיי דיענען אַלס באַדינגונגען און אַלס באַזיס פאַר דעם אויפנעהמען נייע מיטגליעדער. דער לעצטער פּונקט, מיינע הערען, שיינט אונז צו זיי זעהר וויכטיג. וואָרים די גאַנצע צוקונפט פון אונזער ליגע וועט זיין אָפּהענגיג פון די אידעען און נייגונגען, ווי אויך פון די פּאָליטישע און סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און מאָראַלע טענדענצען פון די נייע אָנקומענדע מאַסען, פאַר וועלכע מיר וועלען עפענען אונזערע רייהען. פאָרמירענדיג אַן אינסטיטוציע, אויף דעם העכסטען גראַד אַ דעמאָקראַטישע, פּרעטענדירען מיר ניט צו פאַרוואַלטען אונזער פאָלק, ד. ה. די מאַסען פון אונזערע אָנהענגער, פון אויבען; און ווי נאָר אונזער געזעלשאַפט וועט זיך ריכטיג איינאָרדענען, וועלען מיר זיך מעהר ניט ערלויבען ארויפצווינגען אויף איהר די אויטאָריטעט פון אונזערע געדאַנקען. אומגעקעהרט, מיר ווילען, אַז אַלע אונזערע פּראָווינציעלע אונטערקאָמיטעטען און נאַציאָנאַלע קאָמיטעטען, און אַפילו דער צענטראַלער אָדער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט גופא, זאָלען ערוועהלט ווערן פון אונטען ביז אויבען דורך דער אָפּשטימונג פון אַלע אונזערע אָנהענגער פון אַלע לענדער, און זיי זאָלען אויף אַזאַ אופן ווערן דער ריכטיגער און געהאָרכזאַמער אויסדרוק פון זייערע געפיהלען, פון זייערע אידעען און ווילען. אָבער איצט, טאַקע דערפאַר, ווייל מיר האָבען באַשלאָסען זיך צו אונטערוואַרפען אין אַלץ, וואָס וועט האָבען אַ שייכות מיט דער אַלגעמיינער טעטיגקייט פון דער ליגע, אונטער דעם וואונש פון דער מאַיאָריטעט; איצט, ווען מיר געפינען זיך נאָך אין אַ קליינער צאָהל, דאַרפען מיר דען ניט, אויב מיר ווילען ניט אַז אונזער ליגע זאָל ווען עס איז אָפּווייכען פון איהר ערשטער אידעע און ריכטונג, וועלכע די איניציאַטאָרען האָבען איהר געגעבען, מוזען מיר דען ניט אָננעהמען קיין מיטלען, אַז קיינער פון די, וואָס האָבען נייגונגען וואָס זיינען געגענגעזעצט דער דאָזיגער

אידעע און ריכטונג, זאָל ניט קאָנען ווערן איהרער א מיטגליעד?

דאַרפען מיר זיך דען ניט אָרגאַניזירן אויף אזא אופן, אז א גרויסע צאָהל פון אונזערע אָנהענגער זאָלען שטענדיג פארבלייבען טריי צו די געפיהלען, וועלכע באַגייסטערן אונז היינט, און פעסט־שטעלען אזעלכע כללים פאר אריינגעמען מיטגליעדער, אז אויב אפילו דער פערזענליכער צונויפשטעל פון די קאָמיטעטען זאָל זיך בייטען, זאָל אָבער דער גייסט פון דער ליגע פארבלייבען אומפאַרענדערט?

מיר קאָנען דאָס אַנדערש ניט דערגרייכען, סיידען מיר זאָלען פעסטשטעלען און באשטימען אונזערע פּרינציפּען אזוי קלאָר, אז קיינער, וועלכער איז אין איין פּרט אָדער אין א צווייטען געגען זיי, זאָל ניט קאָנען פארנעמען קיין פּלאַץ אין אונזערע רייהען.

ס'איז קיין ספק ניט, אז אויב מיר וועלען ניט דייטליך פאָר־מולירען דעם אמת'ן כאראַקטער פון אונזערע פרינציפּען, וועט די צאָהל פון אונזערע אָנהענגער דורכדעם קאָנען ווערן זעהר גרויס. אין אזא פאַל וואָלטען מיר, ווי ס'האָט אונז פאַרגעשלאָגען דער דעלעגאַט פון באַזעל, הער שמידלען, געקאָנט אריינגעהמען אין אונ־זערע רייהען א סך מיליטער־לייט און גייסטליכע, — פארוואָס ניט קיין פּאָליציסטען? — אָדער לויט דעם ביישפּיעל פון דער „פרידענס ליגע", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פּאַריז אונטער דער שוץ פון קיסר, וועלען די הערען מישעל שעוואַליע און פרעדריק פּאַססי, איינבעטען עטליכע באַריהמטע פּריסישע, עסטרייכישע און רוסישע פּרינצעסינס, אז זיי זאָלען גנעדיג איינוויליגען אָנצור־נעהמען דעם טיטעל פון עהרענמיטגליעדער פון אונזער אַסאָסיאַציע. אָבער, ווי דער שפּריכוואָרט זאָגט: „דער וואָס כאַפּט א סך, דער בלייבט ביי ווייניג"; מיר וואָלטען זיך אָט די מציאה'דיגע פאַר־איינינונג איינגעקויפט בלויז פאר דעם פּרייז פון פאָלשטענדיגער זעלבסט־פאַרלייקענונג, און אינמיטען פון דער גאַנצער מאַסע פון צווייפעלהאַפטיגקייטען און פראַזען, וועלכע פאַר'סמ'ען אין דער איצ־טיגער צייט די געזעלשאַפטליכע מיינונג פון אייראָפּא, וואָלטען מיר געוואָרן אַן איבעריגער ניט געלונגענער וויץ און ווייטער גאַרנישט.

פון דער אַנדער זייט איז קלאָר, אז אויב מיר וועלען אָפען דערקלערן אונזערע פּרינציפּען, וועט די צאָהל פון אונזערע אָנ־הענגער זיין א באַגרעניצטע, אָבער לכל הפחות וועלען דאָס זיין

ערנסטע אַנהענגער, אויף וועלכע מען וועט זיך מעגען פאַרלאָזען, — און אונזער אויפריכטיגע, אויפקלערענדע, ערנסטע פּראָפּאַגאַנדע וועט ניט פאַר'סמ'ען, נאָר וועט נאָך גייסטיג געזינטער מאַכען דעם עולם.

לאָמיר זשע באַטראַכטען, וואָס זיינען די פּרינציפּען פון אונ־זער נייער אַסאָציאַציע? זי רופט זיך די ליגע פון פרידען און פרייהייט. דאָס מיינט שוין פיעל; דורך דעם אונטערשיידען מיר זיך פון אַלע די, וועלכע זוכען דעם פרידען אום יעדען פרייז, אַפילו פאַר דעם פרייז פון פרייהייט און מענשליכער ווירדע. מיר אונ־טערשיידען זיך אויך פון דער ענגלישער פרידענס־געזעלשאַפט, וועלכע לעגט אוועק אָן א זייט יעדע פּאָליטיק, און שטעלט זיך פאָר, אַז אונטער דער היינטיגער אָרדנונג פון רעגירונג אין אייראָפּאַ, איז פרידען מעגליך. אין געגענזאַץ צו אָט די אולטראַ־פרידליכע טענדענצען פון דער פּאַריזער און ענגלישער געזעלשאַפטען, דער־קלערט אונזער ליגע, אַז זי גלויבט אין פרידען, אַז זי פאַרלאַנגט פרידען בלויז מיט דעם אומבאַדינגטען תנאי פון פרייהייט.

פרייהייט איז דאָס גרויסע וואָרט, וואָס באַצייכענט די ער־האַבענסטע זאַך, וועלכע וועט קיינמאָל ניט אויפהערן אָנצוצינדען די הערצער פון אַלע לעבעדיגע מענשען. אָבער זי פאָדערט א פּינקט־ליכע, גענויע אויסטייטשונג. אַנדערש וועלען מיר זיך פון צווי־דייטיגקייטען ניט ארויסדרעהען, און מיר קאָנען נאָך דערזעהן אין אונזערע רייהען ביוראָקראַטען, אַנהענגער פון בירגערליכער פריי־הייט, מאָנאַרכיסטען־קאָנסטיטוציאָנאַליסטען, ליבעראַלע אַריסטאָ־קראַטען און בורזשואַזן, וועלכע זיינען אַלע מעהר אָדער ווייניגער פיינדליך צו דער דעמאָקראַטיע. זיי וועלען ביי אונז בילדען די מעהרהייט, אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי ליעבען אויך די פרייהייט.

כדי אויסצומיידען די פאָלגען פון אַזא טרויעריגער מיספאַר־שטענדניש, האָט דער זשענעווער קאָנגרעס דערקלערט, אַז ער וויל „גרינדען דעם פרידען *אויף דעמאָקראַטיע* און אויף פרייהייט", פון וואַנען עס איז געדרונגען, אַז כדי צו זיין א מיטגליעד פון אונזער ליגע דאַרף מען זיין א דעמאָקראַט. דאָס הייסט, אַז עס וועלען אויסגעשלאָסען אַלע אַריסטאָקראַטען, אַלע אַנהענגער פון וועלכע ניט איז פּריווילעגיעס, פון וועלכע ניט איז מאָנאָפּאָלען, אָדער וועלכע ניט איז פּאָליטישע אויסנאַהמען, וואָרים

דער וואָרט ד ע מ אָ ק ר א ט י ע באצייכענט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די פאַרוואַלטונג פון פאָלק דורכ'ן פאָלק און פאַר'ן פאָלק, פאַרשטעהענדיג אונטער דעם וואָרט פאָלק די גאַנצע מאַסע פון בירגער — און אין דער היינטיגער צייט דאַרף מען נאָך צוגעבען: און בירגערינס, — וועלכע שטילען צוזאַמען די נאַציאָן.

אין דעם זין זיינען מיר אַלע זיכער דעמאָקראַטען.

מיר דאַרפען אָבער אין דערזעלבער צייט אַנערקענען, אַז דער אויסדרוק דעמאָקראַטיע איז נאָך ניט גענוג פאַר דער גענויער באַשטימונג פון דעם כאַראַקטער פון אונזער ליגע, און אַז באַזונדער באַטראַכט קאָן ער אויך, פונקט ווי דער אויסדרוק: פרייהייט, געבען אַ געלעגענהייט פאַר צווייטייטיגקייט. האָבען מיר דען ניט געזעהן אין אַמעריקע, אין אַנהויב פון דעם יאָהרהונדערט, אַז די פלאַנטאַטאָרס, די שקלאַפענהאַלטער אין דרום און אַלע זייערע אָנהענגער אין די צפון־שטאַאטען, האָבען זיך גערופען דעמאָקראַטען? און דער היינטיגער צעזאַרים, מיט אַלע זיינע אויטאָריטערע פאָלגען, וועלכע העננגען ווי אַ שרעקליכע געפאַהר איבער אַלץ, וואָס רופט זיך מענשליכקייט אין איירָאָפּאַ, רופט ער זיך דען ניט אויך דעמאָקראַטיש? און אַפילו דער מאָסקווער און פעטערבורגער אימפעריאַליזם, אָט דער שטאַאַט אָהן פראַזען, דער אידעאַל פון אַלע צענטראַליזירטע, מיליטערישע און ביוראָקראַטישע מלוכות, האָט ער דען ניט, ניט לאַנג צוריק, אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע, דערשטיקט פוילען?

עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז דעמאָקראַטיע אָהן פרייהייט קאָן ניט דיענען אַלס אונזער פאָהן. אָבער וואָס איז אַזוינס אַ דעמאָקראַטיע, געגרינדעט אויף פרייהייט, אויב ניט אַ רעפובליק? די פאַראייניגונג פון פרייהייט מיט פריווילעגיעס באַשאַפט אַ מאָנאַרכיסטיש קאָנסטיטוציאָנעלען רעזשים; אָבער די פאַראייניגונג פון פרייהייט מיט דעמאָקראַטיע קאָן בלויז עקזיסטירן א י ן א ר ע פ ו ב ל י ק. פון פאַרזיכטיגקייט וועגען, מיט וואָס מיר קאָנען ניט איינשטימען, האָט דער זשענעווער קאָנגרעס געפונען פאַר נויטיג זיך צוריקצוהאַלטען אין זיינע רעזאָלוציעס פון אַרויסצוברענגען דעם וואָרט רעפובליק. אָבער, פראָקלאַמירענדיג זיין פאַרלאַנג „צו באַגרינדען דעם פרידען אויף דעמאָקראַטיע און פרייהייט", האָט ער זיך ניט־ווילענדיג אַרויסגעשטעלט אַלס רעפובלי־

קאַנישער. און דאריבער מוז אונזער ליגע אויך זיין, צו גלייכער צייט, אי דעמאָקראַטיש, אי רעפּובליקאַניש.

און איך דענק, מיינע הערען, אז מיר זיינען דאָ אַלע רעפּובליקאַנער אין דעם זין, וואָס פאַרכאַפּט פון די אומבארמהארציגע רעזולטאַטען, געוואָרענט פון די רעטענדע און צוגלייכער צייט גרויזאַמע לעקציעס פון דער געשיכטע, פון די אַלע ערפאַהרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, און באַזונדערס פון די געשעהעענישען, וואָס פאַרפינסטערן אייראָפּאַ זינט 1848, און פון די געפאַהרען, וואָס דראָהען איהר נאָך איצט, זיינען מיר אַלע גלייך געקומען צו דער איבערצייגונג: אַז מאָנאַרכיסטישע אינסטיטוציעס שטימען ניט מיט דער מלוכה פון פרידען, גערעכטיגקייט און פרייהייט.

וואָס איז שייך צו אונז, מיינע הערען, האַלטען מיר פאַר אונזער חוב, אַלס רוסישע סאָציאַליסטען און אַלס סלאַווען, אָפען צו דערקלערן, אַז פאַר אונז האָט דאָס וואָרט רעפּובליק קיין אַנדער ווערט ניט, אויסער אַ ר י י ן נ ע ג א ט י ו ו ע ן: ער מיינט די צעשטערונג און די פאַרניכטונג פון דער מאָנאַרכיע. דער דאָזיגער וואָרט איז ניט נאָר ניט בכח אונז צו באַגייסטערן, נאָר אומגעקערט, יעטוועדעס מאָל ווען מען שטעלט ארויס די רעפּובליק אַלס פּאָזיטיווען און ערנסטען ענטפער אויף אַלע צייטיגע אַנגעוועהטאָגטע פראַגען, אַלס דעם העכסטען ציעל פאַר וועמעס דערגרייכונג מיר דאַרפען אָנווענדען אַלע אונזערע כחות, פיהלען מיר די נויטווענדיגקייט צו פּראָטעסטירן.

פון גאַנצען הארצען האַסען מיר די מאָנאַרכיע; קיין זאַך גלוסטען מיר ניט אַזוי, ווי צו זעהן איהר פאַל אין גאַנץ אייראָפּאַ און אין דער גאַנצער וועלט, און מיר זיינען איבערצייגט, אַזוי ווי איהר, אַז איהר פאַרניכטונג איז אַן אומפאַרמיידליכער באַדינג פאַר דער פרייהייט פון דער מענשהייט. פון דעם שטאַנדפּונקט זיינען מיר אויפריכטיגע רעפּובליקאַנער. מיר דענקען אָבער ניט, אַז די פאַרניכטונג פון דער מאָנאַרכיע איז שוין גענוג, אום צו באַפרייען די פעלקער און זיי געבען פרידען און גערעכטיגקייט. פאַרקעהרט, מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אַז אַ גרויסע, מיליטערישע, ביוראָקראַטישע, פּאָליטיש צענטראַליזירטע רעפּובליק קאָן און מוז אומבאַדינגט ווערן אַן עראָבערונגס-מלוכה אין דער אויסערליכער פּאָליטיק, אַן אונטערדריקענדע אין דער אינערליכער,

און אז זי וועט ניט זיין ביכולת צו פארזיכערן איהרע אונטערטאַ־נען, אפילו ווען זיי זאָלען זיך רופען בירגער, מיט וואוילשטאנד און פרייהייט. האָבען מיר דען ניט געזעהן, ווי די גרויסע פראַנ־צויזישע נאַציאָן האָט זיך צוויי מאָל ערקלערט פאר א דעמאָקראַ־טישער רעפובליק, אוןביידע מאָל האָט זי פארלאָרען איהר פריי־הייט און זיך געלאָזט אריינשלעפען אין עראָבערונגס מלחמות?

ווען אויך מיר, ווי פיעלע אנדערע, צושרייבען אָט די טרויעריגע נידערלאגעס צו דעם לייכטזיניגען טעמפעראַמענט און די היסטאָרישע דיסציפּלינירטע געוועהנהייטען פון פראנצויזישען פאָלק, וועלכער, ווי עס באהויפּטען זיינע פארלוימדער, איז נאָר פעהיג אויסצוקעמפען פרייהייט דורך א פלעצליכען אויסברוך, קאָן זיך אָבער ניט באַנוצען מיט איהר און איינפיהרען איהר אין דער פראַקטיק?

עס איז אוממעגליך, פאר אונז, מיינע הערען, זיך אָנצושליסען אָן דער דאָזיגער פאראורטיילונג פון א גאַנצען פאָלק, פון איינעם פון די קולטורעלסטע פעלקער אין איירָאָפּאַ. מיר זיינען איבער־צייגט, אז אויב פראַנקרייך האָט צוויי מאָל כסדר פארלאָרן איהר פרייהייט און האָט צוגעזעהן, ווי איהר דעמאָקראַטישע רעפּובליק ווערט פארוואַנדעלט אין א דיקטאַטור און אין א מיליטערישער דעמאָקראַטיע, פאַלט די שולד פון דעם ניט אויף דעם כאַראַקטער פון פאָלק, נאָר אויף זיין פאָליטישער צענטראַליזאַציע. די דאָ־זיגע צענטראַליזאַציע, וועלכע איז פון לאַנג אָן צוגעגרייט געוואָרן דורך די פראנצויזישע קעניגע און שטאַאַטסלייט און איז שפּעטער פאַרקערפערט געוואָרן אין א מענשען, וואָס די העפליכע הויף־רעטאָריק האָט גערופען דער „גרויסער קעניג”, איז דערנאָך, דורך די מיאוס'ע מעשים פון דער אָפּגעלעבטער מאָנאַרכיע, אריינגע־שטויסען געוואָרן אין אָן אָפּגרונד, וואו זי וואָלט זיכער אונטער־געגאַנגען אין שמוץ, ווען די רעוואָלוציע וואָלט איהר ניט אויפ־געהויבען מיט איהר מעכטיגען אָרעם. יאָ, ס'איז א מערקוויר־דיגע זאַך: אָט די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע האָט צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פּראָקלאַמירט די רעכטען ניט נאָר פון בירגער, נאָר פון מענשען — איז געוואָרן די יורש'טע פון דער מאָ־נאַרכיע, וועמען זי האָט געטויט, און האָט צוריק אויפגעלעבט די

פאַרלייקענונג פון דער גאַנצער פרייהייט: די צענטראַליזאַציע און די אַלמעכטיגקייט פון שטאַאַט.

אַ נייַ־אויפגעלעבטע דורך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אמת, באַשטריטען פון די זשיראָנדיסטען, נאָר מיט קנאַפּען ערפאָלג, איז די דאָזיגע צענטראַליזאַציע פאַרפאָלקאָמט געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַלען קאָנווענט. ראָבעספּיער און סען זשיסט זיינען געווען איהרע אמת'ע באַנייער; קיין זאַך איז ניט פאַרגעסען געוואָרן אין דער נייער רעגיערונגס־מאַשין, אפילו ניט דאָס „אויבער־שטע וועזען" צוזאַמען מיט דער רעליגיע פון שטאַאַט. זי האָט נאָר געוואַרט אויף דעם געשיקטען מאַשיניסט, וואָס זאָל אַרויס־ציינען פאַר דער פאַרוואונדערטער וועלט די אונטערדריקענדע מאַכט, מיט וועלכער עס האָבען איהר באַשאָנקען איהרע ניט־פאַר־זיכטיגע בויער... און נאַפּאָלעאָן איז ערשינען. און אַט אַזוי האָט די רעוואָלוציע, וועלכע איז פון אָנהויב געווען באַזעעלט בלויז פון ליעבע צו פרייהייט און מענשליכקייט, מיט דעם נאָר אַליין וואָס זי האָט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון אַן אויסגלייך צווישען פרייהייט און מענשליכקייט מיט דער צענטראַליזאַציע פון שטאַאַט, דער'הרג'עט זיך אַליין, דער'הרג'עט זיי, און קיין אַנדער זאַך ניט געבאָרן, אויסער דער מיליטערישער דיקטאַטור, דעם צעזאַריזם.

איז דען ניט קלאָר, מיינע הערען, אַז כדי צו ראַטעווען אין אייראָפּאַ די פרייהייט און דעם פרידען מוזען מיר אַנטקעגענ־שטעלען אַט דער משונה'דיגער און דריקענדער צענטראַליזאַציע פון די מיליטערישע, ביוראָקראַטישע, דעספּאָטישע, מאָנאַרכיסטישע, קאָנסטיטוציאָנעלע און אַפילו רעפּובליקאַנישע שטאַאַטען, דעם גרויסען רעטונגס־פּרינציפּ פון פעדעראַליזם, — דער פּרינציפּ, וועמעס פּראַכטפולע ערשיינונג האָט אונז געגעבען, צווישען אַנדערעס, די לעצטע געשעהעניש אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון נאָרד־אַמעריקאַ? * פון איצט אָן דאַרף זיין קלאָר פאַר אַלע וואָס פאַרלאַנגען אויפריכטיג די באַפרייאונג פון אייראָפּאַ, אַז בלייבענ־דיג ביי זייער גאַנצער סימפּאַטיע צו די גרויסע סאָציאַליסטישע

* באַקונין מיינט דאָ דעם „בירגער־קריעג", פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער נעגער־שקלאַפעריי.—איב.

און הומאַניטערע אידעען, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, מוזען מיר אָבער פאַרוואַרפען איהר שטאַאַטס־פּאָליטיק און אויף אַן אַנטשלאָסענעם אופן אָנ־נעהמען די נאָרד־אַמעריקאַנישע פרייהייטס־פּאָליטיק.

I

# פעדעראַליזם.

מיר זיינען גליקליך מיט דער מעגליכקייט צו דערקלערן, אַז אַט דער פּרינציפּ איז איינשטימיג פּראָקלאַמירט געוואָרן אויפ'ן זשענעווער קאָנגרעס. די שווייץ גופא, וועלכע, אגב אורחא, באַנוצט אַזוי ערפאָלגרייך דעם דאָזיגען פּרינציפּ אין דער פּראַקטיקע, האָט זיך אַן איהם אָנגעשלאָסען אָהן וועלכער עס איז באַשרענקונג און האָט איהם אויפגענומען מיט דער גאַנצער ברייטקייט פון זיינע פאָלגען. צום אומגליק, איז אַט דער פּרינציפּ אין די רעזאָלוציעס פון קאָנגרעס געוועזן זעהר שלעכט פאָרמולירט, און איז אויך דורכ־געפיהרט געוואָרן בלויז אויף אַן אינדירעקטען אופן. ערשטענס, צוליעב דער ליגע, וואָס מיר דאַרפען גרינדען, און צווייטענס צו־ליעב דעם זשורנאַל, וועלכען מיר דאַרפען אַרויסגעבען אונטער'ן טיטעל: „די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ.” אין דער־זעלבער צייט אָבער, לויט אונזער מיינונג, דאַרף ער פאַרנעמען דעם ערשטען אָרט אין אונזער פּרינציפּען־ערקלערונג.

דאָס איז זעהר אַ טרויעריגע פאַרנאַכלעסיגונג, וועלכע מיר דאַרפען זעהן וואָס גיכער צו פאַרריכטען. אין איינקלאַנג מיט דעם איינשטימיגען באַשלוס פון זשענעווער קאָנגרעס מוזען מיר פון דאָס נייע פּראָקלאַמירן:

1) כדי צו פאַרהעלפען דעם טריאומף פון פרייהייט, גע־רעכטיגקייט און פרידען אין די געגענזייטיגע באַציהונגען פון די פעלקער אין אייראָפּאַ, כדי צו מאַכען אוממעגליך אַ בירגער־קריעג צווישען די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס שטעלען צונויף די איי־ראָפּעאישע משפחה, איז פאַראַן נאָר איין מיטעל: די פאָרמירונג פון אַ „פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ”.

2) אז די „שטאאטען פון איירא‏פא" וועט זיך ניט קאָנען אויסבילדען פון די שטאאטען ווי זיי זיינען איצט, צוליעב דער משונה'דיגער אומגלייכהייט פון זייערע רעלאטיווע קרעפטען.

3) אז דער ביישפיעל פון דער אָבגעשטאָרבענער גערמאני־שער קאָנפעדעראציע האָט אויף אַן אומבאשטרייטבארען אופן באַוויזען, אז אַ קאָנפעדעראציע פון מאָנארכיסטישע מלוכות איז ניט מעהר ווי אַ חוזק; אז זי איז ניט ביכולת צו גאראנטירען די פעל־קער, ניט קיין שלום און ניט קיין פרייהייט.

4) אז קיין צענטראליזירטער, ביוראָקראטישער און שוין מיט דעם אליין מיליטערישער שטאאט, ווען אפילו ער זאָל זיך אָנרו־פען רעפּובליקאניש, וועט ניט קאָנען אויף אַן אויפריכטיגען און ערנסטען אופן אריינקומען אין דער אינטערנאציאָנאלער קאָנפעַ־דעראציע. לויט זיין קאָנסטיטוציע, וועלכע וועט שטענדיג זיין אַן אָפענע אָדער פארמאסקירטע פארלייקענונג פון פרייהייט אי־נערליך, וועט ער מוזען זיין אַ שטענדיגער ארויסרוף צו מלחמה, אַ שטענדיגע געפאהר פאר דער עקזיסטענץ פון די שכנ'ישע לענ־דער. זייענדיג געגרינדעט הויפּטזעכליך אויף אַ פריהערדיגען אקט פון גוואלט, עראָבערונג, אָדער דאָס וואָס מען רופט אין פריוואטען לעבען גנבה דורך אריינבערעכען זיך, — אויף אַן אקט וואָס האָט באקומען די ברכה פון דער קירכע פון וועלכער עס איז רעליגיע, איז געהיילינט געוואָרן דורך דער צייט און דורך דעם אלעם וואָס ווערט פאַרוואנדעלט אין דער געשיכטע אלס רעכט, — און זיך אָנ־שפּארענדיג אויף אָט דער געטליכער פארהייליגונג פון דער טריי־אומפירענדער גוואלט ווי אויף אַן אויסשליסליכען און העכערן רעכט, מיט דעם אליין באטראכט זיך שוין יעדער צענטראליזיר־טער שטאאט אלס די אבסאָלוטע פארלייקענונג פון די רעכטען פון אלע אנדערע מלוכות, און אנערקענט ניט זייער רעכט אין די גע־שלאָסענע אָפּמאכען, סיידען ער האָט אין דעם אַ פּאָליטישען אינ־טערעס, אָדער ער קאָן זיך אנדערש ניט העלפען.

5) אז אלע אנהענגער פון דער ליגע וועלען פאָלגליך מוזען אָנשטרענגען אלע זייערע כחות אויף איבערצובויען זייערע פאָ־טערלענדער, כדי צו ענדערן אין זיי די אלטע אָרגאַניזאציע, וואָס איז געבוים פון אויבען ביז אראָפּ אויף גוואלט און אויף דעם פּרינציפּ פון הערשאפט, אויף אַ נייער אָרגאַניזאציע, וועלכע האָט

פאַר איהר יסוד ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די אינטערעסען, פאָדערונגען און די נאַטירליכע נייגונגען פון דער באַפעלקערונג; קיין אַנדער פּרינציפּ, ווי די פרייע פעדערירונג פון די איינצעלנע אין קאָמונעס, פון די קאָמונעס אין פּראָווינצען*, פון די פּראָווינצען אין נאַציאָנען, און ענדליך, פון די לעצטע אין די „פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ" צוערשט, און דערנאָך פון דער גאַנצער וועלט.

6) עס פאָלגט דערפון די פאָלשטענדיגע פאַרניכטונג פון אַלץ, וואָס ווערט אָנגערופען דאָס היסטאָרישע רעכט פון די שטאַאַ־

---

* דער באַוואוסטער איטאַליעניש פּאַטריאָט זשאָזעף מאַדזיני, וועמעס רעפּובליקאַנישער אידעאַל איז געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די פראַנצויזישע רעפּובליק פון 1793, איבערגעשמאָלצען אין די פּאָעטישע טראַדיציעס פון דאַנטע און אין די הערשאַפטס־ליעבענדע ערינערונגען פון דעם וועלט־באַהערשענדען רוים, דערנאָך איבערגעזעהן און אויסגעבעסערט לויט דעם האַלב־ראַציאָנאַלען און האַלב־מיסטישען שטאַנדפּונקט פון דער נייער טעאָלאָגיע, דער דאָזיגער מערקווירדיגער פּאַטריאָט, מאַכטזיכטיג, ליידענשאַפטליך און שטענדיג אויסערגעוועהנליך, ניט קוקענדיג אויף אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס ער האָט געמאַכט זיך אויפצוהויבען צו דער הויך פון אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיגקייט, אַ פּאַטריאָט, וועלכער האָט שטענדיג פאָרגעצויגען די גרויסקייט און די מעכטיגקייט פון זיין פאַטערלאַנד, ווי זיין אייגענע פרייהייט און וואָהלזיין, — מאַדזיני איז שטענדיג געווען אַ פאַר'עקשנ'טער געגנער פון אויטאָנאָמיע פאַר די פּראָווינצען, וואָס וואָלט נאַטירליך געשטערט די שטרענגע איינפאָרמיגקייט פון זיין גרויסען איטאַליענישען שטאַאַט. ער באַהויפּטעט, אַז אַלס געגענגעוויכט צו דער אַלמעכטיגקייט פון אַ פעסט איינגעפונדעוועטער רעפּובליק איז גענוג די אויטאָנאָמיע פון די קאָמונען. ער מאַכט אַ טעות, קיין איין קאָמונע, באַזונדער גענומען, וואָלט ניט געקאָנט זיך שטעלען געגען דער מאַכט פון אַזאַ ריעזיגער צענטראַליזאַציע; זי וואָלט דערשטיקט געוואָרן. כדי אויסצוהאַלטען דעם קאַמף, וואָלט זי געמוזט זיך פאַראייניגען, צוליעב דער אַלגעמיינער זעלבסטפאַרטיידיגונג, מיט די שכנ'ישע קאָמונעס, ד. ה. זי וואָלט געמוזט צוזאַמען מיט זיי בילדען אַן אויטאָנאָמע פּראָווינץ. אַחוץ דעם, אויב די פּראָווינצען וועלען ניט זיין אויטאָנאָם, וועט זייער פאַרוואַלטונג מוזען איבערגעגעבען ווערן צו די אָנגעשטעלטע פון שטאַאַט. עס איז ניט פאַראַן קיין מיטען צווישען אַ שטרענג אויסגעהאַלטענעם פעדעראַליזם און אַ ביוראָקראַטישען רעזשים. עס פאָלגט דערפון, אַז די רעפּובליק, צו וועלכער עס שטרעבט מאַדזיני, וואָלט געווען אַ ביוראָקראַטישער שטאַאַט, און פאָלגליך אויך אַ מיליטערישער, וואָס איז געגרינדעט צוליעב אויסערליכער מעכטיגקייט, ניט צוליעב אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיגקייט און אינערליכער פרייהייט. אין 1793, אונטער דער הערשאַפט פון טעראָר, זיינען די קאָמונעס פון פראַנקרייך ערקלערט געוואָרן אַלס אויטאָנאָם; דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אַז זיי זאָלען דערשטיקט ווערן דורכ'ן רעוואָלוציאָנערן דעספּאָטיזם פון קאָנווענט, אָדער בעסער געזאָגט, פון דער פּאַריזער קאָמונע, פון וועלכער דער נאַטירליכער יורש איז געוואָרן נאַפּאָלעאָן.

טען; די פראַגען וועגען נאַטירליכע, פּאָליטישע, סטראַטעגישע און האַנדעלס גרעניצען, דאַרפען פון איצט אָן פאַררעכענט ווערן אַלס זאַכען וואָס געהערן צו דער געשיכטע פון אַלטערטום און דאַרפען ענערגיש פאַרוואָרפען ווערן פון אַלע אָנהענגער פון דער ליגע.

7) די אָנערקענונג פון דעם אַבסאָלוטען רעכט אויף פולער אויטאָנאָמיע פאַר יעדער נאַציאָן, צי גרויס צי קליין; פאַר יעדען פאָלק, צי שוואַך צי שטאַרק; פאַר יעדער פּראָווינץ, פאַר יעדער קאָמונע, אָבער נאָר אונטער איין באַדינג, אַז די אינערליכע אָרדענונג פון איינעם פון די אויסגערעכענטע, זאָל ניט זיין קיין דראָהונג און קיין געפאַהר פאַר דער אויטאָנאָמיע און פרייהייט פון די שכנ׳ישע לענדער.

8) פון דעם אומשטאַנד, וואָס אירגענד וועלכע לאַנד איז אַ טייל פון וועלכען עס איז שטאַאַט, איז נאָך ניט געדרונגען אַז זי איז מחויב, אויב אַפילו זי האָט זיך פרייוויליג אָנגעשלאָסען, תמיד צו פאַרבלייבען ניט אָבגעטיילט. קיין אייביגע פאַרפליכטונג קאָן ניט דערלאָזען ווערן פון דער מענשליכער גערעכטיגקייט, די איינציגע מיט וועלכער מיר מעגען זיך רעכענען, און מיר אָנערקענען קיינמאָל ניט קיין אַנדערע רעכט אָדער אַנדערע פליכטען, חוץ די וואָס זיינען באַזירט אויף גערעכטיגקייט. דאָס רעכט פון פרייער פאַראייניגונג און דאָס רעכט פון פרייער צעשיידונג זיינען די ערשטע און וויכטיגסטע פון אַלע פּאָליטישע רעכטען; דאָס איז אַ רעכט אָהן וועלכען די קאָנפעדעראַציע וועט שטענדיג זיין ניט מעהר ווי אַ פאַרמאַסקירטע צענטראַליזאַציע.

9) פון דעם וואָס מיר האָבען ביז איצט געזאָגט פאָלגט, אַז די ליגע דאַרף אָפען פאַרדאַמען יעדען פאַרבאַנד פון איין טייל אָדער אַן אַנדערן פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע מיט מאָנאַרכיסטישע שטאַאַטען, אַפילו ווען דער דאָזיגער פאַרבאַנד זאָל האָבען אַלס צוועק אומצוקעהרן די אומאָפּהענגיגקייט אָדער די פרייהייט צו אַן אונטערדריקט לאַנד; וואָרים אַזאַ פאַרבאַנד קאָן נאָר ברענגען צו ענטוישונג, און ער וואָלט צו דערזעלבער צייט אויך געווען אַ פאַרראַט צו דער זאַך פון דער רעוואָלוציאָן.

10) אין געגענזאַץ צו דעם, טאַקע דערפאַר, ווייל זי איז אַ פרידענס־ליגע און איז איבערצייגט, אַז קיין פרידען קאָן ניט אַנדערש אויסגעקעמפט און באַפעסטיגט ווערן ווי נאָר דורך דער

ענגסטער און פולסטער סאָלידאריטעט פון די פעלקער אויף די יסודות פון גערעכטיגקייט און פרייהייט, דאַרף די ליגע הויך פּראָקלאַמירן איהר מיטגעפיהל מיט יעדען פאָלקס־אויפשטאנד געגען יעדער אונטערדריקונג, סיי אינערליכער, סיי אויסערליכער, אבי נאָר דער אויפשטאנד ווערט געמאכט אין נאָמען פון אונזערע פּרינציפּען און אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערען פון די פאָלקס־מאסען, און ניט מיט דעם הערשזיכטיגען צוועק צו גרינדען א מעכטיגען שטאאט.

11) די ליגע וועט אָנפיהרען א פארביסענעם קאמף מיט אלץ, וואָס ווערט אָנגערופען כבוד, גדלות און מעכטיגקייט פון די שטאאטען. קעגען די אלע פאלשע און שעדליכע אָבגעטער, צו וועלכע מען האָט מקריב געווען מיליאָנען מענשען, וועלען מיר אנטקעגענשטעלען דעם כבוד פון מענשליכען פארשטאנד, וועלכער צייגט זיך ארויס אין דער וויסענשאפט, און דעם אידעאל פון אלוועלטליכען וואוילשטאנד, וואָס איז געגרינדעט אויף ארבייט, גערעכטיגקייט און פרייהייט.

12) די ליגע אָנערקענט די נאציאָנאליטעט אלס א נאטירליכען פאקט, וועלכע האָט אן אומבאשטרייטבארן רעכט אויף עקזיסטענץ און פרייער אנטוויקלונג, אָבער ניט אלס א פּרינציפּ, — וואָרום יעדער פּרינציפּ דארף טראָגען אן אוניווערסאלען כאראקטער, און די נאציאָנאליטעט איז, להיפוך, ניט מעהר ווי א באזונדערער, אויסשליסליכער פאקט. דער אזוי־גערופענער נאציאָנאלער פּרינציפּ, אין דער פאָרם ווי ער איז אין אונזער צייט אוועקגעשטעלט געוואָרן פון די רעגיערונגען פון פראנקרייך, רוסלאנד און פּרייסען, ווי אויך פון פיעלע דייטשע, פּוילישע, איטאליענישע און אונגארישע פּאטריאָטען, איז מעהר ניט ווי א קינד פון דער רעאקציע, וואָס איז להיפוך דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע; דער פּרינציפּ, וועלכער איז בעצם אויף דעם העכסטען גראד אריסטאָקראטיש, דערגעהט ביז צו דער פאראכטונג פון פעלקער שפּראכען, וואָס האָבען קיין ליטעראטור ניט; וועלכער אין זיין עצם לייקענט אָפּ די פרייהייט פון די פּראָווינצען און די רעאלע אויטאָנאָמיע פון די קאָמונעס, און ווערט אויפגעהאלטען אין אלע לענדער ניט פון די פאָלקס־מאסען, וועמעס רעאלע אינטערעסען ער איז סיסטעמאטיש מקריב צוליעב דעם אזויגערופענעם אלגע־

מיינעם וואוילזיין, וועלכער איז אין דער אמת'ן שטענדיג דער וואוילזיין פון די פּריווילעגירטע קלאַסען, — דער דאָזיגער פּרינ־ציפּ דריקט ניט אויס קיין אַנדער זאַך, ווי די באַריהמטע היסטאָ־רישע רעכטען און די ערשזיכטיגקייט פון די שטאַאטען. דאָס רעכט פון די נאַציאָנאַליטעטען וועט דעריבער פון דער ליגע שטענ־דיג באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַ נאַטירליכע פאָלגע, וואָס שטאַמט פון העכערן פּרינציפּ פון פרייהייט; און דאָס נאַציאָנאַלע רעכט וועט אויפהערן באַטראַכט ווערן אַלס אַזעלכעס, אַזוי ניך ווי זי וועט זיך שטעלען קעגען דער פרייהייט, אָדער אפילו נאָר אויסער דער פרייהייט.

13) איינינקייט איז אַ ציעל, צו וועלכען עס שטרעבט אומ־פאַרמיידליך די מענשהייט. אָבער דער דאָזיגער ציעל ווערט געפעהרליך, ער ווערט דער צעשטערער פון דער אויפקלערונג, פון דער ווירדע און דעם וואוילשטאַנד פון אינדיווידומען און פעלקער, יעדעס מאָל, ווען די איינינקייט שטרעבט זיך איינצואָרדנען אָהן דער פרייהייט, דורך דער הילף פון גוואַלט, אָדער מיט דער הילף פון דער אויטאָריטעט פון וועלכע ניט איז טעאָלאָגישע, מעטאַפי־זישע, פּאָליטישע אָדער אפילו עקאָנאָמישע אידעען. דער פּאַט־ריאָטיזם, וואָס שטרעבט צו איינינקייט אָהן פרייהייט, איז אַ שלעכטער פּאַטריאָטיזם. ער איז שטענדיג שעדליך פאַר די ווירק־ליכע פאָלקס־אינטערעסען פון לאַנד, וועלכען ער וויל דערהויבען און גליקליך מאַכען; ער ווערט אָפט ניט־ווילענדיג פריינדליך צו דער רעאַקציע און פיינדליך צו דער רעוואָלוציע, ד. ה. צו דער באַ־פרייאונג פון פעלקער און מענשען. די ליגע קאָן אָנערקענען נאָר איין איינציגע איינינקייט: די וואָס בילדעט זיך פריי דורך אַ פעדעראַציע פון די אויטאָנאָמע טיילען אין איין גאַנצען, אַזוי אַז זי הערט אויף צו זיין די פאַרלייקענונג פון די פּריוואַטע רעכ־טען און אינטערעסען, זי הערט אויף צו דיענען אַלס בית־עלמין, וואו עס ווערט איבער־גוואַלט באַגראָבען דער גאַנצער אָרטינער וואוילזיין, און אָנשטאָט דעם ווערט זי די באַפעסטיגונג און דער מקור פון דער גאַנצער אויטאָנאָמיע און איהר וואוילזיין. די ליגע וועט דעריבער מיט אַלע כחות קעמפען געגען יעדער רעליגיעזער, פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, וועל־כע וועט ניט זיין אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיגען

גרויסען פּרינציפּ פון פרייהייט: אָהן איהם איז ניט פאַראַן, ניט קיין אויפקלערונג, ניט קיין גערעכטיגקייט, ניט קיין וואוילשטאַנד, און ניט קיין מענשליכקייט.

---

אָט דאָס, מיינע הערען, זיינען לויט אונזער מיינונג, און אָהן ספק אויך לויט אייערע מיינונגען, די פאָלגען און די אויסברייטונג פון דעם גרויסען פּרינציפּ פון פעדעראַליזם, וועלכער איז הויך פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דעם זשענעוואער קאָנגרעס. אָט דאָס זיינען די נויטוועגדיגע באַדינגונגען פון פרידען און פרייהייט.

— די נויטוועגדיגע, יאָ — אָבער זיינען זיי די איינציגע? — מיר דענקען ניט אַזוי.

די דרום־שטאַאַטען אין דער גרויסער רעפּובליקאַנישער קאָנפעדעראַציע פון צפון אַמעריקאַ, זיינען געוועזען, זינט דער אומאָפּהענגיגקייטס־ערקלערונג פון די רעפּובליקאַנישע שטאַאַטען, דעמאָקראַטיש לויט פאָרצוג* און דורכגעדרונגען מיט דעם פעדעראַליסטישען גייסט אַזוי ווייט, אַז זיי זיינען גרייט געוועזען זיך אָפּצורייסען. און דאָך ווערן זיי די לעצטע צייט געטאַדעלט אין דער גאַנצער וועלט פון אַלע אָנהענגער פון פרייהייט און מענשליכקייט, און מיט זייער אונגערעכטען און פאַרשווערענדען קריעג געגען די רעפּובליקאַנישע צפון־שטאַאַטען האָבען זיי שיעור ניט צעשטערט און פאַרניכטעט די בעסטע פון אַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען עקזיסטירט אין דער געשיכטע. וואו ליגט די אורזאַך פון דעם דאָזיגען מאָדנעם פאַקט? ליגט זי אפשר אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע? ניין, זי ליגט אינגאַנצען אין דער ס אָ צ י אַ ל ע ר אָרגאַניזאַציע. די אינערליכע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די דרום־שטאַאַטען איז אין א סך הינזיכטען געוועזען מעהר פּאָלקאָם, דורכאויס פרייער ווי די אָרגאַניזאַציע פון די צפון־שטאַאַטען, נאָר אין דער דאָזיגער פּראַכטפולער אָרגאַ־

* ווי באַוואוסט האָבען זיך אין אַמעריקאַ די אָנהענגער פון די אינטערעסען פון דרום געגען צפון, ד. ה. פון שקלאַפעריי געגען דער באַפרייאונג פון די שקלאַפען, גערופען מיט'ן נאָמען דעמאָקראַטען.

ניזאציע איז געווען אַ פלעק, פונקט ווי אין די רעפובליקען פון אַלטערטום, די פרייהייט פון די בירגער איז געווען געגרינדעט אויף דער געצוואונגענער אַרבייט פון שקלאַפען. עס איז געווען גענוג אָט דער איינער פלעק, אום איבערצוקעהרן די גאַנצע פאָ־ליטישע אָרגאַניזאַציע פון די דאָזיגע שטאַאַטען.

בירגער און שקלאַפען — דאָס איז דער אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער וועלט פון אַלטערטום און אין די שקלאַ־פען־שטאַאַטען פון דער נייער וועלט. בירגער און שקלאַפען, ד. ה. געצוואונגענע אַרבייטער, שקלאַפען, אויב ניט לויט'ן רעכט, איז אין דער ווירקליכקייט — דאָס איז דער אַנטאַגאָניזם פון דער מאָ־דערנער וועלט. און פונקט ווי די מלוכות פון אַלטערטום זיינען אונטערגעגאַנגען פון דער שקלאַפעריי, אַזוי וועלען די היינטיגע שטאַאַטען אונטערגעבראַכט ווערען פון פראָלעטאַריאַט.

אומזיסט וואָלט געווען די מיה זיך צו טרייסטען מיט דעם געדאַנק, אַז דער דאָזיגער אַנטאַגאָניזם איז גיכער אַ פיקטיווער איידער אַ ווירקליכער, אָדער אַז עס איז אוממעגליך דורכצופיהרן אַן אונטערשיידונגס־ליניע צווישען די באַזיצענדע און ניט־באַ־זיצענדע קלאַסען, ווייל אָט די קלאַסען געהען אַריבער איינע אין די אַנדערע דורך פיעלע צווישען־שטופען און אונבאַמערקבאַרע שאַטירונגען.

אין דער נאַטירליכער וועלט עקזיסטירן אויך ניט קיין אונ־טערשיידונגס־ליניעס; אַזוי צום ביישפיעל, אין דער שטייגענ־דער רייהע פון די ברואים איז אוממעגליך אָנצוציינען דעם פונקט, וואו עס ענדיגט זיך דער רייך פון צמחים און עס הויבט זיך אָן דער רייך פון בעלי־חיים, וואו עס ענדיגט זיך די חיה און וואו עס הויבט זיך אָן די מענשליכקייט. פונדעסטוועגען איז פאַראַן אַ גאַנץ רעאַלער אונטערשייד צווישען אַ פלאַנץ און אַ בעל־חי, צווי־שען אַ חיה און אַ מענשען. דאָס אייגענע איז אין דער מענש־ליכער געזעלשאַפט; ניט אַכטענדיג אויף די צווישען־רינגען, וואָס מאַכען אומפיהלבאַר דעם איבערגאַנג פון איין פאָליטישער און סאָ־ציאַלער מדרגה אין אַ צווייטער, איז דאָך דער אונטערשייד צווי־שען די קלאַסען פעסטגעשטעלט און יעדער איינער איז ביכולת צו אונטערשיידען די געבאָרענע אַריסטאָקראַטיע פון דער געלד־אַריס־טאָקראַטיע, די העכערע בורזשואַזיע פון דער קליינבורזשואַזיע,

און די לעצטע פון די פאבריק־ און שטאָדט־פּראָלעטאַריער; און פונקט דאָסזעלבע דעם גרויסען ערד־אייגענטימער פון דעם פויער, וואָס באַארבייט די ערד מיט זיינע אייגענע הענד, און צום סוף — דעם פאַרמער פון דעם פראָסטען דאָרף־פּראָלעטאַריער.

אָט די אַלע פאַרשיידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע שטאַנ־דען ווערען אין דער היינטיגער צייט איינגעטיילט אין צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס, וועלכע זיינען דיאַמעטראַל געגענעריש און בטבע פיינדליך איינע צו די אַנדערע: אין פּאָליטישע קלאַסען, וואָס זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע וואָס זיינען פּריווילעגירט בנוגע צו לאַנד־אייגענטום, קאַפּיטאַל אָדער אפילו בורזשואַזער ביל־דונג,* און אין ארבייטער קלאַסען, וועלכע זיינען באַשווינדעלט פון קאַפּיטאַל אזוי גוט ווי פון לאַנד, און בארויבט פון יעדע לעהרע און בילדונג.

מען דאַרף זיין אַ סאָפיסט אָדער אַ בלינדער, אום אַבצולייי־קענען, אַז אַ גאַנצער תהום טיילט פונאַנדער די צוויי קלאַסען. פונקט ווי עס איז געווען אין דער אַלטער וועלט, נעהמט אונזער היינטיגע ציוויליזאַציע ארום אַ גאַנץ באַגרעניצטע צאָהל פּריווי־לעגירטע בירגער, און האָט אַלס יסוד די געצוואונגענע (דורך הונ־גער) ארבייט פון דער גרויסער מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַטאַל פאַראורטיילט צו אונוויסענהייט און גראָבקייט.

עס וואָלט אויך געווען ארויסגעוואָרפען די מיה צו מאַכען זיך גלויבען, אַז דער דאָזיגער תהום קען אויסגעפילט ווערן דורך דער פשוט'ער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישען די פאָלקסמאַסען. עס איז אַ שעהנע זאַך צו גרינדען פאָלקס־שולען; און פונדעסט־וועגען דאַרף מען זיך נאָך פרעגען, צי קאָן אַ מענש פון פאָלק, וועלכער לעבט פון איין טאָג אויפ'ן אַנדערן און דערנעהרט זיין פאַמיליע מיט דער פּראַצע פון זיינע הענט, וועלכער באַזיצט אַליין ניט קיין בילדונג און האָט ניט קיין פרייע צייט, און איז געצוואונ־

* פאַר דאָס ניט האָבען קיין אַנדער אייגענטום, אויסער דער בורזשואַזער בילדונג, פאַרזאָרגט איהם שוין אָט די גרויסע פּריווילעגיע וואָס ער קריגט, דורך דער סאָלידאַריטעט, וועלכע פאַרבינדט אַלע מיטגלידער פון דער בורזשואַזער וועלט, דערמיט וואָס ער ווערט באַלוינט פאַר זיין ארבייט, — וואָרים די ארבייט פון דעם מיטעלמעסיגסטען בורזשואַ באַצאָהלט זיך דריי און פיער מאָל אַזויפיעל, ווי די ארבייט פון דעם קליגסטען אַרבייטער.

גען זיך אַליין אָפּצוטויטען און אָפּצוטעמפּען מיט דער אַרבייט, כדי צו פאַרזאָרגען זיין פאַמיליע מיט ברויט אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג, — מען דאַרף זיך פרעגען, צי קאָן גאָר אַזאַ מענש האָבען דעם געדאַנק און דעם פאַרלאַנג אָדער אַפילו די מעגליכקייט, צו שיקען זיינע קינדער אין דער שולע אַריין, אָדער זיי אויסהאַלטען אין דער צייט פון זייער שטודירען? צי וועט ער זיך ניט נויטיגען אין דער הילף פון זייערע שוואַכע הענד, אין זייער קינדער־אַרבייט, כדי צו דערפילען די אַלע באַדערפענישען פון דער פאַמיליע? עס וועט שוין זיין אַ סך, אויב ער וועט ברענגען אַן אָפּפער און וועט זיי אַריינגעבען אין אַ שולע אויף אַ יאָהר אָדער צוויי, געבענדיג זיי קוים די נויטיגע צייט אום זיך אויסצולערנען לייענען, שרייבען, רעכענען און לאָזען פאַר'סמ'ען זייער הארץ און זייער שכל מיט'ן קריסטליכען קאַטעכיזם, וועלכער ווערט אַזוי קונציג און מיט אַ ברייטער האַנד אונטערגעטראָגען אין די אָפיציעלע פאָלקס־שולען פון אַלע לענדער. צי וועט אָט דער קאַרגער אונטערריכט ווען־עס־איז זיין ביכולת צו דערהויבען די אַרבייטער מאַסען צו דער הויך פון דער בורזשואַזער בילדונג? וועט ווען עס איז דער תהום פאַרשאָטען ווערן?

עס איז קלאָר, אַז די דאָזיגע זעהר וויכטיגע פראַגע פון פאָלקס־בילדונג און ערציהונג הענגט אָפּ פון דער לעזונג פון דער מעהר וויכטיגער און שווערער פראַגע, אָן די ראַדיקאַלע רעפאָרמען אין די אַרבייטער קלאַסען. הויבט־אויף די באַדינגונגען פון דער אַרבייט, גיט אָפּ דער אַרבייט אַלץ, וואָס איהר געהערט מיט רעכט, און מיט דעם אַליין גיט איהר שוין דעם פאָלק: זיכערהייט, וואוילשטאַנד, פרייע צייט; און דעמאָלט, מעגט איהר זיך פאַרלאָזען, וועט ער זיך שוין אויסבילדען, ער וועט באַשאַפען אַ ברייטערע, געזינטערע, ערהאַבענערע ציוויליזאַציע, ווי אייערע.

עס וואָלט אויך געווען איבעריג דער טענה'ן צוזאַמען מיט די עקאָנאָמיסטען, אַז די פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אַרבייטער־קלאַסען הענגט אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם פראָגרעס פון אינדוסטריע און האַנדעל אין יעדער פאַמיליע און פון זייער ענדגילטיגער באַפרייאונג פון אונטער דער קאָנטראָלע אין דער פּראָטעקציע פון די שטאַאַטען. די פרייהייט פון אינדוסטריע און האַנדעל איז געוויס אַ גרויסע זאַך און איינע פון די הויפּט־

טריע און האנדעל איז געוויס א גרויסע זאך און איינע פון די הויפט־יסודות פון אן אינטערנאציאָנאלען פארבאנד פון אלע פעלקער פון דער וועלט. אבער פון דער צווייטער זייט מוזען מיר אָנערקענען, אז אזוי לאנג ווי עס וועלען עקזיסטירן די היינטיגע שטאאטען, אזוי לאנג ווי די ארבייט וועט זיין אין פארשקלאפטער אפהענגיג־קייט ביי אייגענטום און קאפיטאל, וועט אָט די פרייהייט, וואָס וועט רייך מאכען בלויז אן אומבאדייטענדען טייל פון פאָלק, אי־בערהויפט דער בורזשואזיע, צום שאָדען פון דער גרויסער מערהייט פון דער באפעלקערונג, אויפטאָן נאָר איין גוטע זאך: זי וועט דענערווירן און פאלשטענדיג דעמאָראליזירן די קליינע צאָהל פריי־ווילעגירטע; זי וועט פארגרעסערן די אָרימקייט, די באליידיגונגען און דעם גערעכטען צאָרן פון די ארבייטער־מאסען, און מיט דעם אליין דערנעהנטערן די שעה פון דער פארניכטונג פון די רעגירונגען.

ענגלאנד, בעלגיע, פראנקרייך און דייטשלאנד זיינען בלי ספק איירָאפעאישע לענדער, וואו האנדעל און אינדוסטריע באנוצען זיך פארהעלטניסמעסיג אם שטארקסטען מיט דער פרייהייט און האָבען דערגרייכט די העכסטע אנטוויקלונג. און דוקא זיי זיינען עס די לענדער, וואו דער פאָופעריזם לאָזט זיך פיהלען אויף דעם גרוי־זאמסטען אופן, וואו דער אָפגרונד צווישען די אייגענטימער און קאפיטאליסטען פון איין זייט, און די ארבייטער־קלאסען פון דער אנדערער, האָט זיך אויסגעברייטערט ביז א גראד, וואָס איז נאָך אין אנדערע לענדער אומבאוואוסט. אין רוסלאנד, אין די סקאנ־דינאווישע לענדער, אין איטאליע, אין שפאניע, אומעטום וואו האנדעל און אינדוסטריע זיינען ווייניג אנטוויקעלט, שטארבען מענ־שען זעהר זעלטען פון הונגער, סיידען צוליעב אן אומגעוועהנליכער קאטאסטראָפע. אין ענגלאנד איז א הונגער־טויט אן אלטעגליכע געשעהעניש. און ניט נאָר באזונדערע איינציגע, ניין, טויזענדער, צעהנדליגער, הונדערטער טויזענדער שטארבען אויף אזא אופן. צי איז דען ניט קלאָר גענוג, אז ביי אזא עקאָנאָמישען צושטאנד, ווי עס הערשט אין דער איצטיגער צייט אין דער גאנצער ציווי־ליזירטער וועלט, — אז די פרייהייט און די אנטוויקלונג פון האנ־דעל און אינדוסטריע, די וואונדערבארע אָנווענדונג פון דער ווי־סענשאפט אין דער פראָדוקציע, און אפילו די מאשינען אליין, וואָס האָבען דעם צוועק צו באפרייען דעם ארבייטער, צו פארגרינגערן

די מענשליכע ארבייט, — אז אַט די אַלע ערפינדונגען, אַט דער גאַנ־
צער פּראָגרעס, מיט וועלכען עס גרויסט זיך מיט רעכט דער ציווי־
ליזירטער מענש, זיינען גאַנץ ווייט פון דעם, אז זיי זאָלען פאַר־
בעסערן די לאַגע פון די ארבייטער־קלאַסען, זיי פארערגערן איהר
נאָך, און מאַכען איהר נאָך מעהר אומדערטרעגליך.

בלויז נאָרד־אַמעריקא איז אין א באדייטענדער מאָס אן אויס־
נאַהם פון דעם כלל. אָבער אַט די אויסנאַהם איז ווייט פון דעם,
זי זאָל ארונטעררייסען דעם כלל, פארקעהרט, זי באשטעטיגט איהם.
אויב די ארבייטער ווערן דאָרט בעסער באצאָהלט ווי אין אייראָפּא;
אויב קיינער שטארבט דאָרטען ניט פון הונגער; אויב צו דער איצ־
טיגער צייט עקזיסטירט דאָרט נאָך כמעט ניט קיין קלאַסען־אַנטאַ־
גאָניזם; אויב אַלע ארבייטער זיינען בירגער און די גאַנצע מאַסע
בירגער באשטעהט דאָרט ווי פון איין קערפּערשאַפט; און צום סוף,
אויב די עלעמענטארע און מיטעלע בילדונג איז דאָרט פארשפּרייט
צווישען די מאַסען, דארף מען דאָס אַלץ אין א גרויסער מאָס זיכער
צושרייבען דעם טראַדיציאָנעלען פרייהייטס־גייסט, וואָס די ערש־
טע קאָלאָניסטען האָבען מיטגעבראכט פון ענגלאנד: געבאָרן,
אויסגעפּרובירט און געקרעפטיגט אין דעם גרויסען רעליגיעזען
קאַמף, איז אַט דער פּרינציפּ פון אינדיווידועלער אומאָפּהענגיגקייט
און קאָמונאַלער און פּראָווינציעלער זעלבסט־פארוואלטונג נאָך
פארשטארקט געוואָרן דורך דער זעלטענער גינסטיגער לאַגע, וואָס
ווערענדיג אריבערגעטראָגען אויף א פרייען פּלאַץ איז ער געוועזן
פריי פון דעם גייסטיגען יאָך פון דער פארגאַנגענהייט און האָט
געקאָנט אויף אַזאַ אופן באשאַפען א נייע וועלט — א וועלט פון
פרייהייט. און די פרייהייט איז אַזאַ כשוף־מאַכערין, זי איז באַ־
שאָנקען מיט אַזאַ וואונדערבארער שאַפענדער קראַפט, אז באַ־
גייסטערט פון איהר נאָר אליין, האָט נאָרד־אַמעריקא אין ווייניגער
ווי א יאָהר הונדערט דערגרייכט, און וואָלט מען געקאָנט זאָ־
גען אויך אריבערגעיאָגט, די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע. מען
דארף זיך אָבער ניט לאָזען נארען, אַט דער וואונדערליכער פּראָגרעס
און דער וואוילשטאַנד, וואָס איז מקנא צו זיין, האָבען צו פארדאַנ־
קען אין א גרויסער מאָס זייער עקזיסטענץ דעם וויכטיגען פאָרצוג,
וואָס אַמעריקא טיילט זיך מיט רוסלאנד: מיר ריידען פון דעם
גרויסען שטח פרוכטבארע ערד, וואָס בלייבט ניט באארבייט צו־

ליעב דעם מאנגעל אין ארבייטס־העגט. פאר רוסלאַנד, ביז היינט צו טאָג אם וועניגסטענס, איז אַט די גרויסע רייכקייט אין שטח געבליבען כמעט אומניצליך, ווייל מיר האָבען קיינמאָל קיין פריי־הייט ניט באַזעסען. אַנדערש איז די זאַך פאָרגעקומען אין נאָרד־אַמעריקא, וועלכע, אַ דאַנק דער פרייהייט, וואָס איהר גלייכען עקזיסטירט ניט אין ערגעץ אויף דער וועלט, ציהט זי צו יעדען יאָהר הונדערטער טויזענדער ענערגישע, פלייסיגע און פארשטענדיגע קאָלאָניסטען, און אַ דאַנק אַט דער רייכקייט קאָן זי זיי אויפנעהמען. אַט די רייכקייט פארניכטעט צו דערזעלבער צייט דעם פּאָופּעריזם און דערווייטערט דעם מאָמענט, ווען די סאָציאַלע פראַגע וועט ארויפשווימען: דער ארבייטער, וואָס געפינט ניט קיין ארבייט, אָדער וועלכער איז אומצופרידען מיט זיינע פארדינסטען וואָס ער באַקומט אין דער הויפּטשטאָדט, קאָן שטענדיג אין לעצטען פאַל אויסוואַנדערן נ אָ ך ד ע ר ו ו ע ס ט, אום דאָרט צו באַארבייטען וועלכען ניט איז ווילדען, ניט פארנומענעם באָדען.

אַט די מעגליכקייט, וואָס איז שטענדיג אָפען פאַר אַלע אמעריקאַנער ארבייטער, וואָס האָבען ניט קיין בעסערס, האַלט דאָרט נאַטירליכערווייזע דעם ארבייטס־לוין אויף אַ גענוגענדער הויך און גיט יעדען איינעם אַן אומאָפּהענגיגקייט, וואָס איז אומבאַקאַנט אין אייראָפּאַ. דאָס איז די מעלה, אָבער דאָס איז אויך געווען אַ חסרון: די ביליגקייט פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטען העגגט הויפּטזעכליך אָפּ פון דער ביליגקייט פון ארבייט, און דעריבער זיינען די אַמעריקאַנער פאַבריקאַנטען אין די מייסטע פאַלען ניט ביכולת צו קאָנקורירען מיט די אייראָפּעאישע פאַבריקאַנטען, — פון וואָס עס איז ארויסגעקומען אַ נויטווענדיגקייט פאַר אַ פּראָטעקטיווען טאַריף פאַר דער אינדוסטריע פון די צפון־שטאַאַטען. אָבער די רעזולטאַטען פון דעם טאַריף זיינען געווען, ערשטענס, אַז עס זיינען געשאַפען געוואָרן אַ מאַסע געקינסטעלטע מאַנופעקטורען, און זיי האָבען באַזונדערס געדריקט און רואינירט די ניט־מאַנופאַקטור שטאַאַטען פון דרום, וואָס האָט זיי געטריבען צו וועלען זיך אָפּטיילען; און, צווייטענס, אַז עס זאָלען זיך אָנקלייבען אין אַזעלכע צענטערס, ווי ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באָסטאָן און אַנדערע, גאַנצע מאַסען פון ארבייטער־פּראָלעטאַריער, וועלכע קומען בּיסלעכווייז צו דעמזעלבען צושטאַנד ווי די ארבייטער

אין די גרויסע אייראָפּעאישע מאַנופאַקטור־שטאַאַטען. און מיר זעהען, אַז עס אַנטשטעהט די סאָציאַלע פראַגע אין די צפון שטאַאַטען, פּונקט ווי זי איז אַנטשטאַנען אַ סך פריהער ביי אונז.

און אַזוי זיינען מיר געצוואונגען אַנצודערקענען אַלס אַן אַלגעמיינעם כלל, אַז אויך אין אונזער היינטיגער וועלט, אויב אַפּילו ניט אינגאַנצען ווי אין דער אַלטער וועלט, איז אַלץ די ציוויליזאַציע פון דער קליינער צאָהל געגרינדעט אויף דער געצוואונגענער אַרבייט און פאַרהעלטניסמעסיגער באַרבאַריי פון דער גרויסער מעהרהייט. עס וואָלט געווען ניט ריכטיג צו זאָגען, אַז אַט דער פּריווילעגירטער קלאַס איז אינגאַנצען פרעמד צו אַרבייט; פאַרקערט, אין אונזער צייט אַרבייטען זיינע מיטגליעדער אַ סך, די צאָהל פון די וואָס אַרבייטען גאַרנישט פאַרקלענערט זיך אויף אַ מערקבאַרען אופן, די אַרבייט הויבט אָן געאַכטעט צו ווערן אין אַט דעם קרייז; אַפּילו די גליקליכסטע פאַרשטעהען שוין איצט, אַז כדי צו פאַרבלייבען אויף דער הויך פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, כדי צו זיין ביכולת צו באַנוצען זיך מיט איהרע פּריווילעגיעס און אָנהאַלטען זיי, דאַרף מען אַ סך האָרעווען. אָבער דער חילוק צווישען דער אַרבייט פון די פאַרמעגליכע און אַרבייטענדע קלאַסען איז דער, וואָס די אַרבייט פון די ערשטע ווערט באַצאָהלט אומפאַרגלייכליך בעסער, ווי די פון די לעצטע, און דעריבער לאָזט זי איבער פאַר די פּריווילעגירטע *פרייע צייט*, וואָס איז די נויטווענדיגסטע באַדינגונג פאַר דער מענשליכער, ווי אויך אינטעלעקטועלער און מאָראַלער אַנטוויקלונג, — אַ באַדינגונג, וואָס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט פאַר די אַרבייטענדע קלאַסען. אַחוץ דעם, די אַרבייט, וואָס ווערט דורכגעפיהרט פון דער פּריווילעגירטער וועלט, איז כמעט אויסשליסליך אַ *נערווען־אַרבייט*, — די אַרבייט פון פאַנטאַזיע, זכרון און דענקען; בעת די אַרבייט פון די מיליאָנען פּראָלעטאַריער איז אַ *פיזישע אַרבייט*, און אָפט, ווי צום ביישפּיעל אויף די פאַבריקען, פאַרווענדט זי ניט דעם גאַנצען מוסקול־סיסטעם פון מענשען, נאָר אַנטוויקעלט בלויז איין טייל זיינעם, שאַדענדיג דערביי די איבעריגע, אַן אַרבייט, וואָס ווערט געטאָן אונטער באַדינגונגען, וואָס זיינען שעדליך פאַר דער געזונט פון קערפּער און שטערן זיין האַרמאָנישע אַנטוויקלונג.

אין דער הינזיכט איז שוין דער ערד־ארבייטער א סך גליקליכער. זיין קערפער ווערט ניט פארדארבען דורך דער ענגער, פאר־שטיקטער און זעהר אפט פארפעסטעטער לופט פון פאבריק, ווערט ניט פארקריפעלט דורך דער אומנאָרמאלער אנטוויקלונג פון איין פעהיגקייט צום שאָדען פון די אַנדערע, ער פארבלייבט שטאַרקער און פולער, — דערפאר אָבער בלייבט זיין שכל שטענדיג אָפּ־געשטאַנענער, שווערער און וועניגער אנטוויקעלט, ווי דער שכל פון די פאבריק־ און שטאָדט־ארבייטער.

סוף כל סוף בילדען די בעלי־מלאכות, מאשין ארבייטער און ערד ארבייטער איין און דיזעלבע קאטעגאָריע, די קאטעגאָריע פון מוסקול־ארבייט, וואָס איז קעגענגעזעצט צו די פריווילעגירטע פאָרשטעהער פון נערווען־ארבייט. וואָס זיינען די פאָלגען פון דער דאָזיגער פאנאַנדערטיילונג, וועלכע איז ניט נאָר ניט פיקטיוו, נאָר וועלכע איז דער יסוד פון דעם היינ־טיגען פאָליטישען און סאָציאַלען צושטאַנד?

פאר די פריווילעגירטע פאָרשטעהער פון דער נערווען־ארבייט, וועלכע זיינען, צווישען אונז גערעדט, ניט באשטימט געוואָרן צו זיין איהרע פאָרשטעהער אלס די קליגסטע, נאָר בלויז דערפאר, ווייל זיי זיינען געבאָרן געוואָרן אין פריווילעגירטען קלאַס, — פאר זיי זיינען אלע מעשים־טובים, אָבער אויך די אלע פארפיהרענדע נסיונות פון דער מאָדערנער ציווי־ליזאַציע: רייכטום, לוקסוס, קאָמפאָרט, גוטע אָרדענונג, פאמי־ליען גליק, אויסשליסליכע פאָליטישע פרייהייט צוזאמען מיט דער מעגליכקייט צו עקספלואטירן די ארבייט פון מיליאָנען ארביי־טער און צו געוועלטיגען איבער זיי לויט דעם אייגענעם פאר־לאַנג און אין די אייגענע אינטערעסען, — אלע אויפטואונגען, אלע פארפיינערונגען פון דער פאנטאזיע און דעם געדאנק... און צוזאמען מיט דער מעגליכקייט צו ווערן פאָלקאָמענע מענשען, אויך דער גאנצער גיפט פון א מענשהייט וואָס איז פארדאָרבען גע־וואָרן דורך פריווילעגיעס.

וואָס־זשע בלייבט פאר די פאָרשטעהער פון מוסקול־ארבייט, אָט פאר די אומצעהלבארע מיליאָנען פראָלעטאריער, אָדער אפילו קליינע ערד־אייגענטימער? אומפארמיידליכע נויט, די אָפּוועזענהייט פון פאמיליען־גליק, — וואָרים אפילו די פא־

מיליע ווערט פאַר דעם אָרעמען גיך אַ לאַסט, — זאומווסענהייט, ווילדקייט, און, מיר וואָלטען אַפילו געזאָגט, אַ געצוואונגענער טיערישער צושטאַנד, טרייסטענדיג זיך דערמיט, וואָס זיי דיענען אַלס די אויפהאַלטער פון דער ציוויליזאַציע, פון דער פרייהייט און פאַרדאָרבענקייט פון אַ קליינער צאָהל. דערפאַר אָבער בלייבען זיי ביי דער פרישקייט פון שכל און פון הארץ. כאָטש זיי ווערן דערצויגען אין געצוואונגענער ארבייט, בלייבען זיי דאָך ביי אַ געפיהל פון גערעכטיגקייט, וואָס איז אַ סך גערעכטער ווי די גערעכטיגקייט פון די יוריסטען און די קאָדעקסען; אַליין אומגליקליך, פיהלען זיי מיט יעדען אומגליק, זיי בלייבען ביי דעם געזונטען פאַרשטאַנד, וועלכער איז ניט פאַרדאָרבען פון די סאָפיזמען פון די וויסענשאַפטליכע טעאָריעס און דער אַפנאַרעריי פון דער פּאָליטיק, — און אַזוי ווי זיי האָבען נאָך ניט מיסברויכט און זיך אַפילו ניט באַנוצט מיט'ן לעבען, גלויבען זיי נאָך אין לעבען.

אָבער, וועט מען ענטפערן, אָט דער קאָנטראַסט, אָט דער אָפּגרונד צווישען אַ קליינער צאָהל פּריווילעגירטע און אַ גרויסער צאָהל עלענדע, האָט אַלע מאָל עקזיסטירט און עקזיסטירט איצט אויך: וואָס אַזוינס האָט זיך געענדערט?

געענדערט האָט זיך דאָס, וואָס אַמאָל איז דער תהום געוועזן אָנגעפילט מיט אַ רעליגיעזען נעבעל, אַזוי, אַז די פאָלקס־מאַסען האָבען איהם ניט געזעהן; און איצטער, נאָכדעם, ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט טיילווייז צעטריבען דעם טומאַן, האָבען זיי איהם אָנגעהויבען זעהן און זיי פרעגען וואָס עס האָט איהם פאַראורזאַכט. די באַדייטונג דערפון איז ניט אָפּצושאַצען.

זינט די רעוואָלוציע האָט אַרונטערגעבראַכט צווישען די מאַסען איהר עוואַנגעליום, ניט קיין מיסטישען נאָר אַ ראַציאָנאַלען, — ניט קיין הימעלשען נאָר אַן ערדישען, ניט קיין געטליכען נאָר אַ מענשליכען, — איהר עוואַנגעליום פון מענשען־רעכט; זינט זי האָט פּראָקלאַמירט, אַז אַלע מענשען זיינען גלייך, אַז אַלע גלייך זיינען בארופען צו פרייהייט און מענשליכקייט, — הויבען אָן די פאָלקס־מאַסען אין אייראָפּאַ און אין דער גאַנצער וועלט ביסלעכווייז זיך אויסטשוכען פון דעם שלאָף, וועלכער האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטען איינגעשמידט זינט דער קריסטענטום האָט זיי

איינגעשלעפערט מיט זיינע מאָן־בלומען, און זיי הויבען אָן זיך צו פרעגען, צי האָבען זיי ניט קיין רעכט אויף גלייכהייט, פרייהייט און מענשליכקייט.

ווי נאָר די פראגע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן, האָט דאָס פאָלק, געפיהרט פון זיין וואונדערבאַרן געזונטען פארשטאנד, ווי אויך פון זיין אינסטינקט, אומעטום פארשטאנען, אז די ערשטע באדינגונג פאר זיין ווירקליכער באפרייאונג, אָדער, אויב איהר׳ וועט מיר ערלויבען צו זאָגען דאָס וואָרט, פאר זיין אויסמענשלען זיך, איז די גרינדליכע רעפאָרמירונג פון זיינע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די ברויט־פראגע איז ביי איהם מיט רעכט די ערשטע פראגע, וואָרים אַריסטאָטעל האָט שוין באמערקט: א מענש, אום צו דענקען, אום צו ווערן א מענש, מוז זיין פריי פון די זאָרגען פאר דעם מאטעריעלען לעבען. אַגב, די בורזשואזיע, וועלכע שרייט געגען דעם מאטעריאליזם פון פאָלק און פרעדיגט איהם די נזירות פון אידעאליזם, ווייס עס גאַנץ גוט, וויל זי פרעדיגט עס בלויז מיט ווערטער, אָבער ניט מיט ביישפיעלען. — א צווייטע פראגע פאר׳ן פאָלק, איז די פרייע צייט נאָך דער ארבייט, דאָס איז אַן אומפאַרמיידליכער באדינג פון דער מענשליכקייט; אָבער ברויט און פרייע צייט קען ער אנדערש ניט קריגען, סיידען דורך דער גרינדליכער איבערבויאונג פון דער היינטיגער געזעלשאַפט־ליכער אָרדענונג, און דאָס דערקלערט, פארוואָס די רעוואָלוציע, געטריבען דורך דער לאָגישער אנטוויקלונג פון איהר אייגענעם פרינציפ, האָט באשאַפען דעם ס אָ צ י אַ ל י ז ם.

## II

# סאָציאַליזם.

די פראנצויזישע רעוואָלוציע, פראָקלאמירענדיג דאָס רעכט און די פליכט פון יעדען מענשליכען אינדיווידום צו ווערן א מענש, איז דערגאַנגען אין איהרע לעצטע שלוסען צום באבעפיזם. באַ־בעף, איינער פון די לעצטע ענערגישסטע און ריינסטע בירגער, וואָס די רעוואָלוציע האָט אזוי פיעל באשאַפען און געטויט, וועל־

כער האָט אויך געהאַט דאָס גליק צו צעהלען צווישען זיינע פריינד אזעלכע מענשען ווי בואָנאַראָטי, האָט אין זיך פאראייניגט דורך א מאָדערנעם צוזאַמענהאַנג, די פּאָליטישע טראַדיציעס פון דעם אַלטען פּאַטערלאַנד מיט די גאַנץ מאָדערנע אידעען פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע. זעהענדיג, אז די רעוואָלוציע דאַרט איין, דורכדעם וואָס אין איהר פעהלט די גרינדליכע איבערבויאונג, וואָס איז דאָ, אגב, לויט אַלע וואהרשיינליכקייטען, געווען אומ־מעגליך צוליעב דעם עקאָנאָמישען געבוי פון דער געזעלשאַפט; בלייבענדיג טריי, פון דער אַנדער זייט, דעם גייסט פון דער רע־וואָלוציע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיגט דערמיט, וואָס אַנשטאָט יעדער פערזענליכער איניציאַטיווע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די אַלמעכטיגע טעטיגקייט פון שטאַאט, האָט ער אויסגעדענקט א פּאָליטישען און סאָציאַלען סיסטעם, לויט וועלכען א רעפּובליק, וואָס דריקט מיט זיך אויס דעם קאָלעקטיווען ווילען פון די ביר־גער, וואָלט געדאַרפט קאָנפיסקירן אַלע פּריוואַט־אייגענטומס און זיי פאַרווענדען אין די אינטערעסען פון אַלעמען, איינטיילענדיג יעדען איינעם א גלייכע מאָס: ערציהונג, אונטערריכט, מיטלען פאַר עקזיסטענץ, פאַרגעניגענס, און צווינגענדיג אַלעמען אָהן אויס־נאַהם, לויט די כחות, לויט די פעהיגקייטען פון יעדען איינעם, צו מוסקול־ און נערווען־ארבייט. באַבעפ'ס פאַרשווערונג האָט זיך ניט איינגעגעבען, ער איז גילאָטינירט געוואָרן צוזאַמען מיט עט־ליכע פריינד. אָבער זיין אידעאַל פון א סאָציאַליסטישער רע־פּובליק איז מיט איהם צוזאַמען ניט געשטאָרבען. זיין פריינד בואָנאַראָטי, דער גרעסטער פאַרשווערער פון דעם יאָהרהונדערט, האָט איבערגענומען דעם דאָזיגען אידעאַל, און האָט איהם דער־נאָך איבערגעגעבען אַלס א הייליגען נדר צו די נייע דורות, און א דאַנק די געהיימע געזעלשאַפטען, וואָס בואָנאַראָטי האָט גע־גרינדעט אין בעלגיע און אין פראַנקרייך, זיינען קאָמוניסטישע אידעען אַנטשטאַנען אין דער פאַרשטעלונג פון פאָלק, — פון 1830 ביז 1848 האָבען די קאָמוניסטישע אידעען געפונען זייערע באַגאַבטע פאַרשפּרייטער אין קאַבע און לואי בלאַן, וועלכע האָ־בען ענדליך געגרינדעט דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. א צווייי־טע סאָציאַליסטישע ריכטונג, וואָס איז אַנטשטאַנען פון דעמזעל־בען רעוואָלוציאָנערן מקור און וועלכע שטרעבט צו דעמזעלבען

ציעל, נאר אויף א גאנץ אנדער ריכטונג, וועלכער מיר וואלטען גערן גערופען דער דאקטרינערער סאציאליזם, איז געגרינדעט געוואָרן פון צוויי מערקווירדיגע מענשען: סען־סימאָן און פוריע. דער סען־סימאָניזם איז פארטייטשט, אנטוויקעלט, אויסגעארבייט און באגרינדעט געוואָרן אין דער פאָרם פון א כמעט פראקטישען סיסטעם, — וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א קירכע, — דורך דעם פאָטער אנפאנטען צוזאמען מיט זיינע פיעלע פריינד, פון וועלכע די גרעסטע טייל זיינען היינט געוואָרן פינאנסיסטען און שטאאטס־מענער, וואָס זיינען זעלטען איבערגעבען דער אימפעריע. — דער פוריעריזם האָט געפונען זיין אויסטייטשער אין דער „פריעדליכע דעמאָקראטיע", וועלכע איז ביז דעם 2־טען דעצעמבער ארויסגע־געבען געוואָרן פון וויקטאָר קאָנסידעראן.

דער פארדינסט פון די דאָזיגע צוויי סאָציאליסטישע סיס־טעמען, וועלכע זיינען, אגב, אין פיעלע הינזיכטען פארשיידען, באשטעהט הויפטזעכליך אין דער טיעפער, געלעהרטער און שטרענגער קריטיק פון דער היינטיגער געזעלשאפטליכער אָרדענונג, די משונה'דיגע ווידערשפרוכען פון וועלכער זיי האָבען דרייסט אויפגעדעקט; ווי אויך אין דעם וויכטיגען פאקט, וואָס די ביי־דע סיסטעמען האָבען מעכטיג באקעמפט און אין א באדייטענדער מאָס צעטרייסעלט דעם קריסטענטום, אין נאָמען פון דער אויפ־ריכטונג און בארעכטיגונג פון דער מאטעריע און די מענשליכע ליידענשאפטען, וועלכע ווערן פארלוימדעט און אין דערזעלבער צייט אזוי גוט פראקטיצירט פון די קריסטליכע גייסטליכע. די סען־סימאָניסטען האָבען געוואָלט אויפשטעלען אויף דעם פלאץ פון קריסטענטום א נייע רעליגיע, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם מיסטישען קולט פון חומר, מיט א נייער הירארכיע פון גייסטליכע, מיט נייע עקספּלואטירער פון די מאסען דורך די פריווילעגיעס פון געניאליטעט, פעהיגקייטען און טאלאנט. די פוריעריסטען, פיעלע פון זיי גרויסע און, מען קאָן זאָגען, אויך אויפריכטיגע דע־מאָקראטען, האָבען אויסגעארבייט א פּלאַן פון פאלאנסטערען, וועלכע ווערן רעגירט פון קאָמאנדירען, אויסגעוועהלטע דורך אל־געמיינע שטימרעכט; פאלאנסטערען, וואו יעדער איינער, לויט דעם געדאנק פון די פוריעריסטען, מוז געפינען פאר זיך אן אר־בייט און א פלאץ אין איינקלאנג מיט זיין געשמאק. — די פעה־

לערן פון די סען־סימאָניסטען ווארפען זיך צו שטאַרק אין די אוי־
גען, אז עס זאָל לוינען צו ריידען וועגען זיי. דער צוויופאַכיגער
טעות פון די פוריערוסטען איז באַשטאַנען, ערשטענס, אין דעם,
וואָס זיי האָבען אויפריכטיג געגלויבט, אַז מיט דער קראַפט פון
איבערצייגונג און פרידליכער פראָפּאַגאַנדע אליין וועלען זיי זיין
ביכולת צו באַוועגען די הערצער פון די רייכע ביז צו אַזאַ גראַד,
אַז סוף כל סוף וועלען זיי אליין קומען אַנידערלעגען דעם איבער־
פלוס פון זייער רייכטום ביים שוועל פון די פאַלאַנסטערען; צוויי־
טענס אין דעם, וואָס זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז מען קאָן
טעאָרעטיש, דורך אַ פון פאָראויס באַשטימטען פּלאַן, איינאָרדע־
נען אַ סאָציאַלען גן־עדן, אין וועלכען די מענשהייט זאָל זיך גע־
פינען צופרידענגעשטעלט אויף דורות. זיי האָבען ניט פאַרשטאַ־
נען, אַז כאָטש מיר קאָנען פאָראויסזאָגען די גרויסע פּרינציפּען
פון דער צוקינפטיגער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, פונדעסט־
וועגען מוזען מיר איבערלאָזען די פּראַקטישע פאַרווירקליכונג פון
די פּרינציפּען פאַר די עקספּערימענטען פון דער צוקונפט.

די רעגולירונג בכלל איז געווען אַ געמיינשאַפטליכע ליידענ־
שאַפט פון אַלע סאָציאַליסטען ביז דעם יאָהר 1848, מיט דער
אויסנאַהם פון איינעם. קאַבע, לואי בלאַן, די פוריערוסטען, די
סען־סימאָניסטען, אַלע זיינען זיי געווען באַהערשט פון דער ליי־
דענשאַפט צו פּראָיעקטירען און איינצואָרדענען די צוקונפט, אַלע
זיינען זיי געווען מעהר אָדער ווייניגער אַנהענגער פון שטאַאַט.

נאָר אָט איז געקומען פּרודאָן, אַ זוהן פון אַ פּויער, וועלכער
איז געווען הונדערט מאָל אַ גרעסערער רעוואָלוציאָנער, סיי אין
האַנדלען, סיי אין אינסטינקט, ווי די אַלע דאָקטרינערע, בור־
זשואַזע סאָציאַליסטען; ער האָט זיך באַוואָפענט מיט אַזאַ טיע־
פער, דורכדרינגענדער און אומדערביטליכער קריטיק, וואָס איז
געווען שטאַרק גענוג צו פאַרניכטען זייערע אַלע סיסטעמען.
אַוועקשטעלענדיג די פרייהייט קעגען דער הערשאַפט, האָט ער,
אין געגענזאַץ צו אָט די שטאַאַטליכע סאָציאַליסטען, דרייסט זיך
ערקלערט אַלס אַן אַנאַרכיסט און האָט געהאַט דעם מוט צו שליי־
דערן אין פּנים פון זייער דעאיזם אָדער פּאַנטעאיזם די דערקלע־
רונג, אַז ער איז פּשוט אַן אַטעאיסט, אָדער ריכטיגער, אַ פּאָ־
זיטיוויסט, ווי אָגיסט קאָנט.

פּרודאָנ'ס סאָציאַליזם, וואָס איז געגרינדעט אויף דער אינ־דיווידועלער, ווי אויף דער קאָלעקטיווער פרייהייט און אויף דער טע־טיגקייט פון די פרייע אסאָסיאַציעס, איז ניט אונטערוואָרפען קיי־נע אנדערע געזעצען, אחוץ די אַלגעמיינע געזעצען פון דער סאָ־ציאַל־עקאָנאָמיע, סיי די שוין אנטדעקטע און סיי די, וואָס דאַר־פען נאָך אַנטדעקט ווערן; שטעהענדיג אויסערהאַלב פון יעדער רעגירונגס־רעגולאַציע און יעדער פּראָטעקציע מצד פון שטאַאט, און אונטערוואַרפענדיג זיך דער פּאָליטיק פון די עקאָנאָמישע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלע אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט, האָט ער מיט דער צייט, געטריבען פון דער אומפאַרמיידליכער לאָגיק, געמוזט קומען צום פעדעראַליזם.

דאָס איז געווען דער צושטאַנד פון דער סאָציאַלער וויסענ־שאַפט ביז 1848. די פּאָלעמיקע אין די זשורנאַלען, פלוגבלע־טער און סאָציאַליסטישע בראָשורען, האָט איינגעוואָרצעלט אין די מוחות פון די ארבייטער־מאַסען אַ סך נייע אידעען; די מוחות זיינען מיט זיי געווען איבערפילט, און ווען עס איז אויסגעבראָ־כען די רעוואָלוציע פון 1848, איז דער סאָציאַליזם ערשינען אַלס אַ מעכטיגע קראַפט.

ווי מיר האָבען געזאָגט, איז דער סאָציאַליזם געווען דאָס לעצטע קינד פון דער גרויסער רעוואָלוציע; אָבער איידער זי האָט דעם סאָציאַליזם געבאָרן, האָט זי געבראַכט אויף דער וועלט איהר מעהר דירעקטען יורש, איהר עלטערן זוהן, דעם ליעבלינג פון די ראָבעספּיערס און די סען־זשיסטס: דעם ריינעם רעפּובליקאַ־ניזם, אָהן דער צומישונג פון סאָציאַליסטישע אידעען, וועלכער איז אריבערגעטראָגען געוואָרן פון דער אַלטער וועלט און איז באַזעעלט געוואָרן פון די העלדען־טראַדיציעס פון די גרויסע ביר־גער פון גריכענלאַנד און רוים. אַ סך ווענינער מענשליך ווי דער סאָציאַליזם, נעהמט דער דאָזיגער רעפּובליקאַניזם כמעט ניט אין אכט דעם מענשען און אָנערקענט נאָר דעם בירגער; און בעת דער סאָציאַליזם שטרעבט צו גרינדען אַ ר ע פּ ו ב ל י ק פ ו ן מ ע נ ש ע ן, פאַרלאַנגט דער רעפּובליקאַניזם נאָר אַ ר ע פּ ו ב־ל י ק פ ו ן ב י ר ג ע ר, ווען אפילו זיי זאָלען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די קאָנסטיטוציעס, וועלכע זיינען געווען דער נאַטירליכער און נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דער קאָנסטיטו־

ציע פון 1793 — (פון דעם מאָמענט, ווען די לעצטע, נאָך אַ קליינעם ישוב׳ן זיך, האָט באַוואוסטזיניג פאַרשוויגען די סאָציאַלע פראַגע), — ווען אפילו זיי זאָלען אַלס *אַקטיווע בירגער* (מיר באַנוצען זיך מיט דעם אויסדרוק פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג) אויפבויען זייער גליק אויף דער עקספּלואַטירטער ארבייט פון די *פּאַסיווע בירגער*. איבעריגענס, דער פּאָליטישער רעפּובליקאַנער, לפּחות אין דער אידעע, איז ניט קיין עגאָאיסט פאַר זיך פּערזענליך, ער מוז עס אָבער זיין צוליעב דעם פאָטערלאַנד, וועלכען ער דאַרף אין זיין פרייען הארצען אוועקשטעלען העכער פון זיך אַליין, העכער פון אַלע אינדיווידומען, פון אַלע נאַציאָנען אויף דער וועלט, העכער פון דער מענשהייט גופא. ער וועט דעריבער שטענדיג איגנאָרירן די אינטערנאַציאָנאַלע גערעכטיגקייט; אין אַלע סכסוכים, צי זיין פאָטערלאַנד וועט זיין גערעכט אָדער ניט, וועט ער זיך שטעלען אויף זיין צד, עס וועט זיין זיין וואונש, אַז זיין פאָטערלאַנד זאָל שטענדיג האָבען די אויבערהאַנט און זאָל דריקען די איבעריגע פעלקער מיט זיין מאַכט און גרויסקייט. אַלס אַ נאַטירליכער רעזולטאַט וועט ער ווערן אַן עראָבערער, — ניט אַכטענדיג דאַרויף, וואָס די ערפאַהרונג פון יאָהרהונדערטער לערענט איהם, אַז די מיליטערישע טריאומפען פיהרן פאַטאַל צום צעזאַריזם. אַ רעפּובליקאַנער סאָציאַליסט האַסט די שטאַאַטליכע גדלות, די מאַכט און די מיליטערישע פּראַכט, — ער ציהט בעסער פאָר די פרייהייט און דעם וואוילשטאַנד. דער פעדעראַליסט אין דער אינערליכער פּאָליטיק, שטרעבט צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפעדעראַציע, ערשטענס, צוליעב דעם נצחון פון גערעכטיגקייט; צווייטענס, ווייל ער איז איבערצייגט, אַז די עקאָנאָמישע און די סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן פאַרווירקליכט ווערן נאָר דורך דעם אריבערטרעטען איבער די געקינצעלטע און שעדליכע גרעינצען פון די שטאַאטען, מיט דער הילף פון דער סאָלידאַרישער טעטיגקייט פון אַלע, אָדער לפּחות פון דעם גרעסטען טייל פון די נאַציאָנען, וועלכע שטעלען צוזאַמען די ציוויליזירטע וועלט, און וואָס וועלען פריהער אָדער שפּעטער זיין געצוואונגען זיך צו פאַראייניגען אונטער איהר פאָהן. דער אויסשליסליכער פּאָליטישער רעפּובליקאַנער איז אַ סטאָאיקער; ער אַנערקענט ניט קיינע רעכטען, נאָר פליכטען, אָדער פונקט ווי אין מאַדזיני׳ס רעפּובליק,

אַנדערקענט ער נאָר איין איינציגען רעכט: דאָס רעכט זיך זעלבסט צו פאַרלייקענען און אָפּפערן מיט זיך פאַר׳ן פאַטערלאַנד, צו לעבען בלויז כדי צו דיענען איהם און מיט שמחה שטאַרבען פאַר איהם, ווי עס רעדט זיך אין דעם ליעד, מיט וועלכען אַלעקסאַנדער דומאַ האָט פרייגיביג איינגעטיילט די זשיראָנדיסטען: „שטאַרבען פאַר׳ן פאַטערלאַנד, דאָס איז דער העדליכסטער, דער קנאה׳דיגסטער גורל״.
דער סאָציאַליסט, פאַרקעהרט, שטיצט זיך אויף זיין פאָזיטיווען רעכט אויפ׳ן לעבען און אויף אַלע, ווי אינטעלעקטועלע און מאָראַלע, אַזוי אויך פיזישע געניסען פון לעבען. ער האָט ליעב דאָס לעבען, ער וויל איהם אויסנוצען אין דער פולער מאָס. אַזוי ווי זיינע איבערצייגונגען זיינען אַ טייל פון איהם גופא און זיינע פליכטען בנוגע צו דער געזעלשאַפט זיינען ענג פאַרבונדען מיט זיינע רעכטען, איז ער אימשטאַנד צו לעבען אין איינקלאַנג מיט דער גערעכטיגקייט, ווי פּרודאָן, און אין פאַל פון נויט צו שטאַרבען, ווי באַבעף; ער וועט אָבער קיינמאָל ניט זאָגען, אז דאָס לעבען פון דער מענשהייט דאַרף זיין אַ קרבן, און אז דער טויט איז דער זיסטער גורל. פאַר דעם פּאָליטישען רעפּובליקאַנער איז די פרייהייט נאָר אַ פוסטער קלאַנג; דאָס איז די פרייהייט צו זיין אַ פרייווילינער שקלאַף, אַ טרייער קרבן פאַר׳ן שטאַאַט; זייענדיג שטענדיג גרייט צו אָפּפערן פאַר איהם די אייגענע פרייהייט, וועט דער פּאָליטישער רעפּובליקאַנער מיט אַ גרינג האַרץ אָפּפערן אויך די פרייהייט פון אַנדערע. דער פּאָליטישער רעפּובליקאַניזם מוז דעריבער פיהרען צום דעספּאָטיזם. פאַר דעם רעפּובליקאַנישען סאָציאַליסט אָבער איז די פרייהייט, פאַראייניגט מיט דעם וואוילשטאַנד, וואָס שאַפען אַן אַלגעמיינע מענשליכקייט דורך דער מענשליכקייט פון יעדען איינעם, — פאַר איהם איז די פרייהייט אַלץ, בעת דער שטאַאַט איז אין זיינע אויגען ניט מעהר ווי אַן אינסטרומענט, וואָס דיענט דעם וואוילזיין און די פרייהייט פון אַלעמען און פון יעדען איינעם. דער סאָציאַליסט אונטערשיידט זיך פון דעם בורזשואַ מיט דער גערעכטיגקייט, ווייל ער פאָדערט פאַר זיך נאָר די פרוכט פון זיין ווירקליכער אַרבייט; און פון דעם אויסשליסליכען רעפּובליקאַנער אונטערשיידט ער זיך מיט זיין אָפענעם מענשליכען עגאָאיזם, לעבענדיג אָפען און אָהן פראַזען פאַר זיך אַליין, און וויסענדיג, אז ווען ער טוט עס

אין איינקלאַנג מיט דער גערעכטיגקייט, דיענט ער דער גאַנצער געזעלשאַפט, און דינענדיג דער גאַנצער געזעלשאַפט, דיענט ער זיך אַליין. דער רעפּובליקאַנער איז שטרענג, און אָפט צוליעב דעם פּאַטריאָטיזם — ווי דער גייסטליכער צוליעב דער רעליגיע — איז ער גרויזאַם. דער סאָציאַליסט איז נאַטירליך, מעסיג פּאַט־ריאָטיש, אָבער דערפאַר שטענדיג זעהר מענשליך, — מיט איין וואָרט, צווישען דעם רעפּובליקאַנישען סאָציאַליסט און דעם פּאָ־ליטישען רעפּובליקאַנער איז אַ גאַנצער אָפּגרונט: איינעם ציהט צו האַלב־רעליגיעזע פאָרמען, ער געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט; דער צווייטער, אַ פּאָזיטיוויסט אָדער אַן אַטעאיסט, געהערט צו דער צוקונפט.

דער דאָזיגער אַנטאַגאָניזם האָט זיך פאָלשטענדיג ארויסגע־צייגט אין 1848. באַלד פון אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע האָבען די רעפּובליקאַנער און די סאָציאַליסטען ניט געקאָנט קומען צו וועלכער עס איז איינשטימונג; זייערע אידעאַלען, אַלע זייערע אינסטינקטען האָבען זיי געצויגען אין דיאַמעטראַל געגענגעזעצטע זייטען. די גאַנצע צייט פון פעברואַר ביז יוני איז אריבערגעגאַנגען אין אַ שלעפּעניש הין און צוריק, וואָס האָט אריינגעטראָגען אַן אינערליכען קריעג אין דעם לאַגער פון די רעוואָלוציאָנערן און האָט פּאַראַליזירט זייערע קרעפטען, וואָס האָט, נאַטירליך, געמוזט איבערוועגען די וואָגשאָל אויף דער זייט פון דער קאָאַליציע פון די רעאַקציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדער־געוואַקסען אויפ׳ן גרויסען שטייגער און האָט זיי אַלעמען פאַראיי־ניגט און צונויפגעשמאָלצען אין איין פּאַרטיי אונטער דער פאָהן פון פּחד. אין יוני האָבען זיך שוין אויך די רעפּובליקאַנער פאַר־אייניגט מיט דער רעאַקציע, כדי צו אונטערדריקען די סאָציאַליס־טען. געמיינט האָבען זיי, אז זיי האַלטען אָפּ אַ נצחון, אין אמת׳ן אָבער האָבען זיי זייער טייערע רעפּובליק געשטויסען אין אָפּגרונט אריין. גענעראַל קאַוואַניאַק, דער פאָרשטעהער פון דעם כבוד פון דער פאָהן געגען דער רעוואָלוציע, איז געווען דער פאָרלויפער פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. און דאָס האָבען אַלע פאַרשטאַנען, אויב ניט אין פראַנקרייך, איז אין דער גאַנצער איבעריגער וועלט, וואָרים דעם דאָזיגען אומגליקליכען זיעג פון די רעפּובליקאַנער איבער די פּאַריזער ארבייטער האָבען געפייערט, ווי אַ גרויסען יום־טוב, אַלע

הויפען פון אייראָפּא, און די פּרייסישע אָפיצערן מיט די גענעראַלען בראש, האָבען זיך געאײַלט אָפּצושיקען אַן אדרעס מיט ברודערליכע באגריסונגען צו גענעראַל קאוואַניאַק.

אָנגעשראָקען פאר דעם רויטען געשפענסט, איז די אייראָ־פּעאישע בורזשואזיע אריינגעפאַלען אין אַ פאַלשטענדיגער קנעכ־טישקייט. בטבע ליבעראַל און קעמפעריש, פארגעטערט זי ניט דעם מיליטערישען רעזשים; נאָר זי האָט זיך ארויסגעזאָגט פאר איהם, איינזעהענדיג די געפאהר פון דער עמאַנציפּאציע פון פאָלק.

אויפאָפּפערנדיג איהר ווירדע און אַלע איהרע באַריהמטע עראָבערונגען אין דעם אכצעהנטען און אין אָנהויב פון דעם איצטיגען יאָהרהונדערט, האָט זי געמיינט, אַז זי וועט זיך לפּחות איינקויפען דעם פרידען און די רוה, וואָס איז נויטיג פאר דעם ערפאָלג פון איהר מסחר און איהרע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען: „מיר זיינען אייך מקריב אונזער פרייהייט“, — האָט זי ווי געזאָגט צו די מיליטערישע הערשער, וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען אויף די חורבות פון דער דריטער רעוואָלוציע, — „און גיט אונז דערפאר די מעגליכקייט רוהיג צו עקספּלואטירן די פאָלקס־מאסען און פאר־טיידיגט אונז פון זייערע שטרעבונגען, וועלכע מעגען זיך זיין גע־רעכטע אין דער טעאָריע, אָבער וועלכע זיינען אומדערטרעגליך פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזערע אינטערעסען“. מען האָט דער בורזשואזיע אַלץ צוגעזאָגט, און אפילו וואָרט געהאַלטען. פאר וואָס זשע איז די בורזשואזיע, די גאַנצע אייראָפּעאישע בורזשואזיע, היינט צו טאָג אומצופרידען?

זי האָט ניט אויסגערעכענט, אַז דער מיליטערישער רעזשים קאָסט טייער, אַז שוין צוליעב זיין אינערליכען געבוי פּאראַליזירט ער, באאומרוהיג ער און רואינירט די נאַציאָנען, און וואָס עס איז נאָך מעהר, טריי צו זיין אייגענער לאָגיק, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט פאררעטען, איז זיין אומפארמיידליכע פאָלגע מלחמה: דינאַסטישע מלחמות, מלחמות צוליעב עהרגייץ, עראָבערונגס־אָדער טעריטאָריאַלע מלחמות, מלחמות צוליעב גלייכגעוויכט, — די שטענדיגע פארניכטונג און פארשלינגונג פון איין מלוכה דורך דער צווייטער, די טייכען פון מענשליך בלוט, דאָס פארברענען פון דערפער, חרוב־מאַכונג פון שטעדט און די פארוויסטונג פון גאַנצע פּראָווינצען, — און דאָס אַלץ, אום צופרידענצושטעלען

דעם עהרגייץ פון די הערשענדע פערזענליכקייטען און זייערע ליעב־לינגען, אום זיי רייך צו מאַכען, כדי צו פּאראינטערעסירן און דיסציפּלינירן די פעלקער און אויסצופּילען די געשיכטע.

איצט פאַרשטעהט דאָס די בורזשואזיע, און דעריבער איז זי אומצופרידען מיט דעם רעזשים, וועלכען זי האָט אַזוי שטאַרק צוגעהאָלפען אויפצובויען. זי איז מיעד געוואָרן פאַר איהם; אָבער אויף וואָס וועט זי איהם פאַרבייטען?

די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע האָט שוין אָפּגעלעבט איהר צייט, און זי האָט אפילו ניט גענאָסען פון דעם באַזונדערן ערפאָלג אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט; אפילו אין ענגלאַנד, די היסטאָרישע וויגעלע פון דעם מאָדערנעם קאָנסטיטוציאָנאַליזם, ווערט זי היינט צושטערט פון דער וואַקסענדער דעמאָקראַטיע, זי וויעגט זיך, זי וואַקעלט זיך און זי וועט אין גיכען ניט זיין ביכולת צוריקצוהאַלטען דעם שטראָם פון די ליידענשאַפטען פון פאָלק און זיינע פערלאַנגען.

די רעפּובליק? אָבער וואָס פאַר א רעפּובליק? א פּאָליטישע בלויז, אָדער א דעמאָקראַטישע און א סאָציאַלע? זיינען די פעל־קער סאָציאַליסטיש געשטימט? יאָ, מעהר ווי ווען עס איז.

אין 1848 איז אומגעקומען ניט דער סאָציאַליזם בכלל, נאָר דער שטאַאַטליכער סאָציאַליזם, יענער רעגולי־רענדער, דעספּאָטישער סאָציאַליזם, וועלכער האָט געגלויבט און געהאָפט, אז דער שטאַאט וועט קאָנען צופרידענשטעלען די פאָ־דערונגען און די געזעצליכע שטרעבונגען פון די ארבייטער קלאַסען, אז באַוואָפענט מיט זיין אַלמאַכט, וועט ער וועלען און זיין ביכולת איינצושטעלען א נייע סאָציאַלע אָרדנונג. אַלזאָ, ניט דער סאָציאַ־ליזם איז געשטאָרבען אין יוני, נאָר פאַרקערט, דער שטאַאט האָט זיך ערקלערט באַנקראָט פאַר'ן סאָציאַליזם און, אָנערקענענדיג זיך פאַר אומפעהיג צו באַצאָהלען איהם דעם חוב, וועלכען ער האָט זיך פאַרפּליכטעט צו באַצאָהלען, האָט ער פּרובירט איהם אוועק־הרג'ענען, כדי אויף דעם גרינגסטען אופן פּטור צו ווערען פון אָט דעם חוב. ער האָט איהם אָבער ניט געקענט אומברייגנען, ער האָט נאָר געטויט דעם גלויבען, וואָס דער סאָציאַליזם האָט אין איהם געהאַט, און שוין מיט דעם אַליין פאַרניכטעט אַלע טעאָריעס פון שטאַאַטליכען אָדער דאָקטרינערן סאָציאַליזם, פון וועלכע אייניגע,

ווי די „איקאריע" פון קאבע, אדער „די ארגאניזאציע פון ארבייט" פון לואי בלאן, האבען געראטען דעם פאלק אין אלץ זיך צו פאר־לאזען אויפ'ן שטאאט, — און די איבעריגע האבען באוויזען זייער נארישקייט אין א רייהע פון לעכערליכע עקספערימענטען. אפילו פרודאנ'ס באנק, וועלכע וואלט געקאנט געדייהען אונטער גינסטי־גערע באדינגונגען, איז אויך אונטערגעגאנגען אונטער דעם דרוק פון דער אלגעמיינער פיינדשאפט צו דער בורזשואזיע.

דער סאציאליזם האט פארשפילט אט די ערשטע שלאכט צו־ליעב א גאנץ פשוט'ער אורזאך: ער איז געווען רייך אין פארגע־פיהלען און אין נעגאטיווע טעארעטישע אידעען, ער איז געווען טויזענדער מאל גערעכט שטרייטענדיג קעגען פריוועלעגיעם; עס האבען איהם אבער אינגאנצען געפעהלט פאזיטיווע, פראקטישע אי־דעען, וועלכע זיינען נויטיג כדי צו קאנען בויען אויף די חורבות פון דעם בורזשואזען סיסטעם, א נייעם סיסטעם, א סיסטעם פון פאלקס־גערעכטיגקייט. די ארבייטער, וועלכע האבען געקעמפט אין יוני פאר דער באפרייאונג פון פאלק, זיינען געווען פאראייניגט פון אן אינסטינקט, אבער ניט פון קיין אידעע. זייערע נעבעל־האפטע אידעען האבען אלע צוזאמען פארגעשטעלט א כאאס, א דור הפלגה, פון וואס קיין זאך האט ניט געקאנט ארויסקומען. דאס איז געווען די הויפט אורזאך פון זייער מפלה. דארף מען צוליעב דעם צווייפלען אין דער צוקינפטיגער און היינטיגער מאכט פון סאציאליזם? דעם קריסטענטום, וועלכער האט זיך געשטעלט אלס ציעל צו גרינדען א מלוכה פון גערעכטיגקייט אויפ'ן הימעל, האט גענומען עטליכע יאהרהונדערטען, אום צו באהערשען אייראפא. דארף מען דען זיך וואונדערן, וואס דער סאציאליזם, וועלכער האט זיך געשטעלט א סך א שווערערע אויפגאבע, — צו גרינדען א מלוכה פון גערעכטיגקייט אויף דער ערד, — האט ניט אפגעהאלטען קיין נצחון אין עטליכע יאהר?

מיינע הערען, איז עס דען נויטיג צו באווייזען, אז דער סא־ציאליזם איז ניט געשטארבען? אום זיך צו איבערצייגען אין דעם, דארף מען בלויזווארפען א בליק אויף דאס, וואס עס קומט היינט פאר אין גאנץ אייראפא. הינטער אלע דיפלאמאטישע אינטריגעס און קלאנגען וועגען מלחמה, וואס פילען אן אייראפא זינט 1852, וועלכע ערנסטע פראגע באשעפטיגט אלע לענדער, אויב ניט די

סאָציאַלע פראַגע? דאָס איז דער גרויסער אומבאַקאַנטער, וועמענס דערנעהנטערונג יעדער איינציגער פיהלט, וועלכער מאַכט ציטערן אַלעמען און וועגען וועלכען קיינער איז ניט דרייסט צו ריידען... אָבער ער רעדט פאַר זיך אַליין, און וואָס ווייטער אַלץ העכער; באַווייזען דען ניט די קאָאָפּעראַטיווע ארבייטער פאַראייניגען, די געגענזייטיגע־הילף־ און קרעדיט־באַנקען פאַר ארבייטער, די טרייד־יוניאָנס, די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער־ליגע פון אַלע לענדער, מיט איין וואָרט, אַט די גאַנצע אָהן אַן אָפּשטעל זיך פאָרשטאַר־קענדע ארבייטער באַוועגונג אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, דייטשלאַנד, איטאַליע און שווייץ, באַווייזט דען דאָס אַלץ ניט, אַז די ארבייטער האָבען זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זייער ציעל, אַז זיי האָבען ניט פאַרלאָרן דעם גלויבען אין זייער נאָהענטער באַפרייאונג, און אַז אין דערזעלבער צייט האָבען זיי פאַרשטאַנען אַז בנוגע דער דערנעהנטערונג פון זייער באַפרייאונג טאָרן זיי זיך מעהר ניט פאַרלאָזען ניט אויף די רעגירונגען, און ניט אויף דער מעהר אָדער ווענינער ניט־ערנסטער מיטווירקונג פון די פּריווילע־גירטע קלאַסען, נאָר אויף זיך אַליין און אויף זייערע אייגענע, פּרייווילינע אַסאָציאַציעס?

אין די מייסטע אייראָפּעאישע לענדער טראָגט די דאָזיגע באַ־וועגונג, וועלכע איז לפנים אָם ווענינסטען פרעמד דער פּאָליטיק, אַן אויסשליסליך עקאָנאָמישען, און אַזוי צו זאָגען פּאַרטייאישען כאַ־ראַקטער. אָבער אין ענגלאַנד האָט זי זיך פעסט אוועקגעשטעלט אויף דעם ברענענדיגען באָדען פון דער פּאָליטיק, און זיך אָרגאַ־ניזירענדיג אין אַ ריעזיגער פאַראייניגונג, אין דער „רעפאָרם ליגע“, האָט זי שוין אָפּגעהאַלטען אַ גרויסען זיעג איבער די פּאָליטיש אָרגאַניזירטע פּריווילעגיעס פון דער אַריסטאָקראַטישער און דער העכערער בורזשואַזיע. מיט אַן עכט־ענגלישער געדולד און פּראַק־טישער אויסגעהאַלטענקייט, האָט די „רעפאָרם ליגע“ אָנגעצייכענט פאַר זיך דעם פּלאַן פון איהר טעטיגקייט; זי פאַלט קיינמאָל ניט אַראָפּ פון מוט און לאָזט זיך ניט אָפּשרעקען אָדער אָפּשטעלען פון וועלכער עס איז שטערונג. „ניט שפּעטער ווי אין צעהן יאָהר אַרום“, זאָגען זיי, נעהמענדיג אין אָנבאַטראַכט די גרעסטע שטע־רונגען, „וועלען מיר האָבען אַלגעמיינע וואַהלרעכט און דעמאָלט“... דעמאָלט וועלען זיי מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע!

ווי אין פראנקרייך, אזוי אויך אין דייטשלאנד, האָט שוין דער סאָ־ציאַליזם, וועלכער באַוועגט זיך שווייגזאַם פאָרוועטס אויף דעם וועג פון באַזונדערע עקאָנאָמישע פאַראיינען, דערגרייכט צו אַזאַ שטופע פון מאַכט צווישען די ארבייטער קלאַסען, אַז נאַפּאָלעאָן דער דריטער פון איין זייט, און גראַף ביסמארק פון דער צווייטער זייט, הויבען אָן זוכען ווי זיך צו פאַרבינדען מיט איהם... און עס וועט לאַנג ניט נעהמען, ווי אין איטאַליע און שפּאַניע, נאָך דעם טרויעריגען דורכפאַל פון אַלע אנדערע פּאָליטישע פּארטייען און צוליעב דער שרעקליכער עקאָנאָמישער לאַגע פון ביידע לענדער, וועלען אַלע אנדערע פראַגען פארשווינדען פאר דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פראַגע. — און אין רוסלאַנד און אין פּוילען, איז דען דאָרט אייגענטליך פאַראַן אַן אנדער פראַגע? דאָס איז דער סאָ־ציאַליזם, וועלכער צעשטערט די לעצטע האָפענונגען פון דעם אַלטען, היסטאָרישען, פּעאָדאַלען פּוילען; דאָס איז דער סאָציאַליזם, וועלכער סטראַשעט און וועט איינגיכען פאַרניכטען דער אַזוי לאַנג אומאָפּהענגיגער עקזיסטענץ פון דער אַלרוסישער אימפּעריע. אַפילו אין אַמעריקאַ, האָט זיך דען דער סאָציאַליזם ניט ארויסגעצייגט אין אַ פולער מאָס אין דעם פאָרשלאַג פון דעם מערקווירדיגען באָסטאָנער סענאַטאָר קאַרל סאָמנער, איינצוטיילען מיט ערד די באַפרייטע נעגערס פון די דרום־שטאַאַטען?

ווי איהר זעהט, מיינע הערען, ערשיינט דער סאָציאַליזם אור־מעטום, ניט קוקענדיג אויף דער נידערלאַגע פון יוני; אויף דעם וועג פון אונטערערדישער טעטיגקייט איז ער לאַנגזאַם אריינגע־דרונגען אין די טיעפענישען פון פּאָליטישען לעבען פון אַלע לענ־דער, און ער לאָזט זיך אומעטום פיהלען אַלס די פאַרבאָרגענע קראַפט פון דעם יאָהרהונדערט. נאָך עטליכע יאָהר און ער וועט זיך ארויסווייזען אַלס אַן אָפענע און אַלמעכטיגע קראַפט.

מיט קליינע אויסנאַהמען זיינען אַלע פעלקער פון אייראָפּאַ, פיעלע פון זיי זאָגאַר ניט וויסענדיג פון דעם וואָרט סאָציאַליזם, היינט דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאַליזם; זיי ווייסען ניט קיין אנדער פאָהן, אחוץ דער, וועלכע זאָגט זיי אָן פריהער פאר אַלץ זייער עקאָנאָמישע באַפרייאונג; און זיי וואָלטען טויזענט מאָל ליעבער זיך אָפּגעזאָגט פון אירגענד וועלכער אנדער פראַגע, נאָר

ניט פון דער. עס איז דעריבער נאָר די סאָציאַליסטישע פאָהן, וועלכע קאָן זיי פאַראייניגען פאַר אַ פרוכטבאַרען שאַפען.

איז דען ניט גענוג דאָס געזאָגטע, מיינע הערען, כדי זיך צו איבערצייגען, אַז מיר טאָרען ניט פאַרשווייגען אין אונזער פראָגראַם דעם סאָציאַליזם, און אַז אַזאַ פאַרשווייגונג וואָלט אַרויפגעלעגט אויף אונזער גאַנצער זאַך דעם שטעמפעל פון שוואַכקייט? זיך ערקלערענדיג אין אונזער פראָגראַם אַלס רעפּובליקאַנער פעדעראַליסטען, האָבען מיר זיך שוין גענוג אַרויסגעזאָגט אַלס רעוואָלוציאָנערן, כדי אָפּצושטויסען פון זיך אַ גרויסען טייל פון דער בורזשואַזיע: די אַלע, וועלכע ספּעקולירען אויף דער אָרימקייט און די אומגליקען פון די פעלקער, וועלכע קאָנען אַזוי קונציג ציהען נוצען אַפילו פון די גרויסע קאַטאַסטראָפען, וואָס באַפאַלען די פעלקער היינט, נאָך מעהר ווי אַלעמאָל. אויב מיר וועלען לאָזען אָן אַ זייט אָט דעם טעטיגען, ריהרעוודיגען, אינטריגירענדען און ספּעקולירענדען טייל פון דער בורזשואַזיע, וועט נאָך ביי אונז פאַרבלייבען אַ מערהייט פון בורזשוען: די רוהיגע, אַרבייטסזאַמע, וועלכע באַגעהען אַמאָל אַן עולה, אָבער גיכער איז דאָס געצוואונגענערהייט, ווי מיט׳ן גוטען ווילען, און וועלכע וואָלטען קיין זאַך ניט אַזוי געוואונשען, ווי באַפרייט צו ווערן פון אָט דער פאַטאַלער נויטוועגדיגקייט, וואָס שטעלט זיי אין אַ שטענדיגער פיינדליכער באַציהונג צו דעם אַרבייטער־פאָלק, און צו דערזעלבער צייט רואינירט דאָס זיי גופא. עס איז אוממעגליך ניט צו אונטערשטרייכען, אַז די קליין־בורזשואַזיע, די קליין־אינדוסטריע און דער קליין־האַנדעל, פאַנגען היינט צו טאָג אָן צו ליידען כמעט אויף אַזוי פיעל, ווי די אַרבייטער־מאַסען, און אויב די אומשטענדען וועלען ווייטער זיך אַנטוויקלען אין דערזעלבער ריכטונג, וועט די דאָזיגע אַכטונגס־ווערטע בורזשואַזע מערהייט, לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען, זיך צונויפגיסען, אין דער עקאָנאָמישער הינזיכט, מיט דעם פּראָלעטאַריאַט. דער גרויס־האַנדעל, די גרויס־פּראָדוקציאָן, און באַזונדערס די גרויסע און געווייסענלאָזע ספּעקולאַציע שטיקען דער קליין־בורזשואַזער מעהרהייט, פאַרשלינגען איהר און שטויסען איהר אין אָפּגרונט. די שטעלונג פון דער קליין בורזשואַזיע ווערט דעריבער אַלץ רעוואָלוציאָנערער, און איהרע אידעען, וועלכע זיינען פאַר אַ לאַנגע

צייט געוועזן רעאַקציאָנער, הויבען היינט אָן, דורך דער שרעקליכער ערפאהרונג, ליכטיגער ווערן און זיי וועלען אומפארמיידליך מוזען אָננעהמען א פארקעהרטע ריכטונג. די גאָר קלוגע הויבען אָן צו פארשטעהן, אז פאר דער עהרליך געבליבענער בורזשואזיע איז מעהר ניטאָ קיין אַנדער רעטונג, ווי זיך צו פאראייניגען מיט'ן פאָלק, — און אז זי איז פאראינטערעסירט אין דער סאָציאַלער פראגע, ניט ווייניגער און אויף דעמזעלבען צד, ווי דאָס פאָלק.

די דאָזיגע שטופענווייזע ענדערונג אין די אָנשויאונגען פון דער קליין־בורזשואזיע אין אייראָפּאַ איז געוואָרן א פאקט, וועלכער איז פונקט אזוי דערפרעהענד, ווי אומבאַשטרייטבאַר. מען דאַרף זיך אָבער ניט אָפּנאַרען: די איניציאַטיווע פון דער נייער באַוועגונג וועט געהערן צום פאָלק און ניט צו איהר; אין מערב — צו די פאבריק און שטאָדט־ארבייטער; ביי אונז, אין רוסלאַנד, אין פּוילען און אין די מייסטע סלאַווישע לענדער — צו די פויערים. די קליין־בורזשואזיע איז געוואָרן צו שרעקעדיג, ניט־אַנטשלאָסען, סקעפּטיש, אז זי זאָל נעמען אויף זיך וועלכע ניט איז איניציאַטיווע; זי לאָזט זיך הינרייסען, אָבער זי אליין וועט קיינעם ניט הינרייסען; וואָרים זי איז פונקט אזוי אָרים אין גלויבען און ליידענשאפט, ווי אין געדאַנקען. יענע ליידענשאפט, וועלכע צעברעכט אַלע שטערונגען און שאַפט נייע וועלטען, געפינט זיך אויסשליסליך ביים פאָלק. עס איז דעריבער אומבאַשטרייטבאַר, אז די איניציאַטיווע פון דער נייער באַוועגונג וועט געהערן צום פאָלק. טאָ ווי זשע זאָלען מיר שווייגען וועגען פאָלק? ווי זשע זאָלען מיר גאָרנישט ניט ריידען וועגען דעם סאָציאַליזם, וועלכער ווערט די נייע רעליגיע פון פאָלק?

אָבער, זאָגט מען אונז, דער סאָציאַליזם צייגט ארוים א נייגונג צו שליסען א בונד מיט'ן צעזאַריזם. ערשטענס, איז דאָס א בלבול; פארקעהרט, עס איז גראָד דער צעזאַריזם, זעהענדיג אויפ'ן האָריזאָנט די ערשיינונג פון דער פורכטבארער קראַפט פון דעם סאָציאַליזם, וועלכער שטרעבט צו געווינען זיינע סימפּאַטיען, כדי ער זאָל איהם עקספּלואַטירן פאַר זיינע אייגענע נוצען. נאָר צי דען איז דאָס ניט פאַר אונז נאָך אַן איבעריגע אורזאַך, אז מיר זאָלען דאָ אָנווענדען אונזער גאַנצע ענערגיע, כדי

צו שטערן אָט דעם משונה'דיגען בונד, די פרוכט פון וועלכען עס וואָלט זיכער געווען דער גרעסטער אומגליק, וואָס וואָלט געוואָרען א געפאַהר פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט?

מיר מוזען זיך אַרויסזאָגען צו גונסטען פון סאָציאַליזם, אַפילו ווען מיר זאָלען ניט נעהמען אין אַכט אָט די אַלע פּראַקטישע מאָטיווען, וואָרים סאָציאַליזם איז ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט. ווען מיר ריידען וועגען גערעכטיגקייט, פאַרשטעהען מיר ניט דערביי יענע גערעכטיגקייטען, וואָס זיינען איינגעשלאָסען אין די קאָדעקסען און אין רוימישען רעכט, וועלכע זיינען אין א גרויסער מאָס באַגרינדעט אויף פאַקטען פון גוואַלט, ווערן דורכגעפיהרט דורך מאַכט, פאַרהייליגט דורך דער צייט און די ברכות פון וועלכער ניט איז קריסטליכער אָדער היידנישער קירכע, און אַלס אַזעלכע זיינען זיי געוואָרן אָנערקענט פאַר אַבסאָלוטע פּרינציפּען, פון וועלכע עס איז דעדוקטיוו אַרויסגעוואַקסען דאָס גאַנצע רעכט*, — מיר ריידען וועגען דער גערעכטיגקייט, וואָס באַגרינדעט זיך בלויז אויף דעם מענשליכען געוויסען, אויף דער גערעכטיגקייט, וואָס איהר געפינט אין דעם באַוואוסטזיין פון יעדען מענשען און אַפילו אין דעם באַוואוסטזיין פון קינדער, און דער תוך פון וועלכער ווערט איבערגעגעבען אין איין וואָרט: א ו י ס ג ל י י כ ו נ ג.

די דאָזיגע, אַזוי אַלוועלטליכע גערעכטיגקייט, וועלכע, כאָטש א דאַנק די גוואַלטזאַמע פאַרכאַפּונגען און די רעליגיעזע איינפלוסען, האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט די איבערגעוויכט ניט אין דער פּאָליטישער, ניט אין דער יורידישער, ניט אין דער עקאָנאָמישער וועלט, מוז דיענען אַלס באַזיס פאַר א נייער וועלט. אָהן איהר קאָן ניט זיין ניט קיין פרייהייט, ניט קיין רעפּובליקען, ניט קיין וואוילשטאַנד, ניט קיין שלום. און זי מוז דעריבער זיין די

*) אין דער הינזיכט איז די יורידישע וויסענשאַפט פאָלשטענדיג עהנליך צו דער טעאָלאָגיע; די דאָזיגע וויסענשאַפטען קומען אויף א גלייכען אופן אַרויס, — איינע פון דעם רעאַלען, אָבער מיט גערעכטיגקייט ניט האַרמאָנירענדען פאַקט: פון פאַרכאַפּען מיט גוואַלט, פון עראָבערונגען; די צווייטע פון דעם פיקטיווען, אומזיניגען פאַקט: פון דער געטליכע אַנטפּלעקונג, אַלס אַלערהעכסטער פּרינציפּ. באַגרינדענדיג זיך אויף דעם אומזין אָדער אויף דער אומגערעכטיגקייט, קומען אָן ביידע וויסענשאַפטען צו דער שטרענגסטער לאָגיק, כדי אויפצובויען פון איין זייט דעם יורידישען, און פון דער צווייטער דעם טעאָלאָגישען סיסטעם.

פארהערשענדע אין אלע אונזערע רעזאלוציעס, כדי מיר זאלען קאנען אקטיוו מיטהעלפען אין דער פארווירקליכונג פון פרידען.

אט די גערעכטיגקייט באפעהלט אונז צו נעהמען אויף זיך צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון פאלק, וועלכע זיינען ביז איצט אזוי שרעקליך פארנאכלעסיגט געווארן, און פאדערן פאר איהם ניט נאר פאליטישע פרייהייט, נאר אויך די עקאנאמישע און סאציאלע באפרייאונג.

מיר שלאגען אייך ניט פאר, מיינע הערען, דעם אדער יענעם סאציאליסטישען סיסטעם. מיר פארלאנגען נאר פון אייך איהר זאלט אויפס־ניי פראקלאמירן דעם גרויסען פרינציפ פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע: יעדער מענש מוז האבען די מאטעריעלע און גייסטיגע מיטלען פאר דער אנטוויקלונג פון זיין גאנצער מענשליכקייט. אט דער פרינציפ, לויט אונזער מיינונג, ברענגט ארויס די ווייטערדיגע אויפגאבע:

איינארדענען די געזעלשאפט אויף אזא אופן, אז יעדער אינדיווידום, מאן אדער פרוי, זאל געפינען, ארייננקומענדיג אין לעבען, כמעט גלייכע מיטלען פאר דער אנטוויקלונג פון זיינע פארשיידענע פעהיגקייטען און פאר דער אנווענדונג פון זיין ארבייט; באשאפען אזא געזעלשאפטליכע ארדענונג, וואס זאל מאכען אוממעגליך פאר אירגענד וועלכען אינדיווידום צו עקספלואטירן די ארבייט פון א צווייטען, און זאל איהם ערלויבען אנטייל צו נעהמען אין דער אויסנוצונג פון די סאציאלע ריכטימער, וועלכע זיינען בעצם ניט קיין אנדער זאך, ווי דער פראדוקט פון דער מענשליכער ארבייט, נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער האט דירעקט מיטגעהאלפען זיי צו פראדוצירן.

די פולע פארווירקליכונג פון דעם פראבלעם וועט, נאטירליך, זיין אן ארבייט פון יאהרהונדערטער. אבער די געשיכטע האט איהם ארויסגערופען, און פון היינט אן קאנען מיר איהם ניט איבערלאזען אומבאמערקט, ניט פאראורטיילענדיג זיך צו פאלשטענדיגער אהנמעכטיגקייט.

מיר איילען זיך צוצוגעבען, אז מיר פארווארפען ענערגיש

יעדען פארזוך פון א סאציאלער ארגאניזאציע, וועלכע וואלט געוועז פרעמד צו דער פולסטער פרייהייט פון די אינדיווידומען, ווי פון די אסאציאציעס, און וועלכע וואלט געפאדערט די אויפשטעלונג פון א רעגולאטארישער מאכט, פון וועלכען ניט איז כאראקטער. אין נאמען פון דער פרייהייט, וועלכע מיר אנערקענען אלס דעם איינציגען יסוד, אלס איינציג לעגאלען, שאפענדען פרינציפ פון יעדער ארגאניזאציע, וועלען מיר שטענדיג פראטעסטירן געגען אלץ, וואס וועט אויף וויפיעל ניט איז זיין עהנליך צו שטאאטליכען סאציאליזם אדער קאמוניזם.

די איינציגע זאך, נאך אונזער מיינונג, וואס דער שטאאט קאן און דארף טאן איז, ביסלאכוויז אומצואנדערשען דאס ירושה־רעכט, מיט דעם צוועק, וואס גיכער צו דערגרייכען זיין פאלשטענ־דיגע פארניכטונג. צוליעב דעם, וואס דאס ירושה־רעכט איז אינגאנצען געשאפען געווארן פון שטאאט, איז געווארן איינע פון די וויכטיגסטע באדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון דעם גע־צוואונגענעם און געטליך איינגעארדענטען שטאאט, קאן ער און מוז פארניכטעט ווערן דורך דעם פרייען אקט פון שטאאט; — מיט אנדערע ווערטער, דער שטאאט מוז זיך אויפלעזען אין א געזעלשאפט, וואס איז ארגאניזירט אויף די פרינציפען פון גע־רעכטיגקייט. דאס ירושה־רעכט, נאך אונזער מיינונג, מוז אומ־באדינגט פארניכטעט ווערן, ווייל כל זמן עס עקזיסטירט, וועט עקזיסטירן די בירושה׳דיגע עקאנאמישע אומגלייכ־הייט, ניט די נאטירליכע אומגלייכהייט פון די אינדיווידומען, נאר די אומנאטירליכע אומגלייכהייט פון די קלאסען, — און די לעצ־טע וועט מוזען שטענדיג ארויסברענגען די בירושה׳דיגע אומ־גלייכהייט אין דער אנטוויקלונג און אין דער אויסבילדונג פון די מוחות, און וועט ווייטער בלייבען דער קוואל און די פארהייליגונג פון אלע פאליטישע און סאציאלע אומגלייכהייטען. די אויפגאבע פון גערעכטיגקייט איז צו עטאבלירן גלייכהייט פאר יעדערן, אויף וויפיעל אזא גלייכהייט וועט זיין אפהענגיג פון דער פאליטישער און עקאנאמישער ארדענונג פון דער געזעלשאפט, — א גלייכהייט פאר יעדען איינעם אין דעם אויסגאנגס־פונקט פון דער לעבענס־עקזיסטענץ, אזוי אז יעדער איינער, געפיהרט פון זיין אייגענער נאטור, זאל זיין דאס קינד פון זיינע אייגענע מעשים.

לויט אונזער מיינונג, דארף דער איינציגער יורש פון די שטארבענדע זיין א געזעלשאפטליכער פאנד פאר בילדען און ערציהען די קינדער פוןביידע געשלעכטער, אריינרעכענענדיג אין דעם אויך זייער אויסהאלטונג פון געבורט אן ביז זייער פול־יאהריגקייט. אלס סלאווען און רוסען קאנען מיר צוגעבען, אז אונזער פונדאמענטאלע סאציאלע אידעע, וואס איז געגרינדעט אויף דעם אלגעמיינעם טראדיציאנעלען אינסטינקט פון דער באפעלקערונג, איז די אידעע, אז די ערד, דאס אייגענטום פון גאנצען פאלק, קאן נאר זיין אין באזיץ פון די, וועלכע באאר־ביימען איהר מיט די אייגענע הענט.

מיר זיינען איבערצייגט, מיינע הערען, אז אט דער פרינציפ איז א גערעכטער, אז ער איז א וויכטיגער און אומפארמיידליכער באדינג פון יעדער ערנסטער סאציאלער רעפארם, און אז מערב־אייראפא וועט מיט דער צייט איהם אומבאדינגט מוזען אנערקענען און אננעהמען, ניט אכטענדיג אויף דעם וואס עס וועט שווער זיין איהם דורכצופיהרען אין אייניגע לענדער. אזוי, צום ביישפיעל, אין פראנקרייך געניסען שוין די מעהרסטע פויערים לאנד־אייגענטום, אין גיכען אבער וועט דעם גרעסטען טייל פון די זעלבע פויערים כמעט גארנישט ניט בלייבען וואס צו געניסען, דורך דער צעברעקלונג פון דעם לאנד, וואס איז אן אומפארמיידליכער רעזולטאט פון דעם פאליטיש־עקאנאמישען סיסטעם, וועלכער האט היינט צו טאג די אויבערהאנט אין פראנקרייך. איבעריגענס האל־טען מיר זיך צוריק פון וועלכע עס איז פארשלאגען בנוגע דער ערד פראגע, ווי מיר האלטען זיך בכלל צוריק פון וועלכע עס איז פארשלאגען, וואס באריהרען דער אדער יענער וויסענשאפטליכער אדער פאליטיש־עקאנאמישער פראגע; זייענדיג איבערצייגט, אז אט די אלע פראגען דארפען אין אונזער צייטונג ווערן אן ענין פאר ערנסטער און טיעפער קריטיק. — מיר ווילען זיך היינט באגנוגענען מיט דעם פארשלאג, איהר זאלט מאכען די פאלגענדע דעקלאראציע:

„זייענדיג איבערצייגט, אז אן ערנס־טע פארווירקליכונג פון פרייהייט, גערעכטיגקייט און שלום אויף דער וועלט וועט אזוילאנג זיין אוממעגליך, כל

זמן די גרעסטע מעהרהייט פון די מענשען וועט בלייבען בארויבט פון אַלע רייכטימער, פארשטויסען פון בילדונג און פאראורטיילט צו פּאָליטישער און סאָציאַלער נישטיגקייט און פאַקטישער, אויב נים יורידישער, שקלאפעריי, דורך דער אָרימקייט און דעם זיין געצוואונגען צו ארבייטען אָהן אָפּרוה און אָהן איבעררייס, פּראָדוצירענדיג אַלע רייכטימער, וואָס שטעלען היינט צונויף דעם שטאָלץ פון דער וועלט, און באקומענדיג אַזא קליינע טייל פון דעם, אַז עס סטיעט קוים צו פארזאָרגען זיך מיט ברויט אויף מאָרגענדיגען טאָג;

„זייענדיג איבערצייגט, אַז פאר דער גאַנצער מאַסע פון דער באפעלקערונג, וואָס ווערט אַזוי שרעקליך עקספּלואטירט אין פארלויף פון יאָהרהונדערטער, איז די ברויט־פראַגע אַ פראַגע פון גייסטיגער באפרייאונג, פון פרייהייט און מענשליכקייט;

„זייענדיג איבערצייגט, אַז פרייהייט אָהן סאָציאַליזם איז פּריווילעגיע און אומגערעכטיגקייט; און אַז סאָציאַליזם אָהן פרייהייט איז שקלאפעריי און בעסטיאַליטעט;

„פּראָקלאַמירט די ליגע די נויטיגקייט פון אַ גרינדליכער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער רעפאָרם, וואָס זאָל פיהרען צו דער באַפרייאונג פון דער פאָלקס־ארבייט פון אונטער דעם יאָך פון קאַפּיטאַל און אייגענטימער, און זאָל זיין געגרינדעט אויף דער שטרענגסטער גערעכטיגקייט, — אָבער נים אויף דער יורידישער, טעאָלאָגישער און מעטאַפיזישער, נאָר פּשוט אויף דער מענשליכער, — אויף דער פּאָזיטיווער וויסענשאַפט און אויף דער פּאָלסטער פרייהייט.

„זי דערקלערט צו דערזעלבער צייט, אַז איהר צייטונג וועט ברייט עפענען איהרע שפּאַלטען פאַר אַלע ערנסטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגען, אויב די דאָזיגע אַרטיקלען וועלען נאָר זיין ערנסט אינספּירירט מיט דעם פאַרלאַנג פון דער ברייטסטער

פאָלקס־באפרייאונג, אין מאַטעריעלער באַציהונג, ווי אויך פון פּאָליטישען און אינטעלעקטועלען שטאַנדפּונקט".

---

דערקלערענדיג אונזערע אנזיכטען וועגען פ ע ד ע ר א ־ ל י ז ם און סאָציאַליזם, האַלטען מיר, מיינע הערען, פאַר אונזער חוב, צו באַטראַכטען צוזאַמען מיט אייך נאָך אַ דריטע פראַגע, וועלכע מיר באַטראַכטען אַלס אומטיילבאַר מיט די ער־שטע צוויי פראַגען, — דאָס איז די רעליגיעזע פראַגע, און מיר בעטען ביי אייך ערלויבניש צו רעזומירן אַלע אונזערע אַנזיכטען איבער דער דאָזיגער פראַגע אין איין וואָרט, וואָס וועט אפשר זיך אויסווייזען פאַר אייך זעהר באַרבאַריש.

## III

## אַנטיטעאָלאָגיזם.

מיינע הערען, מיר זיינען איבערצייגט, אַז אין דער וועלט איז ניט פאָרגעקומען קיין איין גרויסע פּאָליטישע אָדער סאָציאַ־לע ענדערונג, וואָס זאָל ניט זיין באַגלייט און אָפט פאָראויסגע־זאָגט פון אַן עהנליכער באַוועגונג אין די פילאָזאָפישע און רעלי־גיעזע אידעען, וואָס באַהערשען דעם באַוואוסטזיין פון די אינדי־ווידומען און פון דער געזעלשאַפט.

אַלע אמונות מיט זייערע געטער, זיינען קיינמאָל קיין אַנ־דער זאַך ניט געווען, ווי נאָר די שאַפונג פון דער גלויבענדער און לייכטגלויביגער מענשליכער פאַנטאַזיע, וואָס האָט נאָך ניט דער־גרייכט צו דער מדרגה פון ריינער דערקענטנים און פון דעם פרייען, אויף דער וויסענשאַפט באַגרינדעטען געדאַנק. דער רעליגיעזער הימעל איז דעריבער געווען ניט מעהר ווי אַ מיראַזש, אין וועלכען דער אויפגעפלאַמטער גלויבען פון דעם מענשען האָט געפונען זיין אייגענע אָפּשפּיגלונג, נאָר אַ פאַרגרעסערטע, אַן איבערגעקעהרטע און אַזוי צו זאָגען אַ פ אַ ר ג ע ט ע ר ט ע.

די געשיכטע פון רעליגיאָנען, די געשיכטע פון דעם שטייגען און פאַלען פון געטער, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט איינע די אַנ־

דערע, איז דעריבער ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דעם פאַרשטאַנד און דעם קאָלעקטיווען באַוואוסטזיין פון די מענשען. ווי נאָר זיי האָבען אַנטדעקט אין זיך, אָדער אויסער זיך, וועלכע ניט איז קראַפט, פעהיגקייט אָדער אייגענשאַפט, האָבען זיי עס צוגעשריבען צו זייערע געטער, פאַרגרעסערנדיג עס און אויסברייטערנדיג עס אָהן אַ מאָס, מיט זייער רעליגיעזער פאַנטאַזיע, פונקט ווי דאָס טוען קינדער. אויף אַזאַ אופן, אַ דאַנק דער גרויסמוטיגקייט און דער באַשיידענקייט פון די מענשען, איז דער הימעל באַרייכערט געוואָרן מיט די געווינסען, וואָס זיינען אַוועקגענומען געוואָרן פון דער ערד און אַלס אַ נאַטירליכער רעזולטאַט האָט געפאָלגט, אַז וואָס רייכער עס איז געוואָרן דער הימעל, אַלץ אָרימער איז געבליבען די מענשהייט. ווי נאָר גאָט איז אָנערקענט געוואָרן, איז ער נאַטירליך באַלד פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס דער האַר, דער קוואַל, דער אויסטיילער פון אַלע זאַכען: די רעאַלע וועלט האָט אָנגעהויבען עקזיסטירן אַלס זיין אָפּשיין, און דער מנעש, — זיין אומבאַוואוסטזיניגער באַשעפער, — איז געפאַלען כורעים פאַר זיין שאַפונג און האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס קנעכט, אַ שאַפונג פון דער גאָטהייט.

דער קריסטענטום איז אַ פּאָרציגליכע רעליגיע, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר און צייגט ארויס די טבע און דעם עצם פון יעדער רעליגיע, — די סיסטעמאַטישע און אַבסאָלוטע באַרויבונג, פאַרניכטונג און פאַרקנעכטונג פון דער מענשהייט צום גונסטען פון דער גאָטהייט, — דער העכסטער פּרינציפּ ניט נאָר פון יעדער רעליגיע, נאָר אַפילו פון יעדער מעטאַפיזיק, פון דער טעאיסטישער ווי פון דער פּאַנטעאיסטישער. ווי באַלד גאָט איז אַלץ, איז די רעאַלע וועלט און דער מענש גאָרנישט. ווי באַלד גאָט איז דער אמת, די גערעכטיגקייט און דאָס אומענדליכע לעבען, איז דער מענש — דער שקר, די אומגערעכטיגקייט און דאָס שטערבליכע. ווי באַלד גאָט איז דער האַר, איז דער מענש — אַ קנעכט. ניט זייענדיג פעהיג אַליין צו געפינען דעם וועג צו גערעכטיגקייט און אמת, מוז ער זיי קריגען, אַלס אַן אַנטפּלעקונג פון אויבען, דורך די שלוחים און אויסדערוועהלטע פון גאָט'ס חסד. ווער עס רעדט פון אַנטפּלעקונג, רעדט פון נביאים און גייסטליכע, וואָס זיינען אינספּירירט פון אויבען;

און קוים ווערן זיי איינמאָל אָנערקענט אלס די פאָרשטעהער פון דער גאָטהייט אויף דער ערד, אלס די לעהרער און די פיהרער פון דער מענשהייט אויף דעם וועג צום אייביגען לעבען, באקומען זיי שוין מיט דעם אליין דאָס רעכט צו פארוואלטען, באפעהלען און געוועלטיגען איבער דער מענשהייט אין איהר ערדישער עקזיס־טענץ. אלע מענשען זיינען מחויב בלינד צו גלויבען אין זיי און אָהן ווידערשפעניגונג צו פאָלגען; זייענדיג די קנעכט פון גאָט, מוזען די מענשען אויך זיין די קנעכט פון קירכע און שטאאט, אויף וויפיעל דער לעצטער האָט די ברכה פון דער קירכע. פון אלע רעליגיאָנען, וואָס עקזיסטירן אָדער וואָס האָבען עקזיסטירט, איז די קריסטליכע די, וואָס האָט דאָס פאָלקאָם פארשטאַנען; און פון אלע קריסטליכע סעקטען איז עס בלויז דער רוימישער קאַ־טאָליציזם וואָס האָט פראָקלאמירט און פארווירקליכט דעם דאָ־זיגען פרינציפ מיט פולער אויסגעהאַלטענקייט.

אָט פארוואָס דער קריסטענטום איז די אבסאָלוטע, לעצטע רעליגיע; אָט פארוואָס די אפאָסטאָלישע רוימישע קירכע איז די איינציגע, קאָנסעקווענטע, געזעצליכע און געטליכע.

בכן, ווי דאָס זאָל ניט זיין דערווידער די אלע האלב־פילאָ־זאָפען, די אלע אזויגערופענע רעליגיעזע דענקער: איז די עקזיסטענץ פון גאָט לאָגיש פארבונ־דען מיט דער זעלבסטפארלייקענונג פון מענשליכען פארשטאַנד און פון דער מענשליכער גערעכטיגקייט; זי איז די אָפלייקענונג פון דער מענש־ליכער פרייהייט און מוז אומבאדינגט פיהרן ניט נאָר צו טעאָרעטישער, נאָר צו פראַקטישער שקלאַפעריי.

דעריבער, אויב מיר ווילען נאָר ניט קיין שקלאפעריי, קאָנען מיר ניט און דארפען מיר ניט מאכען וועלכע עס איז הנחות דער טעאָלאָגיע, ווייל האָבענדיג צו טאָן מיט אָט דעם מיסטישען און שטרענג אויסגעהאַלטענעם אלף־בית, וועט יעדער איינער, וואָס וועט אָנהויבען פון א׳ מוזען דערגעהן ביז ת׳; יעדער איינער, וואָס וויל פארגעטערן גאָט, וועט זיין געצוואונגען זיך אָפצוזאָ־גען פון פרייהייט און פון מענשליכער ווירדע:

עקזיסטירט גאָט, הייסט עס, אַז דער מענש איז אַ שקלאַף.
איז דער מענש פארשטענדיג, גערעכט, פריי, — הייסט עס, אַז גאָט איז ניטאָ.

מיר וואגען צו באהויפטען, אַז קיינער וועט פון דעם קרייז ניט קאָנען ארויס; און אין דעם פאַל בלייבט צו וועהלען.

אויך די געשיכטע באווייזט אונז, אַז די גייסטליכע פון אַלע רעליגיעס, מיט דער אויסנאהם פון די פארפאָלגטע אמונות, זיי־נען שטענדיג געווען אין בונד מיט דער טיראַניי. און אפילו די פארפאָלגטע גייסטליכע, כאָטש זיי האָבען געקעמפט און פאר־דאמט די מאכט, וואָס האָט זיי געדריקט, האָבען זיי פונדעסטוועגען אונטערוואָרפען זייערע נאָכפאָלגער אונטער אַ געצוואונגענער דיסציפּלין, און מיט דעם אַליין האָבען זיי צוגעגרייט די עלעמענ־טען פאר אַ נייער טיראַניי. די גייסטיגע שקלאַפעריי, וואָס פאר אַ כאראקטער זי זאָל ניט טראָגען, וועט זי שטענדיג האָבען אַלס איהרע נאטירליכע פאָלגען די פּאָליטישע און סאָציאַלע שקלאַפע־ריי. דער קריסטענטום, אונטער אַלע זיינע פאָרמען, ווי אויך די פון איהם אָפּשטאמענדע דאָקטרינערע און דעאיסטישע מעטאַ־פיזיק, וועלכע איז אין תוך גענומען ניט מעהר ווי פארמאסקיר־טע טעאָלאָגיע, איז היינט צו טאָג בלי שום ספק די גרעסטע שטע־רונג פאר דער געזעלשאפטליכער באפרייאונג. עס איז טאקע דערפאר, וואָס אַלע רעגירונגען, אַלע אייראָפּעאישע שטאאטס־לייט, וועלכע זיינען אַליין ניט קיין טעאָלאָגען, ניט קיין דעאיס־טען, וועלכע אין דער טיעפעניש פון זייער הארצען גלויבען ניט, ניט אין גאָט און ניט אין קיין טייפעל, פארטיידיגען מיט ליידענ־שאפט, מיט פארביטערטקייט די מעטאפיזיק און די רעליגיע, — וועלכע רעליגיע דאָס זאָל ניט זיין, אבי נאָר זי זאָל, אזוי ווי אַלע אנדערע, פּרעדיגען געהאָרכזאמקייט, אונטערטעניגקייט און גע־דולדזאמקייט.

די פארביסענקייט, מיט וועלכער רעגירונגען פארטיידיגען די רעליגיע באווייזט, אויף וויפיעל עס איז פאר אונז נויטיג איהר צו באקעמפען און פארניכטען.

דאַרף מען דען, מיינע הערען, אייך דערמאָהנען ווי דעמאָ־ראַליזירענד און צעשטערענד עס ווירקען אויפ'ן פאָלק די רעלי־גיעזע איינפלוסען? זיי טויטען אין איהם אָפּ דעם פארשטאנד,

דעם הויפּט אינסטרומענט פון דער מענשליכער באַפרייאונג, און, אָנשטאָפּענדיג די מוחות מיט געטליכע אבסורדען, ברענגען זיי דעם פאָלק צו דער אָפּגעטעמפּטקייט, — דער הויפּט־יסוד פון יעדער שקלאַפעריי. זיי טויטען אָפּ אין די מענשען די ענערגיע צו דער אַרבייט, וואָס איז דעם מענשענס רעטונג און זיין גרעס־טער גליק. ווארים עס איז נאָר אין דער אַרבייט, וואָס דער מענש ווערט אַ שאַפער און באַשאַפט זיין אייגענע וועלט, שאַפט דעם יסוד און די באַדינגונגען פון זיין מענשליכער עקזיסטענץ און ערווערבט זיך זיין פרייהייט, ווי זיין מענשליכקייט. די רע־ליגיע טויט־אָפּ אין די מענשען די פּראָדוצירענדע קראַפט, איינ־פּלאַנצענדיג אין זיי די פאַראַכטונג צו דעם ערדישען לעבען צו־ליעב דעם הימעלשען גליק, און לערנענדיג זיי, אַז די אַרבייט איז אַ רעזולטאַט פון אַ קללה אָדער אַ פאַרדינטער שטראָף, און אַז אַרומגעהן לעדיג איז אַ געטליכע פּריווילעגיע. — די רעליגיע טויט־אָפּ אין די מענשען די גערעכטיגקייט, — די שטרענגע היטערין פון ברידערליכקייט, וואָס איז אַ נויטווענדיגע באַדינגונג פון שלום, — דערמיט וואָס זי בויגט שטענדיג אָן די וואָגשאָל אויף דער זייט פון די שטאַרקערע, אויף וועמען דער רצון פון גאָט האָט אויס־געגאָסען זיין חסד, צערטליכקייט און מזל־ברכה. צום סוף טויט זי אין זיי די מענשליכקייט, פאַרבייטענדיג איהר אין זייערע הער־צער אויף דער געטליכער אכזריות.

אַלע רעליגיעס זיינען געגרינדעט אויף בלוט, ווארים ווי באַוואוסט האַלטען זיי זיך אַלע שטאַרק אָן דער אידעע פון ברענ־גען קרבנות, דאָס הייסט, אָן דעם שטענדיגען מקריב זיין די מענש־הייט צו דער אומזעטליכער נקמה פון דער גאָטהייט. אין אָט דעם בלוטיגען אָוועגד־מאַלצייט איז דער מענש שטענדיג דער קרבן, און דער גייסטליכער, — אויך אַ מענש, נאָר אַ מענש וואָס איז דערהויבען דורך גאָט'ס חסד, — איז דער געטליכער תליון. דאָס דערקלערט אונז, פאַרוואָס די גייסטליכע פון אַלע רעליגיעס, אפילו די בעסטע, די מענשליכסטע, די אידעלסטע פון זיי, האָבען כמעט שטענדיג ביי זיך טיעף אין הארצען, און אויב ניט אין הארצען, איז לפּחות אין געדאַנק און אין דער מחשבה, — און ס'איז דאָך באַוואוסט וואָס פאַר אַן איינפלוס די לעצטע האָבען אויף'ן האַר־צען, — עפּעס אכזריות'דיגעס און בלוטדורשטיגעס: — און אָט

דערפאַר, ווען עס איז איבעראַל אַנטשטאַנען די פראַגע וועגען דער אָבשאַפונג פון טויט־שטראָף, האָבען זיך עס אַלע גייסטליכע, — די רוימיש־קאַטוילישע, די מאָסקווער רעכטגלויביגע, די פּראָטעסטאַנטישע, — איינשטימיג ארויסגעזאָגט, פאַר איהר אויפהאַלטונג.

די קריסטליכע אמונה, מעהר ווי וועלכע עס איז אַנדערע, איז געגרינדעט געוואָרן אויף בלוט און איז היסטאָריש גע'טובל'ט געוואָרן אין בלוט. צעהלט איבער די מיליאַנען קרבנות, וואָס אָט די דאָזיגע אמונה פון ליעבע און פאַרגעבונג האָט מקריב געווען, כּדי צו באַפרידיגען די גרויזאַמע נקמה פון איהר גאָט. דערמאָהנט זיך אָן די ענוים, וואָס זי האָט אויסגעקלערט און אָנגעווענדט. און איז זי דען היינט געוואָרן איידעלער? ניין. נאָר אַ צוטרייסעלטע פון דער גלייכגילטיגקייט און דעם סקעפּטיציזם איז זי בלויז שוואַכער געוואָרען, אָדער בעסער געזאָגט, ווענינער מעכטיג, וואָרים צום אונגליק, האָט זי נאָך אַפילו היינט ניט פאַרלאָרן די פעהיגקייט צו ברענגען שאָדען. און גיט נאָר אַ קוק אויף די לענדער, וואו אַ גאַלוואַניזירטע דורך די רעאַקציאָנערע ליידענשאַפטען, זי ווערט מיט'ן קוק אזוי צו זאָגען ווידער אויפגעלעבט: צי איז דען ניט איהר ערשטער וואָרט — אָרימקייט און בלוט, איהר צווייטער וואָרט — דאָס אָפּזאָגען זיך פון מענשליכען פאַרשטאַנד, און איהר לעצטער וואָרט — שקלאַפעריי? כל זמן דער קריסטענטום און די קריסטליכע גייסטליכע, כל זמן וועלכע ניט איז געטליכע אמונה, וועלען נאָך אַלץ האָבען כאָטש דעם קלענסטען איינפלוס אויף די פאָלקס־מאַסען, אזוי לאַנג וועלען אויף דער ערד ניט געדייהען פאַרשטאַנד, פרייהייט, מענשליכקייט און גערעכטיגקייט. ווייל כל זמן די פאָלקס־מאַסען וועלען זיין פאַרזונקען אין רעליגיעזען אַבערגלויבען, אזוי לאַנג וועלען זיי בלייבען געהאָרכזאַמע ווערקצייג אין די הענט פון אַלע ערדישע דעספּאָטען, וואָס האָבען זיך פאַראייניגט געגען דער מענשליכער באַפרייאונג.

און דעריבער איז פאַר אונז העכסט וויכטיג צו באַפרייען די פאָלקס־מאַסען פון די רעליגיעזע אַבערגלויבענס, און ניט נאָר אויס דער ליעבשאַפט צו זיי, נאָר אויך צוליעב דער ליעבשאַפט צו זיך גופא, צוליעב דער רעטונג פון אונזער אייגענער פרייהייט און זיכערהייט. אָבער דער דאָזיגער ציעל קאָן דערגרייכט ווערן נאָר

אויף צוויי וועגען: דורך דער פארשפרייטונג פון דער ראציאָ־נאַלער וויסענשאפט און דורך דעם פּראָפּאגאנדירן דעם סאָציאָ־ליזם.

אונטער ראציאָנאַלער וויסענשאפט פארשטעהען מיר יענע וויסענשאפט, וועלכע האָט זיך באפרייט פון אַלע אילוזיעס פון דער מעטאפיזיק און דער רעליגיע און אונטערשיידט זיך אין דער־זעלבער צייט פון די ריין־עקספּערימענטאַלע און קריטישע ווי־סענשאפטען. זי אונטערשיידט זיך פון זיי, ערשטענס דערמיט, וואָס זי באגנוגענט זיך ניט אין איהרע אויספאָרשונגען מיט איינעם אָדער אַ צווייטען געוויסען געגענשטאַנד, נאָר זי מיהט זיך ארומ־צונעהמען די גאנצע פאר דער דערקענטניס צוגענגליכער וועלט; אָבער מיט דעם, וואָס ליגט אויסער די גרעניצען פון דער דער־קענטניס, האָט זי ניט וואָס צו טאָן. צווייטענס אונטערשיידט זי זיך פון דער עקספּערימענטאַלער וויסענשאפט מיט דעם, וואָס זי באנוצט זיך ניט ווי די לעצטע אויסשליסליך מיט דעם אנאַליטי־שען מעטאָד, נאָר זי דערלויבט זיך צו דערגעהן צום סינטעז, בא־נוצענדיג זיך גאַנץ אָפט מיט דער אנאַלאָגיע און דעדוקציע. אָגב גיט זי צו איהרע סינטעטישע שלוסען אַ ריין היפּאָטעטישע בא־דייטונג, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען נאָך ניט פעסטגעשטעלט דורך דעם שטרענגסטען עקספּערימענטאַלען אָדער קריטישען אנאַליז.

די היפּאָטעזען פון דער ראציאָנעלער וויסענשאפט אונטער־שיידען זיך פון די היפּאָטעזען פון דער מעטאפיזיק אין דעם בא־צוג, וואָס די לעצטע, ארויסברענגענדיג איהרע היפּאָטעזען אַלס לאָגישע שלוסען פון אַן אבסאָלוטען סיסטעם, פּרעטענדירט זי צו צווינגען די נאַטור, זיך צו אונטערוואַרפען אונטער זיי. פאר־קעהרט, די היפּאָטעזען פון דער ראציאָנעלער וויסענשאפט קומען ארויס ניט פון אַ טראַנסצענדענטאַלען סיסטעם, נאָר פון אַ סינ־טעז, וועלכער איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ רעזומע, אָדער אַן אַלגעמיינער סך־הכל פון אַ סך דורך דער ערפאַהרונג באוויזענע פאקטען. די דאָזיגע היפּאָטעזען קאָנען דעריבער קיינמאָל ניט האָבען קיין אומפאַרמיידליכען, אָבליגאַטאָרישען כאראקטער; נאָר פאַרקערט, זיי באַטען זיך אָן אין אַזאַ פאָרם, אַז מען זאָל זיי גלייך קאָנען פאַרוואַרפען, ווי נאָר זיי וועלען באשטריטען ווערן דורך נייע ערפאַהרונגען.

די ראַציאָנאַלע פילאָזאָפיע, אָדער די אַלוועלטליכע וויסענשאַפט, פיהרט זיך ניט אויף ווי אַן אַריסטאָקראַט, ווי אַ באַאַמטער, ווי דאָס האָט געטאָן די מאַדאַם מעטאַפיזיקע, עליה השלום. די לעצטע, אָרגאַניזירענדיג זיך תמיד פון אויבען אַרונטער, אויף דעם וועג פון דעדוקציע און סינטעז, האָט מיט'ן מויל, אמת, טאַקע אָנערקענט די אויטאָנאָמיע און די פרייהייט פון די באַזונדערע וויסענשאַפטען, אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט זי זיי שרעקליך אונטערדריקט. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז זי האָט זיי געצוואונגען צו אָנערקענען געזעצען און אויך פאַקטען, וועלכע זיינען גאָר אין דער נאַטור ניט בנמצא. פון דער צווייטער זייט האָט זי זיי געשטערט זיך צו באַשעפטיגען מיט עקספּערימענטאַלע אויספאָרשונגען, די רעזולטאַטען פון וועלכע עס וואָלטען געפיהרט צו דער באַזייטיגונג פון איהרע ספּעקולאַציעס. — ווי איהר זעהט, האָט די מעטאַפיזיק געווירקט לויט דער מעטאָדע פון צענטראַליזירטע רעגירונגען.

די ראַציאָנאַלע פילאָזאָפיע, פונקט פאַרקעהרט, איז אַ ריין דעמאָקראַטישע וויסענשאַפט. פריי אָרגאַניזירט זי זיך פון אונטען אַרויף, און די ערפאַהרונג אָנערקענט זי אַלס איהר איינציגען באַזיס. קיין זאַך, וואָס איז ניט אַנאַליזירט און פעסטגעשטעלט דורך דער ערפאַהרונג, אָדער דורך דער שטרענגסטער קריטיק, קאָן פון איהר ניט אָנגענומען ווערן. דערפאַר זיינען גאָט, די אומענדליכקייט, דאָס אַבסאָלוטע, — אָט די אַלע באַליבטע אָביעקטען פון דער מעטאַפיזיק, — פאַלשטענדיג באַזייטיגט פון דער ראַציאָנאַלער וויסענשאַפט. זי קעהרט זיך אָפּ פון זיי גאַנץ גלייכגילטיג, זי קוקט אויף זיי, ווי אויף אילוזיעס אָדער מיראַזשען. אָבער אילוזיעס און מיראַזשען שפּיעלען אויך אַ וויכטיגע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענשליכען שכל. דער מענש דערגרייכט געוועהנליך צו דער דערקענטניס פון דעם איינפאַכען אמת, ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט שוין באַשאַפען און איבערגעשאַפען אַלע מעגליכע אילוזיעס. און אַזוי ווי דאָס בילד פון דער אַנטוויקלונג פון דעם מענשליכען שכל איז אַ רעאַלער געגענשטאַנד פאַר דער וויסענשאַפט, — גיט דעריבער די נאַטירליכע פילאָזאָפיע אויך אַן אָרט פאַר דער באַטראַכטונג פון זיינע טעות'ן.

זי באשעפטיגט זיך מיט זיי בלויז פון דעם געשיכטליכען שטאנדפונקט און זי באמיהט זיך אין דערזעלבער צייט אונז צו ווייזען די פיזיאלאגישע, ווי אויך די היסטארישע אורזאכען פאר דער אנטשטעהונג, אנטוויקלונג און דעם פאלען פון די רעליגיעזע און מעטאפיזישע אידעען, און אויך זייער צייטווייליגע און רעלאטיווע נויטווענדיגקייט פאר דער אנטוויקלונג פון מענשליכען גייסט. אויף אזא ארט גיט זי זיי אוועק די גאנצע גערעכטיגקייט, וואס זיי פארדינען; דערנאך קעהרט זי זיך אפ פון זיי שוין אויף שטענדיג.

איהר געגענשטאנד איז די רעאלע, פאר דער דערקענטניס צוגענגליכע וועלט. לויט די געדאנקען פון דעם ראציאנאלען פילאזאף, עקזיסטירט אויף דער וועלט נאר איין סובסטאנץ און איין וויסענשאפט. דעריבער שטרעבט ער צו פאראייניגען און קאארדינירען אלע באזונדערע וויסענשאפטען אונטער איין סיסטעם. די דאזיגע קאארדינירונג פון אלע פאזיטיווע וויסענשאפטען אין איין איינהייטליכען סיסטעם פון מענשליכען וויסען, בילדעט די פאזיטיווע פילאזאפיע אדער די אלוועלטליכע וויסענשאפט. די דאזיגע פילאזאפיע, די יורש'טע און צוגלייכער צייט אבסאלוטע צעשטערערין פון רעליגיע און מעטאפיזיק, וועלכער עס האבען שוין לאנג פאראויסגעזעהן און צוגעגרייט די בעסטע דענקער, איז צום ערשטען מאל ארויסגעזאגט געווארן אין דער פארם פון אן איינהייטליכען סיסטעם דורך דעם גרויסען פראנצויזישען דענקער, אגיסט קאנט, וועלכער האט מיט א מייסטערהאפטער, דרייסטער האנד אנגעצייכענט איהר ערשטען פלאן.

די קאארדינירונג פון וויסענשאפטען, וואס איז אויפגעשטעלט פון דער פאזיטיווער פילאזאפיע, איז ניט קיין איינפאכע אויסשטעלונג אין א רייה; ניין, דאס איז א מין ארגאנישע צונויפקייטלונג, וואס הייבט זיך אן פון די אבסטראקטסטע וויסענשאפטען, פון יענע וואס האבען צו טאן מיט פאקטען פון איינפאכסטען מין, איבערהויפט פון דער מאטעמאטיק, און שטייגט גראדענווייז צו די וויסענשאפטען, וועלכע זיינען פארהעלטניסמעסיג מעהר קאנקרעט, וואס פארנעהמען זיך מיט מעהר קאמפליצירטע פאקטען. פון דער ריינער מאטעמאטיק געהסטו איבער

צו דער מעכאַניק, צו דער אַסטראָנאָמיע; דערנאָך צו דער פי־זיק, צו דער כעמיע, צו דער געאָלאָגיע און דער ביאָלאָגיע, (ד. ה. צו דער קאָמפּאַראַטיווער קלאַסיפיקאַציע, צו דער אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פון פלאַנצען און בעלי חיים). צום סוף דערגרייכסטו צו דער סאָציאָלאָגיע, וועלכע נעמט מיט זיך אַרום די גאַנצע מענש־ליכע געשיכטע, ווי די אַנטוויקלונג פון מענשליכען וועזען, דעם קאָלעקטיווען און דעם אינדיווידועלען, אין פּאָליטישען, עקאָנאָ־מישען, סאָציאַלען, רעליגיעזען, אַרטיסטישען און וויסענשאַפטלי־כע לעבען. צווישען די אַלע איינס נאָך דאָס אַנדערע פאָלגענדע וויסענשאַפטען, אָנהויבענדיג פון דער מאַטעמאַטיק און ענדיגענדיג מיט דער סאָציאָלאָגיע, איז ניטאָ קיין איינציגער אָפּשטעל, קיין איבעררייס. אַן איינהייטליכער גייסט, אַן איינהייטליכע וויסענ־שאַפט און אין תוך אַן איינהייטליכער מעטאָד, וואָס ווערט נאָר קאָמפּליצירטער, לויט דעם ווי די פאַקטען ווערן מעהר קאָמפּלי־צירט. יעדע נאָכפאָלגענדע וויסענשאַפט שטיצט זיך אינגאַנצען אויף דער פריהערדיגער וויסענשאַפט, און שטעלט מיט זיך פאָר, אויף וויפיעל דער צייטווייליגער צושטאַנד פון אונזער רעאַלער דערקענטנים דערלויבט דאָס צו באַגרייפען, איהר אומפאַרמיידליכע אויסברייטונג.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז דער סדר פון די ווי־סענשאַפטען, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון אָגיסט קאָנט, איז כמעט דערזעלבער, ווי דער סדר פון די וויסענשאַפטען אין העגעל׳ס ענציקלאָפּעדיע. אָט דער גרעסטער מעטאַפיזיקער פון די היינטיגע און פאַרגאַנגענע צייטען, האָט גליקליך און גלאַנ־צייך דערפיהרט די אַנטוויקלונג פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָ־פיע ביז איהר העכסטען פונקט, אַזוי אַז געפיהרט פון איהר איי־גענער דיאַלעקטיק, האָט זי דערנאָך אומפאַרמיידליך געמוזט דער־נעהן צו זעלבסט־פאַרניכטונג. אָבער צווישען אָגיסט קאָנט און העגעל׳ן איז פאַראַן אַ גוואַלדיגער אונטערשייד. דער לעצטער, אַלס אמת׳ער מעטאַפיזיקער, האָט פאַרגייסטיגט די מאַטעריע און די נאַ־טור, אַרויספיהרענדיג זיי פון דער לאָגיק, ד. ה. פון גייסט. אָגיסט קאָנט האָט, פאַרקעהרט, מאַטעריאַליזירט דעם גייסט, באַגרינדענ־דיג איהם אויסשליסליך אויף דער מאַטעריע. אין דעם באַשטעהט זיין באַריהמטקייט און זיין אומאָפּשאַצליכער פאַרדינסט.

די פּסיכאָלאָגיע, די אַזוי וויכטיגע וויסענשאַפט, וואָס האָט גע־דיענט אַלס באַזיס פאַר דער מעטאַפיזיק און איז באַטראַכט גע־וואָרן פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע אַלס אַ וועלט וואָס איז כמעט אַן אַבסאָלוטע, אַ פרייע און אַן אומאָפּהענגיגע פון וועלכען עס איז מאַטעריעלען איינפלוס, איז אויף אַזאַ אופן אין דעם סיס־טעם פון אָגיסט קאָנט אויסשליסליך באַזירט אויף דער פיזיאָלאָ־גיע, און איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי איהר ווייטערדיגע אַנט־וויקלונג.

דאָס וואָס מען רופט שכל, געדאַנק, געפיהל, חוש און ווילען, ערשיינען אויף אַזאַ אופן אין אונזערע אויגען בלויז אַלס פאַרשיי־דענע פעהיגקייטען, אַלס פונקציעס אָדער טעטיגקייטען פון מענשלי־כען קערפּער.

פון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט באַטראַכט, ערשיינט פאַר אונז די מענשליכע וועלט, איהר אַנטוויקלונג און איהר געשיכטע, אין אַ גאַנץ נייעם ליכט, אַ נאַטירליכערע, אַ ברייטערע, אַ מעהר מענשליכע און מעהר פרוכטבאַרע אין איהרע אָנווייזונגען פאַר דער צוקונפט. פריהער האָבען מיר דיזעלבע וועלט באַטראַכט אַלס אַן ערשיינונג פון טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און יורידיש־פּאָ־ליטישע אידעען; אין דער היינטיגער צייט מוזען מיר פון דאָס ניי איהר נעהמען שטודירען, נעהמענדיג אַלס אויסגאַנגס־פּונקט די נאַטור, און אַלס וועגווייזער אונזער אייגענע פיזיאָלאָגיע.

אויף אָט דעם נייעם וועג פון וויסענשאַפטליכער אַנטוויקלונג שפּירט זיך שוין די דערשיינונג פון דער נייער וויסענשאַפט: די סאָציאָלאָגיע, — ד. ה. די וויסענשאַפט וועגען די אַלגעמיינע געזעצען, וואָס באַשטימען די אַנטוויקלונג פון די מענשליכער גע־זעלשאַפט. די סאָציאָלאָגיע וועט זיין דער לעצטער שטאַפּעל און די קרוינונג פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע. די געשיכטע און די סטאַטיסטיק באַווייזען אונז, אַז דער סאָציאַלער קערפּער, פּונקט ווי יעטווידער אַנדערער נאַטירליכער קערפּער, איז אונטערוואָר־פען אין זיינע אַנטוויקלונגען און פאַרוואַנדלונגען אונטער אַלגע־מיינע געזעצען, וועלכע שיינען צו זיין פּונקט אַזוי פאַטאַל, ווי די געזעצען פון דער פיזישער וועלט. דאָס אַרויסברענגען אָט די געזעצען פון דער גאַנצער מאַסע אַמאָליגע און היינטיגע היסטאָ־רישע פאַקטען, אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון דער סאָציאָלאָגיע.

אחוץ דעם גרויסען אינטערעס, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר פאר דעם פארשטאַנד, פארשפרעכט זי נאָך אין דער צוקונפט אויך א גרויסען פראַקטישען נוצען. פונקט ווי מיר קאָנען ניט באהער־שען די נאַטור און איהר ענדערן לויט אונזערע פראָגרעסירענדע נויטען, סיידען מיר דערגעהען איהרע געזעצען, פונקט אזוי וועלען מיר זיין ביכולת צו פארווירקליכען אין דער סאָציאַלער סביבה פרייהייט און וואוילשטאַנד ערשט דאַן, ווען מיר וועלען זיך שטי־צען אויף די באַשטענדיגע, נאַטירליכע געזעצען, וואָס באַהערשען די דאָזיגע סביבה. פון דעם מאָמענט, וואָס מיר האָבען אָנער־קענט, אַז עס עקזיסטירט ניט דער אָפגרונד, וועלכער טיילט פונאַנ־דער, אין דער פאַנטאַזיע פון די טעאָלאָגען און די מעטאַפיזיקער, צווישען דעם גייסט און דער נאַטור, מוזען מיר באַטראַכטען די מענשליכע געזעלשאַפט אלס א קערפּער, אמת, א מעהר קאָמפּלי־צירטער ווי די אַנדערע, אָבער דאָך פונקט אזוי נאַטירליך און אונ־טערוואָרפען די אייגענע געזעצען, מיט'ן צוגאָב פון די געזעצען, וואָס נאָר זי אַליין באַזיצט. קוים איז דאָס אָנערקענט, ווערט גאַנץ קלאָר, אַז דער וויסען און דער אויספאָרשען די דאָזיגע געזעצען איז נויטווענדיג, כדי די סאָציאַלע איבערבויאונגען, וואָס מיר האָ־בען אונטערנומען, זאָלען זיין שטאַנדהאַפט.

פון דער צווייטער זייט אָבער וויסען מיר, אַז די סאָציאָ־לאָגיע איז נאָך א יונגע וויסענשאַפט, אַז זי האַלט נאָך אין זוכען איהר אייגענער באַגרינדונג. אויב מיר וועלען אורטיילען וועגען דער דאָזיגער וויסענשאַפט, די שוועֶרסטע פון אַלע, לויט דעם ביי־שפּיעל פון אַנדערע, וועלען מיר מוזען אָנערקענען, אַז עס וועט זיך נאָך פאָדערן עטליכע, לפחות איין יאָהרהונדערט, ביז זי וועט זיך קאָנען ענדגילטיג באַפעסטיגען און ווערן אַן ערנסטע, מעהר אָדער וועניגער פאַלשטענדיגע און זעלבסטבאַוואוסטע וויסענשאַפט. איז וואָס־זשע איז צו טאָן? דאַרף די ליידענדע מענשהייט וואַרטען אויף דער אויסלייזונג פון איהרע שווערע ליידען א יאָהרהונדערט אָדער מעהר, ביז וואַנען די ענדליך איינגעאָרדענטע פּאָזיטיווע סאָציאָלאָגיע וועט איהר דערקלערן, אַז ענדליך קאָן זי איהר שוין געבען דירעקטיוון און אינסטרוקציעס פאר דעם ראַציאָנאַלען אי־בערבוי פון סאָציאַלען לעבען?

ניין, טויזענד מאָל ניין! ערשטענס, כדי אָפּצוואַרטען עט־

ליבע הונדערט יאָהר, וואָלט מען געדאַרפט האָבען די געדולד... אַ דאנק דער אַלטער רגילות, האָבען מיר שיעור ניט געזאָגט: די געדולד פון דייטשען; מיר האָבען זיך אָבער צוריקגעהאַלטען, דערמאָנענדיג זיך, אז אין דער היינטיגער צייט האָבען אַנדערע פעל־קער נאָך איבערגעשטיגען די דייטשען אין אַרויסווייזען די דאָזיגע טוגענד. צווייטענס, ווען מיר זאָלען אַפילו אָננעהמען אז מען קאָן האָבען די געדולד צו ווארטען, איז ווי וואָלט אָבער אויסגעקוקט אַזאַ געזעלשאַפט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר ניט מעהר ווי די אָנווענדבארקייט פון אַ וויסענשאַפט אויף דער פּראַקטיקע, ווען זי זאָל אַפילו זיין די בעסטע און פאָלקאָמענסטע אין דער וועלט? — ווי גאָרנישט. שטעלט זיך פאָר אַ וועלט, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך גאָרנישט, אויסער דאָס וואָס דער מענשליכער שכל האָט ביז היינט באַמערקט, דערקענט און באַגריפען, — וואָלט דען די דאָ־זיגע וועלט ניט אויסגעזעהן ווי אַ נישטיג שטיבעל, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עקזיסטירט שוין?

מיר האָבען די גרעסטע אַכטונג פאַר דער וויסענשאַפט; מיר באַטראַכטען איהר אַלס איינע פון די קאָסטבאַרסטע אוצרות, אַלס דעם גרעסטען כבוד פאַר דער מענשהייט. מיט דער וויסענשאַפט אונטערשיידט זיך דער מענש פון דער חיה, זיין קלענערער ברודער אין דער געגענוואַרט, זיין פאָרפאָטער אין דער פאַרגאַנגענהייט און ווערט פעהיג צו זיין פריי. פונדעסטוועגען מוז מען אָנער־קענען, אז די וויסענשאַפט האָט גרעניצען, און דערמאָנען איהר, אז זי איז ניט מעהר ווי איין טייל. דאָס אַלץ — מיינט לעבען: דאָס אומענדליכע לעבען פון די וועלטען, אָדער, כדי ניט צו פאַרלירן זיך אין דאָס אומענדליכע און אומבאַשטימטע — דאָס לעבען פון אונזער זונען־סיסטעם, אָדער, מאַכענדיג עס נאָך קירצער — די מענשליכע וועלט, — די באַוועגונג, די אַנטוויקלונג און דאָס לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט אויף דער ערד. דאָס אַלץ איז אומפאַר־גלייכליך ברייטער, טיעפער און רייכער פון דער וויסענשאַפט, און וועט קיינמאָל פון איהר ניט ערשעפּט ווערן.

דאָס לעבען, אין דעם דאָזיגען אַלץ אַרומפאַסענדען זין, לאָזט זיך ניט אַריינפאַסען אין וועלכער עס איז מענשליכער אָדער געט־ליכער טעאָריע. מיר וואָלטען גערן געזאָגט, אז דאָס לעבען איז אַ באַשאַפענדע קראַפט, ווען מיר וואָלטען ניט מורא געהאַט, צו ווערן

מיספאַרשטאַנען. פאַרגלייכענדיג די פעלקער, וועלכע שאַפען זייער אייגענע געשיכטע, מיט קינסטלער, וואָלטען מיר געפרעגט: צי האָבען דען די גרויסע פּאָעטען געוואַרט מיט'ן שאַפען זייערע גרויסע ווערק, ביז וואַנען די וויסענשאַפט וועט אויסגעפינען די געזעצען פון פּאָעטישער שאַפונג? צי דען האָבען אַסכילעס און סאָפאָקלעס ניט געשאַפען זייערע פּראַכטפולע טראַגעדיעס אַ סך פריהער איידער אַריסטאָטעל האָט, אויף דעם גרונד פון זייערע שאַפונגען, אויפגעבויט זיין ערשטע עסטעטיק? צי דען מיט טעאָריעס האָט זיך באַגייסטערט שעקספּיר? און צי האָט דען ניט בעטהאָווען מיט דער שאַפונג פון זיינע סימפאָניען אויסגעברייטערט די גרונדלאַגען פון קאָנטרפּונקטאַציע גופא? מיט וואָס וואָלט זיך געקאָנט די קונסט אויסצייכענען, ווען זי זאָל געשאַפען ווערן לויט די כללים אפילו פון דער בעסטער עסטעטיק אין דער וועלט? מיר ווידערהאָלען נאָכאַמאָל, — מיט גאָרנישט. אָבער אויך די פעלקער, וועלכע שאַפען זייער אייגענע געשיכטע, זיינען וואהרשיינליך ניט אָרימער אין עסטעטיק, ניט שוואַכער אין שאַפונגס־קראַפט, ניט מעהר אָפּהענגיג אָן די הערען געלעהרטע, ווי די קינסטלער!

אויב מיר האַלטען זיך צוריק פון באַנוצען דאָס וואָרט: שאַפונג, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבען מורא, אז מען וועט איהם צושרייבען אַ געדאַנק, וועלכען מיר קאָנען באַין אופן ניט צולאָזען. דער וואָס רעדט וועגען באַשאַפונג, רעדט שוין במילא אויך וועגען אַ באַשאַפער, און מיר פאַרוואַרפען די עקזיסטענץ פון וועלכען עס איז איין איינציגען שאַפער בנוגע צו דער מענשליכער וועלט, פּונקט ווי בנוגע צו דער פיזישער, וועלכע שטעלען ביידע צונויף, לויט אונזער אָנזיכט, איין־איינציגע ניט־צעטיילבאַרע וועלט. אָפּילו ווען מיר ריידען וועגען פעלקער, וואָס שאַפען זייער אייגענע געשיכטע, גיבען מיר צו, אז מיר געברויבען אַ מעטאַפאָרישען אויסדרוק, ניט קיין אייגענטליכען פאַרגלייך. יעדער פאָלק איז אַ קאָלעקטיווער וועזען, וואָס באַזיצט סיי פיזיאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע איינענטימליכקייטען, סיי פּאָליטיש־סאָציאַלע, וועלכע אינדיווידואַליזירן איהם און טיילען איהם אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער. ז"אָס מיינט אָבער ניט, אַז ער איז אַן איינהייטליכער, ניט צעטיילבאַרער וועזען איןווירקליכען זין פון וואָרט. ווי עס זאָל ניט

זיין אנטוויקעלט זיין קאָלעקטיווער באוואוסטזיין, ווי עס זאָל ניט זיין קאָנצענטרירט אין אַ מאָמענט פון אַ גרויסען נאַציאָנאַלען קריי־זיס די ליידענשאַפט אָדער דער ווילען פון פאָלק, ווי זי זאָל ניט זיין געווענדעט צו איין ציעל, וועט די דאָזיגע קאָנצענטרירונג קיינמאָל ניט קאָנען פארגליכען ווערן מיט דער קאָנצענטרירונג פון קרעפ־טען אין אַ רעאַלען אינדיווידום. מיט איין וואָרט, קיין איינציג פאָלק, ווי עס זאָל זיך ניט פיהלען איינהייטליך, קאָן ניט זאָגען: איך וויל! נאָר מוז זאָגען: מיר ווילען! און אויב איהר הערט, אז מען רעדט אין נאָמען פון גאַנצען פאָלק: ער פארלאַנגט! זייט זיכער, אז הינטער די רייד באַהאַלט זיך וועלכער עס איז אוי־זורפּאַטאָר: אַ יחיד אָדער אַ פּאַרטיי.

אונטער דעם וואָרט שאַפונג פארשטעהען מיר דאַריבער ניט די טעאָלאָגישע אָדער די מעטאַפיזישע שאַפונג, ניט די קינסטלע־רישע, וויסענשאַפטליכע אָדער וועלכע עס איז אנדערע שאַפונג, הינטער וועלכער עס באַהאַלט זיך אַ שאַפענדער אינדיווידום. מיר פארשטעהען אונטער דעם דאָזיגען וואָרט פּשוט דעם אומענדליך פארוויקעלטען קאָמפּלעקס פון דער אומצעהלבארער מאַסע פון גאַנץ פארשיידענע אורזאַכען, גרויסע אָדער קליינע, פון וועלכע אַ טייל איז באַקאַנט, אָבער די גרעסטע צאָהל בלייבט אומבאַקאַנט, און וועלכע, קאָמבינירענדיג זיך אין אַ באַשטימטען מאָמענט, קאָמ־בינירענדיג זיך, זעלבסטפארשטענדליך, ניט אָהן אורזאַך, אָבער אָהן אַ פאָראויסבאַשטימטען, אָהן אַ פאָראויס אָנגעצייכענטען פּלאַן, שאַפען זיי דעם געגעבענעם פאַקט.

אָבער, וועט מען זאָגען, אויף אַזאַ אופן האָט דאָך די געשיכטע און דער גורל פון דער מענשליכער געזעלשאַפט געדאַרפט פאַר־שטעלען מיט זיך אַ כאַאָס און זיין אַ שפּיעלצייג פון צופאַל? פארקעהרט, נאָר דאַן ווען די געשיכטע איז פריי פון יעדען געטלי־כען און מענשליכען ווילקיר, נאָר דעמאָלט באַווייזט זי פאַר אונ־זער אויג איהר גאַנצען צויבערליכען פּראַכט, די גאַנצע געזעצמע־סיגקייט פון איהר אומפארמיידליכער אנטוויקלונג, פּונקט ווי די אָרגאַנישע נאַטור, וועמעס דירעקטע פאָרטזעצונג זי איז. די נאַ־טור, ניט קוקענדיג אויף דער אומערשעפּליכער רייכקייט און פאַר־שיידענאַרטיגקייט וואָס זי אַנטהאַלט אין זיך, שטעלט מיט זיך לחלוטין ניט פאָר קיין כאַאָס, נאָר פארקעהרט, זי איז אַ פּראַכט־

פול אָרגאַניזירטע וועלט, וואו יעדער טייל האַלט־אויף, אַזוי צו זאָגען, אַ נויטיגע לאָגישע באַציהונג מיט אַלע איבעריגע.

אָבער, וועט מען זאָגען, הייסט דאָס, אַז אימיצער האָט דאַרויף אויפגעפּאַסט? לחלוטין ניט; אַן אויפפּאַסער, ווען אפילו דאָס זאָל זיין אַ גאָט, וואָלט נאָר געקאָנט קאַליע מאַכען מיט זיין פּערזענליכען ווילקיר די נאַטירליכע אָרדענונג און די לאָגישע אַנטוויקלונג פון זאַכען. און מיר זעהען טאַקע, ווי אין אַלע רעליגיעס איז די הויפּט־אייגענשאַפט פון דער גאָטהייט צו זיין איבער־אַלץ, ד. ה. געגען יעדער לאָגיק און צו האָבען שטענדיג אַ גאַנץ באַזונדערע לאָגיק: די לאָגיק פון נאַטירליכער אוממעגליכקייט אָדער אומזין.* וואָרים וואָס איז אַזוינס לאָגיק, אויב ניט דער נאַטירליכער גאַנג און די אַנטוויקלונג פון זאַכען, ד. ה. דער נאַטירליכער וועג אויף וועלכען אַ סך דערקלערליכע אורזאַכען באַשאַפען אַ פאַקט? מיר קאָנען דאַריבער אַרויסזאָגען די פאָלגענדע איינפאַכע און צו דערזעלבער צייט אַנטשיידענדע אַקסיאָמע: *אַלץ, וואָס איז נאַטירליך, איז לאָגיש, און אַלץ וואָס איז לאָגיש עקזיסטירט און מוז זיך פאַרווירקליכען אין דער רעאַלער וועלט: אין דער נאַטור, אין דעם ענגען זין, און אין איהר ווייטערדיגער אַנטוויקלונג — אין דער נאַטירליכער געשיכטע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.*

די פראַגע איז אַלזאָ, וואָס איז לאָגיש אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע? דאָס איז ניט אַזוי לייכט צו באַשטימען,

---

* צו זאָגען, אַז גאָט איז ניט געגען דער לאָגיק, מיינט צו באַהויפּטען, אַז גאָט איז פאָלשטענדיג דאָסזעלבע וואָס די לאָגיק, אַז ער גופא איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי די לאָגיק, ד. ה. דער נאַטירליכער גאַנג און די אַנטוויקלונג פון רעאַלע זאַכען. דאָס מיינט צו זאָגען, מיט אַנדערע ווערטער, אַז קיין גאָט איז ניטאָ. די עקזיסטענץ פון גאָט קאָן האָבען אַ באַדייטונג, נאָר אַלס די אָפּלייקענונג פון די נאַטירליכע געזעצען. דערפון קומט אַרויס די פאָלגענדע אומבאַשטרייטבאַרע דילעמע: עקזיסטירט גאָט, הייסט עס, אַז עס זיינען ניטאָ קיין נאַטירליכע געזעצען און די וועלט שטעלט מיט זיך פאָר אַ כאַאָס; איז די וועלט ניט קיין כאַאָס, פיהרט זי זיך לויט אַן אינערליכער אָרדנונג, — הייסט עס, אַז קיין גאָט איז ניטאָ.

ווי עס קאָן זיך דוכטען אויפ׳ן ערשטען בליק. וואָרים כדי דאָס צו וויסען אזוי פאָלקאָמען, אַז מען זאָל קיינמאָל קיין טעות ניט האָבען, דאַרף מען באַזיצען דעם גאַנצען וויסען פון אַלע אורזאַכען, איינפלוסען, ווירקונגען און געגענווירקונגען, וועלכע באַשטימען די נאַטור פון אירגענד וועלכען געגענשטאַנד אָדער פאַקט, ניט אויסשליסענדיג קיין איינציגע אורזאַך, ווי ווייט און ווי שוואַך זי זאָל ניט זיין. און וועלכע פילאָזאָפיע אָדער וויסענשאַפט קאָן זיך איבערנעהמען, אַז זי איז ביכולת דאָס אַלץ צו דערגרונטעוועז און ארומצונעהמען מיט איהר אַנאַליז?

אַזאַ זאַך צו פּרעטענדירן, דאַרף מען זיין גאַנץ אָרים אין שכל אָדער וועניג פארשטעהן די אומענדליכע רייכקייט פון דער ווירקליכער וועלט.

דאַרף מען צוליעב דעם צווייפלען אין דער וויסענשאַפט? דאַרף מען איהר פאַרוואַרפען דערפאַר, ווייל זי גיט אונז נאָר דאָס, וואָס זי קאָן אונז געבען? דאָס וואָלט געוועזן א נייע דומהייט און נאָך א פיעל שעדליכערע ווי די ערשטע. אויב איהר וועט פאַרלירן די וויסענשאַפט, וועט איהר זיך דורך דער אומוויסענהייט אומקעהרן צום צושטאַנד פון אייערע אורעלטערן — די גאָרילאַס, און אייך וועט אויסקומען צו פאַרשווענדען עטליכע טויזענד יאָהר דורכצומאַכען אויף דאָס ניי דעם גאַנצען וועג, וואָס די מענשהייט איז דורכגעגאַנגען, באַלויכטען פון דעם פאַנטאַסטישען ליכט פון דער רעליגיע און דער מעטאַפיזיק, ביז איהר וועט דערגרייכען, אמת, ניט צו פאָלקאָמע, אָבער דערפאַר גאַנץ גלויבענסווירדיגע ווארהייטען, וואָס מיר באַזיצען היינט.

דער גרעסטער און אנטשיידענדסטער טריאומף, וואָס די וויסענשאַפט האָט דערגרייכט אין אונזער צייט, איז, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, דאָס אריינברענגען פון דער פּסיכאָלאָגיע אין דער ביאָלאָגיע. די וויסענשאַפט האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַלע אינטעלעקטועלע און מאָראַלע אַקטען, וואָס צייכענען אויס דעם מענשען פון אַלע איבעריגע מינים בעלי־חיים, ווי דאָס דענקען, דאָס ארויסווייזען פון מענשליכען פאַרשטאַנד און באַוואוסטזיניגען ווילען, האָבען זייער מקור אין דער ריינער מאַטעריעלער, כאָטש ניט פאָלקאָמער, אָרגאַניזאַציע פון מענשען, אָהן וועלכער עס איז גייסטיגער אָדער איבערמאַטעריעלער געגענווירקונג. מיט איין וואָרט,

די כסיכישע אַקטען זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די פּראָדוק־
טען פון פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס פון ריין פיזיאָלאָגישע פונק־
ציעס פון דעם מאַרך.

די באַדייטונג פון דער דאָזיגער אַנטדעקונג, סיי פאַר דער
וויסענשאַפט, סיי פאַר דעם לעבען, איז ניט אָפּצושאַצען. אַ דאַנק
איהר זיינען ענדליך מעגליך געוואָרן די אַלע וויסענשאַפטען פון
דער מענשליכער וועלט, ד. ה. אַנטראָפּאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, לאָ־
גיק, מאָראַל, סאָציאַלע עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, עסטעטיק, טעאָלאָ־
גיע, מעטאַפיזיק, געשיכטע, מיט איין וואָרט, די גאַנצע סאָציאָלאָ־
גיע. אין דעם איבערגאַנג צווישען דער מענשליכער און דער נאַ־
טירליכער וועלט איז שוין מעהר ניט פאַראַן קיין איבעררייס. פּונקט
ווי די אָרגאַנישע וועלט איז אַ ניט־אונטערבראָכענע, דירעקטע
אַנטוויקלונג פון דער ניט־אָרגאַנישער וועלט, כאָטש זי אונטער־
שיידעט זיך פון איהר דערמיט, וואָס אין איהר איז אריינגעבראַכט
געוואָרן אַן אַקטיווער עלעמענט: די אָרגאַנישע מאַ־
טעריע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרן ניט דורך דער הילף
פון וועלכער עס איז איבערמאַטעריעלער אורזאַך, נאָר דורך פאַר
אונז ביז היינט אומבאַקאַנטע קאָמבינירונגען פון דערזעלבער ניט־
אָרגאַנישער מאַטעריע, און וועלכע האָט פון איהר זייט געשאַפען,
אויף די יסודות און אין די באַדינגונגען פון דער אייגענער ניט־
אָרגאַנישער וועלט, די העכערע רעזולטאַטען, די גאַנצע רייכקייט
אין דעם לעבען פון פלאַנצען און חיות; — פּונקט אַזוי איז די
מענשליכע וועלט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ דירעקטע פאָרטזע־
צונג פון דער אָרגאַנישער וועלט, וועלכע אונטערשיידט זיך פון
איהר מיט אַ נייעם עלעמענט: דאָס דענקען, וואָס איז
אַ פּראָדוקט פון דער ריין פיזיאָלאָגישער טעטיגקייט פון דעם מאַרך
און שאַפט צו דערזעלבער צייט אין דער מאַטעריעלער וועלט און
אין די אָרגאַנישע און ניט־אָרגאַנישע באַדינגונגען, פון וועלכע ער
איז אַזוי צו זאָגען דער לעצטער סך־הכל, דאָס אַלץ, וואָס מיר רו־
פען די אינטעלעקטועלע און מאָראַלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע
אַנטוויקלונג פון דעם מענשען — די געשיכטע פון דער מענשהייט.

פאַר מענשען, וועלכע דענקען ווירקליך לאָגיש, און וועמעס
שכל עס האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון דער היינטיגער ווי־
סענשאַפט, ערשיינט די איינהייטליכקייט פון דער וועלט, אָדער

פון אלץ וואס עקזיסטירט, אלס א פעסטגעשטעלטער פאקט. מען מוז אבער צוגעבען, אז דער דאזיגער פאקט, וואס איז אזוי איינפאך און אויגענשיינליך, אז איהם צו באשטרייטען שיינט אונז היינט צו זיין אן אומזין, אז אט דער דאזיגער פאקט געפינט זיך אין דעם שרייענדסטען ווידערשפרוך מיט דעם אלוועלטליכען באוואוסטזיין פון דער מענשהייט. דער אלוועלטליכער באוואוסטזיין פון דער מענשהייט, וואס ערשיינט אין דער געשיכטע אין די פארשיידענסטע פארמען, האט אבער שטענדיג איינשטימיג זיך ארויסגעזאגט פאר דער עקזיסטענץ פון צוויי פארשיידענע וועלטען: פון א גייסטיגער וועלט און א מאטעריעלער וועלט, פון א געטליכער וועלט און א רעאלער וועלט. אנהויבענדיג פון די רויהע פעטישיסטען, וועלכע האבען פארגעטערט אין זייער ארומיגער וועלט דעם אויסדרוק פון איבערנאטירליכער קראפט, וואס האט זיך פארקערפערט אין וועלכען עס איז מאטעריעלען אביעקט, האבען אלע פעלקער געגלויבט און גלויבען ביז היינטיגען טאג אין דער עקזיסטענץ פון עפעס א גאטהייט.

אט די דריקענדע איינשטימיגקייט, האט מעהר געוויכט, לויט דער מיינונג פון פיעלע מענשען, ווי וועלכע עס איז וויסענשאפטליכע באווייזען. און אויב די לאגיק פון דער קליינער צאהל קאנסעקוועטע, אבער איינזאמע דענקער ווידערשפרעכט די אלגעמיינע מיינונג, — אלץ ערגער, זאגען זיי, איז עס פאר דער דאזיגער לאגיק. ווארים די אלגעמיינע צושטימונג, די אלוועלטליכע אויפנעהמונג פון וועלכער עס איז אידעע, איז שטענדיג באטראכט געווארן אלס דער שטארקסטער באוויז פון איהר ריכטיגקייט; און עס איז אזוי באטראכט געווארן ניט גאר אהן א גרונד, ווייל די מיינונג פון דער גאנצער וועלט און פון אלע צייטען קאן ניט זיין ניט־ריכטיג. זי מוז האבען איהר שרש אין עפעס א באדערפעניש, וואס ליגט אין דער טבע פון דער מענשהייט. אבער, אויב ס'איז אמת, אז דערפילענדיג די דאזיגע באדערפעניש, איז דער מענשנ געצוואונגען צו גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גאט, קומט אויף אזא אופן אויס, אז דער וואס גלויבט ניט אין דער עקזיסטענץ פון גאט איז אן אומנארמאלער אויסנאהם, א משונה'דיגע בריאה, ווען אפילו זיין ניט־גלויבען איז באגרינדעט אויף דער לאגיק.

אט דאס איז די באליעבטע ארגומענטאציע פון אונזערע היינ־

טיגע טעאלאגען און מעטאפיזיקער, און זאגאר פון דעם באריהמטען מאדזיני, וועלכער קאן זיך אהן גאט ניט באגעהן. ער נויטיגט זיך אין גאט, כדי צו גרינדען זיין אסקעטישע רעפובליק און צו איבער־ציינען די פאלקס־מאסען, זיי זאלען איהר געבען זייער הסכמה, אט די פאלקס־מאסען, וועמעס פרייהייט און וואוילזיין ער איז כסדר מקריב צוליעב דער גרויסקייט פון זיין אידעאלען שטאאט.

דאס הייסט, די אלטקייט און די אלגעמיינע פארשפרייטקייט פון דער אמונה אין גאט, להיפך צו יעדער וויסענשאפט און יעדער לאגיק, זיינען די שטארקסטע באווייזען, אז גאט עקזיסטירט. אבער וואָרום? ביז צו קאפערניקוס און גאלילעי, האט די גאנצע וועלט, אפשר מיט דער אויסנאהם פון די פיטאגארעער, געגלויבט, אז די זון דרעהט זיך ארום דער ערד. האט דען אבער דער דאזי־גער אלגעמיינער גלויבען באוויזען די ריכטיגקייט פון דער השערה? זינט עס איז אנטשטאנען די געשיכטליכע געזעלשאפט ביז אונזער צייט, האט שטענדיג און אומעטום אן אומבאדייטענדע הערשענדע מינאריטעט עקספלואטירט די געצוואונגענע ארבייט פון די אר־בייטער־מאסען, פון שקלאפען אדער גערונגענע. איז דען דערפון געדרונגען, אז די עקספלואטאציע פון פרעמדער ארבייט דורך פא־ראזיטען איז ניט קיין אומגערעכטיגקייט, גזלה און גנבה? אט זיינען צווי ביישפיעלען, וואס באווייזען, אז די ארגומענטען פון אונ־זערע מאדערנע דעאיסטען זיינען גארנישט ניט ווערט.

אין דער ווירקליכקייט איז ניטא קיין אלוועלטליכערע, עלטערע זאך ווי די דומהייט; פארקערט ווידער, דער אמת, איז פאר־העלטניסמעסיג א סך יינגער, איז שטענדיג דער רעזולטאט, דער פראדוקט פון דער היסטארישער אנטוויקלונג און ניט איהר אויס־גאנגס־פונקט. ווארים דער מענש, א שוועסטערקינד, אויב ניט קיין דירעקטע אפשטאמונג פון דער גארילא, איז ארויסגעקומען פון טיעפער נאכט מיט טיערישע אינסטינקטען און נאר שטופענ־ווייז האט ער דערגרייכט צו דעם ליכט פון פארשטאנד. דאס דערקלערט אונז אלע זיינע אמאליגע משוגעת'ן און איז אונזער טיילווייזע טרייסט אין זיינע היינטיגע טעת'ן. די גאנצע היס־טארישע אנטוויקלונג פון מענשען איז ניט קיין אנדער זאך, ווי דאס דערווייטערן זיך פון דער ריינער טיערישקייט, דורך דעם וואס ער באשאפט זיין מענשליכקייט. דערפון איז געדרונגען, אז

די אַלטקייט פון וועלכער עס איז אידעע, ניט נאָר וואָס עס קאָן ניט ריידען צו גונסטען פון דער אידעע, נאָר פאַרקעהרט, זי שטעלט איהר אונטער חשד. וואָס איז שייך דער אַלגעמיינער פאַרשפּרייטקייט פון אַ טעות, באַווייזט עס נאָר איינס: אַז די מענשליכע נאַטור איז איינע און דיזעלבע אין אַלע צייטען און אין אַלע קלימאַטען. ניט ערלויבענדיג זיך צו אונטערדריקען די מיינונג, אַז אַלע פעלקער אין אַלע עפּאָכען האָבען געגלויבט און גלויבען אין גאָט, — דאָס איז זיכער אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, וועלכער קאָן אָבער אין אונזערע אויגען ניט אריבערוועגען ניט די לאָגיק און ניט די וויסענשאַפט, — מוזען מיר פון דעם פּשוט שליסען, אַז די גאָטהייט־אידעע, וועלכע איז זיכער געשאַפען געוואָרן פון אונז גופא, איז אַן אומפאַרמיידליכער טעות אין דער פאָרווערטסבאַוועגונג פון דער מענשהייט. מיר דאַרפען זיך פרעגען, וואָרום און ווי אַזוי איז זי אַנטשטאַנען? פאַרוואָס בלייבט זי נאָך אויך היינט צו טאָג אַ נויטווענדיגקייט פאַר דעם גרעסטען טייל פון דעם מענשליכען מין?

כל זמן מיר וועלען ניט זיין ביכולת זיך אָבצוגעבען רעכענונג אויף וואָס פאַר אַן אופן עס האָט זיך אויסגעבילדעט די אידעע פון דער איבערנאַטירליכער אָדער געטליכער וועלט, אויף וואָס פאַר אַן אופן זי האָט געמוזט אַנטשטעהן אין דער נאַטירליכער אַנטוויקלונג פון מענשליכען פאַרשטאַנד און אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, איז ווי וויסענשאַפטליך מיר זאָלען ניט זיין איבערצייגט אין דער דומהייט פון דער דאָזיגער אידעע, וועלען מיר אַלץ איהר קיינמאָל ניט קאָנען פאַרניכטען אין דער מיינונג פון דער מאַסע. ניט וויסענדיג דעם סוד פון איהר אַנטשטעהונג. וועלען מיר ווירקליך קיינמאָל ניט זיין ביכולת איהר אָנצוגרייפען אין די טיעפסטע טיעפעניש̈ען פון דעם מענשליכען גייסט. פאַרורטיילט צו אַן אומפרוכטבאַרען, אומענדליכען קאַמף, וועלען מיר זיך מוזען באַגנוגענען צו באַקעמפען איהר אויבערפלעכליך אין איהרע טויזענדער ערשיינונגען. נאָך איידער מיר וועלען האָבען צעשלאָגען איהר דומהייט מיט די קלעפּ פון געזונטען פאַרשטאַנד, וועט זי באַלד צוריק אַנטשטעהן אין אַ נייער און ניט ווייניגער אומזיניגער פאָרם; ווייל כל זמן דער שורש פון גלויבען אין גאָט בלייבט אומבאַשעדיגט, אַזוי לאַנג וועט ער ווייטער ארויסגעבען

נייע שפראצען. אזוי, צום ביישפיעל, שטרעבט דער ספיריטיזם אין אייניגע קרייזען פון דער מאדערנער ציוויליזירטער געזעלשאפט היינט צו טאג צו פארנעהמען דעם פלאץ פון דעם צעפאלענדען קריסטענטום.

נאך מעהר, צוליעב זיך גופא איז פאר אונז נויטיג זיך אבצוגעבען א רעכענונג וועגען דעם אורשפרונג פון גלויבען אין א גאט. ווייל כל זמן מיר וועלען ניט דערגעהן די אורזאכען פון דער היסטארישער, נאטירליכער אנטוויקלונג פון דער דאזיגער אידעע אין דער מענשליכער געזעלשאפט, איז ווי מיר זאלען זיך ניט רופען אטעאיסטען, קאנען מיר שטענדיג ארונטערפאלען אונטער דעם איינפלוס פון דער שטימע פון דעם אלגעמיינעם באוואוסטזיין, וועמעס געהיימנים אדער נאטירליכע אורזאך איז פאר אונז אומבאקאנט. און נעהמענדיג אין אנבאטראכט די נאטירליכע שוואכקייט פון אן אינדיווידום נעגען דער סאציאלער סביבה, וואס רינגעלט איהם ארום, ריזיקירן מיר, פריהער אדער שפעטער, צו ווערן שקלאפען פון דעם רעליגיעזען אומזין. — ביישפיעלען פון אזעלכע טרויעריגע אומוואנדלונגען זיינען ניט זעלטען אין דער היינטיגער געזעלשאפט.

מיינע הערען, מיר זיינען מעהר ווי ווען עס איז איבערצייגט אין דער נויטווענדיגקייט, וואס טאר ניט אפגעלעגט ווערן, פון דער פולשטענדיגער לעזונג פון דער פאלגענדער פראגע:

דער מענש מיט דער גאנצער נאטור שטעלט צונויף איין גאנצעס און ער איז ניט מעהר ווי א פראדוקט פון אן אומבאשטימטער צאהל אויסשליסליך מאטעריעלע אורזאכען. טא ווי אזוישע האט געקאנט געבוירן ווערן, אויסוואקסען און טיעף איינווארצלען זיך אין דעם מענשליכען באוואוסטזיין די אידעע פון דואליזם; די השערה אז עס עקזיסטירן צוויי אנטקעגענגעזעצטע וועלטען, איינע א גייסטיגע, די צווייטע א מאטעריעלע; איינע א געטליכע, די צווייטע א נאטירליכע?

מיר זיינען אויף אזויפיעל איבערצייגט, אז אן דער לעזונג פון דער דאזיגער פראגע העננט אפ אונזער ענדגילטיגע און פולשטענדיגע באפרייאונג פון די קייטען פון יעדער רעליגיע, אז מיר בעטען ביי אייך די ערלויבניש, פארצולעגען פאר אייך אונזערע געדאנקען איבער דער פראגע.

פאַר פיעלע וועט אפשר אויסקומען מאָדנע, וואָס אין אַ פּאָליטישער און סאָציאַליסטישער אָפּהאַנדלונג ווערן אַרומגערעדט פראַגען פון מעטאַפיזיק און טעאָלאָגיע. לויט אונזער טיעפסטער איבערצייגונג אָבער קאָנען די דאָזיגע פראַגען ניט אָפּגעטיילט ווערן פון סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגען. די רעאַקציאָנערע וועלט, געטריבען פון דער אומבאַזיגבארער לאָגיק, ווערט אַלץ רעליגיעזער. אין רוים האַלט זי אויף אַ פּאַפּסט; אין רוסלאַנד פאַרפאָלגט זי די נאַטור־וויסענשאַפטען; אין אַלע לענדער שטעלט זי אויף איהרע מיליטערישע, בירגערליכע, פּאָליטישע און סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטען אונטער דעם שוץ פון גאָט; פון דער אַנדער זייט ווידער, אין די קירכען און אין די שולען פאַרטיידיגט זי גאָט, מיט דער הילף פון היפּאָקריטיש־רעליגיעזער, קנעכטישער, קריכערישער, שווערער, פּעדאַנטישער וויסענשאַפט און אַלע אַנדערע מיטלען, וואָס געפינען זיך אין באַזיץ פון שטאַאַט. אַ געטליכע מלוכה אויפ'ן הימעל מיט אַן עהנליכער עפענטליכער אָדער פאַרבאָרגענער מלוכה פון בייטש און פארגעזעצליכטער עקספּלואַטאַציע פון די ארבייטער מאַסען אויף דער ערד — דאָס איז דער רעליגיעזער, סאָציאַלער, פּאָליטישער און פולשטענדיג לאָגישער איךעאַל פון די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען אין אייראָפּאַ. אין געגענזאַץ צו דעם און אַלס אַ געגען־ווירקונג, מוז די רעוואָלוציע זיין אַטעאיסטיש. וואָרים די היסטאָרישע ערפאַהרונג און לאָגיק האָבען באַוויזען, אַז עס איז גענוג איין האר אין הימעל, כדי טויזענדער הארען זאָלען זיך פארמעהרן אויף דער ערד.

נאָך אַלעמען, איז דען ניט דער סאָציאַליזם אין זיין סאַמע עצם, אַלס די פארווירקליכונג פון דעם מענשליכען וואוילזיין און אַלע מענשליכע שטרעבונגען אויף דער ערד, ניט אויפ'ן הימעל, צי איז ער דען ניט די ערגענצונג און פאָלגליך די אָפּלייקענונג פון יעדער רעליגיע, וועלכע וועט מעהר קיין אורזאַך ניט האָבען צו עקזיסטירן, אַזוי גיך ווי איהרע שטרעבונגען וועלען זיין פארווירקליכט?

ערקלערענדיג אונזערע געדאַנקען וועגען דער אַנטשטעהונג פון רעליגיע, וועלען מיר זיך באַמיהען צו האַלטען וואָס קירצער און וואָס ווענינער אַבסטראַקט.

זיך ניט אַרונטערלאָזענדיג אין די טיעפענישען פון פילאָזאָ־

פישע געדאַנקען, האַלטען מיר פאַר מעגליך אָנצונעהמען אַלס גרונד־
זאַץ דעם פאָלגענדען סטאַטוט: אַלץ וואָס עקזיס־
טירט, אַלע וועזענס וואָס שטעלען צו־
נויף די אומבאַשטימטע גאַנצקייט פון
וועלטאַל, אַלע זאַכען וואָס עקזיסטירן
אויף דער וועלט, וואָס עס זאָל ניט זיין
זייער נאַטור בנוגע צו קוואַליטעט אָדער
קוואַנטיטעט, גרויסע געגענשטאַנדען,
מיטעלע און אומענדליך קליינע, נאָהענ־
טע אָדער אומענדליך ווייטע, ווירקען
געגענזייטיג איינע אויף די אַנדערע,
אָהן ווילען און אפילו אָהן באַוואוסט־
זיין, דורך דער הילף פון דירעקטע אָדער
אינדירעקטע ווירקונגען און געגענוויר־
קונגען. אָט די אומאויפהערליכע וויר־
קונגען און געגענווירקונגען, צונויפ־
גיסענדיג זיך אין אַן איינהייטליכער
באַוועגונג, שטעלט צוזאַמען דאָס, וואָס
מיר רופען אַלגעמיינער צוזאַמענהאַנג,
לעבען און קאַזואַליטעט. רופט, אויב איך גע־
פעלט, דעם דאָזיגען אַלוועלטליכען צוזאַמענהאַנג גאָט אָדער אַב־
סאָלוט; פאַר אונז איז נאָר וויכטיג, אַז איהר זאָלט דעם גאָט ניט
צוגעבען קיין אַנדער באַדייטונג, אַחוץ די, וואָס מיר האָבען נאָר
וואָס פעסטגעשטעלט: — די באַדייטונג פון אַן אַלוועלטליכען,
נאַטירליכען, נויטווענדיגען, אָבער אין קיין פאַל ניט פאָראויסבאַ־
שטימטען, פאָראויסגעזעהענעם צוזאַמענהאַנג פון דער אומענד־
ליכער צאָהל פון באַזונדערע ווירקונגען און געגענווירקונגען. דער
דאָזיגער שטענדיג זיך באַוועגענדער און ווירקענדער צוזאַמענהאַנג,
דער דאָזיגער אַלוועלטליכער לעבען קאָן פון אונזער שכל אויפגע־
נומען ווערן; מיר וועלען איהם אָבער קיינמאָל ניט קאָנען אומ־
פאַסען אפילו מיט אונזער פאַנטאַזיע, און נאָך וועניגער וועט ער
פון אונז באַגריפען ווערן. וואָרים מיר קאָנען דערקענען נאָר דאָס,
וואָס פאַלט אַרונטער אונזערע חושים, און די לעצטע פאַסען נאָר
אַרום אַ גאַנץ קליינעם טייל פון דעם וועלטאַל. עס איז זעלבסט־

פאַרשטענדליך, אַז מיר פאַרשטעהען דעם דאָזיגען צוזאַמענהאַנג, ניט אַלס אַבסאָלוטע און ערשטע אורזאַך, נאָר פאַרקערט, אַלס אַ פּראָדוקט, וואָס פּראָדוצירט אַלץ ווייטער און ווייטער דורך דער גלייכצייטיגער ווירקונג פון אַלע באַזונדערע אורזאַכען, — דורך דער ווירקונג, וואָס שטעלט צוזאַמען די אַלוועלטליכע קאַזואַליטעט. אָט אַזוי ערקלערט, קאָנען מיר איצט זאָגען, ניט מורא האָבענדיג פאַר וועלכער עס איז מיספאַרשטענדניש, אַז דאָס אַלוועלטליכע לע־בען באַשאַפט וועלטען. דאָס האָט דאָס לעבען באַשטימט דעם געאָלאָגישען, דעם קלימאַטישען און געאָגראַפישען געבוי פון אונ־זער ערד, און האָבענדיג באַדעקט איהר אויבערפלאַך מיט דעם גאַנ־צען פּראַכט פון אָרגאַנישען לעבען, ש אַ פ ט ער ווייטער אין דער מענשליכער וועלט, באַשאַפענדיג די געזעלשאַפט מיט אַלע איהרע פאַרגאַנגענע, איצטיגע און צוקינפטיגע אנטוויקלונגען.

איצט איז קלאָר, אַז אין דער שאַפונג, פאַרשטאַנען אין אָט דעם זין, איז ניטאָ קיין פּלאַץ ניט פאַר קיין פון פאַראויס אָנגע־וויזענע פּלענער, ניט פאַר קיין פאַראויסבאַשטימטע, פאַראויסגע־זעהענע געזעצען. אין דער ווירקליכער וועלט קומען צוערשט פאַר די פאַקטען, וואָס ווערן ארויסגערופען דורך דער צוזאַמענטרעפונג פון אומצעהליגע ווירקונגען און באַדינגונגען; ערשט דערנאָך, צו־זאַמען מיט דעם דענקענדען מענשען, קומט די דערקענונג פון די דאָזיגע פאַקטען און אַ מעהר אָדער ווייניגער גענויער, פּאָלקאָמע־נער וויסען, ו ו י אַ ז ו י זיי זיינען פאָרגעקומען. ערשט דאַן, ווען מיר באַמערקען, אַז אין וועלכען עס איז מין פאַקטען ווידער־האָלט זיך אָפט אָדער כמעט שטענדיג איין און דער זעלבער פּראָ־צעס, רופען מיר דאָס אַ ג ע ז ע ץ פון דער נאַטור.

אונטער דעם וואָרט נ אַ ט ו ר פאַרשטעהען מיר ניט וועל־כע עס איז מיסטישע, פאַנטעאיסטישע אָדער סובסטאַנציעלע אי־דעע, נאָר גאַנץ פשוט, דעם סך הכל פון אַלץ וואָס עקזיסטירט, די פאַקטען און די פּראָצעסען, וואָס שאַפען די דאָזיגע פאַקטען. עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז אין דער נאַטור, ווי מיר פאַרשטעהען זי, ווע־לען איינע און דיזעלבע געזעצען תמיד זיך ווידערהאָלען אין גע־וויסע מינים פאַקטען. דאָס קומט בלי ספק פאַר אַ דאַנק דעם צוזאַמענטרעפען זיך פון דיזעלבע באַדינגונגען און ווירקונגען, און מעגליך אויך אַ דאַנק די איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעלטע

טענדענצען פון דער כסדר פליסענדער שאפונג, — טענדענצען, וועלכע זיינען דורך זייער אָפטער ווידערהאָלונג געוואָרן פער־מאנענט. נאָר א דאנק דער דאָזיגער פערמאנענטקייט אין דעם גאנג פון די נאטירליכע פראָצעסען, האָט דער מענשליכער פאר־שטאנד געקאָנט פעסטשטעלען און דערקענען דאָס, וואָס מיר רופען מעכאנישע, פיזישע, כעמישע און פיזיאָלאָגישע געזעצען; נאָר א דאנק דעם, איז דערקלערבאר די כמעט שטענדיגע ווידערהאָלונג פון די מינים בעלי־חיים און פלאנצען, פון די גאטונגען און וואַ־ריאציעס וואָס דאָס אָרגאנישע לעבען האָט ביז היינט ארויסגע־בראכט אויף דער ערד. די דאָזיגע פערמאנענטקייט און די דאָ־זיגע ווידערהאָלונג זיינען פונדעסטוועגען ניט שטענדיג איינגאנצען אויסגעהאלטען. זיי לאָזען שטענדיג איבער א ברייט אָרט פאר די אַזויגערופענע, — און ניט איינגאנצען ריכטיג גערופענע, — אנאָ־מאליען און אויסנאהמען. זייערע נעמען זיינען ניט איינגאנצען ריכ־טיג, מחמת די פאקטען צו וועלכע זיי זיינען שייך, באווייזען בלויז, אז די אלגעמיינע כללים, וועלכע מיר האָבען אָנגענומען פאר נאטיר־ליכע געזעצען, זיינען ניט מעהר ווי אבסטראקציעס, וואָס אונזער שכל האָט ארויסגעבראכט פון דעם ווירקליכען פראָצעס פון זאכען, און איז ניט ביכולת ארומצונעהמען, אויסשעפען און דערקלערן די גאנצע אומגעהייערע רייכקייט פון דעם פראָצעס. חוץ דעם, ווי דארווין האָט דאָס אויסגעצייכענט באוויזען, באשאפען די אַזויגע־רופענע אנאָמאליען, דורך זייער אָפטער פארבינדונג צווישען זיך און דורך דער ווייטערדיגער פארשטארקונג פון זייער כאראקטע־ריסטיק, אַזוי צו זאָגען, נייע וועגען פון שאפונג, נייע פאָרמען פון רעפּראָדוקציע און עקזיסטענץ, און זיי זיינען אייגענטליך דער וועג אויף וועלכען דאָס אָרגאנישע לעבען באשאפט נייע וואריאציעס און מינים. אָט אויף דעם אופן האָט דאָס אָרגאנישע לעבען, אָנהויב־בענדיג פון דער באשאפונג פון דער קוים־ארגאניזירטער צעלע און דורכפיהרענדיג איהר אלע טראנספאָרמאציעס, צוערשט אין דער אָרגאניזאציע פון די פלאנצען, דערנאָך פון די בעלי־חיים, ארויס־געבראכט פון איהר דעם מענשען.

וועט דער מענש פארבלייבען די לעצטע און פאָלקאָמענסטע אָרגאנישע בריאה אויף דער וועלט? ווער קאָן ענטפערן אויף דעם? ווער קאָן שווערען, אז אין פארלויף פון עטליכע צעהנד־

ליגער אָדער הונדערטער דורות, זאָל פון די העכסטע פאַרשיידענ־אַרטיגקייטען פון מענשליכען מין ניט אַרויסקומען אַ מין פון העכערע וועזענס, ווי דער מענש, וועלכע וועלען זיך באַציהען צום מענשען, ווי ער באַציהט זיך צו דער גאָרילאַ? יעדענפאַלס אָבער מעג אונזער גדלות זיין באַרוהיגט. דער אופן פון דער נאַטור'ס טעטיגקייט איז זעהר אַ לאַנגזאַמער, און אין דעם איצטיגען צושטאַנד פון דער מענשהייט איז ניטאָ קיין סימן, אַז זי זאָל קאָנען פון זיך אַרויסברענגען אַ העכערן מין וועזענס. אגב, צי האַלטען ניט די נאַטור אין איין פאָרטזעצען איהר ניט־אונטערבראָכענער אַרבייט פון שטענדיגען שאַפען אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דעם מענשליכען מין? ניט איהר שולד איז עס, אויב מיר האָבען אין אונזער פאַרשטאַנד אָפּגעטיילט די וועלט פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, פון דעם, וואָס מיר רופען אויסשליסליך די נאַטירליכע וועלט.

די סיבה פון דער דאָזיגער אָפּטיילונג ליגט אין דער טבע פון אונזער שכל גופא, וועלכער צייכענט אַזוי שטאַרק אויס דעם מענשען פון אַלע אַנדערע מינים בעלי חיים. אגב, מוזען מיר אָנערקענען, אַז דער מענש איז ניט די איינציגע ערדישע חיה, וואָס איז באַשאַנקען מיט שכל. פאַרקעהרט, די פאַרגלייכונגס־פּסיכאָלאָגיע באַווייזט, אַז עס איז גאַרניט פאַראַן אַזאַ מין בריאה, וואָס זאָל זיין אינגאַנצען אָהן שכל, און אַז וואָס נעהנטער אַ בריאה איז צום מענשען, לויט איהר אָרגאַניזאַציע און באַזונדערס לויט דעם געבוי פון איהר געהירן, אַלץ מעהר אַנטוויקעלטער און באַרייטענדער איז איהר שכל. אָבער נאָר ביי דעם מענשען דערגרייכט דער שכל דערצו, וואָס מען קאָן אָנרופען דענק־פעהיגקייט, וועלכע קאָן קאָמבינירן די פאָרשטעלונגען פון אויסערליכע ווי אינערליכע אָביעקטען, וואָס קומען צו אונז דורך די חושים, שאַפען פון זיי גרופען, נאָכדעם זיי פאַרגלייכען און פון דאָס־ניי קאָמבינירן די דאָזיגע פאַרשיידענע גרופען, וועלכע זיינען שוין ניט מעהר קיין רעאַלע זאַכען — אָביעקטען פון אונזערע חושים, נאָר ניט מעהר ווי באַגריפען, געשאַפען דורך דער ערשטער ווירקונג פון דער פעהיגקייט, וואָס מען רופט אורטייל, וואָס איז באַהאַלטען אין אונזער זכרון; און זייער ווייטערדיגע קאָמבינירונג, מיט דער הילף פון דערזועלבער פעהיגקייט, בילדעט דאָס, וואָס מיר רופען אי־

דעען. ענדליך ברענגט פון דעם דער מענשליכער שכל אַרויס שלוסען, אָדער לאָגיש־אומפאַרמיידליכע אַנווענדונגען. צום באַ־דויערן באַגעגענען מיר אָפט מענשען, וועלכע האָבען נאָך ניט דער־גרייכט צו דער פאָלשטענדיגער באַהערשונג פון דער דאָזיגער פע־היגקייט; מיר האָבען אָבער קיינמאָל ניט געזעהן, און אפילו ניט געהערט, אַז אַ באַשעפעניש פון אַ נידעריגערן מין זאָל יאָ באַזיצען די דאָזיגע פעהיגקייט, — סיידען מען וועט ברענגען אַלס ביי־פּיעל בלעם׳ס אייזעל און געוויסע אַנדערע חיות אין וועלכע עס גלויבט און וועלכע עס הייסט אונז אַכטען, וועלכע עס איז רעלי־גיע. מיר קאָנען דעריבער זאָגען, אָהן מורא באַשטריטען צו ווערן, אַז פון אַלע ברואים, וואָס עקזיסטירן אויף דער ערד, איז דער מענש דער איינציגער, וועלכער דענקט.

ער אַליין איז באַשאָנקען מיט דער אַבסטראַקטער פעהיגקייט, וועלכע איז אין מענשליכען מין נאַטירליך פאַרשטאַרקט און אַנט־וויקעלט געוואָרן דורך דורות פון איבונג. די דאָזיגע פעהיגקייט דערהויבט בּיסלעכווייז אינערליך דעם מענשען איבער אַלע געגענ־שטאַנדען, וואָס רינגלען איהם אַרום, איבער אַלע אַזויגערופענע אויסערליכע וועלטען, און אפילו איבער איהם אַליין, איבער דעם מענשען, אויף וויפיעל ער איז אַן אינדיווידום, און זי ערלויבט איהם צו באַגרייפען, צו שאַפען די אידעע פון דער איינהייטליכ־קייט פון דער עקזיסטענץ, פון וועלטאַל, פון דאָס אומענדליכע אָדער אַבסאָלוטע — אַן אידעע, וואָס איז פאָלשטענדיג אַבסטראַקט, און אויב איהר ווילט, וואָס האָט לחלוטין קיין אינהאַלט ניט. פונ־דעסטוועגען איז די דאָזיגע אידעע אַן אַלמעכטיגע און דיענט אַלס אורזאַך פאַר אַלע וויטערדיגע עראָבערונגען פון מענשען; וואָרים נאָר זי רייסט אַוועק דעם מענשען פון דעם אַזויגערופענעם גליק און דער נאַרישער אונשולד אין אַ טיערישען גן־עדן, און פיהרט איהם צו די טריאומפען און די אומענדליכע ליידען פון אומבאַ־גרעניצטער אַנטוויקלונג...

אַ דאַנק דער דאָזיגער פעהיגקייט, דערהויבט זיך דער מענש איבער דעם דירעקטען דרוק, וואָס אַלע אויסערליכע געגענשטאַנדען איבען אויס אויף יעדען באַזונדערן אינדיווידום, און אויף אַזאַ אַרט קאָן ער פאַרגלייכען די געגענשטאַנדען איינע מיט די אַנדערע

און אויספאָרשען זייערע געגענזייטיגע באַציהונגען. **דאָס איז דער** אָנהויב פון דעם אַ נ אַ ל י ז און פון דער עקספערימענ־טאַלער וויסענשאַפט. אַ דאַנק אַט דער פעהיגקייט ווערט דער מענש אַ צווייענדיגער אין זיך גופא, ער הויבט זיך אויף איבער זיינע אייגענע אימפולסען, אינסטינקטען און פאַרשיידענע תאוות, אויף וויפיעל זיי זיינען איבערגענגליך און פריוואַט, און דאָס גיט איהם די מעגליכקייט זיי צו פאַרגלייכען, פונקט ווי ער פאַרגלייכט די אויסערליכע געגענשטאַנדען און באַוועגונגען, און שטעלט זיך אויף דער זייט פון איינע געגען די אַנדערע, אין איינקלאַנג מיט דעם סאָציאַלען אידעאַל, וואָס האָט זיך ביי איהם אויסגעאַרבייט. אַט דאָס איז שוין די ערוואַכונג פון ב אַ וו אוּ ס ט ז י י ן און פון דעם, וואָס מיר רופען וו י ל ע ן.

צי באַזיצט דער מענש אין דער ווירקליכקייט אַ פרייען ווילען? יאָ און ניין, עס העגנגט אָפּ פון דעם ווי מען פאַרשטעהט אַט דעם אויסדרוק. אויב אונטער פרייען ווילען ווערט פאַרשטאַנען „אַר־ביטרערע פרייהייט״, ד. ה. די השערה׳דיגע פעהיגקייט פון דעם מענשליכען אינדיווידום זיך אַליין פריי צו באַשטימען, אומאָפּהענ־גיג פון יעדען אויסערליכען איינפלוס; אויב איהר פּרעטענדירט, ווי דאָס האָבען געטאָן אַלע רעליגיאָנען און אַלע מעטאַפיזיקער, דורך דעם דאָזיגען פרייען ווילען אַרויסצורייסען דעם מענשען פון דעם שטראָם פון דער אַלוועלטליכער קאַוזאַליטעט, וואָס באַשטימט די עקזיסטענץ פון אַלע זאַכען און מאַכט זיי אָפּהענגיג איינע פון די אַנדערע, קאָנען מיר קיין אַנדער זאַך ניט טאָן, ווי נאָר פאַר־וואַרפען די דאָזיגע פרייהייט אַלס אַן אומזין, וואָרים קיין זאַך קאָן ניט עקזיסטירן אויסער דער אַלוועלטליכער קאַוזאַליטעט.

די אומאויפהערליכע ווירקונג און געגענווירקונג פון אַלע פונקטען אויף יעדען באַזונדער, און פון יעדען באַזונדערן פונקט אויף אַלע, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, שטעלט צונויף דאָס לע־בען, — דעם העכסטען שאַפענדען געזעץ און די איינהייטליכ־קייט פון די וועלטען, — וואָס באַשאַפט אַלץ, און ווערט דערפאַר אין דער זעלבער צייט פון אַלץ אַליין באַשאַפען. די דאָזיגע איי־ביג טעטיגע, אייביג אַלמעכטיגע אַלוועלטליכע צוזאַמענהענגליכ־קייט, די דאָזיגע אַל־געגענזייטיגע אורזאַכליכקייט, וועלכע מיר וועלען פון איצט אָן רופען פשוט נ אַ ט וּ ר, האָט באַשאַפען,

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, צווישען די אומצעהליגע אַנדערע וועל־טען אויך אונזער ערד, מיט דעם גאַנצען לייטער פון וועזענס — פון דעם מינעראַל ביז צום מענשען. זי האַלט זיי כסדר אין רעפּ־ראָדוצירן, אַנטוויקלען, דערהנערן, אויפהאַלטען, און דערנאָך, ווען עס קומט זייער צייט, און גאַנץ אָפט נאָך איידער זייער צייט איז געקומען, פאַרניכטעט זי זיי, אָדער בעסער געזאָגט, ארבייט זי זיי איבער אין נייע וועזענס. זי איז דעריבער די אַלמעכטיגקייט, בנוגע צו וועלכער עס קאָן ניט זיין קיין אומאָפּהענגיגקייט אָדער אויטאָנאָמיע. זי איז דאָס אַלערהעכסטע וועזען, וואָס נעהמט־ארום און דרינגט דורך מיט איהר אומבאַזיעגבאַרער ווירקונג אַלע עקזיסטירענדע וועזענס, און צווישען די בעלי־חיים איז ניטאָ איי־נער, וואָס זאָל ניט טראָגען אין זיך, פאַרשטעהט זיך אין א מעהר אָדער וועניגער אַנטוויקעלטען צושטאַנד, דאָס געפיהל אָדער די עמפינדונג פון דער אַלערהעכסטער ווירקונג און אבסאָלוטער אָפּ־הענגיגקייט. — און עס איז דער דאָזיגער געפיהל, די דאָזיגע עמ־פינדונג, וועלכע שטעלען עס צונויף דעם יסוד פון יעדער אמונה.

די רעליגיע, ווי איהר זעהט, פונקט ווי אַלע אַנדערע מענש־ליכע זאַכען, האָט איהר ערשטען מקור אין דעם לעבען פון די חיות. עס איז אוממעגליך צו זאָגען וועגען וועלכע ניט איז חיה, אויסער דעם מענשען, אַז זי האָט אַן אמונה; וואָרים אפילו די מגושמ׳דיג־סטע רעליגיע פאָדערט דאָך א געוויסען גראַד פון פעהיגקייט צו דענקען, צו וועלכער מדרגה עס האָט זיך נאָך קיין איין חיה ניט דערהויבען, אויסער דעם מענשען. עס איז אָבער פונקט אזוי אומ־מעגליך צו פאַרלייקענען, אַז אין דער עקזיסטענץ פון אַלע חיות אָהן אויסנאַם, זיינען, אַזוי צו זאָגען, איינגעשלאָסען אַלע מאַטע־ריעלע עלעמענטען, וואָס שטעלען צונויף די רעליגיע, נאַטירליך, מיט דער אויסנאַהם פון איהרע אידעאַלע זייטען, איבערהויפּט פון דער, וואָס וועט איהר פריהער אָדער שפּעטער פאַרניכטען — דאָס דענקען. ווירקליך, וואָס איז דער ריכטיגער עצם פון יעדער אמונה? דאָס איז דער געפיהל פון אבסאָלוטער אָפּהענגיגקייט פון דעם פאַר־גענגליכען אינדיווידום אָן דער אייביגער און אַלמעכטיגער נאַטור.

עס איז שווער פאַר אונז צו באַמערקען דעם דאָזיגען געפיהל און צו אַנאַליזירן אַלע זיינע ערשיינונגען אין די חיות פון די ני־דעריגערע מינים. פונדעסטוועגען קאָנען מיר זאָגען, אז דער איג־

סטינקט פון זעלבסטערהאַלטונג, וואָס איז צו באַמערקען אַפילו ביי די פאַרהעלטניסמעסיג גאָר נידעריגע אָרגאַניזמען, פאַרשטעהט זיך, אין אַ קלענערער מדרגה ווי ביי די העכערע אָרגאַניזמען, איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די קלוגקייט פון רגילות, וואָס בילדעט זיך אויס אין יעדען אינדיווידום אונטער דער ווירקונג פון דעם גע־פיהל, וועלכער, ווי מיר האָבען געזאָגט, איז גיט קיין אַנדער זאַך ווי דער רעליגיעזער געפיהל. ביי די חיות, וועלכע זיינען באַשאַנ־קען מיט אַ פאָלקאָמענערן אָרגאַניזם און וועלכע זיינען נעהנטער צו דעם מענשען, ווייזט זיך דער דאָזיגער געפיהל אַרויס אויף אַ מעהר קענטיגען אופן, צום ביישפיעל, אין דעם אינסטינקטיווען און פּלעצליכען פּחד, וואָס כאַפּט זיי אַמאָל אַרום ביי דעם אָנקו־מען פון עפּעס אַ גרויסער, נאַטירליכער קאַטאַסטראָפע, ווי אַן ערדציטערניש, אַ וואַלד־שׂרפה, אָדער אַ שטאַרקער שטורם. בכלל קאָן מען זאָגען, אַז די מורא איז איינער פון די אַריבערוועגענדע געפיהלען אין דעם לעבען פון די חיות. אַלע חיות, וועלכע לע־בען אויף דער פריי, זיינען ווילד, און דאָס באַווייזט, אַז זיי לע־בען אין אַ שטענדיגען, אינסטינקטיווען שרעק, אַז שטענדיג שפּירן זיי די אָנוועזענהייט פון געפאַהר, ד. ה. זיי שפּירן די אָנוועזענהייט פון אַן אַלמעכטיגער ווירקונג, וואָס פאַרפאָלגט זיי, דרינגט זיי דורך און נעהמט זיי אַרום שטענדיג און אומעטום. אָט די דאָ־זיגע מורא, די מורא פאַר גאָט, ווי דאָס וואָלטען געזאָגט די טעאָ־לאָגען, איז דער אָנפאַנג פון קלוגשאַפט, ד. ה. פון רעליגיע. ביי די חיות אָבער ווערט זי ניט קיין רעליגיע, ווייל זיי פעהלט די קראַפט פון דער דענק־פעהיגקייט, וואָס פאַרשטאַרקט דאָס געפיהל, באַשטימט זיין ציעל און אַרבייט איהם איבער אין אַ באַוואוסטזיין, אין אַ געדאַנק. — און דעריבער ווערט גאַנץ ריכטיג באַהויפּטעט, אַז דער מענש איז לויט זיין טבע רעליגיעז; ער איז רעליגיעז, פּונקט ווי אַלע אַנדערע חיות, — ער איז אָבער דער איינציגער אויף דער ערד, וואָס באַזיצט דעם באַוואוסטזיין פון זיין רעלי־גיעזקייט.

מען זאָגט, אַז די רעליגיע איז די ערשטע דערוואַכונג פון דעם שׂכל; דאָס איז אמת, אָבער דאָס איז די דערוואַכונג פון דעם שׂכל אין דער פאָרם פון ניט פאַרשטעהן. רעליגיע, ווי מיר האָבען נאָר־וואָס געזעהן, הויבט זיך אָן פון מורא. און ווירקליך, דער מענש,

אויפוואַכענדיג מיט די ערשטע שטראַלען פון יענער אינערליכער זון, וואָס מיר רופען אָן זעלבסטבאַוואוסטזיין, און לאַנגזאַם, טריט ביי טריט אַרויסקומענדיג פון דעם מאַגנעטישען דרימעל אין וועלכען ער האָט זיך געפונען, פיהרענדיג זיין ריין־אינסטינקטיווע עקזיסטענץ, און געפינענדיג זיך אין אַ צושטאַנד פון אבסאָלוטער אומשולד, ד. ה. טיערישקייט; — דערצו נאָך זייענדיג געבאָרען, פונקט ווי יעדע חיה, אין דער מורא פאַר דער אויסערליכער וועלט, וועלכע, אמת, שאַפט איהם און דערנעהרט איהם, אָבער וועלכע מאַכט איהם גלייכצייטיג ענג, דריקט און סטראַשעט איהם יעדער מינוט צו פאַרשלינגען, — האָט אומפאַרמיידליך געמוזט ווענדען זיין אַנטשטעהענדע פעהיגקייט צו דענקען טאַקע אויף אַט דער מורא.

מען קאָן זיך פאָרשטעלען, אַז ביי דעם אוראַלטען מענשען, בעת דעם ערשטען ערוואַכען פון זיין פאַרשטאַנד, האָט די אינסטינקטיווע מורא געדאַרפט זיין שטאַרקער ווי ביי די חיות פון אַנדערע מינים. ערשטענס צוליעב דעם, וואָס ער ווערט געבאָרען וועניגער באַוואָפענט ווי אַלע אַנדערע חיות און זיין קינדהייט געדויערט פיעל לענגער; און צווייטענס, צוליעב דעם, וואָס די פעהיגקייט צו דענקען גופא, וועלכע האָט נאָר־וואָס אויפגעבליהט און האָט נאָך ניט דערגרייכט אַ גענוגענדע מדרגה פון צייטיגקייט און קראַפט, כדי צו דערקענען און אויסצונוצען די אויסערליכע געגענשטאַנדען, האָט פונדעסטוועגען שוין געמוזט אַרויסרייסען דעם מענשען פון דער אייניגקייט און אינסטינקטיווער האַרמאָניע מיט דער נאַטור, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, פונקט ווי זיין שוועסטערקינד די גאָרילאַ, איידער דער געדאַנק איז געקומען איהם אויפוועקען פון דעם דאָזיגען צושטאַנד. די פעהיגקייט צו דענקען האָט איהם דעריבער געמאַכט איינזאַם אין דער נאַטור, וועלכע איז איהם אויף אַזאַ אופן געוואָרן פרעמד און האָט זיך געמוזט ווייזען פאַר איהם דורך דער פריזמע פון זיין דמיון — אויפגעוועקט און אויסגעברייטערט דורך דער ווירקונג פון דעם אַנטשטעהענדען געדאַנק — אַלס אַ פינסטערע געהיימע קראַפט, ניט דער ערך פיינדליכער און שרעקליכער, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט.

עס איז אויסערגעוועהנליך שווער פאַר אונז, אויב ניט אומ־

מעגליך, זיך אָפּצוגעבען אַ גענויעם חשבון פון די ערשטע רעלי־
גיעזע געפיהלען און פאָרשטעלונגען פון ווילדען מענשען. אין זיי־
ערע איינצעלהייטען האָבען זיי בלי ספק געמוזט זיין אַזוי פאַר־
שיידען, ווי פאַרשיידען עס זיינען געווען די כאַראַקטערס פון די
ערשטע פעלקערשאַפטען, וועלכע האָבען זיי דורכגעפיהלט, ווי
פאַרשיידען עס זיינען געווען די קלימאַטען, די נאַטור פון די לאָ־
קאַליטעטען און אַלע אַנדערע אויסערליכע באַדינגונגען און באַ־
שטימונגען, אין דער סביבה פון וועלכע די דאָזיגע געפיהלען האָ־
בען זיך אַנטוויקעלט. נאָר אַזוי ווי נאָך אַלעמען זיינען דאָס פאַרט
געווען מענשליכע געפיהלען און פאָרשטעלונגען, האָבען זיי דאָך
געמוזט, ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער פאַרשיידענקייט פון די
איינצעלהייטען, באַזיצען אַ געוויסע צאָהל עהנליכע און אַלגעמיי־
נע שטריכען, וועלכע מיר וועלען פּרובירן ערקלערן. וואָס עס זאָל
ניט זיין דער אורשפּרונג פון די באַזונדערע מענשליכע גרופּען און
די פאַרשפּרייטונג פון די מענשען־ראַסען איבער דער ערד; צי
האָבען אַלע מענשען געהאַט איין פאָר־פאָטער אָדם, — אַ גאָרילאַ
אָדער אַ שוועסטערקינד פון דער גאָרילאַ, אָדער זיי זיינען ארויס־
געקומען פון עטליכע אינדיווידומען, וואָס די נאַטור האָט באַשאַ־
פען אין פאַרשיידענע פלעצער און אין פאַרשיידענע צייטען גאָר
אומאָפּהענגיג איינע פון די אַנדערע, — דאָס ענדערט ניט דעם
ענין. די פעהיגקייט, וואָס באַשאַפט און שטעלט צונויף דאָס איי־
גענטימליך מענשליכע אין די מענשען, נעמליך: דאָס דענקען אַב־
סטראַקט, דער שכל, דער געדאַנק, מיט איין וואָרט, די פעהיגקייט
צו באַשאַפען אידעען, פאַרבלייבט, פּונקט ווי די געזעצען וואָס
באַשטימען די ערשיינונג פון אָט דער פעהיגקייט, תמיד און אור־
מעטום די אייגענע, תמיד און אומעטום דיזעלביגע, — ווייל קיין
מענשליכע אַנטוויקלונג קאָן ניט געהן להיפוך צו אָט די געזעצען.
דאָס גיט אונז דאָס רעכט אָננצונעהמען, אַז די הויפּט־פאַזען, וועל־
כע לאָזען זיך מערקען אין דער אורשפּרינגליכער רעליגיעזער אַנט־
וויקלונג פון וועלכען עס איז איינציגען פאָלק, האָבען אויך גע־
מוזט פאָרקומען אין דער אַנטוויקלונג פון אַלע אַנדערע ערדישע
פעלקערשאַפטען.

אורטיילענדיג לויט די איינשטימיגע מעלדונגען פון רייזענ־
דער, סיי פון די וואָס האָבען אין פאַרגאַנגענעם יאָהר־הונדערט באַ־

זוכט די אָקעאַנישע אינזלען, סיי פון די וועלכע האָבען אין אונ־
זערע צייטען אריינגעדרונגען טיעף אין אַפריקאַ, — האָט דער
פ ע ט י ש י ז ם געמוזט זיין די סאַמע ערשטע רעליגיע, די רעלי־
גיע פון אַלע ווילדע שבטים, וועלכע האָבען זיך גאַנץ ווענינ דער־
ווייטערט פון דעם נאַטור־צושטאַנד. אָבער דער פעטישיזם איז
ניט קיין אַנדער זאַך ו ו י ד י ר ע ל י ג י ע פ ו ן מ ו ר א.
דער פעטישיזם איז דער ערשטער מענשליכער אויסדרוק פון דעם
געפיהל פון אַבסאָלוטער אָפּהענגיגקייט, צונויפגעמישט מיט דעם
אינסטינקטיווען פחד, וואָס מיר געפינען אין יסוד פון יעדען טיע־
רישען לעבען און וואָס שטעלט פאָר, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט,
די רעליגיעזע באַציהונג פון די אינדיווידומען פון די נידעריגסטע
מינים צו דער אַלמעכטיגקייט פון דער נאַטור. ווער ווייס דאָס
ניט, וואָס פאַר אַן איינדרוק און איינפלוס עס איבען אויס אויף
אַלע לעבעדיגע וועזענס, אפילו פלאַנצען ניט אויסגעשלאָסען, די
גרויסע רעגעלמעסיגע נאַטור־ערשיינונגען, ווי דאָס אויפגעהן און
אונטערגעהן פון דער זון, דאָס שיינען פון דער לבנה, דאָס בייטען
זיך פון די תקופות, פון קאַלטקייט און וואַרימקייט, באַזונדערס די
ווירקונג פון ימ׳ען, בערג און מדבריות, אָדער פון אַזעלכע נאַטיר־
ליכע קאַטאַסטראָפעס, ווי שטורעמס, ליקוי־חמה און ליקוי־לבנה,
ערדציטערנישען, ווי אויך די פיעלע פאַרשיידענע געגענזייטיג פאַר־
ניכטענדע באַציהונגען צווישען די בעלי־חיים גופא און די פלאַנ־
צען־מינים. דאָס אַלץ שטעלט צונויף פאַר יעדער חיה דעם סך־
הכל פון די באַדינגונגען פון עקזיסטענץ, כאַראַקטער, נאַטור און,
עס ווילט זיך אונז כמעט זאָגען, אַ באַזונדערן קולט; ווייל ביי
אַלע חיות, ביי אַלע לעבעדיגע וועזענס, וועט איהר געפינען אַ
מין נאַטור־פאַרגעטערונג, אַ געמיש פון מורא און פרייד, האָפנונג
און אַנגסט, וואָס איז בנוגע צו געפיהל זעהר עהנליך צו דער מענש־
ליכער רעליגיע. עס פעהלט דאָרט אויך ניט קיין השבעות און
תפילות. באַטראַכט דעם צוגעוועהנטען הונט, וועלכער בעט זיך
ביי זיין בעל־הבית אַ גלעט אָדער אַ בליק; איז דען דאָס ניט אַ
בילד פון אַ מענשען, וואָס שטעהט אויף די קניע פאַר זיין גאָט?
צי טראָגט ניט אריבער דער הונט, — מיט דער הילף פון זיין פאַר־
שטעלונג און אַפילו שוין מיט די ערשטע עלעמענטען פון דער פע־
היגקייט צו דענקען, וואָס האָט זיך ביי איהם אַנטוויקעלט דורך

ערפאהרונג, — צי טראַגט ער דען ניט אריבער די נאַטירליכע, אויף איהם דריקענדע, אַלמעכטיגקייט אויף זיין בעל הבית, פונקט ווי דער גלויביגער מענש טראַגט איהר אריבער אויף גאָט? וואו־ זשע איז דאָ דער אונטערשייד צווישען דעם רעליגיעזען געפיהל פון דעם מענשען און דעם הונט? ניט אפילו אין דעם דענקען, נאָר אין דער מדרגה פון דענקען; אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, אין דער פעהיגקייט פעסטצושטעלען דאָס דענקען, עס צו פאַר־ שטעהן ווי אַן אבסטראַקטען געדאַנק און עס פאַראַלגעמיינען דורך אַ נאָמען, — וואָרים די מענשליכע שפּראַך האָט די אייגענטימ־ ליכקייט, וואָס זי איז ניט צוגעפּאַסט צו באַצייכענען די ווירקענדע געגענשטאַנדען, וואָס ווירקען דירעקט אויף אונזערע חושים, און קאָן בלויז אויסדריקען באַגריפען אָדער אבסטראַקטע גענעראַליזאַ־ ציעס. און אזוי ווי די שפּראַך און דער געדאַנק זיינען צוויי באַ־ זונדערע, נאָר ניט צעטיילבאַרע פאָרמען פון איין און דעמזעלביגען אקט פון מענשליכען דענקען, שטעלט זי פעסט דעם געגענשטאַנד פון טיערישער שרעק און פאַרגעטערונג, אָדער דעם ערשטען נאַ־ טירליכען מענשליכען קולט, מאַכט איהם פאַר אַן אַלגעמיינעם באַ־ גריף, פאַרוואַנדעלט איהם אין עפּעס אבסטראַקטעס און זוכט איהם צו באַצייכענען מיט עפּעס אַ נאָמען. דער געגענשטאַנד פון דער ווירקליכער פאַרגעטערונג פון דעם אָדער יענעם אינדיווידום בלייבט שטענדיג ד ע ר שטיין, ד ע ר, און ניט קיין אַנדער שטיק האָלץ; אָבער פון דעם מאָמענט, וואָס ער איז אָנגערופען געוואָרן מיט אַ וואָרט, ווערט ער שוין אַן אבסטראַקטער געגענשטאַנד אָדער באַגריף: ש ט י י ן בכלל, ש ט י ק ה אָ ל ץ. אויף אזא אופן, מיט דער ערשטער אויפוואַכונג פון דעם געדאַנק, וואָס ווערט אויס־ געדריקט אין דער שפּראַך, הויבט זיך אייגענטליך אָן די מענשלי־ כע וועלט, — די אבסטראַקטע וועלט.

אַ דאַנק אָט דער פעהיגקייט צו דענקען אבסטראַקט, זאָגען מיר, שאַפט זיך דער מענש, — געבאָרן פון דער נאַטור, געשאַפען פון דער נאַטור, אין דערזעלבער נאַטור און זאָגאַר אין איהרע באַ־ דינגונגען, אַ צווייטע עקזיסטענץ, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט זיין אידעאַל, און וואָס פאַרפאָלקאָמט זיך צוזאַמען מיט איהם.

אַלץ וואָס עס לעבט, זאָגען מיר ווייטער, כדי בעסער צו דער־ קלערן אונזער געדאַנק, שטרעבט זיך צו רעאַליזירן אין דער פולער

גאַנצקייט. דער מענש, וואָס איז אַ לעבעדיג און צוגלייך אויך אַ דענקענד וועזען, מוז פאַר זיין פאָלשטענדיגער רעאַליזירונג צו־ערשט זיך אַליין דערקענען. און אָט דאָס איז די אורזאַך פון זיין שטאַרקער צוריקגעבליבענקייט, וואָס מיר באַמערקען אין זיין אַנט־וויקלונג, און וואָס האָט געמאַכט, אַז כדי צו דערגרייכען דעם היינ־טיגען געזעלשאַפטליכען צושטאַנד פון די ציוויליזירטסטע לענ־דער, — אַ צושטאַנד, וואָס איז נאָך גאַנץ ווייט פון דעם אידעאַל, צו וועלכען מיר שטרעבען היינט, — האָט דער מענש געדאַרפט האָבען אַ צייט פון עטליכע הונדערטער דורות. . . . עס ווילט זיך זאָגען, אַז דער מענש, זוכענדיג זיך אַליין, בלאָנדזשענדיג דורך אַלע פיזיאָלאָגישע און היסטאָרישע ענדערונגען, האָט געמוזט דורכמאַכען אַלע מעגליכע נאַרישקייטען, אַלע מעגליכע אומגלי־קען, איידער ער איז געווען ביכולת צו פאַרווירקליכען אָט דאָס קליין ביסעל שכל און גערעכטיגקייט, וואָס הערשט איצט אין דער וועלט.

די לעצטע גרעניץ און דער העכסטער ציעל פון דער מענשלי־כער אַנטוויקלונג איז די פ ר י י ה י י ט. זשאַן זשאַק רוסאָ און זיינע תלמידים האָבען אַ טעות געהאַט, ווען זיי האָבען איהר גע־זוכט אין אָנהויב פון דער געשיכטע, ווען דעם מענשען האָט נאָך איננאַנצען געפעהלט דער זעלבסטבאַוואוסטזיין און ער איז פאָלג־ליך אומפעהיג געווען צו שליסען וועלכען עס איז קאָנטראַקט, פאָל־שטענדיג אונטערוואַרפענדיג זיך יענעם פאַטאַלען נאַטירליכען לע־בען, וועלכער פאַרשקלאַפט אַלע חיות און פון וועלכען דער מענש האָט, אין אַ געוויסען זין, זיך געקאָנט באַפרייען נאָר אַ דאַנק דעם כסדר׳דיגען באַנוצען זיך מיט׳ן פאַרשטאַנד. אַנטוויקלענדיג זיך, אמת, זעהר לאַנגזאַם אין פאַרלויף פון דער גאַנצער געשיכטע, האָט דער מענשליכער פאַרשטאַנד ביסלעכווייז דערקענט די געזעצען, וואָס געהערען צו אונזער אייגענער נאַטור; ער האָט זיי זיך, אַזוי צו זאָגען, אָנגעאייגענט, איבעראַרבייטענדיג זיי אין אַן אידעע — כמעט אַ ספּאָנטאַנע שאַפונג פון אונזער אייגענעם שכל — און דערבראַכט צו דעם, אַז נ י ט - א ו י פ ה ע ר נ ד י ג ז י ך צ ו א ו נ ט ע ר וו א ר פ ע ן ד י ד אַ ז י ג ע ג ע ז ע צ ע ן, א ו נ ט ע ר וו א ר פ ט ז י ך ה י י נ ט ד ע ר מ ע נ ש ב ל ו י ז ז י י נ ע א י י ג ע נ ע ג ע ד א נ ק ע ן. אין

אָנגעזיכט פון דער נאַטור איז דאָס פאַר'ן מענשען די איינציגע מעגליכע ווירדע און פרייהייט. קיין אַנדערע וועט קיינמאָל ניט זיין; ווארים די נאַטור געזעצען זיינען אומפאַרענדערליך, פאַטאַל; זיי שטעלען צונויף דעם יסוד פון יעדער עקזיסטענץ און פון אונזער אייגענעם וועזען, אַזוי אַז קיינער קאָן ניט רעוואָלטירן געגען זיי, ניט אַריינפאַלענדיג אין דעם זעלבען אויגענבליק אין אַן אומזין, ניט ברענגענדיג אויף זיך אַליין אַ זיכערן טויט. נאָר באַגרייפענדיג זיי און אַריינגעהמענדיג זיי אין זיין שכל, דערהויבט זיך דער מענש איבער דעם דירעקטען דרוק פון דער אויסערליכער וועלט, און ווערענדיג אַליין אויך אַ שעפער, פאַרפליכטענדיג זיך פון דעם מאָמענט אָן נאָר זיינע אייגענע אידעען, פאַרענדערט ער מעהר אָדער וועניגער די וועלט אין איינקלאַנג מיט די וואַקסענדע פאָדערונגען, און לעגט אויף איהר אַרויף דעם שטעמפעל פון זיין מענשליכקייט.

דאָס וואָס מיר רופען מ ע נ ש ל י כ ע וועלט, האָט ניט אויף אַזאַ אופן קיין אַנדער דירעקטען באַשעפער אויסער דעם מענשען, וועלכער באַשאַפט איהר, עראָבערנדיג ביסלעכווייז פון דער אויסערליכער וועלט און פון זיין אייגענער טיערישקייט זיין פרייהייט און זיין מענשליכע ווירדע. ער עראָבערט זיי דורך אַ כח, וואָס טרייבט איהם, וואָס איז אומאָפהענגיג פון איהם, וועלכען ער קאָן ניט בייקומען און וועלכער איז צוגלייך בנמצא ביי אַלע אַנדערע לעבעדיגע וועזענס. דער דאָזיגער כח — דאָס איז דער אַלוועלטליכער שטראָם פון לעבען, וועלכען מיר רופען אַלוועלטליכע קאַזואַליטעט, נאַטור, און וועלכער ערשיינט אין אַלע לעבעדיגע וועזענס, פלאַנצען אָדער חיות, אין דעם שטרעבען פון יעדען אינדיווידום צו פאַרווירקליכען פאַר זיך די באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם קיום פון זיין מין, ד. ה. צו באַפרידיגען זיינע נויטען. אָט די שטרעבונג, די וויכטיגסטע און הויפּט־ערשיינונג פון לעבען, איז דער יסוד פון דעם, וואָס מיר רופען אָן ו ו י ל ע ן. פאַטאַל און אומבאַזיעגבאַר ביי אַלע בעלי־חיים, ניט אויסשליסענדיג אפילו דעם גאָר ציוויליזירטען מענשען, אינסטינקטיוו, מען קאָן כמעט זאָגען מעכאַניש, אין די נידעריגערע אָרגאַניזמען, מעהר באַוואוסטזיניג אין די העכערע מנים, דערגרייכט דער ווילען דעם פולען זעלבסטבאַוואוסטזיין נאָר ביים מענשען, וועלכער

איז, אַ דאַנק זיין פאַרשטאַנד, — וואָס דערהויבט איהם איבער זיינע אינסטינקטיווע אימפּולסען און ערלויבט איהם צו פאַרגלייכען, קרי־טיקירן, און פאַרפיינערן זיינע אייגענע אימפּולסען, — דער איינ־ציגער צווישען אַלע בעלי־חיים אויף דער ערד, וואָס באַזיצט אַ באַוואוסטזיניגען, זעלבסטבאַשטימענדען — פ ר י י ע ן  ו ו י ל ע ן.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַט די פרייהייט פון מענש־ליכען ווילען, בנוגע צו דעם אַלוועלטליכען לעבענס־שטראָם, בנוגע צו אַט דער אַבסאָלוטער אורזאַכליכקייט (קאַוזאַליטעט), אין וועל־כער יעדער באַזונדערער ווילען איז אַ טייכעל, האָט ניט קיין אַנ־דער באַדייטונג, חוץ דאָס, וואָס זי גיט איהם זיין באַוואוסטזיניג־קייט אין געגענזאַץ צו דעם מעכאַנישען איינפלוס און אפילו דעם אינסטינקט. דער מענש כאַפּט־אויף און באַגרייפט די נאַטירלי־כע באַדערפעניסען, און אָפּשפּיגלענדיג זיך ביי איהם אין מאַרך, אַנטשטעהען זיי דאָרטען איבעראַנליים דורך דעם רעאַגירענדען פי־זיאָלאָגישען פּראָצעס, וועלכער איז נאָך וועניג באַוואוסט, אין דער פאָרם פון לאָגישע שלוסען פון זיינע אייגענע געדאַנקען. די דאָ־זיגע פעהיגקייט צו באַגרייפען, אין מיטען פון זיין אַבסאָלוטער און אומאויפהערליכער אָפּהענגיגקייט, גיט איהם דאָס געפיהל פון זעלבסטבאַשטימונג, פון באַוואוסטזיניגען, איינענוויליגען ווילען און פרייהייט. — ניט וועלענדיג באַגעהן זעלבסטמאָרד אינגאַנצען אָדער טיילווייז, קאָן זיך קיין מענש ניט באַפרייען פון זיינע נאַ־טירליכע נייגונגען; ער קאָן זיי אָבער רעגולירן און פאַרענדערן, באַמיהענדיג זיך וואָס מעהר צו ברענגען זיי אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס ער רופט אין די פאַרשיידענע צייטען פון זיין אינטע־לעקטועלער און מאָראַלער אַנטוויקלונג, דאָס גערעכטע און שעהנע.

די הויפּט־שטריכען פון דער פאַרפיינערטסטער מענשליכער עקזיסטענץ און פון דער רויהעסטער טיערישער עקזיסטענץ זיי־נען און וועלען שטענדיג אין עצם פאַרבלייבען איינע און דיזעלבע: געבאָרן ווערן, וואַקסען און אַנטוויקלען זיך, אַרבייטען, כדי צו עסען און טרינקען, כדי צו האָבען אַ דאַך איבער זיך און וואָפען, אויפהאַלטען זיין אינדיווידועלע עקזיסטענץ אין גלייכגעוויכט מיט דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון זיין מין; ליעבען, זיך רעפּראָ־דוצירן און דערנאָך שטאַרבען. . . . צו די דאָזיגע עלעמענטען קו־מען נאָך ביים מענשען צו נייע: דאָס דענקען און די דערקענט־

ניש, — די פעהיגקייט און די נויט, וועלכע זיינען שוין בנמצא, אמת, אין א קלענערער אבער דאך אין אן אנגעזעהענער מאס ביי די מינים בעלי־חיים, וואס זיינען לויט זייער ארגאניזאציע נעהנטער צו דעם מענשען, ווארים ווי עס ווייזט אויס, עקזיסטירט גאר ניט אין דער נאטור קיין אבסאלוטער אונטערשייד, און אלע אונטערשיידען ווערען דערפיהרט אין דעם לעצטען אנאליז נאר צו אן אונטערשייד אין קוואנטיטעט, — נאר וועלכע בלויז אין דעם מענשען דערגרייכען צו אזא באפעהלענדער און איבערוועגענדער קראפט, אז ביסלעכווייז ארבייטען זיי איבער דאס גאנצע לעבען. ווי עס האט ריכטיג באמערקט איינער פון די גרעסטע דענקער פון אונזער צייט, לודוויג פייערבאך, טוט דער מענש אלץ, וואס די חיות טוען, ניט מעהר ער טוט דאס אלץ מעהר און מעהר מ ע נ ש ־ ל י ך. אין דעם באשטעהט דער גאנצער אונטערשייד, דאס איז אבער גאר א גרויסער אונטערשייד.* ער שליסט אין זיך איין די גאנצע ציוויליזאציע מיט אלע וואונדער פון דער אינדוסטריע, וויסענשאפט און קונסט; מיט אלע רעליגיעזע, עסטעטישע, פילאזאפישע, פאליטישע, עקאנאמישע און סאציאלע אנטוויקלונגען פון דער מענשהייט, — מיט איין ווארט, די גאנצע אלוועלט־

*) עס איז קיינמאל ניט איבעריג דאס צו ווידערהאלען פאר די פיעלע אנהענגער פון דעם מאדערנעם נאטוראליזם אדער מאטעריאליזם, וועלכע האבען זיך איינגעבילדעט, אז וויבאלד דער מענש האט אין אונזער צייט אנטדעקט זיין פאלשטענדיגע און דורכאויס נאהענטע פארוואנדשאפט מיט אלע איבעריגע מינים חיות און זיין אונמיטעלבארע און דירעקטע אנטשטעהונג פון דער ערד; וויבאלד ער האט זיך אפגעזאגט פון די אומזיניגע און פוסטע פרעטענזיעס פון ספיריטואליזם, וועלכער האט, אונטער דעם אויסרייד אז ער שענקט איהם אבסאלוטע פרייהייט, איהם גאר פאר׳משפט צו אייביגער שקלאפעריי, — גיט זיי דאס א רעכט צו פארלירען יעדע אכטונג פאר דעם מענשען. די דאזיגע מענשען קאן מען פארגלייכען מיט די לאקייען, וועלכע, אויסגעפינענדיג די פלעבעאישע אפשטאמונג פון א מענשען, וועלכער האט זיי געצוואונגען איהם צו אכטען צוליעב זיינע פערזענליכע אייגענשאפטען, האלטען פאר רעכט צו באציהען זיך צו איהם ווי צו א גלייכען, צוליעב דער איינפאכער אורזאך, וואס זיי פארשטעהען ניט קיין אנדער עדעלקייט אחוץ די, וואס עס ברענגט מיט זיך אין זייערע אויגען די אריסטאקראטישע געבורט. אנדערע זיינען אזוי גליקליך, אנטדעקענדיג די פארוואנדשאפט פון דעם מענשען מיט דער גארילא, אז זיי וואלטען איהם תמיד געוואלט האלטען אין א טיערישען צושטאנד און אנטזאגען זיך צו באגרייפען, אז די גאנצע היסטארישע אויפגאבע, די גאנצע ווירדע און פרייהייט פון דעם מענשען באשטעהט אין דעם, אז ער זאל זיך דערווייטערן פון דעם דאזיגען צושטאנד.

ליכע געשיכטע. דער מענש באַשאַפט די דאָזיגע היסטאָרישע וועלט מיט דער הילף פון דער אַקטיווער קראַפט, וועלכע איהר וועט געפינען ביי אַלע לעבעדיגע וועזענס, וואָס איז דער יסוד פון דעם אָרגאַנישען לעבען און שטרעבט צו אַסימילירן זיך און איבעראַרבייטען די אויסערליכע וועלט לויט די באַדערפעגישען פון יעדען איינעם. די דאָזיגע קראַפט איז, פאַרשטעהט זיך, אינסטינקטיוו און פאַטאַל, ווייל זי איז עלטער פון יעדען געדאַנק, אָבער ווערענדיג אויפגעקלערט פון מענשליכען שכל און באַשטימט פון באַוואוסטזיניגען ווילען, ווערט זי פאַרוואַנדעלט אין דעם מענשען און פאַר דעם מענשען אין *באַוואוסטזיניגער און פרייער אַרבייט*.

נאָר אַ דאַנק דעם שכל, דערגרייכט דער מענש צו דער דערקענטניס פון זיין פרייהייט אין דער נאַטירליכער סביבה, וואָס האָט איהם געבוירן; אָבער נאָר מיט דער הילף פון *אַרבייט* פאַרווירקליכט ער די דאָזיגע פרייהייט. מיר האָבען געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז די טעטיגקייט, וואָס שטעלט צונויף אַרבייט, ד. ה. *די לאַנגזאַמע אַרבייט פון טראַנספאָרמירן די אויבערפלאַך פון אונזער פלאַנעט דורך דעם פיזישען כח פון יעדען לעבעדיגען וועזען איין איינקלאַנג מיט יעטוועדענס באַדערפעגישען*, — באַגעגענט מען מעהר אָדער ווייניגער אַנטוויקעלט, אויף אַלע מדרגות פון אָרגאַנישען לעבען. זי הויבט אָבער אָן צו זיין *אויסשליסליך מענשליכע אַרבייט* נאָר דאַן, ווען געפיהרט פון מענשליכען שכל און באַוואוסטזיניגען ווילען הערט זי אויף צו דיענען בלויז די אומבאַוועגליכע און פאַטאַל־באַגרעניצטע באַדערפענישען אויסשליסליך פון די בעלי־חיים, נאָר זי הויבט אויך אָן צו דיענען די באַדערפענישען פון *דעם דענקענדען וועזען, וואָס ערוואַרבט זיין מענשליכקייט, באַפעסטיגענדיג און פאַרווירקליכענדיג אין דער וועלט זיין פרייהייט*.

די פאַרווירקליכונג פון דער דאָזיגער אומבאַגרעניצטער, אומענדליכער אויפגאַבע, איז ניט נאָר די זאַך פון דער אינטעלעקטו־

עלער און מאָראַלער אַנטוויקלונג, נאָר אויך די זאַך פון מאַטעריע־לער באַפרייאונג. דער מענש ווערט אַ מענש אין דער ווירקליכ־קייט, ער ערוואָרבט די מעגליכקייט פון זיין אַנטוויקלונג און אי־נערליכער פאַרפאָלקאָמענונג נאָר בתנאי, ווען ער צעררייסט מעהר אָדער ווייניגער די שקלאַפען־קייטען, וואָס די נאַטור וואַרפט אַרויף אויף איהרע קינדער. די דאָזיגע קייטען — הונגער, אַלערליי נויטען, פיזישע וועהטאָגען, די ווירקונג פון קלימאַטען, צייטען פון יאָהר און בכלל די טויזענדער באַדינגונגען פון טיערישען לעבען, וואָס האַלטען די מענשליכע עקזיסטענץ אין אַ כמעט אַבסאָלוטער אָפּהענגיגקייט פון דער אַרומרינגלענדער סביבה; די דאָזיגע קייטען — זיינען עס די שטענדיגע געפאַהרען, וועלכע אין דער פאָרם פון נאַטירליכע ערשיינונגען שרעקען און דריקען פון אַלע זייטען דעם מענשען. דאָס איז די אומאויפהערליכע מורא, וואָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער טיערישער עקזיסטענץ און וואָס דריקט אַזוי שטאַרק אויף דעם נאַטירליכען, ווילדען אינדיווידום, אַז ער געפינט אין זיך גאָרנישט, וואָס ער זאָל קאָנען אַנטקעגענשטעלען דער דאָזיגער מורא, מיט וואָס ער זאָל קאָנען קעמפען געגען איהר... מיט איין וואָרט, איהר האָט דאָ אַלע עלעמענטען פון דער פאָל־שטענדיגסטער שקלאַפעריי. דער ערשטער שריט, וואָס דער מענש מאַכט אויף דעם וועג צו דער באַפרייאונג פון דער דאָזיגער שקלאַפעריי באַשטעהט, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אין דעם אַב־סטראַקטען אַקט פון דעם שכל, וועלכער דערהויבט אינערליך דעם מענשען איבער די אַרומיגע געגענשטאַנדען, ערלויבט איהם אויס־צופאָרשען זייערע געגענזייטיגע באַציהונגען און געזעצען. אָבער דער צווייטער שריט איז שוין אומבאַדינגט אַ מאַטעריעלער אַקט, וואָס איז באַשטימט פונ׳ם ווילען און ווערט געפיהרט פון דעם מעהר אָדער ווייניגער טיעפערן קענען די אויסערליכע וועלט: דאָס איז די אָנווענדונג פון דער מוסקול־קראַפט פון דעם מענשען, כדי איבערצושאַפען די וועלט אין איינקלאַנג מיט זיינע פּראָגרעסי־רענדע באַדערפעניששען. דער דאָזיגער קאַמף פון דעם מענשען, פון דעם באַוואוסטזיניגען האָרעפּאַשניק געגען דער מוטער־נאַטור איז ניט קיין אויפשטאַנד געגען איהר אָדער איהרע געזעצען. דער מענש באַנוצט זיך מיט זיין ערוואָרבענע וויסען פון די געזעצען נאָר מיט דעם צוועק זיך צו באַפעסטיגען און פאַרזיכערן פון ברוי־

טאַלע אַנפאַלען און פּלוצלינגע קאַטאַסטראָפען, און אויך פון די פּעריאָדישע, רעגעלמעסיגע ערשיינונגען פון דער פיזישער וועלט. בלויז דער אויפמערקזאַמסטער אויספאָרשען און דערגעהן די געזעצען פון דער נאַטור מאַכט איהם פעהיג, אַז ער זאָל זי אויך באַזיעגען, און צווינגען צו דיענען זיינע צוועקען, און ער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו פאַרענדערן די אויבערפלאַך פון דער ערד אין אַן אַלץ מעהר און מעהר גינסטיגערער סביבה פאַר דער מענשליכער אנטוויקלונג.

ווי איהר זעהט, איז די פעהיגקייט צו דענקען אבסטראַקט, — דער מקור פון אַלע אונזערע קענטעגישען און אידעען, אויך די איינציגע אורזאַך פון יעדער מענשליכער באַפרייאונג. אָבער דאָס ערשטע ערוואַכען פון דער פעהיגקייט, וואָס איז קיין אַנדער זאַך ניט ווי דער שכל, שאַפט ניט באַלד די פרייהייט. ווען זי הויבט אָן ווירקען אין מענשען, לאַנגזאַם באַפרייענדיג זיך פון די וויקעלאַך פון טיערישען אינסטינקט, ציינט זי זיך תחילת ארויס ניט אין דער פאָרם פון לאָגישען דענקען, וואָס האָט דעם באַוואוסטזיין און די דערקענטניש פון זיין אייגענער טעטיגקייט, נאָר אין דער פאָרם פון ד ע נ ק ע ן ד אָ ס פ אַ נ ט אַ ס ט י ש ע אָדער אומפאַרשטענדליכע. אַלס אַזעלכע באַפרייט זי דעם מענשען פון דער נאַטירליכער שקלאַפעריי, וואָס ליגט אויף איהם ווי אַ לאַסט פון דער וויגעלע אָן, פאַר דעם איינציגען פּרייז וואָס זי וואַרפט איהם באַלד אריין אין אַ נייער שקלאַפעריי, וועלכע איז נאָך טויזענדער מאָל אכזריות'דיגער און שרעקליכער — אין דער שקלאַפעריי פון רעליגיע.

עס איז דאָס פאַנטאַסטישע דענקען פון דעם מענשען וואָס פאַרוואַנדעלט דעם נאַטירליכען קולט, וועמעס עלעמענטען און שפּורן מיר געפינען ביי אַלע חיות, אין אַ מענשליכען קולט, אין זיין עלעמענטאַרער פאָרם — אין דער פאָרם פון פעטעשיזם. מיר האָבען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די חיות, וועלכע פאַרגעטערן אינסטינקטיוו די גרויסע ערשיינונגען פון דער נאַטור, וואָס האָבען ווירקליך אַ דירעקטע און מעכטיגע ווירקונג אויף זייער עקזיסטענץ; מיר האָבען אָבער קיינמאָל ניט געהערט פון חיות, וועלכע זאָלען פאַרגעטערן אַן אומשולדיג שטיקעל האָלץ, אַ קנויל שמאַטעס, אַ ביין אָדער אַ שטיין. צו דערזעלביגער צייט געפינען מיר

אָבער אַזאַ קולט אין דער אורשפּרינגליכער רעליגיע פון די ווילדע און אפילו אין קאטאָליציזם. ווי זשע דערקלערט מען זיך די דאָזינע זאָנדערבארע אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג פון דעם שטאַנדפּונקט פון געזונטען פארשטאַנד און פון דעם ריכטיגען באַגריף וועגען זאַכען, ווען מיר זעהען אז דער מענש שטעהט נאָך נידעריגער פון די נאָר באַגרעניצטע חיות?

דער דאָזיגער אומזין איז אַ פּראָדוקט פון דעם פאַנטאַסטישען דענקען פון ווילדען מענשען. ניט נאָר פיהלט ער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע חיות, די אַלמעכטיגקייט פון דער נאַטור, ער מאַכט זי נאָך פאַר דעם געגענשטאַנד פון זיין אומאויפהערליכען דענקען, ער פארפעסטיגט איהר און פאַראַלגעמיינט איהר אונטער אַ וועלכען עס איז נאָמען, ער מאַכט איהר אַלס דעם מיטעלפּונקט, ארום וועלכען עס גרופּירן זיך אַלע זיינע קינדערשע פאַנטאַזיעס. ניט זייענדיג ביכולת ארומצונעהמען מיט זיין אָרימען געדאַנק דעם אוניווערזום, אפילו ניט דעם ערדקוגעל, און אפילו ניט דעם באַגרענצטען שטח, אין וועלכען ער איז געבאָרן געוואָרן און ער לעבט, זוכט ער אומעטום דעם פּלאַץ, וואו עס האַלט זיך אויף די דאָזיגע אַלמעכטיגקייט, וועמעס עקזיסטענץ ער האָט שוין פארשטאַנען און פארפעסטיגט, און וועלכע באַלעסטיגט איהם אַזוי. און דורך דער שפּיעל און באַאָבאַכטונג פון זיין רויהער פאַנטאַזיע, וועלכע וואָלט בעצם געווען שווער פאַר אונז היינט צו באַגרייפען, טראָגט ער די דאָזיגע אַלמעכטיגקייט אריבער אויף אַ שטיק שטיין, אַ בינטעל שמאַטעס, אויף אָט דעם שטיין. . . . דאָס איז דער ריינער פעטישיזם, די רעליגיעזסטע, ד. ה. אומזיניגסטע פון אַלע רעליגיעס.

גלייך נאָכ'ן פעטישיזם און אָפט מיט איהם אין דערזעלבער צייט קומט דער מ כ ש פ י ם ־ ק ו ל ט. דער דאָזיגער קולט, אויב ער איז ניט פיעל שכל'דיגער, איז ער אָבער יעדענפאַלס אַ מעהר נאַטירליכער און פארוואונדערט אונז ווייניגער ווי דער ריינער פעטישיזם, מחמת מיר זיינען צו איהם צוגעוועהנט. אפילו היינט זיינען מיר דאָך נאָך ארומגערינגעלט מיט מכשפים, ווי די ספּירטואַליסטען, פאַרמיטלערס (מידיומס), וואָהרזאָגערס און מאַגנעטיזירער, און אפילו די גייסטליכע פון דער רוימיש־קאַטלישער, ווי פון דער מזרח־גריכישער קירכע, וועלכע פארזיכערן, אַז זיי האָבען דעם כח צו צווינגען גאָט, מיט דער הילף פון געוויסע

נעהיימניספולע פאָרמולעס, אריינצונעהן אין וואסער אָדער זיך פארקערפערן אין ברויט און וויין.

זיינען דען ניט אַט די אַלע פ א ר ש ק ל א פ ע ר פון דער גאָטהייט, וואָס איז אונטערוואָרפען זייערע באשווערונגען, אמת'ע מכשפים? אמת, זייער גאָטהייט, — א פּראָדוקט פון מעהר ווי א צעהן־טויזענדיאָהריגער אנטוויקלונג, — איז א סך מעהר קאָמפּליצירט, ווי די גאָטהייט פון די אורשפּרינגליכע מכשפים, וועמעס איינציגער אינהאַלט איז די שוין פארפעסטיגטע אָבער נאָך אומבאשטימטע פאָרשטעלונג פון דער אַלמעכטיגקייט, אָהן וועלכען עס איז אנדערן אינטעלעקטועלען אָדער מאָראַלען אטריבוט. דער אונטערשייד פון גוטס און שלעכטס, פון רעכט און אומרעכט איז דאָן נאָך אומבאקאַנט. מען וויים ניט, וואָס אזוינס די גאָטהייט האָט ליעב און וואָס זי האָט פיינט, וואָס זי פארלאַנגט און וואָס זי פארלאַנגט ניט; זי איז ניט גוט און ניט שלעכט, — זי איז אַלמעכטיג און ווייטער גאָרנישט. יעדענפאַלס הויבט שוין דער געטליכער כאראַקטער אָן זיך אָפּצוצייכענען; די גאָטהייט איז עגאָאיסטיש און באַריהמעריש, זי האָט ליעב די חניפה, דעם בוקען זיך, די ערנידעריגונג און די אויסשלאַכטונג פון מענשען, זייער פאַרגעטערונג און אויפאָפּפערונג, — און זי פארפאָלגט און באשטראָפט אכזריות'דיג די יעניגע, וועלכע ווילען זיך ניט אונטערוואַרפען צו איהר: די מורדים, די שטאָלצע, די גאָטלאָזע. ווי באוואוסט, איז דאָס דער הויפּט־שטריך פון געטליכען כאראַקטער ביי אַלע אַמאָליגע און היינטיגע געטער, וואָס זיינען באשאַפען געוואָרן פון דעם מענשליכען אומפארשטאַנד. האָט דען ווען אין דער וועלט עקזיסטירט אַזאַ ראַכעזיכטיג, עהרגייציג, עגאָאיסטיש און בלוטיג וועזען ווי דער אידישער יהוה אָדער דער גאָטפאָטער פון די קריסטען?

אין דעם אורשפּרינגליכען כשוף־קולט איז די גאָטהייט אָדער די אומבאשטימטע אַלמעכטיגקייט תחילת געוועזען ענג פארבונדען מיט דער פּערזענליכקייט פון דעם מכשף; ער איז אַליין א גאָט, פּונקט ווי דער פעטיש. מיט דער צייט אָבער ווערט די ראָלע פון דעם איבערנאַטירליכען מענשען, פון דעם מענש־גאָט, פאר דעם געוועהנליכען מענשען אוממעגליך, באזונדערס פאר דעם ווילדען, וועלכער האָט ניט קיין מיטלען זיך אויסצובאהאַלטען פון דער ניט־

באשיידענער נייגעריגקייט פון די גלויבענדע, פאר וועמעס באַ־
אָבאכטונגען ער בלייבט תמיד אָפען. דער געזונטער פארשטאנד
און דער פראקטישער שכל, וואָס אנטוויקלען זיך אלץ מעהר ביי
דעם ווילדען פאָלק צוזאמען מיט זיין רעליגיעזער פאנטאזיע, באַ־
ווייזען איהם סוף־כל־סוף די אוממעגליכקייט, אז א מענש, וואָס
איז אונטערוואָרפען אלע מענשליכע שוואכקייטען און אהנמעכ־
טיגקייטען, זאָל זיין א גאָט. דער מכשף פארבלייבט פאר'ן פאָלק
אַן איבערנאטירליך וועזען, אָבער נאָר אין געוויסע מינוטען, ווען
ער איז דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט. אָבער מיט וועלכען גייסט?
מיט דעם גייסט פון אלמעכטיגקייט, מיט גאָט. . . . הייסט
עס, אלזאָ, אין א געוועהנליכער צייט געפינט זיך די גאָטהייט
אויסער דעם מכשף. איז וואו זוכט מען איהר? — דער פעטיש,
גאָט — איז שוין א זאך וואָס באפרידיגט ניט; דער מכשף, דער
מענש־גאָט — אויך ניט. — אָט די אלע איבערגאנגען האָבען גע־
קאָנט אנהאלטען אין דער אוראלטער צייט עטליכע יאָהרהונדער־
טער. — דער ווילדער, וואָס האָט זיך שוין אָבער שטארק א רוק
געטאָן פאָראויס, וועלכער האָט זיך שוין אנטוויקעלט און איז באַ־
רייכערט געוואָרן מיט דער ערפאהרונג און טראדיציעס פון פיע־
לע יאָהרהונדערטער, זוכט שוין איצט א גאָטהייט ווייט פון זיך,
אָבער נאָך אלץ צווישען די רעאַל עקזיסטירענדע געגענשטאנ־
דען: אין דער זון, אין דער לבנה, אין די שטערען. — דער רע־
ליגיעזער געדאנק הויבט שוין אָן ארומנעהמען דעם אוניווערזום.
ווי מיר האָבען געזאָגט, האָט דער מענש געקאָנט קומען דער־
צו בלויז נאָך א לאנגער רייהע פון דורות. זיין פעהיגקייט צו
דענקען אבסטראקט, זיין שכל, האָבען זיך אנטוויקעלט, פאר־
שטארקט און פארשארפט אין דער פראקטישער דערקענונג פון
די געגענשטאנדען, וואָס רינגלען איהם ארום, און אין דער אויס־
פאָרשונג פון זייערע באציהונגען און געגענזייטיגע באווירקונגען.
די פעריאָדישע רעגעלמעסיגקייט פון געוויסע נאטור־ערשיינונגען
האָבען איהם געגעבען דעם ערשטען באגריף וועגען אייניגע נאַ־
טור־געזעצען. דער מענש הויבט זיך אָן צו אינטערעסירען מיט
דער איינהייט פון ערשיינונגען און זייערע אורזאכען; ער זוכט
זייער דערקלערונג. אין דערזעלבער צייט הויבט ער אָן צו האָבען
א באגריף וועגען זיך גופא, און א דאנק דערזעלבער פעהיגקייט צו

דענקען אבסטראקט, וואס מאכט איהם מעגליך זיך אויפצוהעבען, אינ'ם געדאנק, איבער זיך גופא און מאכען זיך אליין אלס געגענשטאנד פאר באאבאכטונג, הויבט ער אן אפטיילען זיין מאטעריעלען און לעבענס־אינהאלט פון זיין דענקענדען גייסט, זיין אויסערליכקייט פון זיין אינערליכען וועזען, זיין גוף פון זיין נשמה. — קוים אבער האט ער דעם דאזיגען אונטערשייד אנטדעקט און איהם פארפעסטיגט ביי זיך אין געדאנק, מוז ער איהם נאטירליך אריבערטראגען אויף זיין גאט און ער הויבט אן זוכען די אומזעהבארע נשמה פון דער זעהבארער וועלט. — אויף אט דעם אופן האט דאס געמוזט געבארן ווערן דער רעליגיעזער פאנטעאיזם פון די אינדיער.

אויף דעם דאזיגען פונקט מוזען מיר זיך אבשטעלען, ווארים דא איז עס, וואו עס הויבט זיך אייגענטליך אן די רעליגיע אין פילען זין פוןווארט, און צוזאמען מיט איהר די ריכטיגע טעאלאגיע און מעטאפיזיק. ביז אהער, באהערשט פון דער אומאויפהערליכער פארשטעלונג פון דער אלמעכטיגקייט, איז זיך די רעליגיעזע פאנטאזיע פון דעם מענשען נעגאנגען אויף איהר נאטירליכען דרך, זוכענדיג די אורזאך און דעם מקור פון דער דאזיגער אלמעכטיגקייט אויף דעם וועג פון עקספערימענטאלער אויספארשונג, צוערשט אין די גאר נאהענטע געגענשטאנדען, אין די פעטישען, שפעטער אין די מכשפים, נאך שפעטער אין די שטערען, אבער שטענדיג צושרייבענדיג די אלמעכטיגקייט צו וועלכען עס איז רעאלען, זיכטבארן, כאטש ווייטען געגענשטאנד. איצט שטעלט זי זיך שוין פאר די עקזיסטענץ פון א גייסטיגען, איבער־וועלטליכען, אומזיכטבארן גאט. פון דער אנדער זייט, ביז אהער זיינען די געטער געווען באשרענקטע, באשטימטע וועזענס, צווישען א סך אנדערע ניט־געטליכע וועזענס, ניט באגאבט מיט אלמעכטיגקייט, וועלכע עקזיסטירן אבער דאך אין דער ווירקליכקייט. איצט, צום ערשטען מאל, שטעלט זי זיך פאר אן אלוועלטליכע גאטהייט: א וועזען איבער אלע וועזענס, דער עצם און דער בורא פון אלע באשרענקטע און אפגעזונדערטע וועזענס, — די אלוועלטליכע נשמה פונ'ם אוניווערזום, דער גרויסער אלץ. און אט אזוי קומען מיר צו דעם אנפאנג פון דעם אמת'ן גאט און צוזאמען מיט איהם פון דער אמת'ער רעליגיע.

מיר מוזען איצט אויספארשען דעם וועג, אויף וועלכען דער

מענש האט דערגרייכט צו דעם דאזיגען רעזולטאט, כדי צו דער־
געהן דורך איהר אייגענער היסטארישער אנטשטעהונג, דעם ריכ־
טיגען כאראקטער פון דער גאטהייט.

די גאנצע פראגע באשטעהט אין פאלגענדען: אויף וואס פאר
אן אופן איז ביים מענשען אנטשטאנען די פארשטעלונג וועגען
דער וועלט און די אידעע פון איהר איינהייט? לאמיר אנהויבען
מיט דער פעסטשטעלונג, אז א פארשטעלונג וועגען דעם אוניווער־
זום איז פאר דער חיה אן אוממעגליכע זאך, ווייל אזא פארשטעט־
לונג איז דאך ניט קיין געגענשטאנד, וואס קאן דירעקט באגריפען
ווערן מיט די חושים, ווי אלע אנדערע רעאלע געגענשטאנדען, גרוי־
סע אדער קליינע, ווייטע אדער נאהענטע, — עס איז אן אבסטראק־
טע זאך און פאלגליך קאן עס נאר עקזיסטירן פאר אן אבסטראק־
טער פעהיגקייט, — ד. ה. איינציג און אליין פאר'ן מענשען. טא
לאמיר באטראכטען ווי אזוי עס פארמירט זיך די דאזיגע פארשטעט־
לונג ביים מענשען. דער מענש זעהט זיך ארומגערינגעלט מיט
אויסערליכע געגענשטאנדען; ער אליין, אויף וויפיעל ער איז א
לעבעדיגער קערפער, איז אויך פונקט אזא געגענשטאנד פאר זיין
אייגענעם שכל. אט די אלע געגענשטאנדען, מיט וועלכע ער בא־
קענט זיך ביסלעכוויז און לאנגזאם, געפינען זיך אין רעגעלמעסי־
גע געגענזייטיגע באציהונגען, וועלכע ער פארשטעהט אויך מעהר
אדער ווייניגער; און פונדעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף אט די
באציהונגען, וואס דערנעהנטערן זיי, נאר פאראייניגען זיי ניט,
גיסען זיי ניט צונויף אין איינס, בלייבען די געגענשטאנדען איינער
אויסער דעם אנדערן.

די אויסערליכע וועלט ערשיינט אלזא פאר דעם מענשען בלויז
אלס אן אומענדליכע פארשיידענארטיגקייט פון געגענשטאנדען,
טעטיגקייטען און באזונדערע באציהונגען, אהן דער קלענסטער מערק־
זאמער איינהייט, — דאס איז אן אונבאשטימטע פאראייניגונג
אבער ניט קיין איינהייט. טא פון וואנען קומט די איינהייט? זי ליגט
אין מענשליכען שכל. די מענשליכע דענק־פעהיגקייט איז בא־
גאבט מיט דער מעגליכקייט צו דענקען אבסטראקט, וואס מאכט
מעגליך פאר איהם, נאכדעם ווי ער איז לאנגזאם ארומגעגאנגען און
האט באזונדער אויסגעפארשט איינס נאכ'ן אנדערן פיעלע געגענ־
שטאנדען, זיי ארומצונעהמען אין איין רגע אין איין פארשטעלונג

און זיי פאראייניגען אין איין און דעמזעלבען געדאנק. — עס איז אלזא בלויז דער מענשליכער שכל, וואס באשאפט די איינהייט און טראגט איהר אריבער אין דער פארשיידענארטיגקייט פון דער אויסערליכער וועלט.

עס פאלגט דערפון, אז די איינהייט איז ניט קיין קאנקרעטע און רעאלע זאך, נאר אן אבסטראקטע, וואס ווערט אויסשליסליך געשאפען דורך דער אבסטראקציאנס-פעהיגקייט פון מענשען. מיר זאגען אבסטראקציאנס-פעהיגקייט, וויל אום צו קאנען פאראייניגען אזויפיעל פארשיידענארטיגע געגענשטאנדען אין איין פארשטעלונג, מוז זיך אונזער געדאנק אפקעהרען פון אלע, וואס שאפט דעם אונטערשייד צווישען די געגענשטאנדען, ד. ה. זייער אבגעזונדערטער, רעאלער עקזיסטענץ און אויפנעהמען נאר דאס, וואס איז ביי זיי אלגעמיין; פון וואס עס פאלגט, אז וואס מעהרער געגענשטאנדען די איינהייט אין אונזער פארשטעלונג נעהמט ארום, וואס מעהר זי דערהויבט זיך, וואס מעהר עס צעטיילט זיך דאס אלגעמיינע, וואס געפינט זיך אין זיי און וואס שטעלט צונויף איהר פאזיטיווע דעפינירונג, איהר אינהאלט, — אלץ אבסטראקטער און אלץ ווענינער רעאל ווערט זי. דאס לעבען מיט אלע זיינע פארבייגעהענדע איינפאלען און שעהנקייטען געפינט זיך אונטען, אין דער פיעלפאכער פארשיידענארטיגקייט, — דער טויט מיט זיין אייביגער, אומפארגלייכליכער איינטאניגקייט געפינט זיך אויבען, אין דער איינהייטליכקייט. — הויבט זיך אויף מיט דעם כח פון דער פעהיגקייט צו דענקען אבסטראקט אלץ העכער און העכער, געהט אריבער די גרעניצען פון דער ערדישער וועלט, נעהמט ארום אין איין געדאנק די זונען-וועלט, שטעלט זיך פאר אט די אלערהעכסטע איינהייט; וואס וועט אייך נאך איבערבלייבען איהר גאנץ צו מאכען? — פאר דעם ווילדען וואלט גאנץ שווער געווען צו געפינען אן ענטפער אויף דער פראגע! נאר מיר וועלען פאר איהם ענטפערן: עס וועט בלייבען די מאטעריע צוזאמען מיט דעם, וואס מיר רופען אבסטראקטע קראפט, די מאטעריע מיט איהרע פארשיידענע ערשיינונגען, ווי ליכט, ווארימקייט, עלעקטריע און מאגנעטיזם, וועלכע זיינען, ווי עס איז שוין איצט באוויזען, די פארשיידענע ערשיינונגען פון איין און דערזעלבער זאך. — נאר אויב מיט דער קראפט פון דערזעלבער פעהיג-

קייט פון דעם אבסטראַקטען דענקען, וועלכער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום גרעניץ, וועט איהר זיך אויפהויבען נאָך העכער פון אונזער זונען־סיסטעם און איהר וועט פאַראייניגען אין אייער גע־דאַנק ניט נאָר די מיליאָנען זונען, וואָס מיר זעהען אויפ'ן הימעל־געוועלב ווי לייכטענדע פינטעלאַך, נאָר אויך די אומענדליכקייט פון די אַנדערע זונען־סיסטעמען, וועלכע מיר זעהען ניט און מיר וועלען קיינמאָל ניט זעהן, וועמעס עקזיסטענץ מיר שטעלען זיך פאָר, ווייל אונזער געדאַנק, צוליעב דערזעלבער אורזאַך, וואָס ער ווייס ניט פון קיין גרעניצען פאַר זיין פעהיגקייט צו דענקען אבסטראַקט, אנטזאָגט זיך צו גלויבען, אַז דער אוניווערזום, דאָס הייסט די פאַר־איינינונג פון אַלע עקזיסטירענדע וועלטען זאָל האָבען אַ גרעניץ אָדער אַן ענד, — מאַכענדיג דערנאָך מיט דעמזעלבען געדאַנק אַן אבסטראַקציע פון די באַזונדערע עקזיסטענצען פון יעדער עקזיסטי־רענדער וועלט, אויב איהר וועט פּרובירן זיך פאָרשטעלען די איינ־הייט פון אָט דער אומענדלכער וועלט — וואָס וועט אייך איבער־בלייבען איהר צו באַשטימען און דערגענצען? איין וואָרט, איין אבסטראַקציע: אַן אומבאַשטימט וועזען, ד. ה. אַן אומבאַוועגליכ־קייט, אַ פוסטקייט, אַן אבסאָלוטער גאָרנישט — גאָט.

אַלזאָ גאָט, — אָט די אבסאָלוטע אבסטראַקציע, אָט דער אייגענטליכער פּראָדוקט פון דעם מענשליכען שכל, וועלכער, אין דער פעהיגקייט פון אבסטראַקטען דענקען איז אַריבערגעשטי־גען אַלע באַוואוסטע וועזענס, אַלע עקזיסטירענדע וועלטען, און באַפרייענדיג זיך מיט דעם גופא פון יעדען רעאַלען אינהאַלט און ווערענדיג ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַן אבסאָלוטע וועלט, האָט זיך אַליין ניט דערקענט אין אָט דער מאַיעסטעטישער נאַקעטקייט און האָט אוועקגעשטעלט זיך נעגען זיך אַליין — אַלס א י י נ צ י ג ע ן און א ל ע ר ה ע כ ס ט ע ן ו ו ע ז ע ן.

מען קאָן אונז פאָרוואַרפען, אַז מיר האָבען אַליין פריהער פעסט־געשטעלט די רעאַלע איינהייט פון אוניוועוזום און איהר באַצייכענט אַלס די איינציגע אַלמעכטיגקייט, וואָס באַהערשט אַלע געגענשטאַנ־

אַלס די איינציגע אַלמעכטיגקייט, וואָס באַהערשט אַלע געגענשטענ־
דען און וועלכע עס שפּירן מעהר אָדער ווייניגער אַלע לעבעדיגע וועזענס, און איצט קומט אויס, ווי מיר וואָלטען דאָס אָפּגעלייקענט. אָבער ניין, מיר לייקענען דאָס פריהערדיגע ניט אָפּ, מיר צייגען

נאָר, אַז צווישען דער רעאַלער אַלוועלטליכער איינהייט און דער אידעאַלער איינהייט, צו וועלכער עס דערגעהט דורך אבסטראַק־ציעס די רעליגיעזע און פילאָזאָפישע מעטאַפיזיק, איז קיין גע־מיינשאַפטליכעס ניטאָ. די ערשטע האָבען מיר באַצייכענט אַלס אומבאַשטימטע פאַראייניגונג פון געגענשטענדען, אָדער בעסער, אַלס סומע פון די אומאויפהערליכע פאַרענדערונגען פון אַלע רע־אַלע וועזענס, ווי אויך פון זייערע שטענדיגע ווירקונגען און גע־גענווירקונגען, וועלכע קאָמבינירענדיג זיך אין איין באַוועגונג, ביל־דען, ווי מיר האָבען געזאָגט, די אַזויגערופענע אַלוועלטליכע צו־זאַמענהענגליכקייט אָדער אורזאַכליכקייט. מיר האָבען צוגעגע־בען, אַז מיר פאַרשטעהען אָט די אורזאַכליכקייט ניט אַלס די ערש־טע און אַבסאָלוטע אורזאַך, נאָר אין געגענטייל, אַלס א ו ן א נ ט ־ ש ט א נ ע נ ע, וועלכע האַלט שטענדיג אין איין אַנטשטעהן דורך דער איינציייטיגער ווירקונג פון אַלע באַזונדערע אורזאַכען — א ווירקונג, וואָס שטעלט אייגענטליך צונויף ד י א ל ו ו ע ל ט ־ ל י כ ע א ו ר ז א כ ל י כ ק י י ט — וועלכע האַלט אייביג אין שאַפען און געשאַפען ווערן. אָט אַזוי באַצייכענענדיג איהר, האָ־בען מיר, אָהן וויטערדיגער מורא פאַר מיספאַרשטענדנישען באַ־שלאָסען צו זאָגען, אַז אָט די אַלטוועלטליכע אורזאַכליכקייט באַ־שאַפט די וועלטען. און כאָטש מיר האָבען צוגעגעבען, שטאַרק באַשטעהענדיג דאַרויף, אַז זי טוט דאָס אָהן וועלכען עס איז פון פריהער אויסגערעכענטען געדאַנק אָדער ווילען, אָהן וועלכען עס איז פּלאַן, אָהן וועלכער עס איז אבזיכט אָדער פאַראויסבאַשטימונג פון איהר זייט — מחמת זי אַליין האָט ניט קיין באַזונדערע און פריהערדיגע עקזיסטענץ אַחוץ איהר אומאויפהערליכער רעאַליזי־רונג און איז ניט עפּעס אַנדערש ווי דאָס אבסאָלוטע שאַפען — פונדעסטוועגען זעהען מיר איצט, אַז דער אויסדרוק: ש א פ ע ן, איז אי ניט געלונגען, אי ניט פּינקטליך און אַז ניט קוקענדיג אויף די אַלע צוגעגעבענע דערקלערונגען קאָן ער נאָך אַלץ פיהרן צו מיספאַרשטענדנישען, — אַזוי שטאַרק זיינען מיר צוגעוועהנט צו פאַרבינדען מיט דעם וואָרט ש א פ ע ן דעם געדאַנק פון א באַ־וואוסטזיניגען באַשעפער, א באַשעפער, וואָס איז אָפּגעטיילט פון זיין שאַפונג. — מיר וואָלטען באַדאַרפט זאָגען, אַז אַלע וועלטען, אַלע וועזענס ווערן באַשאַפען אומבאַוואוסטזיניג און אָהן זייער

אייגענעם ווילען, ווערן געבאָרן, אנטוויקלען זיך, לעבען, שטאַר־בען און פאַרוואנדלען זיך אין נייע ווזענס, וואָס זיינען איינגע־שלאָסען און ווערן געפיהרט פון דער אלמעכטיגער, אבסאָלוטער ווירקונג פון דער אלוועלטליכער צוזאמענהענגליכקייט, — און, כדי אויסצודריקען אונזער געדאנק נאָך פּינקטליכער, וועלען מיר איצט צוגעבען, אז די רעאלע איינהייט פון אוניווערזום איז ניט עפּעס אנדערש, ווי די אבסאָלוטע צוזאמענהענגליכ־ליכקייט און אומענדליכקייט פון זיינע פאַרוואנדלונגען, מחמת די אומאויפ־הערליכע פאַרוואנדלונג פון יעטוועדען באזונדערן ווען שטעלט צוזאמען די איינציגע, עכטע רעאליטעט פון יעדערן, און דער אוניווערזום איז ניט קיין אנ־דער זאך, ווי א געשיכטע אָהן נרעני־צען, אָהן אן אָנהויב און אָהן א סוף.

די איינצעלהייטען פון דער דאָזיגער געשיכטע זיינען אומ־ענדליך. דער מענש וועט זיך תמיד מוזען באגנוגענען מיט דעם וויסען אַן אומענדליך קליינעם טייל פון זיי. אונזער אויסגע־שטערנטער הימעל מיט זיין גרויסער צאָהל זונען, איז ניט מעהר, ווי אַן אומבאמערקבאַר פּינטעלע אין דעם אומענדליכען רוים, און כאָטש מיר נעהמען איהם ארום מיט'ן בליק, וועלען מיר אָבער קיינמאָל וועגען איהם כמעט גאָרנישט ניט וויסען. מיר זיינען געצוואונגען זיך צו באשרענקען מיט דעם וויסען וויפיעל ניט איז וועגען אונזער זונענסיסטעם, בנוגע וועלכען מיר דענקען, אז ער איז אין פאָלשטענדיגער הארמאָניע מיט די איבעריגע טיילען פון אוניווערזום; מחמת אויב די דאָזיגע הארמאָניע זאָל ניט געווען זיין, וואָלט זי אָדער געמוזט אנטשטעהן, אָדער אונזער זונענסיסטעם וואָלט אונטערגעגאנגען. אָט דאָס לעצטע ווייסען מיר שוין גאַנץ גוט פון דעם שטאנדפּונקט פון דער הימעלשער מעכאניקע און מיר הויבען זיך אָן מיט דעם באקענען אויך פון פיזישען, כעמישען און אפילו געאָלאָגישען שטאנדפּונקט. אונזער וויסענשאפט וועט מיט שוועריגקייטען אריבערטרעטען די דאָזיגע גרעניץ. אויב מיר זו־כען מעהר קאָנקרעטען וויסען, מוזען מיר זיך האלטען ביי אונזער

ערדקוגעל. מיר ווייסען, אז ער איז אין א געוויסער צייט אנטשטאנען, און מיר נעהמען אן, אז נאך א געוויסער פאר אונז אומבאוואוסטער צאהל פון יאהרהונדערטען, וועט ער מוזען אונטערגעהן, — פונקט ווי עס ווערט געבארן און געהט פארלארן, אדער בעסער געזאגט: טראנספארמירט, אלץ וואס עקזיסטירט.

ווי אזוי אונזער ערד, וועלכע איז תחילת געוועזן א צעשמאלצענע, גאזפארמיגע, ניט דער ערך גרינגערע מאטעריע ווי די לופט, ווי אזוי האט זי זיך אפגעקיהלט און פארמירט; וואס פאר אן אומענדליכע רייהע פון געאלאגישע איבערקעהרענישען האט זי געמוזט דורכמאכען, איידער עס איז מעגליך געווארן זי זאל ארויסברענגען אויף איהר אויבערפלאך די גאנצע אומענדליכע רייכקייט פון ארגאנישען לעבען, אנהויבענדיג פון דער ערשטער, איינפאכסטער צעלע און ענדיגענדיג מיט'ן מענשען? ווי האט זי זיך אומגעענדערט, און צי וועט זי פארטזעצען איהר אנטוויקלונג אין דער היסטארישער און סאציאלער וועלט פון מענשען? וואוהין געהען מיר, געשטויסען פון א העכערן פאטאלען געזעץ פון אומאויפהערליכער פארענדערונג?

דאס זיינען די איינציגע פאר אונז צוגענגליכע פראגען; דאס זיינען די איינציגע פראגען וואס קאנען און מוזען ווירקליך אויפגענומען, באזונדער אויסגעארבייט און אנטשיידען ווערן פון דעם מענשען. זייענדיג, ווי מיר האבען שוין געזאגט, ניט מעהר ווי אן אוממערקבאר פינטעלע אין דער גרעניצלאזער און אומבאשטימטער פראגע וועגען אוניווערזום, זיינען פונדעסטוועגען די דאזיגע פראגען פאר אונזער שכל אן אומענדליכע וועלט, — ניט אין געטליכען, ד. ה. אין אבסטראקטען זין פון דעם ווארט, ניט אין דעם זין פון א העכערן וועזען, די שאפונג פון דער רעליגיעזער אבסטראקציע, ניין, אין געגענטייל, אומענדליך אין דער רייכקייט פון די איינצעלהייטען, וועלכע עס ועלען קיינמאל ניט זיין ביכולת צו ערשעפען וועלכע עס איז באאבאכטונג און וועלכע עס איז וויסענשאפט.

און כדי צו דערקענען אט די וועלט, אונזער אומענדליכע וועלט, איז ניט גענוג איין אבסטראקציע. זי וואלט אונז פון דאס ניי געפיהרט צו גאט, צו דעם העכערן וועזען, צום גארנישט. עס איז נויטיג, ניט אויפהערענדיג אנצואווענדען אונזער

פעהיגקייט צו דענקען אַבסטראַקט, אָהן וואָס מיר וואָלטען קיינ־מאָל זיך ניט געקאָנט אויפהויבען פון אַ ספּעציעלען מין געגענ־שטאַנד צו אַן אַלגעמיינערן מין פון געגענשטאַנדען, און פאָלגליך, וואָלטען מיר קיינמאָל ניט געווען ביכולת צו באַגרייפען די נאַ־טירליכע היעראַרכיע פון די וועזענס, — עס איז נויטיג, זאָגען מיר, אַז דער שכל זאָל מיט אַכטונג און מיט ליעבע זיך פאַרטיעפען אין אַ גרינדליכער אויספאָרשונג פון די פּרטים און די קלענסטע איינ־צעלהייטען, אָהן וועלכע עס איז אונז אוממעגליך זיך פאָרצושטע־לען די לעבעדיגע רעאַליטעט פון די וועזענס. אַלזאָ, נאָר ווען מיר פאַראייניגען אָט די צוויי פעהיגקייטען, אָט די צוויי אַזוי שיינבאַר אַנטגעגענגעזעצטע ריכטונגען: די אַבסטראַקציע און דעם אויפ־מערקזאַמען, געוויסענהאַפטען און געדולדיזאַמען אַנאַליז, קאָנען מיר זיך דערהויבען ביז'ן רעאַלען באַגריף *פון אונזער, ניט אויסערליכער, נאָר אינערליך אומענדליכער וועלט* און ביז אַ געוויסען גראַד שאַפען פאַר זיך אַ גענוגענדע פאָרשטעלונג פון *אונזער* אוניווערזום — פון אונזער ערד אָדער, אויב איהר ווילט, פון אונזער זונענסיסטעם. עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז אויב אַפילו אונזער געפיהל און אונזער פאַנטאַזיע קאָנען אונז געבען אַ גענויע פאָרשטעלונג פון דער וועלט, אַ פאָרשטעלונג וואָס מוז זיין מעהר אָדער ווייניג פאַלש; אויב זיי קאָנען אַפילו, דורך זייער אינסטינקטיווען אָנשטויסען זיך, אונז לאָזען דערשפּירן אַ שאָטען, אַ ווייטע עהנליכקייט פון אמת, איז אָבער דעם ריינעם און דעם גאַנצען אמת קאָן אונז נאָר געבען די וויסענשאַפט אַליין.

אין וואָס־זשע ליגט די אורזאַך פון דער שטאַרקער ליעבע צום וויסען, וואָס שטויסט דעם מענשען צו דערגעהן די אַרומיגע וועלט, צו זוכען מיט אַן אומערמידליכער ליידענשאַפט צו אַנטדעקען די סודות פון דער נאַטור, וועמעס לעצטע און פאָלקאָמענסטע שאַ־פונג ער אַליין איז אויף אונזער ערד? איז די דאָזיגע ליעבע צו וויסען ניט מעהר ווי אַן איינפאַכער לוקסוס, אַן אַנגענעהמער צייט־פאַרטרייב, אָדער איז דאָס איינע פון די וויכטיגסטע נויטווענדיג־קייטען פון אונזער נאַטור? מיט זיכערהייט באַהויפּטען מיר, אַז פון אַלע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען איינגעבאָרן אין דער מענשליכער נאַטור, איז דער פאַרלאַנג צו וויסען דער מענשליכסטער; און

דאָס וואָס ער ווערט ווירקליך אַ מענש, און ער אונטערשיידט זיך ווירקליך פון די חיות פון אַלע אַנדערע מינים, איז נאָר אַ דאַנק דעם אומערמידליכען דראַנג נאָך וויסען. כדי זיך צו רעאַליזירן אין דער גאַנצער פולקייט פון זיין וועזען, מוז דער מענש, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, דערקענען זיך אַליין, און ער וועט זיך אַליין קיינמאָל ריכטיג ניט דערקענען, כל זמן ער וועט ניט דערקענען די אַרומיגע נאַטור, פון וועלכער ער אַליין איז אַ פּראָדוקט. — אַלזאָ, אויב דער מענש וויל זיך ניט אָפּזאָגען פון זיין מענשליכקייט, פון דער דערקענונג, מוז ער אַריינדרינגען מיט זיין שכל אין דער זיכטבאַרער וועלט און, ניט אַיבערגעבענדיג זיך דער האָפנונג, אַז ער וועט ווען עס איז דערגעהן איהר תוך, זיך אַלץ מעהר און מעהר פאַרטיעפען אין דער אויספאָרשונג פון איהר געבוי און געזעצען, מחמת נאָר פאַר אָט דעם פּרייז ערווערבען מיר זיך אונזער מענשליכקייט. דער מענש מוז דערגעהן אַלע זיינע נידעריגערע, פאַרגאַנגענע און געגענווערטיגע געביטען, אַלע מעכאַנישע, פיזישע, כעמישע, געאָלאָגישע און אָרגאַנישע עוואָלוציעס אויף אַלע אַנטוויקלונגס־שטופען פון פלאַנצען־ און טיערן־לעבען, — ד. ה. אַלע אורזאַכען און באַדינגונגען פון זיין אייגענעם געבאָרן ווערן און זיין עקזיסטענץ, כדי ער זאָל קאָנען פאַרשטעהן זיין אייגענע נאַטור און זיין באַשטימונג אויף דער ערד — זיין פאָטערלאַנד און זיין איינציגער וואוינפּלאַץ, — כדי ער זאָל קאָנען אין אָט דער וועלט פון בלינדען פאַטאַליזם גרינדען אַ קעניגרייך פון פרייהייט.

אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון מענשען: זי איז אומערשעפּליך, זי איז אומענדליך און פאָלקאָם גענוג צו באַפרידיגען די אַמביציעזסטע מחות און הערצער. אַ פאַרגענגליך און אומבאַמערקליך וועזען אין מיטען פון דעם ברעגלאָזען אָקעאַן פון דער אַלוועלטליכער פליסונג און אומוואַנדלונג, מיט אַן אומבאַוואוסטער אייביגקייט הינטער זיך און מיט אַן אומבאַוואוסטער אייביגקייט פאַר זיך, בלייבט דער דענקענדער, אַקטיווער מענש, וועלכער באַגרייפט זיין מענשליכע באַשטימונג, שטאָלץ און רוהיג אין דעם באַוואוסטזיין פון זיין פרייהייט, וואָס ער אַליין ערוואָרבט ציוויליזירענדיג, פאַרפעסטיגענדיג, באַפרייענדיג און אין פאַל פון נויט אויפרודערנדיג די אַרומיגע וועלט. דאָס איז זיין טרייסט, זיין

שכר, זיין איינציגער גן־עדן. אויב איהר וועט איהם פרעגען, וואס איז זיין אינערליכע איבערצייגונג און דאס לעצטע ווארט וועגען דער רעאלער איינהייט פון אוניווערזום, וועט ער אייך זאגען, אז זי באשטעהט אין דעם אייביגען און אלוועלטליכען פליסען, אין דער אנפאנגלאזער, גרעניצלאזער און אומענדליכער באוועגונג. — דאס איז אלזא דער אבסאלוטער געגענזאץ צו יעדער לעהרע וועגען השגחה, — די אפלייקענונג פון גאט.

אין אלע רעליגיעס, וועלכע צעטיילען צווישען זיך די וועלט און באהערשען מעהר אדער ווייניגער די אנטוויקעלטע טעאלאגיע — אגב, מיט דער אויסנאהם פון בודיזם, וועמעס זעלטענע, פון די טעליכע הונדערט מיליאנען נאכפאלגער איינגאנצען ניט באגריפענע לעהרע, באשטעהט פון א רעליגיע אהן א גאט, — אין אלע סיסטעמען פון דער מעטאפיזיק ערשיינט פאר אונז גאט אלס אן אלערהעכסטער וועזען, וועלכער האט אלעמאל עקזיסטירט און האט אלץ פון פאראויס באשטימט, וועלכער אנטהאלט אין זיך אלץ, וועלכער איז דער עצם פון דענקען און אקטיווען ווילען, פון אלץ וואס עקזיסטירט און איז געוועזן דער קדמון פון אלץ וואס עס עקזיסטירט, וועלכער איז דער מקור און די אייביגע אורזאך פון יעדער שאפונג און פון דאס וואס בלייבט אומבאוועגליך און אייביג פונקט ווי ער אין דער אלוועלטליכער באוועגונג פון די באשאפענע וועלטען. ווי מיר האבען געזעהן, געפינט זיך דער דאזיגער גאט אין דער רעאלער וועלט, לכל הפחות אין יענעם טייל, וואס איז צוגענגליך פאר׳ן מענשען. אלזא דער מענש, ניט קאנענדיג איהם געפינען אויסער זיך, האט איהם געמוזט געפינען אין זיך. ווי אזוי האט ער איהם געזוכט? — זיך אפקעהרנדיג פון אלע לעבעדיגע, רעאלע געגענשטאנדען, פון אלע זיכטבארע, באוואוסטע וועלטען. האבען מיר אבער געזעהן, אז ביים סוף פון דער דאזיגער אומפרוכטבארער וואנדערונג באגעגענט די מענשליכע אבסטראקציאנס־פעהיגקייט ניט מעהר ווי אן איינציגען געגענשטאנד: זי באגעגענט זיך אליין, נאר באפרייט פון יעדען אינהאלט און בארויבט פון יעדער באוועגונג, ניט האבענדיג קיין געגענשטאנד, וועלכען מען זאל נאך קאנען איבערשטייגען, — זיך אליין, אלס אבסאלוט אומבאוועגליכען, אבסאלוטען גארנישט. —

נאר די רעליגיעזע פאנטאזיע זאגט: דאס העכסטע וועזען — גאט.

דערצו נאך, ווי מיר האבען באמערקט, איז דער מענשליכער געדאנק דערגאנגען צו דעם דאזיגען שלוס, פארגלייכענדיג דעם אונטערשייד אדער זאגאר דעם געגענזאץ, וואס די אנטוויקעלטע דענקונגס־קראפט הויבט שוין אן צו מאכען אין א באדייטענדער מאס צווישען דעם אויסערליכען, קערפערליכען מענשען און זיין אינערליכער וועלט, וואס אנטהאלט אין זיך זיין געדאנק און זיין ווילען. ניט פארדעכטיגענדיג נאטירליך, אז די לעצטע איז ניט קיין אנדער זאך ווי א פראדוקט און דער פועל־יוצא פון דעם שטענדיג זיך באנייענדען, רעפראדוצירנדען אויסדרוק פון מענשליכען ארגאניזם; זעהענדיג פארקעהרט, אז אין אלטעגליכען לעבען שיינט נאר דער גוף שטענדיג צו געהארכען די אנרעגונגען פון גע־דאנק און ווילען; פאלגליך שטעלט ער זיך פאר, אז די נשמה איז, אויב ניט דער באשעפער, לכל הפחות דער שטענדינער בעל־הבית איבער דעם חומר, פאר וועלכען עס בלייבט ניט קיין אנדער אויפ־גאבע ווי נאר איהר צו דיענען און איהר צו פראקלאמירן. דער רעליגיעזער מענש, — פון דעם מאמענט, וואס זיין פעהיגקייט צו דענקען אבסטראקט האט דערגרייכט, אויף דעם באשריבענעם אופן, צו דער אידעע פון אן אלוועלטליכען און אלערהעכסטען וועזען, וועלכער, ווי מיר האבען באוויזען, איז ניט קיין אנדער זאך ווי די פעהיגקייט צו אבסטראקציע אליין, וואס שטעלט זיך אלס אן אביעקט אין געגענזאץ צו זיך אליין, איז נאטירליך, וואס ער נעהמט זי אן אלס די נשמה פון אוניווערזום — גאט.

אויף אזא אופן איז צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע ער־שינען אן אמת'ער גאט — אן אלוועלטליך, אייביג, אומפאר־ענדערליך וועזען, באשאפען דורך דער צווייפאכער ווירקונג פון דער רעליגיעזער פאנטאזיע און פון דער מענשליכער אבסטראק־ציאנס־פעהיגקייט. אבער פון דער מינוט אן, וואס גאט איז אויף אזא אופן דערקענט און באפעסטיגט געווארן, האט דער מענש, פאר־געסענדיג, אדער בעסער געזאגט, ניט וויסענדיג וועגען זיין איי־גענער אינטעלעקטועלער ווירקונג, וואס נאר זי אליין האט גאט באשאפען, און ניט דערקענענדיג מעהר זיך אליין אין זיין אייגע־נער שאפונג: אין דעם אלוועלטליכען אבסטראקט,

— איהם אָנגעהויבען פאַרגעטערן. די ראָלעס האָבען זיך גלייך איבערגעביטען: דער באשאפענער איז געוואָרן דער כלומרש׳טער באשעפער, און דער אמת׳ער באשעפער — דער מענש — האָט פאַרנומען א פּלאַץ צווישען דער מאסע אנדערע אומגליקליכע באַשעפעניששען, אַלס אַן אָרים באשעפעניש, אָהן כמעט וועלכער עס איז פּריווילעגיע, אין פאַרגלייך מיט די איבעריגע.

קוים איז גאָט געווען אָנערקענט, איז שוין די וויטערדיגע לאָגישע און פּראָגרעסירענדע אנטוויקלונג פון די פאַרשיידענע טעאָ־לאָגיעס גאַנץ פאַרשטענדליך און לאָזט זיך ערקלערן גאַנץ נאַ־טירליך, אַלס די אָפּשפּיגלונג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט. ווארים איינמאָל האָט דער געדאַנק פון אַן איבערנאַטירליך און אַלערהעכסט וועזען באהערשט די מענשליכע פאָרשטעלונג און איז ביי איהם געוואָרן אזא פעסטע רעליגיעזע איי־בערצייגונג, אז ער צווייפעלט אין דער ווירקליכקייט פון דעם דאָזיגען וועזען נאָך ווענינער ווי אין דער ווירקליכקייט פון רעאַלע זאַכען, וועלכע ער זעהט און קאָן אָנטאַפּען מיט די הענט, — איז נאַטירליך אומפאַרמיידליך, אז דער דאָזיגער געדאַנק זאָל מוזען ווערן דער הויפּט יסוד פון דער גאַנצער מענשליכער עקזיס־טענץ, אז ער זאָל איהם פאַרענדערן, דורכדרינגען און באהערשען אויף א פאָלשטענדיגען און אבסאָלוטען אופן. דאָס העכסטע וועזען ווערט באַלד פאַרגעשטעלט אַלס דער אבסאָלוטער האר, אַלס דער געדאַנק, דער ווילען, דער מקור, אַלס דער בורא און דער משגיח פון אַלע געגענשטאַנדען. קיין זאַך קאָן מיט איהם מעהר ניט קאָנקורירען, און אין פאַרגלייך מיט איהם מוז אַלץ רעדוצירט ווערן צו גאָרנישט. דער אמת פון אַלע זאַכען געפינט זיך נאָר אין איהם איינעם, און יעדער באזונדער וועזען, ווי מעכטיג ער זאָל ניט זיין, און אפילו דער מענש גופא, קאָנען ווייטער ניט עק־זיסטירן סיידען מיט גאָט׳ס צושטימונג. דאָס אַלץ איז זאָגסט גאַנץ לאָגיש, ווארים ווען עס זאָל זיין אנדערש, וואָלט גאָט ניט געווען קיין אַלערהעכסטער, אַלמעכטיגער, אבסאָלוטער וועזען, ד. ה. ער וואָלט איבערהויפּט ניט עקזיסטירט.

אַלס נאַטירליכער רעזולטאט פון אזא דענקען, הויבט דער מענש אָן צוצושרייבען צו גאָט אַלע אייגענשאַפטען, אַלע כחות, אַלע מעשים טובים, וואָס ער געפינט אויס אין זיך אָדער אויסער

זיך. מיר האָבען געזעהן, אַז גאָט, וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס העכסטער וועזען, און וועלכער איז בעצם ניט מעהר ווי אַן אַבּ־סאָלוטער אַבּסאָלוטיזם, — איז לחלוטין אָהן וועלכען עס איז אײנ־האַלט און אַטריבּוטען, אַ לא היה ולא נברא, ווי דער גאָרנישט אַליין. און אָט אַלס אַזעלכער ווערט ער אָנגעפילט און באַרײ־כערט מיט די אַלע ווירקליכקייטען פון דער עקזיסטירענדער וועלט, פון וועלכער ער איז ניט מעהר ווי אַן אַבּסטראַקציע, וועלכען אָבער די רעליגיעזע פאַנטאַזיע שטעלט זיך פאָר אַלס האַר און הערשער. עס פאָלגט דערפון, אַז גאָט איז אַן אַבּסאָלוטער רויבער, און אַז דער הימעל — אַזוי ווי דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם איז דער סאַמע תוך פון יעדער רעליגיע, — וואו די אומשטערבּלי־כע געטער האַלטען זיך אויף, איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ קרו־מער שפּיגעל, וואָס צייגט דעם גלויביגען מענשען זיין אייגענע אָפּשפּיגלונג אין אַ פאַרקעהרטער און פאַרגרעסערטער פאָרם.

וואָרים די ווירקונג פון דער רעליגיע באַשטעהט ניט נאָר אין דעם, וואָס זי נעהמט אַוועק פון דער ערד דעם נאַטירליכען רייכ־טום און קראַפט, און פון דעם מענשען זיינע פעהיגקייטען און מעשים טובים, לויט ווי ער אַנטדעקט זיי אין זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג, כדי זיי גלייך אַריבּערצוטראָגען אין הימעל אַריין און מאַכען פון זיי געטליכע אַטריבּוטען אָדער וועזענס ; דורכפיהרנדיג די דאָזיגע איבּערטראָגונג, פאַרענדערט נאָך די רעליגיע אויף אַ גרינדליכען אופן דעם גאַנצען כאַראַקטער פון די קרעפטען אָדער אייגענשאַפטען, זי פאַרדרעהט און צעקאַליעטשעט זיי און גיט זיי אַ ריכטונג, וואָס איז פּונקט דער היפוך פון זייער אורשפּרינגליכער ריכטונג.

אָט אויף אַזאַ אופן ווערט דער מענשליכער פאַרשטאַנד, דער איינציגער אָרגאַן, וואָס מיר באַזיצען צו דערגעהן דעם אמת, אַ געטליכער פאַרשטאַנד ; ער ווערט פאַר אונז אינגאַנצען אומ־פאַרשטענדליך און דרינגט אַריין אין דעם באַוואוסטזיין פון די גלויביגע, אַלס אַן אַנטפּלעקונג פון אַן אומזין. אויף אַזאַ אופן געהט דאָס איבּער דער רעספּעקט צום הימעל אין אַ פאַראַכטונג צו דער ערד, און די פאַרגעטערונג פון דער גאָטהייט אין דער דער־נידערונג פון דער מענשהייט. די מענשליכע ליעבּע, יענער גרוי־סער נאַטירליכער באַנד, וועלכער פאַרבּינדענדיג אַלע אינדיווידו־

מען, אַלע פעלקער, און מאַכענדיג דעם גליק און די פרייהייט פון יעדען איינציגען אָפּהענגיג פון דער פרייהייט און דעם גליק פון אַלע אַנדערע, מוז, ניט קוקענדיג אויפ'ן אונטערשייד פון קאָליר און ראַסע, פריהער אָדער שפּעטער פאַראייניגען אַלע מענשען אין אַן אַלגעמיינער ברידערליכקייט, — אַט די ליעבע, ווערענדיג אַ געטליכע ליעבע און רעליגיעזער רחמנות, ווערט גלייך אַ קנוטע פאַר דער מענשהייט: דאָס בלוט, וואָס איז פאַרגאָסען געוואָרן אין נאָמען פון רעליגיע זינט די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען, די אַלע מיליאָנען מענשליכע קרבנות, וואָס זיינען געאָפּפערט געוואָרן פאַר דעם גרויסען כבוד פון די געטער, זאָגען עדות וועגען דעם. . . . צולעצט, די גערעכטיגקייט אַליין, די צוקינפטיגע מוטער פון דער גלייכהייט, ווי נאָר זי ווערט אריבערגעטראָגען פון דער רעליגיעזער פאַנטאַזיע אין די הימעלשע ספערען און עס ווערט פון איהר אַ געטליכע גערעכטיגקייט, קעהרט זי זיך באַלד אום צוריק אויף דער ערד אין דער טעאָלאָגישער פאָרם פון גנעדיגקייט, נעהמענדיג שטענדיג און אומעטום דעם צד פון די שטאַרקסטע און פאַרשפּרייטענדיג ווייטער צווישען די מענשען נאָר גוואַלטטאַטען, פּריווילעגיעס, מאָנאָפּאָלען און אַלע אַנדערע משונה'דיגע אומגלייכהייטען, וואָס ווערן געהייליגט דורך דעם היסטאָרישען רעכט.

מיר פּרעטענדירן ניט אָפּצולייקענען די היסטאָרישע אומפאַרמיידליכקייט פון רעליגיע, מיר באַהויפּטען ניט, אַז זי איז געוועזען אַן אַבסאָלוטע צרה אין דער געשיכטע. אויב זי איז אַ צרה, איז זי געוועזען און צום אומגליק פאַרבליבען ביז היינט פאַר אַ גרויסען טייל פון דער אומוויסענדער מענשהייט אַן אומפאַרמיידליכע צרה, פּונקט ווי בכלל אַלע טעות'ן און זייטיגע אָפּווייכונגען, וועלכע זיינען אומפאַרמיידליך אין דער אַנטוויקלונג פון יעדער מענשליכער פעהיגקייט. די רעליגיע, ווי מיר האָבען געזאָגט, דאָס איז די ערשטע דערוואַכונג פון מענשליכען פאַרשטאַנד אונטער דער פאָרם פון אַ געטליכען אומזין; דאָס איז דער ערשטער שימער פון מענשליכען אמת דורך דעם געטליכען מאַנטעל פון שקר; דאָס איז די ערשטע ערשיינונג פון מענשליכע מאָראַל, גערעכטיגקייט און רעכט דורך דער היסטאָרישער אומגערעכטיגקייט פון געטליכען חסד; ענדליך איז דאָס די שולע פון פרייהייט אונטער דעם

ערנידעריגענדען און דריקענדען יאָך פון דער גאָטהייט, דער יאָך, וועלכער וועט סוף־כל־סוף מוזען אָרונטערגעוואָרפען ווערן, כדי זיך באמת צו דערשלאָגען צום שכל׳דיגען שכל, צום אמת׳ן אמת, צו דער פאָלשטענדיגער גערעכטיגקייט און ווירקליכע פרייהייט.

אין דער רעליגיע מאַכט די מענשליכע חיה, ארויסגעהענדיג פון טיערישען צושטאַנד, דעם ערשטען שריט צו מענשליכקייט; נאָר כל זמן ער וועט פארבלייבען רעליגיעז, וועט ער קיינמאָל ניט דערגרייכען זיין ציעל, מחמת יעדע רעליגיע פאר׳משפט איהם צו אומזיניגקייט און, פארדרעהענדיג די ריכטונג פון זיינע שריט, צווינגט זי איהם צו זוכען געטליכעס אַנשטאָט מענשליכעס. אין דער רעליגיע האָבען די פעלקער, אַזוי גיך ווי זיי האָבען זיך באַפרייט פון דער נאַטירליכער שקלאַפעריי, אין וועלכער עס בלייבען פארזונקען די חיות פון אַנדערע מינים, גלייך געפונען אַ נייע שקלאַפעריי, אַ שקלאַפעריי אין דער באַציהונג צו די שטאַרקע מענשען און קאַסטען, וואָס זיינען פריווילעגירט דורך דעם געטליכען אויסוואַהל.

---

איינער פון די הויפּט אַטריבוטען פון די אומשטערבליכע געטער, ווי באוואוסט, איז די באַרופונג פון די געזעצגעבער פון דער נ שליכער געזעלשאַפט, די גרינדער פון שטאַאַט. דער מענש, לויט ווי אַלע רעליגיעס פארזיכערן, וואָלט געבליבען אומפעהיג צו אונטערשיידען וואָס גוט און וואָס שלעכט איז, וואָס איז גערעכט און וואָס איז אומגערעכט, אויב מען וואָלט איהם איבערגעלאָזען צו זיינע אייגענע כחות. עס איז דעריבער נויטיג געוועזען, אַז די גאָטהייט אַליין, אויף וועלכען ניט איז אופן, זאָל זיך אַרונטערלאָזען אויף דער ערד, אויפצוקלערן דעם מענשען און איינצופיהרן אין דער מענשליכער געזעלשאַפט אַ פאָליטישע און סאָציאַלע אָרדענונג. פון וואָס עס פאָלגט דער וויטערדיגער זיענרייכער שלוס: יעדער געזעץ און יעדע אויפהאַלטונג פון מאַכט איז געהייליגט פון הימעל און מען מוז זיי דעריבער שטענדיג און אונטער אַלע אומשטענדען ארויסווייזען אַ בלינדע געהאָרזאַמקייט.

דאָס אין זעהר גינסטיג פאַר די רעגירער און זעהר אומ־גינסטיג פאַר די רעגירטע, און אזוי ווי מיר געהערן צו די לעצטע, פאָדערן אַלע אונזערע אינטערעסען, אז מיר זאָלען נעהנטער באַ־טראַכטען די באַגרינדונג פון אָט דער באהויפּטונג, וועלכע האָט אונז אַלעמען פאַרוואַנדעלט אין שקלאַפען. מיר מוזען געפינען א מיטעל זיך צו באַפרייען פון איהר יאָך.

די פראַגע האָט זיך שוין איצט פאַר אונז אויסערגעוועהנליך פאַראיינפאַכט: גאָט עקזיסטירט ניט אָדער ער איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי דער פּראָדוקט פון אונזער אַבסטראַקציאָנס־פעהיג־קייט, פאַראייניגט מיט דעם רעליגיעזען געפיהל, וואָס איז איבער צו אונז בירושה פון די חיות. גאָט, דאָס איז דער אַבסאָלוטער גאָרנישט, וועלכען בלויז די רעליגיעזע פאַנטאַזיע שטעלט זיך פאָר אין דער פאָרם פון דאָס העכסטע און גרעסטע וועזען; — אַן אַבסאָלוט באַרויבטער פון יעדען אינהאַלט און א באַרייכערטער מיט אַלע רעאַליטעטען פון דער ערד; — וועלכע קעהרט צוריק דעם מענשען אין א צודרעהטער, צוקאַליעטשעטער געטליכער פאָרם דאָס, וואָס זי האָט ביי איהם פריהער אַוועקגענומען. גאָט קאָן ניט זיין, ניט גוט, ניט שלעכט, ניט גערעכט, ניט אומגערעכט. ער קאָן גאָרנישט פאַרלאַנגען, גאָרנישט באַשטימען, ווייל אין עצם איז ער גאָרנישט; און ער ווערט אַלץ, בלויז אַ דאַנק דער רע־ליגיעזער לייכטגלויביגקייט. דארום, אויב זי האָט אין איהם גע־פונען אידעען פון גערעכטיגקייט און גוטס, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט זיי פריהער אַליין אין איהם אריינגעלייגט, ניט ווי־סענדיג פון דעם; מיינענדיג אז זי קריגט, האָט זי גאָר איבער־געלאָזט. אָבער, כדי אריינצוטאָן די דאָזיגע אידעען אין גאָט, האָט דאָך דער מענש זיי געדאַרפט האָבען! איז וואו האָט ער זיי געפונען? זיכער, אין זיך גופא. אָבער אַלץ, וואָס ער באַזיצט, האָט ער תחילת באַקומען פון זיין טיערישקייט, — מחמת אפילו זיין גייסט איז קיין אַנדער זאַך ניט ווי אַן ערשיינונג, אַן אויסדרוק פון זיין טיערישער נאַטור. די אידעען פון דאָס גערעכטע און גוטע, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מענשליכע זאַכען, מוזען דעריבער האָבען זייער שרש אין דער סאַמע טיערישקייט פון מענשען.

און באמת, די עלעמענטען פון דאָס וואָס מיר רופען מאָראַל, געפינען זיך שוין אין דער וועלט פון די חיות. ביי אַלע מינים

חיות, אָהן דער קלענסטער אויסנאַהם, און בלויז מיט דעם גרויסען אונטערשייד בנוגע זייער אַנטוויקלונג, געפינען מיר צוויי קעגענגעזעצטע אינסטינקטען: דעם אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג פון אינדיווידום און דעם אינסטינקט צו דערהאַלטען דעם מין, אָדער, ריידענדיג אויף דער מענשליכער שפּראַך, **דעם עגאָאיסטישען אינסטינקט און דעם סאָציאַלען אינסטינקט.** פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער וויסענשאַפט, ווי פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַטור גופא, זיינען אַט דיביידע אינסטינקטען גלייך נאַטירליך און פאָלגליך געזעצליך, און וואָס איז וויכטיגער פון אַלץ, זיי זיינען גלייך נויטווענדיג אין דער נאַטירליכער עקאָנאָמיע פון די וועזענס. דער אינדיווידועלער אינסטינקט איז דער הויפּט־באַדינג פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם מין; ווארים ווען אַלע אינדיווידומען וואָלטען זיך ניט פאַרטיידיגט מיט אַלע כחות געגען מאַנגעל, געגען די אַלע אויסערליכע געפאַהרען, וואָס שטעלען כסדר אין סכנה זייער עקזיסטענץ, — וואָלט אויך ניט געקאָנט עקזיסטירן דער מין אַליין, וועלכער לעבט נאָר אין די אינדיווידומען און דורך די אינדיווידומען. ווען מען זאָל אָבער וועלען אורטיילען וועגען אַט די צוויי טריבען, שטעהענדיג אויף דעם אַבסאָלוטען שטאַנדפּונקט פון אויסשליסליכען אינטערעס פון דער נאַטור, וואָלט מען געזאָגט, אַז דער סאָציאַלער אינסטינקט איז גוט, און דער אינדיווידועלער, אויף וויפיעל ער געהט להיפּוך צו איהם, — איז שלעכט. ביי מוראשקעס, ביי ביהנען וועגט די טוגענד אַריבער די זינד, מחמת דער סאָציאַלער אינסטינקט, ווי עס שיינט, אונטערדריקט זייער אינדיווידועלען אינסטינקט. אין גאַנצען להיפּוך זעהען מיר ביי די ווילדע חיות, און מיר וועלען קיין טעות ניט מאַכען ווען מיר וועלען זאָגען, אַז אין דער וועלט פון חיות בכלל הערשט שטאַרקער דער עגאָאיזם. פאַרקעהרט, דער מין־אינסטינקט, דערוואַכט בלויז אויף אַ קורצער צייט און האַלט נאָר אַן אַזוי לאַנג, וויפיעל עס איז נויטיג פאַר דעם געבעהרען און דערציהען פון נייעם דור.

גאַנץ אַנדערש איז דער פאַל מיט דעם מענשען. ווי עס ווייזט אויס, — און דאָס איז איינער פון די באַווייזען, אַז דער מענש שטעהט העכער פון אַלע אַנדערע מינים חיות, — זיינען די ביידע געגענגעזעצטע אינסטינקטען: דער עגאָאיזם און די געזעלשאַפט־

ליכקייט, פיעל שטארקער און אומטיילבארער ביי דעם מענשען ווי ביי אלע חיות פון די נידעריגערע מינים. אין זיין עגאאיזם איז דער מענש ברוטאלער פון די בלוטדורשטיגסטע חיות; צו דער זעלבער צייט אבער איז ער נאך מעהר געזעלשאפטליכער פון די ביהנע' און די מוראשקעס.

דאס וואס א געוויסע חיה צייגט ארויס א גרעסערע עגאיס־טישע קראפט, ד. ה. א גרעסערע אינדיווידואליטעט, איז בלי ספק א באוויז, אז איהר ארגאניזם איז פארהעלטניסמעסיג מעהר פאל־קאמען און א צייכען פון אן אנטוויקעלטערן באוואוסטזיין. יעדער מין חיה, אלס אזעלכער, איז אונטערווארפען א ספעציעלען נאטור־געזעץ, ד. ה. ער אנטוויקעלט זיך און דערהאלט זיך אויף זיין באזונדערן, אייגענטימליכען אופן, וואס צייכענט איהם אויס פון אלע אנדערע מינים חיות. דער דאזיגער געזעץ האט ניט קיין אנדער רעאלע עקזיסטענץ, אחוץ די לעבעדיגע אינדיווידומען, וועלכע געהערן צו דעם מין, וואס ער באהערשט; די איינציגע רעאלקייט פון דעם געזעץ איז אין די דאזיגע אינדיווידומען. ער באהערשט אבער אבסאלוט אלעמען און זיי ווערן זיינע שקלאפען. ביי די גאר נידעריגע מינים ערשיינט דער דאזיגער געזעץ ניכער אלס א פאקט פון פלאנצען־ איידער פון טיער־לעבען; ער איז כמעט איינגאנצען פרעמד פאר די אינדיווידומען, זייענדיג כמעט אן אויסערליכער געזעץ, אונטער וועלכען די אינדיווידומען, אויב מען קאן נאר צו זיי אנווענדען דעם דאזיגען נאמען, אונטערוואר־פען זיך, אזוי צו זאגען, מעכאניש. אבער וואס קאמפליצירטער עס ווערן די מינים, וואס נעהנטער זיי קומען אויף דער מדרגה פון פראגרעס צום מענשען, אלץ מעהר אינדיווידואליזירט זיך דער זיי באהערשענדער ספעציעלער מין־אינסטינקט, אלץ מעהר רע־אליזירט ער זיך און צייגט זיך ארויס אין יעדען אינדיווידום, וועל־כער באקומט דורך דעם גופא א מעהר באשטימטען כאראקטער, א מעהר אינדיווידואליזירטע פיזיאנאמיע, אזוי אז בלייבענדיג אונ־טערווארפען דעם דאזיגען געזעץ אזוי פאטאל ווי צו די איבעריגע, פיהלט זיך דער אינדיווידום, — פון דעם מאמענט, וואס דער געזעץ ערשיינט ביי איהם אין דער געשטאלט פון זיין אייגענעם אימפולס, אין דער פארם פון א מעהר אינערליכער ווי אויסערליכער נויטווענדיגקייט, — ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אט די אינער־

ליכע נויטווענדיגקייט ווערט אין איהם שטענדיג געבאָרן דורך אַ סך אויסערליכע אורזאַכען, וואָס ער איז גאָרניט חושד, — מעהר פריי, מעהר אויטאָנאָם, מעהר באַשאָנקען מיט פרייוויליגער באַוועגונג, ווי די אינדיווידומען פון די נידעריגערע מינים. ער הויבט אָן צו דערפיהלען זיין פ ר י י ה י י ט.

מיר קאָנען דעריבער זאָגען, אַז די נאַטור אַליין אין איהרע פראָגרעסיווע פאַרענדערונגען שטרעבט צו באַפרייאונג, און אַז שוין אין דער נאַטור־וועלט, אין דעם ענגען זין פון וואָרט, איז אַ גרעסערע אינדיווידועלע פרייהייט בלי ספק אַ סימן פון אויסצייכענונג. די פאַרהעלטניסמעסיג אינדיווידואַליזירטסטע, די פרייסטע באַשעפעניש, פון שטאַנדפונקט פון טיער־רייך, איז אומבאַשטרייטבאַר דער מענש.

מיר האָבען געזאָגט, אַז דער מענש איז דער אינדיווידואַליסטישסטער פון די ערדישע באַשעפענישען, — ער איז אָבער אויך ד ע ר ס אָ צ י אַ ל ס ט ע ר פון אַלע וועזענס. זשאַן זשאַק רוסאָ'ס באַהויפטונג, אַז די ערשטע געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם פרייען אָפמאַך, וואָס די ווילדע האָבען צווישען זיך געשלאָסען, איז געוועזן אַ גרויסער טעות. אָבער רוסאָ איז ניט דער איינציגער, וואָס האָט דאָס באַהויפטעט. די מייסטע מאָדערנע יוריסטען און פובליציסטען, פון דער קאַנטישער שולע, אָדער פון וועלכער עס איז אַנדערער אינדיווידואַליסטישער און ליבעראַלער שולע, וועלכע אָנערקענען ניט, סיי אַ געזעלשאַפט וואָס איז געגרינדעט אויף דעם געטליכען רעכט פון די טעאָלאָגען, סיי אַ געזעלשאַפט וואָס די העגעליאַנישע שולע באַצייכענט אַלס אַ מעהר אָדער ווייניגער מיסטעריעזע רעאַליזאַציע פון דער אָביעקטיווער מאָראַל, סיי די אורשפּרינגליך־טיערישע געזעלשאַפט פון די נאַטוראַליסטען, — זיי אַלע נעהמען ווילענדיג־ניט־ווילענדיג און ניט האָבענדיג קיין אַנדער באַגרינדונג, פאַר זייער אויסגאַנגס־פונקט דעם ש ט י ל ע ן אָ פּ מ אַ ך. אַ שטילער אָפּמאַך! ד. ה. אַן אָפּמאַך אָהן ווערטער און, פאָלגליך, אָהן שכל, אָהן ווילען, — אַ רעוואָלטירענדער אומזין! אַן אומזיניגע איינבילדונג, און וואָס נאָך ערגער איז, אַ שלעכטע איינבילדונג, אַן אומווירדיגע נאַרעריי! ווייל דאָס מיינט אָנצונעהמען, אַז אין דער צייט, וואָס איך בין נאָך ניט געווען ביכולת צו פאַרלאַנגען, צו דענקען, צו ריידען, האָב

איך, נאר מיט דעם אליין, וואס איך האב זיך אהן פראטעסט גע־לאזען ארומשערען, שוין געגעבען מיין צושטימונג אויף מיין איי־גענער אייביגער שקלאפעריי, ווי אויך פון אלע די וואס וועלען פון מיר ארויסקומען!

די פאלגען פון אזא געזעלשאפטליכען אפ־מאך זיינען ווירקליך טרויעריג, מחמת זיי פיהרען צו דער אבסאלוטער הערשאפט פון שטאאט. און דאך, ווען מען נעהמט דעם דאזיגען פרינציפ אלס אויסגאנגס־פונקט, שיינט ער צו זיין אויסערגעוועהנליך ליבעראל. די אינדיווידומען, ביים שליסען דעם דאזיגען אפמאך, שטעלט מען זיך פאר, באנוצען זיך מיט פאל־שטענדיגער פרייהייט, ווארים אין איינקלאנג מיט אט דער טעאריע, איז עס בלויז דער נאטור־מענש, דער ווילדער, וואס באזיצט די פולע פרייהייט. מיר האבען ארויסגעזאגט אונזער מיינונג וועגען אט דער נאטירליכער פרייהייט, וועלכע איז ניט עפעס אנדערש, ווי די אבסאלוטע אפהענגיגקייט פון דעם גארילא־מענשען אן דעם שטענדיגען דרוק פון דער אויסערליכער וועלט. נאר לאמיר אנ־נעהמען, אז דער מענש, ביי דעם אויסגאנגס־פונקט פון זיין גע־שיכטע, איז באמת געווען פריי; איז צו וואס האט ער געדארפט בילדען די געזעלשאפט? ענטפערט מען, אז צוליעב דעם, כדי צו גאראנטירן דעם אינדיווידום די זיכערקייט געגען דעם מעג־ליכען אריינדרינגען פון דער אויסערליכער וועלט, אריינגעהמענדיג אין איהר אלע איבעריגע מענשען, צי זיי זיינען יא אריינגעטראטען, אדער ניט אריינגעטראטען אין דער אסאציאציע, אזוי לאנג ווי זיי געהערן נאר ניט צו אן אנדער נייער געגרינדעטער געזעלשאפט.

און אט האט איהר, אלזא, די ערשטע מענשען, די פאלשטענ־דיג פרייע, יעדער אין זיך און פאר זיך אליין, וועלכע באנוצען זיך אבער מיט דער דאזיגער אומבאגרעניצטער פרייהייט, נאר אזוי לאנג ווי זיי באגעגענען זיך ניט איינער מיט'ן אנדערן, אזוי לאנג ווי זיי בלייבען פארזונקען אין דער אבסאלוטער, אינדיווידועלער איינ־זאמקייט. די פרייהייט פון איינעם נויטיגט זיך ניט אין דער פרייהייט פון צווייטען, פארקעהרט, יעדע איינע פון די דאזיגע אינ־דיווידועלע פרייהייטען באגנוגענט זיך מיט זיך אליין, עקזיסטירט פאר זיך אליין, אזוי, אז די פרייהייט פון יעדען איינעם מוז אומ־פארמיידליך ווערן די פארלייקענונג פון דער פרייהייט פון אלע

אַנדערע, און די פרייהייטען פון אַלע, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט די אַנדערע, מוזען זיך געגענזייטיג באַגרעניצען און פאַרקלענערן, מוזען זיך באַשטרייטען איינע די אַנדערע און זיך געגענזייטיג פאַרניכטען...

כדי ניט פאַרניכטעט צו ווערן אינגאַנצען, שליסען זיי צווישען זיך אַן עפענטליכען אָדער שטילען אָפּמאַך, דורך וועלכען זיי גיבען אָפּ אַ טייל פון זיך אַליין, כדי צו פאַרזיכערן דאָס איבעריגע. אָט דער אָפּמאַך ווערט דער באַזיס פון דער געזעלשאַפט, אָדער בעסער געזאָגט, פון דעם שטאַאַט; וואָרים עס איז נויטיג צו באַמערקען, אַז אין אָט דער טעאָריע איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר אַ געזעלשאַפט, אין איהר עקזיסטירט נאָר דער שטאַאַט, אָדער בעסער געזאָגט, די געזעלשאַפט ווערט אין איהר אינגאַנצען פאַרשלונגען פון דעם שטאַאַט.

די געזעלשאַפט, דאָס איז אַ נאַטירליכער אופן, ווי מענשען זאָלען עקזיסטירען אומאָפּהענגיג פון יעדען אָפּמאַך. זי ווערט געפיהרט פון זיטען און טראַדיציאָנעלע מנהגים, אָבער קיינמאָל ניט פון געזעצען. זי פראָגרעסירט לאַנגזאַם, באַוועגט דורך די אימפּולסען פון דער אינדיווידועלער איניציאַטיווע, אָבער ניט פון דעם שכל און דעם ווילען פון דעם געזעצגעבער. אמת, עס עקזיסטירען געזעצען, וואָס באַהערשען ניט־ווילענדיג דער געזעלשאַפט, אָבער דאָס זיינען נאַטירליכע געזעצען, וועלכע געהערן צו אַ סאָציאַלען קערפּער, ווי פיזישע געזעצען געהערן צו אַ מאַטעריעלען קערפּער. דער גרעסטער טייל פון אָט די געזעצען איז נאָך ביז איצט ניט אויסגעפינען, און פונדעסטוועגען באַהערשען זיי די מענשליכע געזעלשאַפט פון איהר געבורט אָן, אומאָפּהענגיג פון דעם שכל און ווילען פון די מענשען, וועלכע שטעלען איהר צונויף. עס פאָלגט דערפון, אַז זיי דאַרפען ניט פאַרגליכען ווערן מיט די פּאָליטישע און יורידישע געזעצען, וואָס ווערן פּראָקלאַמירט פון אַ חעלכער עס איז געזעצגעבענדער מאַכט, וועלכע אונזערע ערקלערענדע טעאָריעס אַנערקענען אַלס די לאָגישע שלוסען פון דעם ערשטען אָפּמאַך, וואָס מענשען האָבען באַוואוסטזיניג געשלאָסען.

דער שטאַאַט איז ניט קיין דירעקטער פּראָדוקט פון דער נאַטור, און מיר וועלען שפּעטער זוכען צו באַווייזען, ווי אַזוי ער ווערט געשאַפען אין דער נאַטירליכער געזעלשאַפט פון דעם רעליגיעזען

באוואוסטזיין. לויט דער מיינונג פון די ליבעראלע פובליציסטען איז דער ערשטער שטאאט געשאפען געווארן פון דעם פרייען און באוואוסטזיניגען ווילען פון די מענשען; לויט דער מיינונג פון די אבסאלוטיסטען איז ער די שאפונג פון דער גאטהייט. איןביידע פאלען הערשט ער איבער דער געזעלשאפט און שטרעבט איינגאנצען זי צו פארשלינגען.

אין דעם צווייטען פאל איז די פארשלינגונג א זעלבסטפאר־שטענדליכע זאך: די געטליכע איינריכטונג מוז אומבאדינגט פאר־צעהרן יעדע נאטירליכע איינריכטונג. אינטערעסאנטער פון אלץ איז אבער דאס, וואס די אינדיווידואליסטישע שולע מיט איהר פרייען אפמאך קומט אויך צו דעמזעלבען רעזולטאט. און באמת הויבט די דאזיגע שולע אן מיט דער אפלייקענונג פון דער סאמע עקזיסטענץ פון א נאטירליכער געזעלשאפט, וועלכע זאל האבען עקזיסטירט איידער דער אפמאך איז געשלאסען געווארן — מחמת אזא געזעלשאפט וואלט געמיינט, אז עס זיינען פאראן נאטירליכע באציהונגען צווישען די אינדיווידומען און פאלגליך א געגענזייטיגע באגרעניצונג פון זייערע פרייהייטען, וואס באשטרייט די אבסאלוטע פרייהייט, מיט וועלכער יעדערער, ווי עס קומט אויס לויט דער דאזיגער טעאריע, האט זיך באנוצט ביז צום שליסען פון דעם אפמאך, און וואס וואלט געווען ניט מעהר און ניט ווינציגער, ווי דער אייגענער אפמאך, וואס האט עקזיסטירט אין דער פארם פון א נאטירליכען פאקט, און זאגאר נאך פריהער איידער דער פרייער אפמאך. אלזא, אין איינקלאנג מיט דער דאזיגער טעאריע, הויבט זיך די מענשליכע געזעלשאפט אן ערשט מיט דער שליסונג פון אפמאך. אבער וואס זשע איז דאן די געזעלשאפט? דאס איז א ריינע, לאגישע פארווירקליכונג פון אן אפמאך מיט אלע זיינע פראיעקטען און געזעצגעבערישע און פראקטישע פאלגען, — דאס איז דער שטאאט.

לאמיר איהם נעהנטער באטראכטען. וואס שטעלט ער מיט זיך פאר? די סומע פון די פארניינונגען פון די אינדיווידועלע פרייהייטען פון אלע זיינע מיטגליעדער; אדער די איינענע צאהל אפפער, וואס עס ברענגען אלע זיינע מיטגליעדער, וועלכע זאגען זיך אפ פון א טייל פון זייערע פרייהייטען לטובת דעם אל־געמיינעם גליק. מיר האבען געזעהן, אז לויט דער אינדיווידואליס־

טישער טעאָריע, שטעלט די פרייהייט פון איינציגען אוועק אַ גרעניץ אָדער אַ נאַטירליכע אַפּלייקעגונג פון די פרייהייטען פון אַלע אַנדערע; נו, איז אָט די דאָזיגע אַבסאָלוטע באַגרעניצונג, אָט די אָפּלייקענונג פון יעדען איינעמס פרייהייט אין נאָמען פון דער פרייהייט פון כלל אָדער פון אַלגעמיינעם רעכט, — אָט דאָס איז דער שטאַאַט. בכן, דאָרט וואו עס הויבט זיך אָן דער שטאַאַט, דאָרט ענדיגט זיך די אינדיווידועלע פרייהייט, און פאַרקעהרט.

מען וועט מיר ענטפערן, אַז דער שטאַאַט, דער פאַרטרעטער פון דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין אָדער די אַלגעמיינע אינטערעסען, נעהמט נאָר צוליעב דעם אוועק ביי יעדען איינעם אַ טייל פון זיין פרייהייט, כדי איהם צו גאַראַנטירן דאָס איבעריגע. אָבער דאָס איבעריגע, אויב איהר ווילט, איז נאָר אַ גאַראַנטיע, אָבער באין אופן ניט קיין פרייהייט. פרייהייט איז אומטיילבאַר: מען קאָן ניט אָפּשניידען אַ טייל פון איהר, ניט דער'הרג'ענענדיג איהר אינ־גאַנצען. אָט דער קליינער טייל, וואָס איהר שניידט אָפּ, דאָס איז דער סאַמע עצם פון דער פרייהייט, דאָס איז אַלץ. צוליעב דעם נאַטירליכען, אומפאַרמיידליכען, אומבאַזיעגבאַרען דראַנג פון מיין גאַנצער פרייהייט, קאָנצענטרירט זי זיך גלייך פונקט אין דעם טייל, וואָס איהר שניידט אָפּ, ווי קליין אָט דער טייל זאָל ניט זיין. דאָס איז די געשיכטע פון „בלוי־באָרד'ס" ווייב, וועלכע האָט געהאַט אין איהר רשות דעם גאַנצען פּאַלאַץ מיט דער פולער און פאָל־שטענדיגער פרייהייט אריינצוקומען אומעטום, צו זעהן און באַ־ריהרען אַלץ, מיט דער אויסנאַהם פון איין קליינעם צימער, וואוהין דער דעספּאָטישער ווילען פון איהר שרעקליכען מאַן האָט איהר פאַרוועהרט אַריינגעהן, אונטער דער מורא פון טויט. און פּאַסירט האָט, אַז אָפּקעהרענדיג זיך פון דער גאַנצער פּראַכט פון פּאַלאַץ, האָט זיך איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף אָט דעם מיזעראַבעלען קליינינקען צימערל; זי האָט איהם געעפענט און זי איז געווען גערעכט, וואָס זי האָט איהם געעפענט, מחמת דאָס איז געוועזן אַן אומפאַרמיידליכע מאַניפעסטאַציע פון איהר פרייהייט, אין דער צייט וואָס דער פאַרבאָט ניט אריינצוגעהן אַהין איז געוועזן אַ מיאוס'ע פאַרלעצונג פון אָט דער אייגענער פרייהייט. און דאָס אייגענע איז אויך די געשיכטע מיט דער ירידה פון אדם און חוה: דער פאַרבאָט ניט צו פאַרזוכען די פרוכט פון עץ־הדעת, ניט צוליעב

אן אנדער גרונד, אחוץ אזוי איז נאָט'ס ווילען, איז געווען מצד נאַט א שרעקליכער דעספּאָטיזם; און ווען אונזערע אורעלטערן וואָלטען געפאָלגט, וואָלט דער גאַנצער מענשליכער מין פארבליבען פארזונקען אין דער נידעריגסטער שקלאַפערײ. פארקעהרט, זייער ניט פאָלגען האָט אונז באפרייט און געראַטעוועט. דאָס איז גע־ווען, ריידענדיג סימבאָליסטיש, דער ערשטער אקט פון מענש־ליכער פרייהייט.

אָבער, וועט מען מיר זאָגען, דער שטאַאט, דער דעמאָקראַטי־שער שטאַאט, וועלכער איז באזירט אויף דער פרייער אָפּשטימונג פון אַלע בירגער, קאָן ניט זיין די פארלייקענונג פון זייער פריי־הייט! איז וואָרום ניט? דאָס וועט אינגאַנצען זיין אָפּהענגיג אן דער אנטשיידונג און דער מאכט, וואָס די בירגער וועלען איבערגעבען דעם שטאַאט. א רעפּובליקאַנישער שטאַאט, וואָס איז געגרינדעט אויף אַלגעמיינעם וואהל־רעכט, קאָן זיין זעהר דעס־פּאָטיש, נאָך דעספּאָטישער אפילו פון א מאָנארכיסטישען שטאַאט, אויב אונטער דעם אויסרייד, אז ער איז דער פארטרעטער פון דעם אַלגעמיינעם ווילען, וועט ער שטיקען די פרייהייט און די פרייע באוועגונג פון יעדערן פון זיינע מיטגליעדער מיט דעם גאַנצען דרוק פון זיין קאָלעקטיווער מאכט.

אָבער דער שטאַאט, וועט מען זאָגען, באגרעניצט די פרייהייט פון זיינע מיטגלידער נאָר אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל די דאָזיגע פרייהייט ווערט באנוצט פאר אומגערעכטיגקייט און שלעכטס. ער שטערט זיי פון טויטען איינע די אנדערע, פון באראַבעווען איינע די אנדערע, פון באליידיגען איינער דעם צווייטען און בכלל פון טאָן שלעכטס; פון דער אנדער זייט אָבער לאָזט ער זיי איבער די פולע און פאָלשטענדיגע פרייהייט צו טאָן גוטס. דאָס איז ווידער די אייגענע געשיכטע מיט „בלוי־באָרד״ אָדער מיט די פארבאָ־טענע פרוכט: וואָס איז אַזוינס שלעכטס, וואָס איז אַזוינס גוטס?

פון שטאַנדפּונקט פון דעם סיסטעם, וואָס מיר אנאַליזירן, האָט ביז צום שליסען פון אָפּמאך ניט עקזיסטירט קיין אונטערשייד צווישען גוטס און שלעכטס, און יעדער אינדיווידום איז דאַן גע־בליבען איינזאַם פארטיעפט אין זיין פרייהייט און אין זיין אבּ־סאָלוטען רעכט און איז לחלוטין ניט געווען מחויב ארויסצואווי־זען וועלכע עס איז אויפמערקזאַמקייט צום צווייטענס פרייהייט,

חוץ אפשר יענע, וואָס זיין שוואַכקייט אָדער זיין רעלאַטיווע קראַפט האָט פון איהם געפאָדערט, — מיט אַנדערע ווערטער, זיין קלוגקייט און זיין פערזענליכער אינטערעס.* דעמאָלט, אַלץ אין איינקלאַנג מיט דערזעלבער טעאָריע, איז דער ענאָאיזם געוועז דער העכסטער געזעץ, דער איין־אייינציגער רעכט: דאָס גוטע איז באַשטימט געוואָרן נאָך דעם ערפאָלג, דאָס שלעכטע — נאָך דעם דורכפאַל; און די גערעכטיגקייט איז געוועזן ניט עפּעס אַנדערש, ווי די אָנערקענונג פון אַ געשעהענעם פאַקט, ווי שרעקליך, באַר־באַריש און אָפּשטויסענד ער זאָל ניט זיין, — אינגאַנצען עהנליך צו דעם, ווי אין דער פּאָליטישער מאָראַל, וועלכע האָט היינט צו טאָג דעם פאָרצוג אין אייראָפּאַ.

דער אונטערשייד צווישען גוטס און שלעכטס הויבט זיך אָן, לויט אָט דעם סיסטעם, ערשט נאָכדעם ווי עס איז געשלאָסען גע־וואָרן דער געזעלשאַפטליכער אָפּמאַך. אַלץ וואָס מען האָט דע־מאָלט אָנערקענט, אַז עס שטעלט צונויף דעם אַלגעמיינעם וואויל־זיין, האָט מען פּראָקלאַמירט פאַר גוט, און אַלץ, וואָס איז געוועזן געגען אָט דעם וואוילזיין, — פאַר שלעכט. די מיטגלידער, וועל־כע האָבען צוגעשטימט, ווערנדיג בירגער, פאַרבינדענדיג זיך דורך אַ מעהר אָדער וועניגער פייערליכען פאַרשפּרעכען, האָבען שוין מיט דעם אַליין אויף זיך ארויפגעלעגט פליכטען: די פליכט צו אונ־טערוואַרפען זייערע פּריוואַטע אינטערעסען צו דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, צו די אומטיילבאַרע אינטערעסען פון כלל, און זיי־ערע פּערזענליכע רעכטען צו דעם אַלגעמיינעם רעכט, דורך וואָס

---

* אַזעלכע באַציהונגען, וועלכע האָבען אגב קיינמאָל ניט געקאָנט עקזיסטירן צווישען די אוראַלטע מענשען, מחמת אַ סאָציאַלער לעבען איז שוין געוועזן איידער עס האָט דערוואַכט דער אינדיווידועלער באַ־וואוסטזיין און דער באַוואוסטזיניגער ווילען פון די מענשען, און מחמת אויסער דער געזעלשאַפט האָט קיין איינציגער מענשליכער אינדיווידום זיך קיינמאָל ניט געקאָנט באַנוצען מיט קיין אַבסאָלוטער, אַפילו ניט קיין פאַרהעלטניסמעסיגער פריוהייט, — אַזעלכע באַציהונגען, זאָגען מיר, זיינען אינגאַנצען עהנליך צו די, וואָס עקזיסטירן היינט צווישען די מאָדערנע שטאַאַטען, פון וועלכע יעדער איינער באַטראַכט זיך באַקלוידט מיט אַ פריויהייט, וועלכע איז אַבסאָלוט אין זיין מאַכט און זיין רעכט און וועלכע שליסט אויס די פריויהייט פון אַלע אַנדערע שטאַאַטען. דע־ריבער צייגט ער אַרויס צו אַלע אַנדערע שטאַאַטען בלויז די אויפמערק־זאַמקייט, וועלכע עס פאָדערן זיינע אייגענע אינטערעסען, — וואָס רופט אַרויס צווישען אַלע מלוכות אַ שטענדיגע פאַרבאַהאַלטענע אָדער אָפענע מלחמה.

דער איינציגער פאַרשטעהער זייערער, דער שטאַאט, איז מיט דעם אַליין באַקליידט געוואָרן מיט דער מאַכט צו דערשטיקען אַלע אויפ־שטאַנדען פון אינדיווידועלען עגאָאיזם, נאָר מיט דער פליכט צו באַשיצען יעדען איינעם פון זיינע מיטגליעדער אין דער אומבאַ־ריהרליכקייט פון זיינע רעכטען, אַזוי לאַנג ווי זיי קומען ניט אין קאָנפליקט מיט דעם אַלגעמיינעם רעכט.

איצט ווילען מיר באַטראַכטען, וואָס עס דאַרף מיט זיך אויף אַזא אופן פאָרשטעלען אַן איינגעאָרדענטער שטאַאט, סיי אין זיי־נע באַציהונגען צו אַנדערע, צו איהם עהנליכע שטאַאטען, סיי צו דער באַפעלקערונג, וואָס ער רעגירט. די דאָזיגע אונטערזוכונג צייגט אונז צו זיין אינטערעסאַנטער און ניצליכער דערפאַר, וואָס דער שטאַאט, ווי ער ווערט באַשטימט אין אָט דער טעאָריע, איז אייגענטליך דער היינטיגער שטאַאט, אויף וויפיעל ער האָט פאַר־וואָרפען די רעליגיעזע אידעע, דער ו ו ע ל ט ל י כ ע ר אָ ד ע ר אַ ט ע א י ס ט י ש ע ר ש ט א א ט, וואָס ווערט פראָקלאַמירט פון די מאָדערנע פובליציסטען. לאָמיר אַלזאָ באַטראַכטען, אין וואָס עס באַשטעהט זיין מאָראַל? — דער מאָדערנער שטאַאט, ווי מיר האָבען געזאָגט, האָט זיך באַפרייט פון דעם יאָך פון דער קיר־כע, און פאָלגליך האָט ער פאַרוואָרפען די אַלוועלטליכע אָדער קאָס־מאָפּאָליטישע מאָראַל פון דער קריסטליכער רעליגיע, און, ווילען מיר צוגעבען, איז נאָך ניט דערגאַנגען צו דער הומאַניטערער אי־דעע, האָט זיך נאָך ניט דורכגעדרונגען מיט דער הומאַניטערער מאָראַל, וואָס איז אַגב פאַר איהם אוממעגליך צו טאָן, ניט פאַרניכ־טענדיג זיך. עס איז אוממעגליך, מחמת אין זיין אָפּגעזונדערטער עקזיסטענץ און זיין סעפּאַראַטיסטישער קאָנצענטראַציע, איז דער שטאַאט צו ענג, אַז ער זאָל זיין ביכולת ארומצונעהמען און אריינ־צונעהמען די אינטערעסען פון דער גאַנצער מענשהייט, און פאָלג־ליך די אַלמענשליכע מאָראַל.

די מאָדערנע שטאַאטען האָבען דערגרייכט פונקט דעם אוי־בען באַשריבענעם צושטאַנד. דאָס קריסטענטום דיענט זיי נאָר אַלס אַן אָנשטעל און אַ פראַזע, אָדער אַלס אַ מיטעל צו באַ־שווינדלען די נאַראָנים, ווייל זיי פאַרפאָלגען אַזעלכע צוועקען, וועל־כע האָבען קיין שייכות ניט מיט רעליגיעזע אידעען. און די גרוי־סע שטאַאטסמענער פון אונזערע טעג: די פאַלמערסטאָנס, די

מוראַוויאָווס, די קיוויערס, די ביסמאַרקס, די נאַפּאָלעאָנס, זיי וואָלטען שטאַרק געלאַכט, ווען אימעצער וואָלט גענומען ערנסט זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. זיי וואָלטען נאָך מעהר געלאַכט, ווען מען זאָל זיי צושרייבען הומאַניטאַרע געפיהלען, אָבזיכטען און שטרעבונגען, וועלכע זיי לאָזען ניט דורך קיין געלעגענהייט עפענטליך אָנצורופען נאַרישקייטען. וואָס־זשע בלייבט פאַר דער פאָרמירונג פון זייער מאָראַל? ניט מעהר ווי די שטאַאַטליכע אינטערעסען. פון דעם דאָזיגען שטאַנדפונקט, וועלכער איז, מיט ווייניגע אויסנאַהמען, געוועזן דער שטאַנדפונקט פון די שטאַאַטסמענער, די קלוגע מענער פון אלע צייטען און פון אלע לענדער, איז אַלץ וואָס עס דיענט אויפצוהאַלטען, פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקערן דעם שטאַאַט, ווי געמיין דאָס זאָל ניט זיין פון רעליגיעזען שטאַנדפונקט, ווי נידערטרעכטיג דאָס זאָל ניט זיין פון שטאַנדפונקט פון דער מענשליכער מאָראַל, — איז גוט; און פאַרקעהרט, אַלץ וואָס איז אין געגענזאַץ צו די שטאַאַטס־אינטערעסען, כאָטש אין אַנדערע הינזיכטען מעג עס זיין די הייליגסטע און די מענשליך־גערעכטסטע זאַך, — איז שלעכט. אָט דאָס איז די ניט געפעלשטע מאָראַל און די אייביגע פראַקטיק פון אַלע שטאַאַטען.

אָט דאָס איז אַלזאָ די מאָראַל פון דעם שטאַאַט, וואָס איז באַזירט אויף דער טעאָריע פון אַ געזעלשאַפטליכען אָפּמאַך. לויט דעם דאָזיגען סיסטעם, האָבען גוטסקייט און גערעכטיגקייט אָנגעהויבען עקזיסטירן ערשט מיט דער שליסונג פון דעם אָפּמאַך, און זיי זיינען ניט עפּעס אַנדערש ווי דער אינהאַלט און דער ציעל פון קאָנטראַקט, ד. ה. דער אַלגעמיינער גליק און געזעלשאַפטליכע רעכט פון אלע אינדיווידומען, וואָס האָבען איהם געשלאָסען, איבערלאָזענדיג אָן אַ זייט אַלע די, וואָס האָבען ניט גענומען קיין אַנטייל אין שליסען דעם קאָנטראַקט. אונטער דעם וואָרט וואוילזיין ווערט דעריבער אין דעם דאָזיגען סיסטעם פאַרשטאַנען בלויז די העכסטע באַפרידיגונג פון דעם קאָלעקטיווען עגאָאיזם פון אַ ספּעציעלער און באַגרעניצטער אַסאָציאַציע, וועלכע, זייענדיג געגרינדעט אויף דער טיילווייזער אויפאָפּפערונג פון דעם אינדיווידועלען עגאָאיזם מצד יעדען איינעם פון

איהרע מיטגליעדער, שליסט אוים פון איהר קרייז אַלס פרעמדע און נאַטירליכע שונאים, אַ ריעזיגע מאַיאָריטעט פון מענשליכען מין, צי זיי געהען יאָ אָדער ניט אריין אין פונקט אַזעלכע אַסאָ־ציאַציעס.

די עקזיסטענץ פון אַ װעלכען עס איז איינציגען באַגרעניצטען שטאַאַט זעצט פאַראוים און, אין פאַל פון נויט, רופט ארוים די פאַרמירונג פון מאַנכע אַנדערע שטאַאַטען, מחמת עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז די אינדיווידומען, װעלכע געפינען זיך אויסערהאַלב דעם ערשטען שטאַאַט, װאָס שטעלט אין געפאַהר זייער עקזיס־טענץ און פרייהייט, זאָלען זיך אויך פאַראייניגען געגען איהם. און אַט אַזוי װערט די מענשהייט צושפּליטערט אויף אַן אומבאַשטימ־טער צאָהל שטאַאַטען, װעלכע זיינען פרעמד, פיינדליך און געפעהר־ליך אין די באַציהונגען פון איינעם צום אַנדערן. צװישען זיי איז ניטאָ קיין געמיינשאַפטליכער אָפּמאַך, עס איז ניטאָ קיין געמיינ־שאַפטליכער רעכט; װאָרים װען עס זאָל אַנדערש זיין, װאָלטען זיי דאָך אויפגעהערט צו זיין אַבסאָלוט איינע פון די אַנדערע אומאָפּ־העננגיגע שטאַאַטען און װאָלטען געװאָרען פאַראייניגטע טיילען פון איין גרויסען שטאַאַט. אויב אָבער אַט דער גרויסער שטאַאַט װעט נאָר ניט אריינגעהמען אין זיך די גאַנצע מענשהייט, װעט ער גע־גען זיך האָבען אַנדערע גרויסע, אינערליך פעדערירטע שטאַאַטען, װאָס װעלען זיך צו איהם נויטװענדיגערװייז באַציהען מיט דער־זעלבער פיינדליכקייט. מלחמה װעט אַלזאָ בלייבען דאָס העכסטע געזעץ און אַן אינערליכע נויטװענדיגקייט אין דעם לעבען פון דער מענשהייט.

יעדער שטאַאַט, צי זיין אינערליכע אָרדנונג איז אַ פעדעראַ־טיװע אָדער ניט, מוז שטרעבען, אונטער דער מורא פון אונטער־גאַנג, צו װערן דער מעכטיגסטער. ער מוז פאַרשלינגען, כדי ניט צו װערן פאַרשלונגען; ער מוז עראָבערן, כדי ניט צו װערן ער־אָבערט; ער מוז פאַרשקלאַפען, כדי ניט צו װערן פאַרשקלאַפט; מחמת צװיי גלייכע, נאָר אין דערזעלבער צייט געגענגעזעצטע קרעפ־טען קאָנען ניט עקזיסטירן, ניט פאַרליכטענדיג איינע די אַנדערע.

דער שטאַאַט איז אַלזאָ די העסליכסטע, די ציניששטע און די פולסטע פאַרלייקענונג פון דער מענשהייט. ער צערייסט די אַל־װעלטליכע סאָלידאַריטעט פון אַלע מענשען אויף דער ערד, און

פאראייניגט בלויז א טייל פון זיי מיט דעם צוועק צו פארניכטען, ערָאבערן און פארשקלאפען אלע איבעריגע. ער נעהמט אונטער זיין שוץ נאר זיינע אייגענע בירגער; ער אנערקענט מענשליכע רעכט, מענשליכקייט און ציוויליזאציע נאר אין זיינע אייגענע גרעניצען; ניט אנערקענענדיג קיין אנדער רעכט, אחוץ זיך אליין, נעהמט ער זיך לאגישערווייזע דאס רעכט פון דער גרויזאמסטער אוממענשליכקייט בנוגע צו אלע פרעמדע פעלקערשאפטען, וועלכע ער קאן לויט זיין אייגענעם ווילען בארויבען, פארניכטען און פארשקלאפען. אויב ער ווייזט ארויס אין זיינע באציהונגען צו זיי גרויסמוט און מענשליכקייט, איז דאס בשום אופן ניט אלס א געפיהל פון פליכט; ווייל פליכטען האט ער בלויז, ערשטענס, צו זיך אליין, און צווייטענס, צו די יעניגע פון זיינע מיטגליעדער, וועלכע האבען איהם פרייוויליג געגרינדעט, וועלכע האלטען איהם ווייטער פרייוויליג אויף, אדער אפילו צו די, ווי דאס פאסירט שטענדיג סוף כל סוף, וואס זיינען געווארן זיינע אונטערטאנען. *אזוי ווי קיין אינטערנאציאנאלער רעכט עקזיסטירט ניט, אזוי ווי עס קאן קיינמאל אויף אן ערנסטען און ווירקליכען אופן ניט עקזיסטירן, ניט אונטערגראבענדיג דעם סאמע יסוד פון פרינציפ פון דער אבסאלוטער סואווערעניטעט פון די שטאאטען*, קאן דער שטאאט ניט האבען וועלכע עס איז פליכטען אין באצוג צו פרעמדע פעלקערשאפטען. בכן, אויב ער באנעהמט זיך מענשליך מיט א באזיעגטען פאלק, אויב ער בארויבט איהם און פארניכטעט איהם נאר אויף א העלפט, אויב ער דערברענגט איהם ניט ביז דער לעצטער מדרגה פון שקלאפעריי, באגעהט ער זיך אזוי צוליעב פאליטיק, מעגליך צוליעב פארזיכטיגקייט, אדער צוליעב ריינער גרויסמוטיגקייט, אבער קיינמאל ניט אלס פליכט, — מחמת ער האט דאס אבסאלוטע רעכט צו הערשען איבער די באזיעגטע פעלקער לויט זיין אייגענעם ווילקיר.

די דאזיגע אבשייליכע פארלייקענונג פון דער מענשליכקייט, וואס איז דער עצם פון שטאאט, איז פון שטאאטליכען שטאנדפונקט די העכסטע פליכט און די גרעסטע טוגענד: זי טראגט דעם נאמען *פאטריאטיזם* און שטעלט צונויף *די גאנצע אי־*

בערזינליכע (טראנסצענדענטאלע) מאָ־ראל פון דעם שטאאט. מיר רופען זי איבערזינליכע מאָראל, מחמת געוועהנליך שטייגט זי אריבער דעם גראד פון דער מענשלי־כער, פערזענליכער מאָראל און געזעלשאפטליכער מאָראל און גערעכטיג־קייט, און דורך דעם גופא קומט זי אלץ אָפטער אין צוזאמענשטויס מיט זיי. אזוי צום ביישפּיעל ווערט באטראכט אלס א פארברע־כען צו באליידיגען, אונטערדריקען, רויבען, פּלינדערן, הרג'נען, פאר־קנעכטען דעם נאָהענטען, פון שטאנדפונקט פון דער געוועהנליכער מענשליכער מאָראל. פארקעהרט, אין געזעלשאפטליכען לעבען און פון שטאנדפונקט פון פאטריאָטיזם, ווען דאָס ווערט געטאָן פאר דעם גרויסען כבוד פון שטאאט, פאר דער אויפהאלטונג אָדער אויסברייטונג פון זיין מאכט, ווערט דאָס אלץ באטראכט פאר א פליכט און א טוגענד. און די דאָזיגע טוגענד, די דאָזיגע פליכט זיינען א מוז פאר יעדען בירגער־פאטריאָט; יעדערער איז זיי מחויב אויסצופיהרן, און נים נאָר קעגען אויסלענדער, נאָר אויך קע־גען זיינע אייגענע לאנדסלייט, וועלכע זיינען מיטגלידער און אונ־טערטאנען פון שטאאט, פונקט ווי ער, יעדעס מאָל ווען דער וואויל־זיין פון שטאאט פאָדערט עס.

דאָס דערקלערט אונז פארוואָס זינט די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען, ד. ה. זינט די שטאאטען זיינען אנטשטאנען, איז די פּאָליטישע וועלט תמיד געווען און איז אויך ווייטער פארבליבען די ארענא פון דער העכסטער שווינדלעריי און אומפארגלייכליכער רויבעריי, — וואָס ווערן נאָך דערצו זעהר הויך געשעצט, ווייל זיי זיינען פארגעשריבען פון פאטריאָטיזם, פון דער איבערזינליכער מאָראל און פון די העכערע אינטערעסען פון שטאאט. דאָס דער־קלערט אונז, פארוואָס די גאנצע געשיכטע פון די אמאָליגע און היינטיגע שטאאטען איז ניט מהער ווי א רייהע נידערטרעכטיגע פארברעכענס; פארוואָס קיסרים און מיניסטאָרן אין דער פאר־גאנגענהייט און אין דער געגענווארט, אין אלע צייטען און אין אלע לענדער: שטאאטסמענער, דיפּלאָמאטען, ביוראָקראטען און מי־ליטאריסטען, ווען מען זאָל זיי אורטיילען פון שטאנדפונקט פון איינפאכער מאָראל און מענשליכער גערעכטיגקייט, האָבען הונ־דערט מאָל, טויזענד מאָל פארדיענט די תליה אָדער קאטאָרגע; וואָרים עס זיינען ניטאָ קיין שווערליכקייטען, קיין אכזריות'ן,

קיין שווינדלערייען, קיין באַטרוגען, קיין נידעריגע שפּיצלעך, קיין חוצפּה'דיגע גנבות, קיין שענדליכע רויבערייען און קיין שמוציגע פּאַררעטען, וואָס זאָלען יעדען יאָהר כסדר ניט באַגאַנגען ווערן פון די פאַרשטעהער פון שטאַאַט, אָהן וועלכער עס איז אַנדער אַנטשולדיגונג, אַחוץ דעם עלאַסטישען, אַזוי באַקוועמען און צו־גלייכער צייט אַזוי שוידערליכען וואָרט: שטאַאַטס־אינ־טערעסען.

אָן אמת שוידערליך וואָרט! ער האָט פאַרדאָרבען און דע־מאָראַליזירט אַ גרעסערע צאָהל פּערזאָנען אין די אָפיציעלע ספערן און אין די הערשענדע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, ווי דאָס קריסטענטום אַליין. ווי נאָר דאָס דאָזיגע וואָרט ווערט אַרויס־געזאָגט, ווערט אַלץ פאַרשטומט, אַלץ פאַרשוואונדען: געוויסענ־האַפטיגקייט, ווירדע, גערעכטיגקייט, רעכט, אפילו דער רחמנות אַליין, און צוזאַמען מיט זיי די לאָגיק און דער שכל הישר; פון שוואַרץ ווערט ווייס און פון ווייס שוואַרץ; דאָס אָבשייליכסטע ווערט מענשליך, און דער נידערטרעכטיגסטער באַטרוג, די שוי־דערליכסטע פאַרברעכענס ווערן מעשים־טובים.

דער גרויסער איטאַליענישער פילאָזאָף און פּאָליטיקער, מאַ־קיאַוועלי, איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דאָס דאָזיגע וואָרט אַרויסגעבראַכט, אָדער לפּחות דער ערשטער, וואָס האָט צו איהם צוגעלעגט זיין איצטיגע באַדייטונג און די גרויסע פּאָפּו־לאַריטעט, וואָס ער האָט נאָך ביז היינט אין די הערשענדע קרייזען. דער רעאַליסטישסטער און פּאָזיטיוויסטישסטער פון אַלע דענקער, מאַקיאַוועלי, האָט דער ערשטער באַגריפען, אַז גרויסע און מעכטיגע שטאַאַטען קאָנען געגרינדעט און אויפגעהאַלטען ווערען נאָר דורך פאַרברעכענס, — דורך אַ סך גרויסע פאַרברעכענס און דורך דער העכסטער פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס מען רופט עהרליכקייט. ער האָט דאָס באַשריבען, דערקלערט און באַוויזען מיט אַ שרעקליכער אָפענהערציגקייט. און אַזוי ווי די אידעע פון מענשליכקייט איז נאָך דעמאָלט געווען אינגאַנצען אומבאַוואוסט; אַזוי ווי די אי־דעע פון ברידערליכקייט, ניט מענשליכע, נאָר רעליגיעזע, וואָס ווערט געפּרעדיגט פון דער קאַטוילישער קירכע, איז צו יענער צייט ווי אַלעמאָל געווען ניט מעהר ווי אַ שרעקליכע איראָניע, וועלכע די קירכע אַליין פלעגט אַלע ווײַלע אויפדעקען מיט איהרע מאַסרע־

געלען; אזוי ווי אין דער צייט פון מאקיאוועלי וואלט גאר אפילו קיינעם אויפ'ן געדאנק ניט געקומען, אז עס עקזיסטירט עפעס אזוינס ווי פאלקס־רעכט, מחמת די פעלקער זייגען תמיד באטראכט געוואָרן אלס א פוילע און טעמפּע מאסע, וואס איז פאר'משפט אייביג צו געהארכען, אלס עפּעס א מין סארט פלייש פאר די שטאאטען, אלס א געגענשטאנד צום שינדען און שערען; אזוי ווי אין ערנעץ, ניט אין איטאליע גופא, ניט אויסער איהר, איז ניט געווען אזוינס, וואס זאל זיין העכער פון דעם שטאאט, — האָט מאקיאוועלי מיט גרויס לאגיק באשלאסען, אז דער שטאאט איז דער העכסטער ציעל פון דער גאנצער מענשליכער עקזיסטענץ, אז מען מוז איהם דיענען אונטער אלע אומשטענדען, און אז א גוטער פאטריאט דארף זיך ניט אפּשטעלען פאר קיין פארברעכען, דיענענדיג איהם, ווייל די אינטערעסען פון שטאאט וועגען אלצ־דינג אריבער. מאקיאוועלי ראט צו באגעהן פארברעכען, ער שרייבט פאר און דערקלערט, אז דאס איז א נויטוועגדיגער באַ־דינג פון פאליטישער וויזהייט און אמת'ען פאטריאטיזם. צי דער שטאאט רופט זיך מאנארכיע אדער רעפּובליק, אלץ איינס נויטיגט ער זיך אין פארברעכען פאר זיין טריאומף און פאר זיין עקזיסטענץ. דאס פארברעכען, פארשטעהט זיך, וועט בייטען די ריכטונג און דעם צוועק, אבער דער כאראקטער וועט פארבלייבען דערזעלבער. דאס וועט שטענדיג זיין דער מעכטיגער, אומאויפ־הערליכער טרעטען אויף דער גערעכטיגקייט, רחמנות און עהרליכ־קייט צו גונסטען דעם ווילען פון שטאאט.

יא, מאקיאוועלי איז גערעכט; נאך די דריי און א האלב יאהרהונדערטען פון ערפאהרונג, וואס זיינען פארבונדען מיט זיין עקספּערימענט, קאנען מיר אין דעם ניט צווייפלען. יא, די גאנצע גע־שיכטע דערצעהלט דאס אונז: די קליינע שטאאטען זיינען צדיקים, בלויז א דאנק זייער שוואכקייט, די מעכטיגע שטאאטען אבער ווערן אויפגעהאלטען נאר דורך פארברעכען. ניט מעהר, אונזער שלום וועט זיין א גאנץ אנדערער, ווי מאקיאוועלי פיהרט אויס, און צוליעב א גאנץ איינפאכער אורזאך: מיר זיינען קינדער פון דער רעוואלוציע און מיר האבען פון איהר געקראגען בירושה די רעליגיע פון דער מענשהייט, וועלכע מיר מוזען אויפשטעלען אויף די חורבות פון דער רעליגיע פון דער גאטהייט; מיר גלויבען אין

די מענשליכע רעכט, אין דער ווירדע און דער אומבאדינגטער באפרייאונג פון מענשליכען מין; מיר גלויבען אין דער מענשליכער פרייהייט און אין דער מענשליכער ברידערליכקייט, וואס איז געגרינדעט אויף דער מענשליכער גערעכטיגקייט. — מיט איין ווארט, מיר גלויבען אין דעם נצחון פון דער מענשהייט אויף דער ערד. אבער אט דער טריאומף, וועלכען מיר רופען מיט אונזער וואונש, וועלכען מיר סטארען זיך צו דערנעהנטערן מיט פאראייניגטע כחות איז, לויט זיין כאראקטער גופא, די פארניינונג פון דעם פארברעכען, וועלכער איז בעצם ניט קיין אנדער זאך, ווי די פארניינונג פון מענשליכקייט. דער טריאומף פון דער מענשהייט קאן אלזא נאר דאן פארווירקליכט ווערן, ווען דער פארברעכען וועט אויפהערן צו זיין דאס, וואס ער איז היינט כמעט אומעטום: **דער הויפט־יסוד פון דער פאליטישער עקזיסטענץ פון די נאציאנען, וואס זיינען פארשלונגען און פארשקלאפט פון דער שטאאטס־אידעע.** — און אזוי ווי איצט איז שוין באוויזען, אז קיין שטאאט קאן ניט עקזיסטירן, ניט באגעהענדיג קיין פארברעכענס, אדער לפחות ניט טראכטענדיג און קלערענדיג ווי אזוי זיי דורכצופיהרן, — אויב ער איז ניט בכח צוליעב שוואכקייט זיי דורכצופיהרן אין דער ווירקליכקייט, — קומען מיר היינט צום שלוס, **אז עס איז אומבאדינגט נויטיג צו פארניכטען די שטאאטען**, אדער, אויב דאס וועט זיין צופרידענשטעלענדער, זיי פאלשטענדיג און גרינדליך איבערבויען אזוי, אז זיי זאלען אויפהערן צו זיין צענטראליזירטע און ארגאניזירטע מלוכות פון אויבען ארונטער, נעגרינדעט אויף גוואלט אדער אויף דער אויטאריטעט פון וועלכען עס איז פרינציפ, נאר זיי זאלען, פארקעהרט, פון דאס ניי ארגאניזירט ווערן פון אונטען נאך אויבען, מיט דער אבסאלוטער פרייהייט פאר אלע טיילען זיך צו פאראייניגען אדער ניט צו פאראייניגען און איבערלאזען די פרייהייט צו יעדען טייל ער זאל קאנען צו יעדער צייט ארויסטרעטען פון דער דאזיגער פאראייניגונג, אפילו ווען ער איז אין איהר אריינגעקומען מיט זיין אייגענעם גוטען ווילען; אז זיי זאלען ווערן רעארגאניזירט אין איינקלאנג מיט די ווירקליכע אינטערעסען און נאטירליכע שטרעבונגען פון אלע טיילען, דורך דער פרייער

פעדערירונג פון אלע אינדיווידומען אין אסאציאציעס, קאמונעס און ראיאנען, פראווינצען און נאציאנען אין איין גאנצער מענשהייט.

אט דאס זיינען די שלוסען צו וועלכע עס מוז אונז פיהרען אן אונטערזוכונג פון די אויסערליכע באציהונגען אפילו פון דעם אזוי גערופענעם פרייען שטאאט צו די אנדערע שטאאטען. ווייטער וועלען מיר זעהן, אז דער שטאאט, וועלכער איז באזירט אויף דעם געטליכען רעכט אדער אויף דער רעליגיעזער סאנקציע, קומט אויך פאלשטענדיג צו דיזעלבע רעזולטאטען. לאמיר איצט באטראכטען די באציהונגען פון דעם שטאאט, וואס איז באגרינדעט אויף דעם פרייען קאנטראקט, צו זיינע אייגענע בירגער אדער אונטערטאנען.

מיר זעהען, אז ארויסווארפענדיג א גרויסע מערהייט פון דעם מענשליכען מין פון זיין מיטען, אז אוועקשטעלענדיג זיי אויסער דער ספערע פון זיינע פארפליכטונגען, אויסער דעם קרייז פון זיין מאראל, גערעכטיגקייט און רעכט, פארווארפט דער שטאאט די מענשליכקייט און דורך דעם געפליגעלטען ווארט: פאטריאטיזם, פארפליכטעט ער זיינע אונטערטאנען צו אומגערעכטיגקייט און אכזריות, ווי צו דער העכסטער פליכט. ער באשרענקט, האקט ארום און טויטעט-אפ אין זיי די מענשליכקייט, כדי אויפהערענדיג צו זיין מענשען זאלען זיי ווערן בלויז בירגער, אדער — פון שטאנדפונקט פון דער היסטארישער אויסגעהאלטענקייט פון די פאקטען וועט זיין ריכטיגער געזאגט, — כדי זיי זאלען ניט אריבערוואקסען די מדרגה פון א בירגער, זיי זאלען ניט דערגרייכען צו דער הויכקייט פון א מענשען. — מיר האבען אויך געזעהן, אז יעדער שטאאט, אוים מורא ער זאל ניט אונטערגעהן און פארשלונגען ווערן פון די שכנ'ישע שטאאטען, מוז שטרעבען צו מאכט; און ווערענדיג מעכטיג, מוז ער באזיעגען אנדערע שטאאטען. דער וואס רעדט וועגען באזיעגען, רעדט אויך וועגען באזיעגטע, אונטערדריקטע און פארשקלאפטע פעלקער, אונטער וואס פאר א פארם אדער נאמען דאס זאל ניט געטאן ווערן. שקלאפעריי איז דעריבער אן אומפארמיידליכער פועל-יוצא פון דער עקזיסטענץ פון שטאאט.

די שקלאפעריי קאן בייטען איהרע פארמען און איהר נאמען, אבער דער תוך איהרער בלייבט אומפארענדערט. דער דאזיגער תוך ווערט אויסגעדריקט אין די פאלגענדע ווערטער: ז י י ן

א שקלאף הייסט זיין געצוואונגען צו ארבייטען פאר א צווייטען, — פונקט ווי זיין א האר הייסט באנוצען זיך מיט דעם צווייטענ׳ס ארבייט. אין דער אלטער וועלט, פונקט ווי איצט אין אזיע, אין אפריקא, און אפילו טיילווייז נאך אין אמעריקא, האבען שקלאפען זיך דירעקט גערופען שקלאפען. אין מיטעלאלטער האבען זיי געקראגען דעם נאמען: לייב־אייגענע, און אין דער איצטיגער צייט רופט מען זיי: געדונגענע. די לאגע פון די לעצטע איז א פיעל ווירדיגערע און ניט אזא שווערע, ווי די לאגע פון די שקלאפען, נאר פונדעסטוועגען זיינען זיי אלץ געצוואונגען דורך הונגער, ווי אויך דורך פאליטישע און סאציאלע אינסטיטוציעס צו טאן גאנץ שווערע ארבייט, כדי צו געבען אנדערע א מעגליכקייט צו פיהרען א לעבען פון פאלשטענדיגער אדער פארהעלטניסמעסיגער אומטעטיגקייט. פאלגליך זיינען זיי שקלאפען. און בכלל, וואלט קיין איינציגער שטאאט, סיי אמאליגער סיי היינטיגער, זיך ניט געקאנט באגעהן אהן דער געצוואונגענער ארבייט פון די געדונגענע און פארשקלאפטע מאסען, אלס ערשטער און ווירקליך נויטווענדיגער באדינג פאר דער פרייער צייט, פרייהייט און אויסבילדונג פון דעם פאליטישען קלאס בירגער. אין דער הינזיכט זיינען אפילו די פאראייניגטע שטאאטען פון נארד אמעריקא קיין אויסנאהם ניט.

אט דאס זיינען די אינערליכע באדינגונגען פון דעם לעבען פון שטאאט, וועלכע זיינען א נויטווענדיגער רעזולטאט פון זיין אויסערליכער לאגע, ד. ה. פון זיין נאטירליכער, שטענדיגער און אומפארמיידליכער פיינדליכקייט בנוגע צו אלע אנדערע שטאאטען. לאמיר איצט באטראכטען, וואס זיינען עס פאר באדינגונגען, וועלכע קומען דירעקט ארויס פאר די מיטבירגער פון דעם פרייען אפמאך, אויף וועלכען זיי באזירען דעם שטאאט.

די אויפגאבע פון דעם שטאאט ווערט ניט באשרענקט מיט דעם אויפפאסען אויף דער זיכערקייט פון זיינע מיטגלידער קעגען אלע אויסערליכע אנפאלען, ער מוז זיי נאך אויך אין דעם אינערליכען לעבען באשיצען איינעם פון אנדערן און יעדערן פון זיך אליין. ווארים דער שטאאט, — און דאס איז זיין כאראקטעריסטישער און גרונד־שטריך, — יעדער שטאאט,

ווי יעדע טעאָלאָגיע, איז באזירט אויף דער השערה, אז דער מענש איז בעצם בייז און שלעכט. אין דעם שטאאט, וואָס מיר באַטראַכטען איצט, הויבט זיך דאָס גוטע ערשט אָן, ווי מיר האָבען געזעהן, מיט דער שליסונג פון דעם שטאאטליכען אָפּמאַך און איז פאָלגליך ניט מעהר ווי דער פּועל־יוצא פון דעם דאָזיגען אָפּמאַך, און זאָגאר זיין אינהאַלט. גוטס איז ניט קיין פּראָדוקט פון פרייהייט. פאַרקעהרט, כל זמן מענשען בלייבען אָפּגעזונדערט אין זייער אבסאָלוטער אינדיווידואַליטעט, געניסענדיג זייער פולע נאַטירליכע פרייהייט, ניט וויסענדיג קיין אַנדער גרעניץ אחוץ די גרעניצען פון מעגליכקייט, און ניט פון רעכט, אזוי לאַנג באַליידיגען זיי איינער דעם אַנדערן, באַ׳גנב׳ענען זיך געגענזייטיג, רויבען, מאָרדען און פארשלינגען, יעדער לויט דער מדרגה פון זיין שכל, זיין כיטרעקייט, זיינע מאַטעריעלע כחות, פונקט ווי עס טוען, ווי מיר האָבען עס שוין געזעהן, אין דער היינטיגער צייט די שטאאטען. — די מענשליכע נאַטור שאַפט, אלזאָ, בטבע ניט קיין ג ו ט ס, נאָר ש ל ע כ ט ס; דער מענש איז בטבע שלעכט. ווי אזוי ער איז אזוי געוואָרען? דאָס צו דערקלערן איז א זאַך פאַר דער טעאָלאָגיע. דער פאַקט איז, אז בעת דער שטאאט אַנטשטעהט, געפינט ער שוין דעם מענשען שלעכט און ער נעהמט זיך צו מאַכען איהם גוט, ד. ה. איבערשאַפען דעם נאַטירליכען מענשען אין א בירגער.

אויף דעם קאָן מען ענטפערן, וויבאלד דער שטאאט איז דער פּראָדוקט פון דעם פריי־געשלאָסענעם אָפּמאַך, און גוטס איז דער פּראָדוקט פון שטאאט, פאָלגליך איז עס א פּראָדוקט פון פרייהייט! אזאַ אויספיהר איז לחלוטין ניט ריכטיג. דער שטאאט, אפילו לויט אָט דער טעאָריע, איז ניט קיין פּראָדוקט פון פרייהייט, נאָר פאַרקעהרט, פון דער אויפאָפּפערונג און דעם פרייוויליגען אָפּזאָגען זיך פון דער פרייהייט. מענשען אין נאַטירליכען צושטאַנד זיינען פאָלשטענדיג פריי פון שטאַנדפּונקט פון ר ע כ ט, אָבער א י ן ד ע ר ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט זיינען זיי אונטערוואָרפען אַלע געפאַהרען, וואָס שטעלען יעדע מינוט אין סכנה זייער לעבען און זיכערקייט. און דערפאַר, כדי צו ראַטעווען און פאַרזיכערן די לעצטע, זיינען זיי מקריב, זאָגען זיי זיך אָפּ פון א גרעסערן אָדער קלענערן טייל פון זייער פרייהייט, און אויף וויפיעל זיי האָבען

געפּאַפּערט מיט דער פרייהייט צוליעב זייער זיכערהייט, אויף וויפיעל זיי זיינען געוואָרן בירגער, אויף אַזויפיעל זיינען זיי געוואָרן שקלאַפען פון שטאַאט. דעריבער זיינען מיר גערעכט, ווען מיר באַהויפּטען, אַז פון שטאַנדפּונקט פון שטאַאט, איז גוטס ניט קיין פּראָדוקט פון פרייהייט, נאָר פאַרקעהרט, פון דער פאַרלייקענונג פון פרייהייט.

איז עס ניט וואונדערליך די דאָזיגע עהנליכקייט צווישען דער טעאָלאָגיע — די לעהרע פון דער קירכע, און דער פּאָליטיק — די טעאָריע פון דעם שטאַאט? איז עס ניט וואונדערליך די דאָזיגע צונויפטרעפונג פון אַזעלכע צוויי אויסערליך פאַרשיידענע סאָרטען געדאַנקען און פאַקטען אין איין און דערזעלבער איבערצייגונג: וועגען דער נויטווענדיגקייט מקריב צו זיין די מענשליכע פרייהייט, כדי איינצופלאַנצען אין די מענשען מאָראַליטעט און זיי איבערמאַכען, אין איינקלאַנג מיט דער קירכע — פאַר היילינע, און אין איינקלאַנג מיט'ן שטאַאט — פאַר טוגענדהאַפטע בירגער? — וואָס אונז אַנבאַלאַנגט, וואונדערן מיר זיך נאָרניט אויף דעם, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, און מיר וועלען דאָס שפּעטער זוכען צו באַווייזען, אַז פּאָליטיק און טעאָלאָגיע זיינען צוויי שוועסטער, וועלכע האָבען איין אָפּשטאַמונג און פאַרפאָלגען איין ציעל אונטער פאַרשיידענע נעמען; אַז יעדער שטאַאט איז אַן ערדישע קירך, פּונקט ווי יעדע קירך פון איהר זייט, מיט איהר הימעל, וואו עס האַלטען זיך אויף איהרע היילינע און אומשטערבליכע געטער, איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי א הימעלשער שטאַאט.

אַלזאָ, דער שטאַאט, אַזוי ווי די קירך, געהט ארויס פון יענער פונדאַמענטאַלער השערה, אַז די מענשען זיינען בעצם שלעכט, און אַז ווען מען זאָל זיי איבערלאָזען צו זייער נאַטירליכער פרייהייט, וואָלטען זיי איינער דעם אַנדערן צוריסען און זיי וואָלטען געוויזען א ספּעקטאַקעל פון דער שרעקליכער אַנאַרכיע, וואו די שטאַרקסטע וואָלטען דער'הרג'עט אָדער עקספּלואַטירט די שוואַכסטע. איז עס דען ניט אמת, אַז דאָס וואָלט געווען עפּעס גאָר גאַנץ

אנדערש, ווי דאָס וואָס קומט היינט פאָר אין אונזערע מוסטערהאפטע שטאאטען? אחוץ דעם שטעלט די שטאאטס־טעאָריע אויף אלס פרינציפ דעם טעזיס, אַז כדי איינצושטעלען א געזעלשאפטליכע אָרדנונג איז נויטיג א העכערע מאכט, אַז כדי צו באהערשען די מענשען און צו אונטערדריקען זייערע שלעכטע תאוות, איז נויטיג אַ הערשער און אַ צוים; אָבער אַז די דאָזיגע מאכט דאַרף געהערן צו דעם געניאלען און טוגענדהאפטען,* צו דעם געזעצגעבער פון זיין פאָלק, ווי משה, ליקורג און סאָלאָן, און אַז דעמאָלט וועט דער דאָזיגער פיהרער און די דאָזיגע צוים פארקערפערן אין זיך די חכמה און די שטראָפענדע מאכט פון שטאאט.

אין נאָמען פון דער לאָגיק וואָלטען מיר גאנץ גוט געקאָנט באשטרייטען די גילטיגקייט פון א געזעצגעבער, מחמת אין אונזער איצטיגער באטראכטונג פון דעם סיסטעם האנדעלט זיך עס ניט וועגען א קאָדעקס פון געזעצען, וואָס ווערט ארויפגעצוואונגען דורך וועלכער עס איז מאכט, נאָר וועגען א געגענזייטיגען אָפּמאַך, וואָס איז פריי געשלאָסען געוואָרן פון די פרייע גרינדער פון שטאאט. און אזוי ווי די דאָזיגע גרינדער, לויט דעם סיסטעם וואָס מיר באטראכטען, זיינען געוועזען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי ווילדע, וועלכע האָבען ביז יענער צייט געלעבט אין דער פולסטער נאַטירליכער פרייהייט, און פאָלגליך האָבען זיי געמוזט ניט וויסען דעם אונטערשייד צווישען גוטס און שלעכטס, וואָלטען מיר געקאָנט פרעגען, ווי אזוי זיינען זיי פלוצלינג געוואָרן ביכולת זיי צו אונטערשיידען און אָפּטיילען? אמת, מען קען אונז ענטפערן, אַז די ווילדע האָבען לכתחילה געשלאָסען זייער געגענזייטיגען אָפּמאַך מיט דעם איינציגען ציעל זיך צו זיכערן קעגען געפאהרן; דעריבער איז דאָס וואָס זיי האָבען אָנגערופען ג ו ט ס ניט געוועזען קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פארפליכטענדע אויפפיהרונג, וואָס איז באשטימט געוואָרן אין די ווייניגע פונקטען פון זייער אָפּמאַך, ווי צום ביישפיעל: ניט צו הרג'ענען איינער דעם אנדערן, ניט צו רויבען דאָס פאַר־

---

* דאָס איז דער אידעאַל פון מאַדזיני. — זעה Doveri dell nomo (Napoli 1860) p. 83 און Pio IX Papa, p. 27.

„מיר גלויבען אַז די העכערע מאַכט איז הייליג, ווען זי איז געהייליגט דורך געניאַליטעט און טוגענד, מיט די איינציגע פריסטער פון דער צוקונפט, און אַרויסצייגענדיג אין זיך די גרויסע קראַפט צו אָפּפערן, פרעדיגט זי דאָס גוטע און פיהרט פרייוויליג דערצו אויף אַ דויטליכען אופן"...

מעגען איינע ביי די אַנדערע און צו שטיצען איינער דעם אַנדערן געגען אַלע אָנפאַלען, וואָס ווערן געמאַכט פון דרויסען. נאָר אַלס רעזולטאַט דערפון האָט דער געזעצגעבער, דער געניאַלער און טוגענד־האַפטער מענש, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין דעם קרייז פון אַ שוין איינגעשטעלטער חברותא און איז דעריבער שוין געווען ביז אַ געוויסען גראַד דערצויגען אין איהר גייסט, שפּעטער געקאָנט אויס־ברייטען און פאַרטיעפען די באַדינגונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען און אויף אַזאַ אופן באַשאַפען דעם ערשטען קאָדעקס פון מאָראַל און געזעצען.

אַנטשטעהט אָבער באַלד אַן אַנדער פראַגע. לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ מענש, באַגאַבט מיט אומגעוועהנליכער גאונות און געבאָרן אין דער גאָר אוראַלטער געזעלשאַפט, איז געווען ביכולת, מיט דער הילף פון דער גאַנץ רויהער ערציהונג, וואָס ער האָט געקראָגען אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט, און אַ דאַנק זיין גאונות צו באַשאַ־פען אַ קאָדעקס פון מאָראַל. אָבער ווי אַזוי האָט ער געקאָנט פועל'ן, אַז זיין פאָלק זאָל זיין קאָדעקס אָננעהמען? מיט דער איינציגער קראַפט פון לאָגיק? — דאָס איז אוממעגליך. די לאָגיק ענדיגט תמיד מיט דעם, וואָס זי טריאומפירט אפילו איבער די פאַרגרעבטעסטע מוחות; אָבער דערויף פאָדערט זיך אַ סך מעהר צייט, ווי דער קורצער לעבען פון איין מענשען, און האָבענדיג צו טאָן מיט ווניג אַנטוויקעלטע מוחות, וואָלט זיך אפשר דערצו גע־פאָדערט עטליכע יאָהרהונדערטען. מיט דער הילף פון מאַכט, פון צוואַנג? וועט דאָך דאָס שוין אָבער ניט הייסען אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט אויף אַ פרייען אָפּמאַך, נאָר אויף עראָבערונג און פאַרשקלאַפונג. אַזאַ השערה וועט אונז פיהרען דירעקט צו די ווירקליכע היסטאָרישע געזעלשאַפטען, אין וועלכע אַלע זאַכען דערקלערן זיך, אמת, אַ סך נאַטירליכער, ווי אין די טעאָריעס פון אונזערע ליבעראַלע עקאָנאָמיסטען; אָבער אַזאַ שטודיום און פאָרשונג וועט ניט נאָר ניט דיענען פאַר דער פאַרהערליכונג פון שטאַאַט, וועגען וואָס עס זאָרגען אַזוי שטאַרק די דאָזיגע הערן, נאָר פאַרקעהרט, זיי וועלען אונז צווינגען, ווי מיר וועלען דאָס שפּעטער זעהן, אַז מיר זאָלען ווינשען, ער זאָל אַזוי גיך ווי מעגליך אינגאַנצען און גרינדליך פאַרניכטעט ווערן.

עס בלייבט נאָך אַ דריטער מיטעל, דורך וועלכען דער גרויסער

געזעצגעבער וואָלט געקאָנט צווינגען זיינע מיטבירגער, אַז זיי זאָלען אָננעהמען זיין קאָדעקס, און דאָס איז די געטליכע אויטאָריטעט. און באמת זעהען מיר טאַקע, אַז די גרעסטע פון די באַוואוסטע געזעצגעבער, פון משה ביז מחמד איינגעשלאָסען, האָבען זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיגען מיטעל. דאָס איז אַ זעהרווירקזאַמער מיטעל ביי די פעלקער, וואו די אמונה און דער רעליגיעזער גע־פיהל האָבען נאָך אַ גרויסען איינפלוס. אָבער אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם דאָזיגען מיטעל, איז דאָך שוין מעהר ניט קיין געזעלשאַפט וואָס איז געגרינדעט אויף אַ פרייען אָפמאַך. זייענדיג געגרינדעט אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון דעם געטליכען רצון, וועט דאָס אומפאַרמיידליך זיין אַ טעאָקראַטישער, אַ מאָנאַרכיסטישער אָדער אַן אַריסטאָקראַטישער שטאַאַט, אָבער באין אופן ניט קיין דעמאָקראַטישער. און אַזוי ווי מיט געטער קאָן מען זיך ניט דינגען, מחמת זיי זיינען פונקט אַזוי מעכטיג ווי דעספאָטיש, וועט אויסקומען אָנצונעהמען בלינדערהייט אַלץ, וואָס זיי זאָלען ניט אַרויפלייגען און אום יעדען פרייז זיך אונטער־וואַרפען זייער ווילען. עס פאָלגט דערפון, אַז אין דער געזעצגעבונג, וואָס איז דיקטירט פון גאָט, איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר פרייהייט. מיר וועלען דעריבער צוליב לאָזען די השערה (זאָנסט גאַנץ ריכ־טיגע) וועגען דער גרינדונג פון דעם שטאַאַט דורך אַ דירעקטען אָדער אינדירעקטען איינפלוס און, צוזאָגענדיג צו באַטראַכטען זי שפּעטער, וועלען מיר זיך איצט אומקעהרען צו דער אונטערזוכונג פון דעם פרייען שטאַאַט, וועלכער איז געגרינדעט אויף דעם פרייען קאָנטראַקט. אמת, מיר זיינען געקומען צו דער איבער־ציוגונג, אַז עס איז אַבסאָלוט אוממעגליך צו דערקלערן די ווידער־שפרוכען אין דעם פאַקט גופא פון אַ געזעצגעבונג, וואָס איז גע־שאַפען געוואָרן דורך דער געניאַליטעט פון אַן איינציגען מענשען און איז איינשטימיג פראָקלאַמירט און פרייוויליג אָנגענומען גע־וואָרן פון אַ גאַנצען פאָלק פון ווילדע, אַזוי אַז דער געזעצגעבער זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צו רויהער קראַפט אָדער צו וועלכען עס איז געטליכען באַטרוג; אָבער מיר זיינען צופרידען צו דערלאָזען אַזאַ וואונדער, און מיר בעטען איצט אַן ערקלערונג פאַר אַ צווייטען וואונדער, וועלכער איז ניט גרינגער צו פאַרשטעהן ווי דער ערשטער: אָנגענומען, אַז דער נייער קאָדעקס פון זיטליכקייט און געזעצען איז

פראקלאמירט און איינשטימיג אנגענומען געווארן, ווי אזוי אבער ווערט ער איינגעפיהרט אין דער פראקטיק, אין לעבען? ווער פאסט אויף, אז ער זאל אויסגעפיהרט ווערן?

קאן מען דען זיך פארשטעלען, אז נאך דער איינשטימיגער אננעהמונג זיינען אלע, אדער זאל זיין דער גרעסטער טייל פון די ווילדע, וועלכע האבען צונויפגעשטעלט די אוראלטע געזעל־שאפט און וועלכע זיינען ביז דער פראקלאמירונג פון דער נייער געזעצגעבונג געווען אינגאנצען פארזונקען אין דער טיעפסטער אנארכיע, פלוצלינג אלע מיט אמאל, דורך דער איינציגער פראָ־קלאמירונג און פרייער אננעהמונג, אזוי איבערגעאנדערשט געווארן, אז פון זייער איינענער איניציאטיווע, אהן וועלכער עס איז אנדערער באוועגענדער אורזאך, נאר מיט זייער אייגענער איבערציינונג, זאלען זיי געוויסענהאפט און אויפריכטיג אויספיהרען אלע פאר־שריפטען און געזעצען, וואס ווערן אויף זיי ארויפגעלעגט פון א מאראל, וואס זיי האבען ביז דאן ניט געקענט?

צו דערלאזען די מעגליכקייט פון אזא נס, וואלט געהייסען דאס אייגענע ווי צו אנערקענען אז דער שטאאט איז נוצלאז, ווי צו־געבען, אז דער נאטירליכער מענש איז פעהיג צו פארשטעהן, פאר־לאנגען און טאן גוטס, דורך דעם איינציגען טריב פון זיין אייגע־נער פרייהייט, און דאס וואלט געווען אינגאנצען להיפוך סיי דער טעאריע פון דעם אזוי גערופענעם פרייען שטאאט, סיי דער טעאריע פון א רעליגיעזען אדער געטליכען שטאאט. ביידע זיינען זיי באגרינדעט אויף דער השערה, אז דער מענש איז אומפעהיג צו דערהויבען זיך צו גוטס און עס טאן לויט זיין אייגענעם, נאטיר־ליכען טריב. ווארים לויט די דאזיגע טעאריעס ציהט אט דער טריב אומווידערשטעהליך און שטענדיג דעם מענשען צו שלעכטס. דעריבער לערנען אט די ביידע טעאריעס, אז כדי צו פארזיכערן די אפהיטונג פון די פרינציפען און דורכפיהרונג פון די געזעצען אין וועלכער ניט איז מענשליכער געזעלשאפט, איז נויטיג, אז בראש פון דעם שטאאט זאל שטעהן א וואכזאמע, א ריגיערענדע און, ווען נויטיג, א באשטראפענדע מאכט. עס פרעגט זיך בלויז, ווער קאן און דארף זיך מיט איהר באנוצען?

וואס איז שייך א שטאאט, וועלכער איז געגרינדעט אויף דעם געטליכען רעכט און דורך דער אריינמישונג פון א וועלכען עס איז

גאָט, איז דער ענטפער אַ גאַנץ גרינגער: די מאַכט דאַרף געהערן, צוערשט צו די גייסטליכע, דערנאָך צו דער וועלטליכער מאַכט, וואָס איז געהייליגט פון די גייסטליכע. אָבער אַ סך שווערער איז צו ענטפערן, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם טעאָרעטישען באָדען פון אַ שטאַאט, וואָס איז געגרינדעט אויף אַ פרייען קאָנטראַקט. און באמת, אין אַן עכטער דעמאָקראַטיע, וואו עס הערשט פרייהייט, ווער זשע זאָל זיין דער שומר און דער אויספיהרער פון די געזעצען, דער באשיצער פון גערעכטיגקייט און געזעלשאַפטליכער אָרדנונג קעגען די שלעכטע תאוות פון יעדען? — יעדער איינער אָנער־קענט זיך דאָך אַלס אומפעהיג צו באַהערשען און באַצווינגען זיך אליין אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס איז נויטיג פאַר דעם וואוילזיין פון שטאַאט, מחמת די פרייהייט פון יעדען איינעם האָט אַ נייגונג צו שלעכטס, — טאָ ווער זשע וועט דורכפיהרען די פאַר־פליכטונגען צום שטאַאט?

מען וועט זאָגען: די גאָר בעסטע פון די בירגער, די גאָר קליגסטע און די אָרענטליכסטע, די וואָס וועלען פאַרשטעהן בעסער ווי די איבעריגע די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט, אַז עס איז אַ נויטווענדיגקייט און אַ פליכט פאַר יעדען איינ־ציגען צו שטעלען זיי העכער פון זיינע פריוואַטע אינטערעסען. עס איז ווירקליך נויטיג, אַז די דאָזיגע מענשען זאָלען זיין קלוג, אַזוי גוט ווי אָרענטליך, וואָרים אויב זיי זאָלען זיין בלויז קלוג און ניט אָרענטליך, וואָלטען זיי געקענט מאַכען אַז די געזעל־שאַפטליכע עסקים זאָלען דיענען זייערע פערזענליכע אינטע־רעסען; און אויב זיי זאָלען זיין בלויז אָרענטליך און ניט קלוג, וואָלטען זיי אונפאַרמיידליך געמוזט פיהרען די געזעלשאַפטליכע עסקים צו אַ דורכפאַל. אַלזאָ, כדי אַ רעפּובליק זאָל ניט אונטער־געהן, איז נויטיג, אַז זי זאָל צו אַלע צייטען באַהערשט ווערן פון אַ געוויסער צאָהל אַזעלכע מענשען; עס איז נויטיג, אַז אַזוי לאַנג ווי זי עקזיסטירט זאָל זי שטענדיג האָבען אַ רייהע פון אָרענט־ליכע און צו גלייכער צייט קלוגע בירגער.

איהר האָט דאָ אַ באַדינג, וואָס ווערט שווער און זעלטען פאַר־ווירקליכט. די עפּאָכען אין דער געשיכטע פון יעדען לאַנד, וועלכע האָבען ארויסגעבראַכט אַ באַדייטענדע צאָהל פון באַגאַבטע מענשען, ווערען באַצייכענט אַלס אויסערגעוועהנליכע, וואָס לייכטען דורך

דעם חושך פון יאָהרהונדערטער. געוועהנליך האָבען די אויבער־מאַכט אין די הערשענדע ספערען די מיטעלמעסיגקייטען, עס הערשט דאָרט דער גרויער קאָליר, און אָפט, ווי מיר זעהען עס אין דער געשיכטע, פאַרנעהמען זיין פּלאַץ די קאָלירן פון שוואַרץ און רויט, ד. ה. דאָס טריאומפירענדע פאַרברעכען און די בלוטיגע גוואַלט. מיר וואָלטען דערפון געקאָנט ציהען דעם שלום, אַז אויב עס איז אמת, ווי דאָס איז קלאָר געדרונגען פון דער טעאָריע פון דעם אַזוי גערופענעם ראַציאָנאַלען אָדער ליבעראַלען שטאַאַט, אַז די אויפהאַלטונג און די עקזיסטענץ פון יעדער פּאָליטישער געזעלשאַפט איז אָפּהענגיג פון אַ ניט־אונטערבראָכענער רייהע פון מענשען וואָס צייכענען זיך אוים מיט זייער קלוגשאַפט, אַזוי גוט ווי מיט זייער אָרענטליכקייט, — דאַן איז צווישען אַלע היינטיגע עקזיסטירענדע געזעלשאַפטען ניט פאַראַן קיין איינע, וואָס וואָלט שוין לאַנג ניט באַדאַרפט זיין אונטערגעגאַנגען. ווען מיר זאָלען צו אָט דער שוועריגקייט, שוין ניט זאָגען אוממעגליכקייט, נאָך צוגעבען די שוועריגקייטען, וואָס קומען אַרוים פון דער באַזונדערער דעמאָראַליזירענדער ווירקונג, וועלכע הערשאַפט האָט אויף דעם מאַכט־באַזיצענדען מענשען, ווען מיר זאָלען נאָך צוגעבען די אויסערגעוועהנליכע נסיונות, וואָס עס קומט אוים בייצושטעהן די מענשען, וואָס זיינען באַקליידט מיט מאַכט, און מיר וועלען נאָך צוגעבען די עהרגייץ, קאָנקורענץ, קנאה און די שרעקליכע אַפּעטיטען, וועלכע באַפאַלען טאָג און נאַכט דוקא די גאָר הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, און קעגען וועלכע שכל און אפילו אָרענטליכקייט איז קיין תרופה ניט, — מחמת די צדקות פון אַן איינציגען מענשען קאָן צוזאַמענברעכען, — דענקען מיר, אַז מיר האָבען די פולע רעכט צו זאָגען, אַז אַלע געזעלשאַפטען עקזיסטירן נאָר אַ דאַנק עפּעס אַ נס! נאָר לאָמיר דאָס איבערלאָזען.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אין אַן אידעאַלער געזעלשאַפט געפינען זיך צו יעדער צייט אַ גענוגענדע צאָהל שכל'דיגע און צו גלייכער צייט אָרענטליכע מענשען, וועלכע קאָנען מיט ווירדע דערפילען די פונקציעס פון דעם שטאַאַט. אָבער ווער וועט זיי אויסזוכען, ווער וועט זיי אונטערשיידען, ווער וועט איבערגעבען אין זייערע הענד די לייצעס פון דער מלוכה? אָדער זאָלען זיי

יאָם אַליין פאָרכאַפּען, אין דעם באַוואוסטזיין פון זייער חכמו

און אָרענטליכקייט, פּונקט ווי דאָס האָבען געטאָן די צוויי גריכישע חכמים קלעאָבול און פּעריאַנדר, וועמען די גריכען האָבען, אומ־געאַכטעט אויף זייער גרויסער אָנגענומענער חכמה, פּונדעסטוועגען אַ נאָמען געגעבען טיראַנען ? אָבער אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָלען זיי די מאַכט פאַרכאַפּען ? דורך איבערצייגונג אָדער דורך געוואַלט ? אויב דורך איבערצייגונג, דאַן באַהויפּטען מיר, אַז ריכ־טיג איבערצייגען קאָן מען נאָר אין דאָס, אין וואָס מען איז אַליין איבערצייגט, און אַז גראָד די בעסערע מענשען זיינען וועניגער ווי אַלע איבערצייגט אין זייער אייגענעם ווערט ; אויב זיי האָבען שוין אפילו דעם באוואוסטזיין וועגען דעם, איז עס זיי אָבער געוועהנליך אומאַנגענעהם צו זאָרגען זיך פאַר דער אַלגעמיינער אָנערקענונג, בעת די ערגערע און מיטעלמעסיגע מענשען, וועלכע זיינען תמיד מיט זיך צופרידען, זשענירען זיך גאָרניט מיט זעלבסטבאַריהמעריי. נאָר לאָמיר אָננעהמען, אַז דער פאַרלאַנג צו דיענען דאָס פאָטערלאַנד וועט צווינגען די אמת'ע ווירדיגע מענ־שען צו פאַרבויגען די דאָזיגע איבערמעסיגע באַשיידענקייט ; זיי טרעטען אַרויס אויף די וואַהל־פאַרזאַמלונגען פון זייערע מיט־בירגער. וועלען זיי דען שטענדיג גיכער ערוועהלט ווערען פון פאָלק ווי די עהרגייציגע, שעהן־ריידעוודיגע און געשיקטע אינ־טריגאַנטען ? פאַרקעהרט, אויב זיי זאָלען וועלען קריגען די מאַכט דורך געוואַלט, דאַן מוזען זיי דאָך קודם האָבען גענוג מאַכט, כדי צו קאָנען ברעכען דעם ווידערשטאַנד פון גאַנצע פּאַרטייען. זיי וועלען קומען צו מאַכט דורך אַ בירגער־קריעג, דער רעזולטאַט פון וועלכען עס וועט זיין, אַז עס וועט ווייטער בלייבען עקזיסטירן ניט קיין שלום־געוואָרענע, נאָר אַ באַזיעגטע, אָבער שטענדיג פיינדליכע פּאַרטיי. כדי צו בלייבען ביי איהר, וועלען זיי שטענ־דיג זיין געצוואונגען צו באַנוצען זיך מיט געוואַלט. דאָס וועט שוין אַלזאָ ניט זיין קיין פרייע געזעלשאַפט, נאָר אַ דעספּאָטישער שטאַאַט, וועלכער איז באַזירט אויף געוואַלט און אין וועלכען איהר וועט אפשר געפינען אַ סך זאַכען, וואָס וועלען אייך אויסקוקען פרעכטיג — אָבער קיין פרייהייט וועט איהר דאָרט קיינמאָל ניט געפינען.

אַלזאָ, כדי אויפצוהאַלטען די פיקציע פון אַ פרייען שטאַאַט, וואָס האָט אַלס אויסגאַנגס פּונקט אַ געזעלשאַפטליכען אָפּמאַך, מו־

זען מיר אָננעהמען, אַז די מעהרהייט פון די בירגער באַזיצט צו יעדער
צייט דעם נויטיגען געזעצטען שכל, ווייטזיכטיגקייט און גערעכטיג־
קייט, כדי אויסצושטעלען בראש פון דער רעגירונג די פאַסיגסטע
און די פעהיגסטע מענשען. אָבער כדי אַ פאָלק זאָל ארויסווייזען,
ניט איינמאָל און ניט צופעליג, נאָר שטענדיג, אין אַלע וואַהלען, כל
זמן עס עקזיסטירט, אָט די דאָזיגע ווייטזיכטיגקייט, די דאָזיגע גע־
רעכטיגקייט און געזעצטקייט, איז דען ניט נויטיג, אַז ער גופא
זאָל בכלל האָבען דערגרייכט צו יענער מדרגה פון מאָראַלישער אַנט־
וויקלונג און קולטור, אויף וועלכער רעגירונג און שטאַאט זיינען
שוין איבעריג? אַזאַ פאָלק וואָלט געקאָנט לעבען פשוט,
געבענדיג די פולסטע פרייהייט אַלע זיינע נייגונגען. גערעכטיגקייט
און די געזעלשאַפטליכע אָרדענונג וואָלטען ארויסגעקומען פון זיך
אַליין און נאַטירליך פון זיין לעבען, און דער שטאַאט, אויפהערענ־
דיג צו זיין דער משגיח, דער אפטרופוס, דער דערציהער און הערשער
איבער דער געזעלשאַפט, זיך אָפזאָגענדיג פון יעדער באַשטראָפענדער
מאַכט און באַגנוגענענדיג זיך מיט דער קלענערער ראָלע, וואָס פרודאָן
צייגט איהם אָן, וואָלט ער קיין אַנדער זאַך ניט געוואָרן, ווי נאָר
אַן איינפאַכע ארבייטס־ביוראָ, אַ מין צענטראַלע רעכנען־קאַסע, וועמ־
עס אויפגאַבע עס איז צו דינען דער געזעלשאַפט.

אַזאַ פאָליטישע אָרגאַניזאַציע, אָדער בעסער געזאָגט, אַזאַ אָפּ־
שוואַכונג פון דער פאָליטישער מאַכט לטובת דער פרייהייט פון
געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָלט בלי ספק פאַר דער געזעלשאַפט
געווען אַ גוואַלדיגע טובה, אָבער דאָס וואָלט לחלוטין ניט צופרי־
דענגעשטעלט די אָנהענגער פון דעם שטאַאט. אונטער אַלע אומ־
שטאַנדען מוזען זיי אומבאַדינגט האָבען אַ שטאַאט, וואָס זאָל זיין
אַ משגיח, אַ שטאַאט, וואָס זאָל זיין אַ פאַרוואַלטער איבער דעם
געזעלשאַפטליכען לעבען, אַ שטאַאט, וואָס זאָל אַ ריכטער און אויפ־
האַלטער פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג. מיט אַנדערע
ווערטער, צי זיי זיינען זיך מודה אין דעם אָדער ניט, צי זיי רופען
זיך רעפובליקאַנער, דעמאָקראַטען אָדער אפילו סאָציאַליסטען, —
זיי נויטיגען זיך תמיד אין דעם, אַז דאָס באַהערשטע פאָלק זאָל
שטענדיג זיין מעהר אָדער ווייניגער אומוויסענד, נישטיג, אומפעהיג,
אָדער אָנרופענדיג זאַכען מיט דעם ריכטיגען נאָמען, אַז עס זאָל
זיין מעהר אָדער ווייניגער אַ ק אַ נ אַ ל י ע. דאָס איז פאַר

זיי זיכער נויטיג צוליעב דעם, כדי בייקומענדיג די אומאייגענגנוציג־קייט און די באשיידענקייט זאָלען זיי דערפאַר קאָנען פארבלייבען אויף די ערשטע פלעצער, כדי זיי זאָלען שטענדיג האָבען די מעגליכ־קייט זיך צו אָפּפערן פאר די אינטערעסען פון כלל, און געשטאַרקט דורך זייער אָרענטליכער אויפֿאָפּפערונג און אויסערגעוועהנליכען פארשטאַנד, זאָלען זיי זיין די פריווילעגירטע שומרים פון דער מענש־ליכער סטאַדע, און שטויסענדיג איהר צו צדקות און פיהרענדיג איהר צו זעליגקייט, זאָלען זיי איהר אויך קאָנען אביסעלע שערען.

יעדע אויסגעהאַלטענע און אויפריכטיגע טעאָריע פון שטאַאט איז אין עצם באזירט אויף דעם פּרינציפּ פון ה ע כ ע ר ע ר מ א כ ט, ד. ה. אויף יענער טעאָלאָגישער, מעטאַפיזישער און פּאָליטישער אידעע, אז די מאַסען, זייענדיג פון אייביג אָן אומ־פעהיג זיך אליין צו פארוואלטען, מוזען דעריבער פארבלייבען אונטער דעם גנעדיגען יאָך פון קלוגשאַפט און גערעכטיגקייט, וועלכע ווערן אויף זיי, אויף אזא אָדער אַן אנדער אופן ארויפגעלעגט פון אויבען. אָבער פון וועמען און אין וועמענס נאָמען ווערט דאָס ארויפגעלעגט? די העכערע מאַכט, וועלכע ווערט אָנערקענט און רעספּעקטירט פון די מאסען אלס אזעלכע, קאָן נאָר האָבען דריי קוואלען: גוואלט, רעליגיע און די אקטיוויטעט פון העכערן פארשטאַנד. שפּעטער וועלען מיר ריידען וועגען די שטאַאטען, וואָס זיינען באזירט אויף דער צווייפאַכער מאַכט פון רעליגיע און גוואלט; אָבער איצט, באַ־טראַכטענדיג די שטאַאטס־טעאָריע, וואָס איז באגרינדעט אויף אַ פרייען אָפּמאַך, מוזען מיר די ביידע פאַקטאָרען אויסשליסען. אונז בלייבט דעריבער בלויז דער פאַל, ווען מאַכט איז באזירט אויף דעם העכערן פארשטאַנד, וועלכער איז, ווי באַוואוסט, נאָר דער גורל פון אַ מינדערהייט.

וואָס זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט אין אלע אַמאָליגע און היינטיגע שטאַאטען, אפילו ווען זיי באזיצען די דעמאָקראַטישסטע אינסטיטוציעס, ווי למשל אין די פאַראייניגטע שטאַאטען פון צפון־אַמעריקא און אין דער שווייץ? די „זעלבסט־רעגירונג" פון פאָלק בלייבט שטענדיג אין צושטאַנד פון אַ פיקציע. אין דער ווירקליכ־קייט איז די מינאָריטעט דער הערשענדער קלאַס. אין די פאַראיי־ניגטע שטאַאטען, ביז צו דער באפרייאונג פון די שקלאַפען און טיילווייז אַפילו נאָך היינט, — צום ביישפּיעל די גאַנצע פּאַרטיי פון

דעם איצטיגען פּרעזידענט דזשאָנסאָן, — זיינען די רעגירונגס־פּאַרטייען געווען און געבליבען אזוי גערופענע דעמאָקראַטען, וועלכע זיינען די עקסטרעמסטע אָנהענגער פון דער שקלאַפעריי און דער ברוטאַלער אָליגאַרכיע פון די פּלאַנטאַטאָרס; געוויסענלאָזע פּאַר־קויפליכע דעמאַגאָגען, וועלכע זיינען גרייט צו שטעלען אין קאָן אַלץ, צוליעב זייער האָבזוכט, זייער שעדליכען עהרגייץ, און וועלכע האָבען מיט זייער אפשייליכען איינפלוס און ווירקונג, וואָס זיי האָבען אומגעשטערט באזעסען פאר אן ערך פון פופציג יאָהר נאָכאַנאַנד, אזוי שטארק בייגעטראָגען צו דער פּאַרדאַרבונג פון דער פּאָליטישער מאָראַל פון די פאראייניגטע־שטאאטען. היינט צו טאָג קעמפּט מיט ערפאָלג די אמת אויפגעקלערטע, גרויסמוטיגע מינאָ־ריטעט, — אָבער אַלץ נאָך אלס מינאָריטעט, — די רעפּוב־ליקאַנישע פּאַרטיי קעגען דער שעדליכער פּאָליטיק פון די דעמאָ־קראַטען. מיר וועלען האָפען, אז זייער נצחון וועט זיין א פּאָל־שטענדיגער, מיר וועלען האָפען דערויף צוליעב דער טובה פון דער גאַנצער מענשהייט; אָבער ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די אויפ־ריכטיגקייט פון אָט דער פרייהייטס־פּאַרטיי, ווי ערהאבען און גרויסמוטיג עס זאָלען ניט זיין די פּרינציפּען, וואָס זי פּראָקלאַמירט, וועלען מיר אַלץ ניט האָפען, אז ווען זי וועט באַקומען מאַכט, וועט זי זיך אָפּזאָגען פון דער פּריווילעגירטער לאַגע פון א הערשענדער מינדערהייט, אז די „זעלבסט־רעגירונג" פון פּאָלק זאָל ענדליך ווערען א ווירקליכקייט. דערצו וואָלט נויטיג געווען א פיעל טיע־פערע רעוואָלוציע, ווי די אַלע, וואָס האָבען ביז איצט אויפגע־טרייסעלט די אַלטע און די נייע וועלט.

אין דער שווייץ, אומגעאַכטעט אויף די אַלע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס וואָס זיינען דאָרט פּאָרגעקומען, הערשט נאָך אַלץ דער פאַרמעגליכער קלאַס, די בורזשואזיע, ד. ה. א מינאָריטעט, וואָס איז פּריווילעגירט בנוגע צו פאַרמעגען, פרייע צייט און ביל־דונג. די העכערע מאַכט פון פּאָלק, — א וואָרט, וואָס איז אונז אגב פאַרהאַסט, מחמת, לויט אונזער בליק, פּאַרדינט יעדע העכערע מאַכט, אז מען זאָל זי האַסען, — די זעלבסט־פּאַרוואַלטונג פון פּאָלק אין דער שווייץ איז אויך ניט מעהר ווי א פיקציע. דאָס פּאָלק באַזיצט די העכערע מאַכט לויט'ן רעכט נאָך, אָבער ניט אין דער ווירקליכקייט, מחמת, זייענדיג פאַרשלונגען פון דער אַלטעג־

ליבער ארבייט, וועלכע נעהמט ביי איהם אוועק יעדע פרייע מי־נוט, און זייענדיג, אויב ניט אינגאַנצען אומוויסענד, יעדענפאַלס אַ סך הינטערשטעליגער אין בילדונג ווי דער בורזשואזער קלאַס, איז ער געצוואונגען אָפּצוגעבען זיין פיקטיווע מאכט אין די הענט פון דער בורזשואזיע. דאָס איינציגע געווינס, וואָס דאָס פאָלק האָט, אין די פאַראייניגטע שטאַאטען ווי אין דער שווייץ, איז דאָס, וואָס די עהרגייציגע מינאָריטעט, די פּאָליטישע קלאַסען קאָנען זיך אַנדערש ניט דערשלאָגען צו הערשאַפט סיידען ווען זיי שמייכלען זיך צו איהם, חנפ'ענדיג זיינע פאַרבייליויפענדע, צייטענווייז גאַנץ שלעכטע ליידענשאַפטען, און זעהר אָפט נארען זיי איהם אינגאַנ־צען אָפּ.

זאָל מען ניט מיינען, אַז מיר ווילען אויפווייזען דעם פאָרצוג פון אַ מאָנארכיע געגען דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס. מיר זייַ־נען פעסט איבערצייגט, אַז די אומפּאָלקאָמסטע רעפּובליק איז טויזענד מאָל בעסער, ווי די ציוויליזירטסטע מאָנארכיע, וואָרים אין אַ רעפּובליק גיבען מאָמענטען, ווען דאָס פאָלק, כאָטש עס ווערט תמיד עקספּלואַטירט, איז עס אַם ווענינגסטען ניט אונטעריאָכט, בעת אין מאָנארכיען איז עס שטענדיג אונטעריאָכט. און אחוץ דעם הויבט דער דעמאָקראַטישער רעזשים ביסלעכווייז אויף די מאַסען צו אַ געזעלשאַפטליכען לעבען, בעת די מאָנארכיע טוט דאָס קיינמאָל ניט. און כאָטש מיר ציהען פאָר די רעפּובליק, דאָך זייַ־נען מיר געצוואונגען אָנצודערקענען און צו פּראָקלאַמירן, אַז וואָס פאַר אַ פאָרם דער שטאַאט זאָל ניט האָבען, אַזוי לאַנג ווי צוליעב דער בירושה'דיגער אומגלייכקייט פון באַשעפטיגונג, פאַרמעגען, בילדונג און רעכט, וועט די מענשליכע געזעלשאַפט בלייַ־בען צעטיילט אויף פאַרשיידענע קלאַסען, וועט נאָך אַלץ אַזוי לאַנג אָנהאַלטען די אויסשליסליכע הערשאַפט פון דער מינאָריטעט און די אומפאַרמיידליכע עקספּלואַטאַציע פון דער מאַיאָריטעט דורך דער אייגענער מינאָריטעט.

דער שטאַאט איז ניט עפּעס אַנדערש ווי די דאָזיגע הער־שאַפט און עקספּלואַטאַציע, וועלכע זיינען איינגעפיהרט אַלס רע־געל און זיינען געוואָרן סיסטעמאַטיזירט. מיר ווילען דאָס פּרו־בירען באַווייזען, באַטראַכטענדיג די פאָלגען פון דער הערשאַפט פון דער מינאָריטעט, ווי אויפגעקלערט און אָפּפערווילליג זי זאָל ניט

זיין, איבער די פאָלקס־מאַסען אין אַן אידעאַלען שטאַאַט, וואָס איז געגרינדעט אויף אַ פרייען אָפּמאַך.

אַזוי גיך ווי די באַדינגונגען פון אָפּמאַך זיינען באַשטימט, בלייבט איבער זיי בלויז איינצופיהרן אין דער פּראַקטיק. מיר וועלען זיך דעריבער פאָרשטעלען, אַז דאָס פאָלק איז גענוג פאַר־שטענדיג אַנצוערקענען זיין אייגענע אומפּעהיגקייט, און האָט נאָך די נויטיגע פאָרזיכטיגקייט, אַנצוטרויען די פאַרוואַלטונג פון די געזעלשאַפטליכע ענינים בלויז די סאַמע בעסטע בירגער.

די דאָזיגע פריווילעגירטע אינדיווידומען ווערן פריווילעגירט ניט פון שטאַנדפונקט פון רעכט, נאָר פון דער ווירקליכקייט. דאָס פאָלק קלייבט זיי אויס דערפאַר, ווייל זיי זיינען די געבילדעטסטע, די געשיקטסטע, די קליגסטע, די דרייסטסטע און אָפּפערוויליג־סטע. גענומענע פון די בירגערליכע מאַסען, וועלכע זיינען, לויט ווי מיר האָבען אַנגענומען, אַלע גלייך צווישען זיך, בילדען זיי ניט קיין באַזונדערן קלאַס, נאָר אַ באַזונדערע גרופּע, וואָס איז פריווילעגירט פון דער נאַטור אַליין, און איז דעריבער אויסגעצייכענט געוואָרן דורך דער פאָלקס־וואַהל. די צאָהל פון די דאָזיגע מענשען איז נויי־טיגערוויז גאַנץ באַגרענעצט, מחמת אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטען איז די צאָהל פון מענשען, וואָס זיינען באַשאָנקען מיט אַזעלכע אויסערגעוועהנליכע מעלות, אַז זיי רופען ווי איבער גע־וואַלט אַרויס די אַלגעמיינע אַכטונג פון פאָלק, ווי דאָס באַווייזט אונז די ערפאַהרונג, זעהר אומבאַדייטענד. אַלזאָ, מורא האָבענ־דיג פאַר אַ שלעכטען אויסוואַהל, וועט דאָס פאָלק שטענדיג גע־צוואונגען זיין אויסצואוועהלען זיינע רעגיערער פון די מענשען וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט.

און אָט אַזוי טיילט זיך שוין פאַנאַנדער די געזעלשאַפט אין צוויי קאַטעגאָריעס, נאָך ניט ריידענדיג דערוועיל פון צוויי קלאַסען, פון וועלכע איינע, די וואָס באַשטעהט פון אַן אומבאַדייטענדער צאָהל פון באַגאַבטע נאַטורן, וואָס זיינען אַלס אַזעלכע געוואָרן אַנדערקענט און אויסגעוועהלט פון פאָלק, מיט דער פולמאַכט פון פאָלק צו רעגיערען איבער איהם. זייענדיג אָפּהענגיג אָן פאָלק ער זאָל זיי אויסוועהלען, צייכענען זיך די דאָזיגע מענשען תחילת ניט אויס פון די איבעריגע מאַסען בירגער מיט קיין אַנדער זאַך, אחוץ מיט די מעלות, וואָס האָבען אַרויסגערופען דאָס צוטרויען פון זיי־

ערע מיטבירגער, און זיי זיינען נאטירליך צווישען דער גאנצער מאַסע פון בירגער טאַקע די ניצליכסטע און די אַפּפערוווּיליגסטע. זיי נעהמען זיך נאָך ניט קיינע פּריווילעגיעס, קיינע באַזונדערע רעכטען, חוץ דאָס רעכט צו דערפילען די ספּעציעלע פליכטען, כל זמן דאָס פאָלק פארלאנגט עס, וואָס זיינען אויף זיי ארויפגעלעגט געוואָרן. אין אַלעם איבעריגען, אין ארט לעבען, אין די באַדינגונגען און אין די מיטלען פון זייער עקזיסטענץ, אונטערשיידען זיי זיך מיט גאָרנישט פון פאָלק, אַזוי אַז צווישען אַלעמען הערשט ווייטער א פאָלשטענדיגע גלייכהייט.

קאָן אָבער די דאָזיגע גלייכהייט לאַנג אָנהאַלטען? מיר באַהויפּטען, אַז ניט; און עס איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי דאָס צו באַווייזען.

עס גיט ניט קיין געפעהרליכערע זאַך פאַר דער אייגענער מאָראַל פון א מענשען, ווי די געוועהנהייט צו באַפעהלען. דער סאַמע בעסטער, געבילדעטסטער, ניט-אייגעננוציגער, גרויסמוטיגער, ריינער מענש וועט אומפארמיידליך פאַרדאָרבען ווערן ביי אַזעלכע באַדינגונגען. אין דער מאַכט ליגען צוויי געפיהלען, וועלכע רופען אומבאַדינגט ארויס די דאָזיגע דעמאָראַליזאַציע: די פאַראַכטונג צו די פאָלקס-מאַסען און די איבערטרייבונג פון דעם אייגענעם ווערט.

די מאַסען, אָנדערקענענדיג זייער אומפעהיגקייט צו זעלבסט-פאַרוואַלטונג, האָבען מיך אויסגעוועהלט אַלס פיהרער. מיט דעם אַליין האָבען זיי עפענטליך אָנערקענט אַז איך שטעה העכער פון זיי און אַז זיי זיינען פאַרהעלטניסמעסיג נישטיג. פון דער גאַנצער מענגע מענשען, אין וועלכער עס געפינען זיך א צוויי, דריי, וואָס איך קאָן אָנערקענען אַלס גלייכע, בין איך איינער פעהיג צו פאַרוואַלטען מיט כלל-זאַכען. דאָס פאָלק נויטיגט זיך אין מיר, אָהן מיר קאָן ער זיך ניט באַגעהן, בעת איך בין צופרידען מיט זיך אַליין. אַלזאָ, דאָס פאָלק מוז מיך געהאָרכען פאַר זיין אייגענער טובה וועגען, און זיך ארונטערלאָזענדיג איהם צו פאַרוואַלטען, באַשאַף איך זיין גליק.

איז עס ניט אמת, אַז דאָס אַלץ איז שוין גענוג צו פאַרלירן דעם קאָפּ און ווערן אויסען זינען פון גדלות? — אָט אויף אַזאַ אופן

ווערט די מאכט און די געוועהנהייט צו באפעהלען, אפילו פאר די גאר געבילדעטסטע און ארענטליכסטע מענשען, דער מקור פון אינ־טעלעקטועלען און מאראלען ארונטערגעהן פון וועג.

די גאנצע מענשליכע מאראל, — אביסעל ווייטער, וועלען מיר זיך געבען די מיה צו באווייזען די אבסאלוטע ווארהייט פון דעם דאזיגען פרינציפּ, וועמעס אנטוויקלונג, דערקלערונג און די ברייטסטע אנווענדונג איז דער הויפּט ציעל פון דעם ווערק, — יעדע קאלעקטיווע און אינדיווידועלע מאראל איז אין עצם בא־זירט אויף דער מענשליכער אכטונג. וואס פאר־שטעהען מיר אונטער מענשליכער אכטונג? — די אנערקענונג פון מענשליכקייט, פון מענשליכען רעכט און מענש־ליכער ווירדע אין יעטוועדען מענשען, צו וואס פאר א ראסע און קאליר ער זאל ניט באלאנגען, די אנטוויקלונגס-מדרגה פון זיין שכל און אפילו זיין מאראל. אבער צי קאן איך אכטען א מענשען, ווען ער איז נאריש, שלעכט און פארעכטליך? נאטירליך, אויב ער באזיצט די דאזיגע אייגענשאפטען קאן איך זיי, ד. ה. זיין פארדארבענקייט, טעמפּקייט, נארישקייט, און איהם ניט אכטען. די דאזיגע אייגענשאפטען רעגען מיך אויף און דערוועקען אין מיר א ווידערגעפיהל; איך וועל, ווען נויטיג, אננעהמען געגען זיי די ענערגישסטע מיטלען און איך וועל זאגאר דער'הרג'ענען דעם מענ־שען, אויב עס וועלען מיר ניט בלייבען קיין אנדערע מיטלען צו פארטיידיגען מיין לעבען, מיין רעכט, אדער דאס וואס מיר איז טייער און ווערט פון מיר געאכט. אבער אין דער צייט פון דעם ענערגישסטען, פארביסענסטען און אין א נויט פאל טויטליכען קאמף מיט דעם דאזיגען מענשען, מוז איך אכטען אין איהם דעם מענשליכען מין. — נאר פאר דעם דאזיגען פרייז קאן איך אויפ־האלטען מיין אייגענע מענשליכע ווירדע. אבער, אויב דער דא־זיגער מענש אנערקענט ניט די דאזיגע ווירדע אין קיינעם, צי קאן מען זי אנערקענען אין איהם? אויב ער איז בטבע א ווילדע חיה, אויב, ווי דאס פאסירט אמאל, ער איז נאך ערגער פון א ווילדער חיה, צי קאן מען אין איהם אנערקענען דעם מענשליכען מין, צי וועט דאס ניט הייסען ארייגפאלען אין א פיקציע? ניין, ווארים ווי געפאלען ער זאל ניט זיין אינטעלעקטועל און מארא־

ליש, איז ער אָרגאַניש ניט קיין אידיאָט, קיין אָהן־שכל׳דיגער, — אין אַזעלכע פאַלען דאַרף מען זיך מיט איהם באַגעהן ניט ווי מיט א פאַרברעכער, נאָר ווי מיט א קראַנקען, — ער איז אין דעם פולען באזיץ פון דעם פאַרשטאַנד און דעם שכל, וואָס די נאַטור האָט איהם געגעבען, און פאַלגליך, ניט קוקענדיג אויף אַלע משונה׳דיגע אָפּווייכונגען, געפינט זיך נאָך אַלץ אין איהם די מענשליכע נאַטור, צוליעב וועלכער עס בלייבט נאָך אָפען פאַר איהם די מעגליכקייט, כל זמן ער לעבט, זיך צו דערהויבען צו דעם באוואוסטזיין פון זיין מענשליכקייט, — אויב עס וועט נאָר פאָרקומען א גרינדליכע ענדערונג אין די סאָציאַלע באדינגונגען, וועלכע האָבען פון איהם געמאכט דאָס וואָס ער איז.

נעהמט די קליגסטע, די פעהיגסטע אָבעזיאַנע, שטעלט איהר אוועק אין די בעסטע מענשליכסטע באַדינגונגען, — און פונדעסטוועגען וועט איהר פון איהר קיינמאָל קיין מענשען ניט מאַכען. נעהמט דעם פאַרהאַרטעוועטסטען פאַרברעכער און דעם אומוויסענדסטען מענשען; אויב זיי האָבען נאָר ניט קיין אָרגאַנישען פעהלער, וואָס שטעלט פעסט דעם אידיאָטיזם אָדער דעם אומהיילבארן וואַהנזין, וועט איהר קודם כל מוזען צוגעבען, אַז אויב איינער פון זיי איז געוואָרן א פאַרברעכער און דער צווייטער האָט זיך נאָך ניט דערהויבען צו דעם באוואוסטזיין פון זיין מענשליכקייט און זיינע מענשליכע פליכטען, זיינען אין דעם שולדיג ניט זיי אליין, נאָר די סאָציאַלע סביבה, אין וועלכער זיי זיינען געבאָרן געוואָרן און האָבען זיך אַנטוויקעלט.

---

מיר קומען דאָ צו דער וויכטיגסטער פראַגע פון דער סאָציאַלער וויסענשאַפט און דער מענשליכער וויסענשאַפט בכלל. מיר האָבען שוין ניט איינמאָל ווידערהאָלט, אַז מיר פאַרוואַרפען לחלוטין דעם פרייען ווילען, אין

דעם זין, ווי דאָס גיבען דעם וואָרט די טעאָלאָגיע, די מעטאַפיזיק און די לעהרע פון רעכט, ד. ה. אין דעם זין פון פרייוויליגער זעלבסטבאַשטימונג פון מענשענ׳ס אינדיווידועלען ווילען, אומאָפּהענגיג פון אַלע נאַטירליכע און סאָציאַלע איינפלוסען.

מיר לייקענען די עקזיסטענץ פון אַ נשמה, די עקזיסטענץ פון אַ גייסטיגען סובסטאַנץ, וואָס איז אומאָפּהענגיג און אָפּגעטיילט פון גוף. אין געגענטייל, מיר באַהויפּטען, אַז, פונקט אַזוי ווי דער גוף פון דעם אינדיווידום, מיט אַלע זיינע פעהיגקייטען און אינסטינקטיווע נייגונגען, איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער פּראָדוקט פון געמיינשאַפטליכע און ספּעציעלע אורזאַכען, וואָס האָבען באַשטימט זיין אינדיווידועלע אָרגאַניזאַציע, פונקט אַזוי איז אויך דאָס, וואָס ווערט ניט־ריכטיג אָנגערופען נשמה: די אינטעלעקטועלע און מאָראַלע אייגענשאַפטען פון מענשען, אַ דירעקטער פּראָדוקט, אָדער בעסער געזאָגט, אַ נאַטירליכער, אוממיטעלבאַרער אויסדרוק פון דערזעלבער אָרגאַניזאַציע, און באַזונדערס דער אויסדרוק פון דער מדרגה פון אָרגאַנישער אַנטוויקלונג, צו וועלכער עס האָט דערגרייכט דער מאַרך, אַ דאַנק דער צוזאַמענטרעפונג פון אורזאַכען, וואָס זיינען אומאָפּהענגיג פון ווילען.

יעדער אינדיווידום, אפילו דער אומבאַדייטענדסטער, איז אַ פּראָדוקט פון דורות; די געשיכטע פון די אורזאַכען, וועלכע האָבען בייגעטראָגען צו זיין באַשאַפונג, האָט ניט קיין אָנהויב. ווען מיר וואָלטען געווען באַגאַבט מיט דער פעהיגקייט, וואָס קיינער באַזיצט ניט און וועט ניט באַזיצען: די פעהיגקייט צו דערקענען און אַרומנעהמען די אומענדליכע פאַרשיידענאַרטיגקייט

פון די טראַנספאָרמאַציעס פון דער מאַטעריע אָדער פון דער עק־זיסטענץ, וואָס זיינען פאַטאַל פאָרגעקומען זינט אונזער ערד איז פאָרמירט געוואָרן ביז דער געבורט פון אָט דעם אינדיווידום, וואָלטען מיר געקאָנט זאָגען, ניט האָבענדיג איהם אפילו קיינמאָל געזעהן, כמעט מיט מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט, וואָס זיין אָר־גאַנישע נאַטור איז, ווי אויך ביז צו די קלענסטע איינצעלהיי־טען באַשטימען דעם גראַד און דעם כאַראַקטער פון זיינע אינ־טעלעקטועלע און מאָראַלע פעהיגקייטען, — מיט איין וואָרט, זיין *נשמה*, אין דער פאָרם, ווי זי האָט אויסגעזעהן אין דער צייט פון זיין געבורט. עס איז אוממעגליך פאַר אונז צו אַנאַליזירען און ארומצונעהמען די גאַנצע רייהע פון טראַנספאָרמאַציעס, מיר קאָנען אָבער אָהן וועלכער עס איז מורא צו מאַכען אַ טעות זאָגען, אז *יעדער מענשליכער אינדיווידום*, אין דעם מאָמענט וואָס ער ווערט געבאָרן, איז אַ פאָלשטענדיגער פּראָ־דוקט פון דער היסטאָרישער, ד. ה. פון דער פיזיאָלאָגישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון זיין ראַסע, נאַציע און קאַסטע, — אויב אין זיין לאַנד עקזיסטירען קאַסטען, — פון זיין משפחה, זיי־נע אורעלטערן, און פון דער אינדיווידועלער נאַטור פון זיין פאָ־טער און מוטער, וואָס האָבען איהם אוממיטעלבאַר איבערגעגעבען, דורך דער פיזיאָלאָגישער פאַרערבונג, — וואָס דיענט פאַר איהם אַלס אַן אויסגאַנגס־פּונקט און וואָס באַשטימט זיין אינדיווידועלע נאַטור, — אַלע פאָלגען פון זייער אייגענער פריהעריגער עקזיסטענץ, פון דער מאַטעריעלער ווי פון דער מאָראַלער, פון דער אינדיווידוע־לער ווי פון דער סאָציאַלער, איינשליסענדיג זייערע אַלע געדאַנקען, געפיהלען און האַנדלונגען, איינשליסענדיג אַלע פאַרשיידענאַרטיגע געשעהענישען פון זייער לעבען און אַלע גרעסערע אָדער קלענערע פאַסירונגען, אין וועלכע זיי האָבען אַן אַנטייל גענומען, אויך אריינ־רעכענענדיג די אומענדליכע פאַרשיידענהייט פון די צופעליגקייטען אונטער וועלכע זיי זיינען געוועזן אונטערוואָרפען*, און צוזאַמען

*) די צופעליגקייטען, אונטער וועלכע די עמבריאָ איז אונטער־וואָרפען אין דער צייט פון איהר אַנטוויקלונג אין דער געבערמוטער דערקלערט פאָלשטענדיג די פאַרשיידענקייט, וואָס עקזיסטירט אָפט צווישען די קינדער פון די זעלבע עלטערן, און מאַכט פאַר אונז פאַרשטענדליך,

מיט דעם אויך דאָס, וואָס זיי האָבען אויף דעמזעלבען אופן איבער־גענומען בירושה פון זייערע עלטערן.

עס איז פאַר אונז ניט נויטיג צו דערמאָנען דאָס, וואָס קיינער טראַכט גאָר ניט אָפּצולייקענען, אַז דער אונטערשייד צווישען ראַ־סען, פעלקער, און אפילו קלאַסען און פאַמיליעס, ווערט באַשטימט דורך געאָגראַפישע, עטנאָגראַפישע, פיזיאָלאָגישע, עקאָנאָמישע אורזאַכען, (אָהער געהערען אריין צוויי וויכטיגע פראַגען : די פראַ־גע פון באַשעפטיגונג, ד. ה. די פראַגע פון דער צוטיילונג פון דער קאָלעקטיווער ארבייט פון דער געזעלשאַפט און די צוטיילונג פון רייכטימער, און די פראַגע פון דערנעהרונג, סיי בנוגע דער קוואַנ־טיטעט, סיי בנוגע קוואַליטעט) — און אויך דורך היסטאָרישע, רע־ליגיעזע, פילאָזאָפישע, יורידישע, פאָליטישע און סאָציאַלע אור־זאַכען ; און אַז אָט די אַלע אורזאַכען, פאַראייניגענדיג זיך אויף פאַרשיידענע אופנים פאַר יעדער ראַסע, פאַר יעדער נאַציע און גאַנץ אָפט פאַר יעדער פּראָווינץ און פאַר יעדער קאָמונע, פאַר יעדען קלאַס, פאַר יעדער פאַמיליע, גיבען־צו יעדען אַ באַזונדערע פיזיאָנאָמיע, ד. ה. אַ באַזונדערן פיזיאָלאָגישען טיפּ, אַ פּאַראיי־ניגונג פון באַזונדערע נייגונגען און פעהיגקייטען, — וואָס זיי־נען ניט אָפּהענגיג פון דעם ווילען פון די אינדיווידומען, וועלכע פאַרמירן אַ טייל פון די דאָזיגע גרופּען און זיינען זייער פאָלשטענ־דיגער פּראָדוקט.

יעדער מענשליכער אינדיווידום, אין דעם מאָמענט וואָס ער ווערט געבאָרן, איז אויף אַזאַ אופן דער *מאַטעריעלער, אָרגאַנישער פּראָדוקט* פון די אַלע פאַרשיידענאַר־

---

ווי אַזוי קלוגע עלטערן קאָנען האָבען אַ קינד אַן אידיאָט. אָבער דאָס איז שטענדיג נאָר אַן אומגליקליכער אויסנאַהם, וואָס קומט פאָר צוליעב אַ צופעליגער מאָמענטאַלער סיבה. די נאַטור, אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז קיין גאָט ניטאָ, איז קיינמאָל ניט קאַפּריזנע, זי טוט ניט קיין זאַך אָהן אַ גענויגענדער אורזאַך און זי בייט קיינמאָל ניט איהר איינמאָל אָנגע־נומענע ריכטונג און שטרעבונג, אויב זי איז נאָר דערצו ניט געצוואונגען פון אַ העכערער קראַפט, אַזוי אַז דער גענעץ פון דער מענשליכער פאָרט־פלאַנצונג, וועלכער שאַפט די פאַמיליע אַלס רעזולטאַט פון דער פּאָרונג, ווערט אויסגעדריקט אַזוי : ווען יעדער פּאָר זאָל צוגעבען צו דער פיזיאָלאָגישער ירושה פון זיינע עלטערן אַ נייע פיזישע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלע אַנטוויקלונג, דאַן — אַזוי ווי יעדע גייסטיגע פאַרפאָלקאָמונג איז די פאַרפאָלקאָמונג פון געהירן — וואָלט יעדער ניי־געבאָרענער וועזען געדאַרפט זיין אין אַלע היסטאָרישע העכער פון די עלטערן.

טיגע אורזאכען, וועלכע האָבען איהם ארויסגעבראכט דורך זייער פאַראייניגונג. זיין נשמה, — ד. ה. זיין אָרגאַנישע נייגונג צו אַנטוויקלען געפיהלען, אידעען און ווילען, — איז ניט מעהר ווי א פּראָדוקט. זי ווערט איינגאַנצען באַשטימט פון די פיזיאָלאָגישע און אינדיווידועלע אייגענשאַפטען פון זיין געהירן און נערוועןֿ-סיסטעם, וועלכע איז אינגאַנצען אָפּהענגיג, ווי דער איבעריגער גוף זיינער, פון א מעהר אָדער ווייניגער גליקליכער פאַראייניגונג פון די דאָזיגע אורזאכען. זי שטעלט אייגענטליך צונויף דאָס, וואָס מיר רופען **די באַזונדערע, אורשפּרינג-ליכע נאַטור פון דעם אינדיווידום.**

עס זיינען פאַראַן אַזוי פיעל פאַרשיידענע כאַראַקטערס, ווי-פיעל עס זיינען פאַראַן אינדיווידומען. אָט די אינדיווידועלע אונ-טערשיידען טרעטען אַלץ קלאָרער ארויס, וואָס מעהר זיי אַנטוויק-לען זיך, אָדער בעסער געזאָגט, ניט נאָר טרעטען זיי בולט'ער ארויס, נאָר זיי ווערן אין דער ווירקליכקייט גרעסער, לויט דער אַנטוויק-לונג פון די אינדיווידומען, מחמת די פאַרשיידענע זאכען, די אויס-סערליכע באַדינגונגען, — מיט איין וואָרט, די טויזענדע, צום גרעסטען טייל אומבאַמערקבאַרע אורזאכען, וואָס ווירקען אויף דער אַנטוויקלונג פון די אינדיווידומען, — זיינען אַן און פאַר זיך זעהר פאַרשיידענאַרטיג. דאָס ברענגט מיט, אַז וואָס מעהר באַוועגליכער אַן אינדיווידום איז אין לעבען, אַלץ בולט'ער ציינט זיך ארויס זיין אינדיווידועלע נאַטור, אַלץ מעהר אונטערשיידט ער זיך, סיי מיט זיינע מעלות, סיי מיט זיינע חסרונות, פון אַלע איבעריגע אינדיווי-דומען.

ביז וואָס פאַר א מדרגה איז דער אינדיווידועלער כאַראַקטער אָדער די נשמה, — ד. ה. די אינדיווידועלע אייגענטימליכקייטען פון געהירן- און נערוועןֿ-געבוי, — אַנטוויקעלט אין א ניי-גע-באָרן קינד? — די לעזונג פון דער דאָזיגער פראַגע איז די אויפ-גאַבע פון פיזיאָלאָגען. מיר ווייסען נאָר, אַז אָט די אַלע אייגענ-טימליכקייטען מוזען אומבאַדינגט קומען בירושה, אין דעם זין ווי מיר האָבען דאָס געזוכט צו דערקלערן, ד. ה. זיי וועלען ווערן באַ-שטימט דורך די אומענדליך פאַרשיידענסטע און פאַרשיידענאַר-טיגסטע אורזאכען: אורזאכען מאַטעריעלע און מאָראַלע, מעכאַ-נישע און פיזישע, אָרגאַנישע און גייסטיגע, היסטאָרישע, געאָגראַ-

פישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע, גרויסע און קליינע, שטענדיגע און צופעליגע, נאָהנטע און גאַנץ ווייטע אין רוים און אין צייט, אין וועמעס פאַרבינדונג זיי ווערן פאַראייניגט אין אַן איינציגען לעבעדיגען וועזען און אינדיווידואַליזירן זיך, צום ערשטען מאָל אין דעם שטראָם פון די אַלוועלטליכע פאַרענדערונגען, באַזונדערס בלויז אין דעם דאָזיגען קינד, וועלכער האָט, אין דער ריין אינדיווידועלער אַנוועגדונג פון דעם וואָרט, קיינמאָל ניט געהאַט און וועט קיינמאָל ניט האָבען קיין עהנליכען צו זיך.

עס בלייבט צו דערגעהן, ביז וואָס פאַר א גראַד און אין וואָס פאַר א זין דער דאָזיגער אינדיווידועלער כאַראַקטער איז ווירקליך באַשטימט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס קינד קומט אַרויס פון דער מוטער'ס לייב. צי איז די דאָזיגע באַשטימונג בלויז א מאַטעריעלען; צי איז זי בלויז אין דער אייגענשאַפט פון נאַטירליכען פעהיגקייטען און טענדענצען, אָדער פון אינסטינקטיווע נייגונגען? צי ווערט א קינד געבאָרן קלוג אָדער נאַריש, גוט אָדער שלעכט, צי איז ער באַשאָנקען מיט ווילען, א נייגונג צו אַנטוויקלען וועלכען עס איז טאַלאַנט אָדער ניט? צי קאָן ער ירשה'ענען דעם כאַראַקטער, די געוועהנהייטען, די חסרונות אָדער די אינטעלעקטועלע און מאָראַלע מעלות פון זיינע עלטערן און אורעלטערן?

אָט דאָס זיינען פראַגען, וואָס זיינען אויסערגעוועהנליך שווער צו לעזען, און מיר דענקען ניט, אַז די פיזיאָלאָגיע און די עקספּעריםענטאַלע פּסיכאָלאָגיע, זאָלען ביי דער איצטיגער צייט זיין רייף גענוג און אַנטוויקעלט, אַז זיי זאָלען זיין ביכולת צו ענטפערן אויף זיי מיט פאָלשטענדיגער זאַך־קענטעניש. אונזער באַריהמטער לאַנדסמאַן, הער סעטשענאָוו, זאָגט אין זיין מערקווירדיגען ווערק וועגען דער טעטיגקייט פון מאַרך, אַז אין דער גרעסטער מערהייט פון צופאַלען, $^{999}/_{1000}$ חלקים פון פּסיכישען כאַראַקטער פון אינדיווידום.* . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

*) דאָ פעהלען עטליכע שורות.

. . . זיינען זיכער מעהר אָדער ווייניגער מערקבאר ביים מענשען ביז זיין טויט. „איך באהויפּט ניט", זאָגט ער, „אז מען זאָל קאָנען מיט דער הילף פון ערציהונג איבערמאכען א נאר אין א קלוגען מענשען. דאָס איז אזוי אוממעגליך, ווי צו מאכען הע־רען איינעם, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אָהן דעם אקאָסטישען נערוו. איך דענק אָבער, אז ווען מען זאָל נעהמען פון קינדהייט אָן א געוועהנליך קלוגען נעגער, יאפּאנעזער אָדער סאמאָיעד, וואָלט מען פון זיי, מיט דער הילף פון דער אייראָפּעאישער ערציהונג, אין קרייז פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאפט, געקאָנט מאכען מענ־שען, וואָס וואָלטען זיך זעהר ווייניג אונטערשיידט אין פסיכישען הינזיכט פון א ציוויליזירטען אייראָפּעער."

פעסטשטעלענדיג אָט די שייכות צווישען די $^{999}/_{1000}$ חלקים פון פסיכישען כאראקטער, וואָס קומען ארויס, לויט זיין מיינונג פון ערציהונג, און דעם איינציגען טויזענטעל, וואָס ער לאָזט אי־בער אויף דעם גורל פון ירושה, האָט הער סעטשענאָוו זיכער ניט געמיינט די אויסנאהמען: די גענימלע און די אויסערגעוועהנליך טאלאנטפולע מענשען אָדער אידיאָטען און נאראָנים. ער רעדט נאָר וועגען דער ריזיגער מעהרהייט מענשען, וועלכע באזיצען גע־וועהנליכע אָדער מיטעלמעסיגע פעהיגקייטען. זיי זיינען, פון שטאנדפּונקט פון סאָציאלער אָרגאניזאציע, די אינטערעסאנטסטע, מיר וואָלטען אפילו געזאָגט די איינציגע אינטערעסאנטע, — מחמת די געזעלשאפט איז באשאפען געוואָרן פון זיי און פאר זיי, און ניט פאר די אויסנאהמען, ניט פאר די גענימלע מענשען, ווי אומבאַ־שרענקט עס זאָל ניט אויסזעהן די מאכט פון די לעצטע.

דאָס וואָס אונז אינטערעסירט באזונדער אין דער דאָזיגער פראגע, איז צו דערגעהן, צי קאָנען, פונקט ווי אין אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען, אויך די מאָראלע אייגענשאפטען: גוטסקייט אָדער שלעכטקייט, העלדישקייט אָדער פייגהייט, די שטארקייט אָדער שוואכקייט פון כאראקטער, גרויסמוטיגקייט אָדער גייציגקייט, עגאָאיזם אָדער די ליעבשאפט צום נאָהנטען און אנ־דערע פּאָזיטיווע אָדער נעגאטיווע אייגענשאפטען פון דעמזעל־בען סאָרט, צי קאָנען זיי פיזיאָלאָגיש איבערגעהן בירושה פון די עלטערן און אורעלטערן, אָדער זיי בילדען זיך אויס, אומאָפּהענגיג פון דער ירושה, דורך וועלכע ניט איז צופעליגע, באוואוסטע אָדער

אומבאוואוסטע אורזאכען, וועלכע באאיינפלוסען דאס קינד אין דער מוטער'ס לייב. — מיט איין וואָרט, צי קאָן א קינד, בעת ער ווערט געבאָרן, מיטברענגען מיט זיך וועלכע עס איז פּ א ר ט י י ג ע מ אָ ר אַ ל ע  נ י י ג ו נ ג ע ן?

מיר דענקען דאָס ניט. כדי בעסער אוועקצושטעלען די פראַ־גע, ווילען מיר קודם באמערקען, אז ווען מען זאָל צוגעבען אז עס עקזיסטירן א י י נ ג ע ב אָ ר ע נ ע מאָראַלע אייגענשאַפטען, וואָלט דאָס נאָר מעגליך געווען אין דעם פאַל, ווען זיי זאָלען זיין פאַרבונדען אין דאָס ניי־געבאָרענע קינד מיט וועלכער עס איז פי־זיאָלאָגישער, ריין מאַטעריעלער אייגענשאַפט פון זיין אָרגאַניזאַ־ציע: דאָס קינד, אַרויסקומענדיג פון דער מוטער'ס לייב, האָט נאָך ניט, ניט קיין נשמה, ניט קיין פאַרשטאַנד, ניט קיין געפיהלען, אפילו ניט קיין אינסטינקטען; צו דאָס אַלץ ווערט עס געבאָרן; ער איז דעריבער ניט מעהר ווי א פיזיש וועזען, און זיינע פעהיג־קייטען און אייגענשאַפטען, אויב ער באזיצט זיי, קאָנען בלויז זיין אנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע. אַלזאָ, כדי דאָס קינד זאָל קאָ־נען געבאָרן ווערן גוט, גרויסמוטיג, אָפּפערוויליג, דרייסט אָדער פאַרקעהרט שלעכט, קאַרג, עגאָאיסטיש און פייג, וואָלט געווען נוי־טיג, אז יעדע פון די דאָזיגע מעלות אָדער חסרונות זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט וועלכער עס איז מאַטעריעלער און אזוי צו זאָגען אָרטיגער אייגענטימליכקייט פון זיין אָרגאַניזם און ספּעציעל פון זיין מארך, און אזא באהויפּטונג וואָלט אונז צוריק אומגעקעהרט צו דעם גאַללישען סיסטעם, וועלכער האָט געדענקט, אז ער האָט אויסגעפונען פאַר יעדער מעלה און פאַר יעדען חסרון א קאָרעס־פאָנדירנדען בערגעל אָדער גריבעל אויפ'ן שאַרבען. דער דאָזי־גער סיסטעם, ווי באוואוסט, איז איינשטימיג פאַרוואָרפען געוואָרן פון די מאָדערנע פיזיאָלאָגען.

אָבער אפילו ווען ער זאָל זיין באגרינדעט, וואָס וואָלט פון דעם געוועזן געדרונגען? וויבאַלד די חסרונות און פעהלערן, פּונקט ווי די גוטע פעהיגקייטען, זיינען איינגעבאָרן, בלייבט אויסצוגעפי־נען, צי קאָנען זיי באזיעגט ווערן דורך דערציהונג אָדער ניט? אין דעם ערשטען פאַל וואָלט די שולד פון אַלע פאַרברעכענס, וואָס ווערן באגאַנגען פון מענשען, געפאַלען אויף דער געזעלשאַפט, וואָס איז ניט געווען ביכולת זיי צו געבען א געהעריגע ערציהונג, און

ניט אויף זיי, וועלכע קאָנען נאָך פאַרקעהרט באַטראַכט ווערן אַלס קרבנות פון דער סאָציאַלער ניט איבערלעגטקייט. אין צווייטען פאַל, וויבאַלד די א י נ ג ע ב א ר ע נ ע נ י י ג ו נ ג ע ן זיינען אָנערקענט אַלס פאַטאַלע און אומפאַרבעסערליכע, בלייבט פאַר דער געזעלשאַפט קיין אנדער ברירה ניט, ווי נאָר פּטור צו ווערן פון אַלע אינדיווידומען, וואָס זיינען געשטעמפּעלט מיט וועל־כען עס איז נאַטירליכען איינגעבאָרענעם חסרון. נאָר, כדי ניט אריינצופאַלען אין דעם מיאוס'ן חסרון פון צביעות, וואָלט די גע־זעלשאַפט געמוזט מודה זיין, אַז זי טוט דאָס בלויז אין די אינטע־רעסען פון איהר אויפהאַלטונג, אָבער ניט צוליעב גערעכטיגקייט.

עס איז פאַראַן נאָך איין באַטראַכטונג, וואָס קאָן העלפען אויפצוקלערן די דאָזיגע פראַגע: אין דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער וועלט, פּונקט ווי אין דער פיזישער, עקזיסטירן בלויז פּאָזיטיווע אייגענשאַפטען; קיין נעגאַטיווע אייגענשאַפטען זיי־נען ניט פאַראַן, דאָס איז ניט עטוואָס אַן און פאַר זיך, דאָס איז בלויז אַ מעהר אָדער ווייניגער באַדייטענדע פאַרקלענערונג פון דאָס פּאָזיטיווע. אַזוי, למשל, איז קעלט אַ געוויסער צושטאַנד פון וואַרמקייט, עס איז ניט מעהר ווי אַ פאַרהעלטניסמעסיגע אָפּוועזענהייט, ניט מעהר ווי אַ באַדייטענדע פאַרקלענערונג פון וואַרימ־קייט. דיזעלבע זאַך איז מיט פינסטערקייט, וואָס איז ניט מעהר ווי אַ פאַרקלענערונג פון ליכטיגקייט ביז צו גאָרנישט. . . . פינס־טערניש און קעלט עקזיסטירן ניט. אין דער וועלט פון אינטעלעקט איז נאַרישקייט ניט מעהר ווי די אָפּשוואַכונג פון שכל, און אין דער זיטליכקייט זיינען בייז־וויליגקייט, גיריגקייט, פּייגהייט, ניט מעהר ווי גוטוויליגקייט, גרויסמוטיגקייט און העלדישקייט דערפיהרט ניט צו נול, נאָר ביז צו אַ גאַנץ קליינער מאָס. אַלזאָ, ווי קליין די מאָס זאָל ניט זיין, איז עס אָבער דאָך אַ פּאָזיטיווער גראַד און קאָן פאַרשטאַרקט, אנטוויקעלט און פאַרגרעסערט ווערן דורך דער־ציהונג אין אַ פּאָזיטיוועז זין, — וואָס עס וואָלט געווען אוממעג־ליך, ווען די חסרונות אָדער די נעגאַטיווע אייגענשאַפטען זאָלען טאַקע זיין זעלבסטשטענדיגע אייגענשאַפטען. מען וואָלט זיי דאַן געמוזט אויסראָטען און ניט אַנטוויקלען, מחמת זייער אַנטוויקלונג וואָלט אין אַזאַ פאַל געקאָנט פאַרקומען נאָר אין אַ נעגאַטיווען זין.

ענדליך, ניט ערלויבענדיג זיך צו אַנטשיידען די דאָזיגע וויכטיגע

פיזיאָלאָגישע פראַגען, בנוגע וועלכע מיר באַהאַלטען ניט אונזער גאַנצע אומוויסענהייט, וועלען מיר בלויז צוגעבען, זיך שטיצענדיג אויף דער איינשטימיגער אויטאָריטעט פון אַלע מאָדערנע פיזיאָלאָגען, אַ לעצטע באַהויפּטונג. ווי עס שיינט, איז פעסטגעשטעלט און באַוויזען, אַז אין דעם מענשליכען אָרגאַניזם זיינען ניט פאַראַן קיין באַזונדערע ערטער און גלידער פאַר אינסטינקטיווע, אַפעקטיווע, מאָראַלע און אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען און אַז אַלע ווערן זיי אויסגעאַרבייט אין איין און דעמזעלבען טייל פון מאַרך מיטדער הילף פון איין און דעמזעלבען נערווען־מעכאַניזם.*

* זעה דעם מערקווירדיגען אַרטיקעל פון הער ליטטרע: „וועגען אַ מעטאָד אין דער פּסיכאָלאָגיע" אין דעם זשורנאַל „די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע". עס איז פיזיאָלאָגיש פעסטגעשטעלט געוואָרן, זאָגט דער באַריהמטער פּאָזיטיוויסט, אַז דער מאַרך באַשאַפט גאָרניכט, ער נעהמט נאָר אויף. זיינע פונקציעס באַשטעהען אין דעם, וואָס ער אַרבייט־איבער דאָס, וואָס ווערט איהם איבערגעגעבען (דורך די חושים) אין עמאָציאָנען און אידעען; אָבער ער אַליין טראָגט גאָרנישט ביי צו דעם, וואָס שטעלט צונויף די גרונדלאַגע פון די דאָזיגע אידעען און געפיהלען. דעם אמת געזאָגט, קומט אַלץ צו איהם פון דרויסען, מחמת די אָרגאַנישע באַדינגונגען, אָהן וועלכע עס קאָן זיך ניט אויפהאַלטען ניט קיין אינדיווידועלער און ניט קיין קאָלעקטיווער לעבען און אָהן וועלכע עס וואָלטען קיין געפיהלען ניט געווען, זיינען אַזוי אויסערליך (פאַר'ן מענשען), אַז די נאַטור פאַרווירקליכט זיי, גאָר אומאָפּהענגיג פון יעדען מאַרך און יעדער פּסיכיק, אין די פלאַנצען און באַזונדערס אין די נידעריגערע מינים פון די בעלי־חיים. דערפון פאָלגט, אַז מען מוז אַביסעל פאַרענדערן דעם טייטש פון וואָרט: סוביעקטיוו. סוביעקטיוו קאָן מען רופען בלויז די איבעראַרבייטונגס פעהיגקייט פון די נערווען־צעלען; אין אַלעם איבעריגען איז דאָס סוביעקטיווע אויסגעמישט מיט דאָס אָביעקטיווע (נומער 111, זייט 302). — און אויף זייט 343—344 זאָגט נאָך ה. ליטטרע פאָלגענדעס: „דער שכל הישר איז ניט אַ פעהיגקייט, וואָס הערשט איבער די איינדריקע, וואָס ער האָט באַקומען; זיין איינציגע אַרבייט (די ריין פיזיאָלאָגישע) באַשטעהט אין פאַרגלייכען זיי איינע מיט די אַנדערע, כדי צו קומען צו געוויסע שלוסען; ער האָט אָבער איבער זיי ניט קיין שום העכערע מאַכט. האַלוצינאַציעס באַווייזען דאָס; האַלוצינאַציעס ווערן אַרויסגערופען דורך איינדרוקען, אָבער ניט פון עפּעס אָביעקטיוועס. דורך דעם קרענקליכען שפּיעל פון די נערווען־צעלען, וואָס זיינען צוגעפּאַסט איבערצוגעבען די איינדרוקען, שטראָמען די פאַנטאַסטישע איינדרוקען צום אינטעלעקטועלען צענטר („דער גרויער הייטעל־שטאָף פון יענעם טייל מאַרך, וואָס פאַרנעהמט דעם גאַנצען אויבערשטען און אונטערשטען טייל פון דער פאַרטיעפונג אין שאַרבען, אייגענטליך פון דעם מאַרך") פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען ווירקליכע. דער שכל, וועלכער נעהמט זיי אויף, אַרבייט דאַן געצוואונגענערהייט איבער אַ פיקטיווען מאַטעריאַל, און אָט אַזוי ערשיינען די איינגעבילדעטע פאָרשטעלונגען. אַחוץ דעם גיט אונז

פון דעם איז קלאָר באַוויזען, אַז עס קאָן גאָר קיין פראַגע ניט זיין וועגען פאַרשיידענע מאָראַלע אָדער ניט־מאָראַלע נייגונגען, וואָס באַשטימען אויף אַ פאַטאַלען אופן אין דעם אָרגאַניזם פון קינד גופא גע'ירשנ'טע און איינגעבאָרענע מעלות אָדער חסרונות, און אַז די מאָראַלע איינגעבאָרנקייט איז אין קיין הינזיכט ניט אָפּגעטיילט פון דער אינטעלעקטועלער איינגעבאָרנקייט, מחמת, סיי די ערשטע, סיי די צווייטע זיינען ניט מעהר ווי אַ גרעסערע אָדער קלענערע מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, וואָס די אַנטוויקלונג פון מאַרך האָט בכלל דערגרייכט.

„קוים זיינען די אַנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע אייגענשאַפטען פון שכל אָנערקענט", זאָגט ליטטרע (זייט 355), „קאָן מען שוין אַריינדרינגען אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין געשיכטע. כל זמן דער שכל איז ניט פאַרפיעלפאַכט און באַרייכערט געוואָרן פון דער ציוויליזאַציע, איז ער בלויז באַזעסען פון איינפאַכע אידעען,* וואָס ווערן אַרויסגערופען פון אינערליכע, ווי פון אויסערליכע** איינדרוקען און האָט זיך אויף אַזאַ אופן געפונען אויף אַ נידעריגער מדרגה פון אַנטוויקלונג; כדי זיך אויפצוהויבען העכער, באַזיצט דער שכל בלויז אַ אַפּזונדערנדע

---

אַ גאַנץ עהנליכען באַוויז, מיט דער אויסנאַהם פון דעם פאַטאָלאָגישען עלעמענט, די אַנטוויקלונג פון די מענשליכע אידעען אין דער געשיכטע. פון אָנפאַנג זיינען די באַאָבאַכטונגען, — מיט דער אויסנאַהם פון די גאַנץ איינפאַכע, — פעהלערהאַפט, און פאָלגליך זיינען אויך די אורטיילען פעהלערהאַפט. מענשען זעהען, אַז די זון געהט אויף אין מזרח און פאַרגעהט אין מערב, און זיך שטיצענדיג אויף דעם, בויט אויף דער שכל פאַלשע שלוסען, וועלכע ווערן שפּעטער אויסגעבעסערט אַ דאַנק די בעסערע באָבאַכטונגען. ווען דער שכל וואָלט געווען אַן ערשטע און ניט אַ צווייטע פעהיגקייט, וואָלט די מענשליכע געשיכטע געווען אַ גאַנץ אַנדערע (די מענשהייט וואָלט ניט געהאַט אַלס איהר פאָרפאָטער דעם ברודער גאָרילאַ). די גרויסע אמת'ן וואָלטען דאַן דערקענט געוואָרן פריהער פון אַלץ, און פון זיי וואָלטען אויף אַ סילאָגישען אופן אַרויסגעקומען די קלענערע אמת'ען; אָט דאָס איז אויך אַ טעאָלאָגישע היפּאָטעזע"... הער ליטטרע וואָלט נאָך געמאָגט צוגעבען: און אויך אַ מעטאַפיזישע און אַ יורידישע.

* מיר וואָלטען געזאָגט — אורשפּרינגליכע דערקענטעניסען, אָדער אפילו איינפאַכע פאָרשטעלונגען פון זאַכען.

** די איינדרוקען אויף די חושים, וואָס דער אינדיווידום באַקומט דורך זיינע נערווען פון אויסערליכע און אינערליכע געגענשטאַנדען.

און גענעראַליזירענדע פעהיגקייט,* אָבער דאָס איז גענוג. בײַספּיעלסווייז פּאַרמירען זיך קאָמפּליצירטע קאָמבינאַציעס, וואָס פאַרגרעסערן די קראַפט און דעם פעלד פון דער טעטיגקייט פון דעם מאָרך; ** ענדליך, באַוועגענדיג זיך אַלץ פאָרווערטס, דערגרייכט דער מענש צו גרויסע אינטעלעקטועלע טעטיגקייטען. די גייסטיגע מאַשין פאַרגרעסערט און פאַרפאָלקאָמט זיך, און אָהן אַ מאַשין קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן ניט אויפ'ן אינטעלעקטועלען און ניט אויפ'ן אינדוסטריעלען געביט.

„אין דעם פּראָצעס פון פאַרפאָלקאָמונג קומט אויך צו הילף די וויכטיגע אייגענשאַפט פון לעבען, נעמליך, די פאַרערבונג, וואָס העלפט־מיט צו באַפעסטיגען דעם פּראָגרעס אין דער געגענוואַרט און צו פאַרלייכטערן איהם אין דער צוקונפט. נייע גייסטיגע פעהיגקייטען, אויב מען האָט זיי נאָר איינמאָל באַקומען, ווערן שוין איבערגעגעבען בירושה, — דאָס איז אַן עקספּעריטענטאַלער פאַקט, — צו די נאָכקומענדע אונטער דער פאָרם פון איינגעבאָרנקייט; איינגעבאָרנקייטען אין צווייטען און אין דריטען דור, וואָס באַשאַפען אויף דעם גייסטיגען געביט פאַרפאָלקאָמטע מענשליכע ראַסען. דאָס קאָן מען באַמערקען, ווען עס באַגעגענען זיך פעלקער, וואָס האָבען דורכגעמאַכט פאַרשיידענע אַנטוויקלונגען; די נידריגערע, אָדער זיי פאַרשווינדען אָדער זיי דערגרייכען גאַנץ לאַנגזאַם צו דער מדרגה פון די העכערע".

ווייטער, ציטירענדיג לואיס'עס ווערטער: „די מאָרך־ספערע, וואו עס הערשען די עמאָציאָנעלע ליידענשאַפטען און יענע, וואו עס האָבען זייער נעסט די ריין־אינטעלעקטועלע ערשיינונגען, זיינען אינערליך ענג צונויפגעקניפּט",—גיט נאָך ה. ליטטרע צו***:

„אַט די פאָלשטענדיגע עהנליכקייט צווישען אינטעלעקט און געפיהל, און באַזונדערס פון דעם מקור וואו די נערוועז נעהמען

---

* די אָפּזונדערונג פון פשוטע אידעען אין זכרון און דער גענעראַליזירן זיי דורך דער טעטיגקייט פון מאָרך.

** דורך דער פאַרבינדונג פון איינפאַכע אידעען.

*** זייט 357.

אויף,* און דעם צענטר, וואו דאָס אויפגענומענע ווערט איבער־געאַרבייט,** צוזאַמען מיט דער איין־און־דערזעלביגקייט פון די צוויי צענטערן, דאָס אַלץ באַטייט, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון געפיהל קאָן ניט זיין אַנדערש ווי די פיזיאָלאָגיע פון אינטעלעקט.

„דער פּועל־יוצא איז, אַז מען האָט זיך געמוזט אָפּזאָגען פון אויסגעפינען אין מאַרך באַשטימטע אָרגאַנען פאַר נייגונגען און ליידענשאַפטען און אָנערקענען, אַז אין איהם זיינען פאַראַן נאָר פאַרשיידענע מינים אַפעקטיווע פּראָצעסען, וועלכע עס איז נויטיג צו באַשטימען.

„דער מקור פון אידעען זיינען די זינליכע איינדרוקען, דער מקור פון געפיהלען — די אינסטינקטיווע איינדרוקען. די אַרבייט פון די נערווען־צעלען באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי אַרבייטען־איבער די אינסטינקטיווע איינדרוקען אין געפיהלען. דער פּראָבלעם פון דער אַנטשטעהונג פון די געפיהלען איז אינגאַנצען עהנליך צו דעם פּראָבלעם פון דער אַנטשטעהונג פון אידעען.

„אָט דער אַרט מאַרך־טעטיגקייט איבט זיך איין אין צוויי

---

* דער מקור, פון וואַנען די נערווען שעפּען זייערע זינליכע און אינסטינקטיווע איינדריקע, די עמפּינדונגען בכלל, איז לויט דער מיינונג פון ה. ליטטרע און ה. לואיס, דער אָפּטישער געבוי, אין וועלכען עס קומען זיך צונויף סיי די אויסערליכע, סיי די אינערליכע איינדרוקען — ד. ה. וואָס ווערן אַרויסגערופען דורך אויסערליכע געגענשטאַנדען, אָדער וואָס קומען אַרויס פון דער טיעפעניש פון אָרגאַניזם — און וועלכער (דער אָפּטישער געבוי) „דורך דעם סיסטעם פון פיבערן און פאַרבינדונגען, גיט איבער די איינדרוקען צו דעם גרויען שטאָף פון אייגענעם מאַרך — דער צענטר פון די אַפעקטיווע, ווי פון די אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען" (זייט 41—340).

** דער גרויער שטאָף פון מאַרך באַשטעהט אייגענטליך פון נערווען־צעלען: „עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די נערווען־צעלען, וואָס שטעלען צונויף דעם שטאָף פון מאַרך, זיינען אַנאַטאָמיש די עקסטע פאַרענדיגונגען פון די נערווען און דער פּלאַץ וואו עס גיסען זיך צונויף אַלע אינערליכע איינדרוקען, וואָס זיינען באַשטימט איבערצואַרבייטען די דאָזיגע איינדרוקען אין אידעען; דערנאָך, צו אורטיילען איבער דער עתנליכקייט, אָדער דער פאַרשיידענקייט פון די שוין אַרויסגעבראַכטע אידעען, כדי זיי אויפצוהאַלטען אין זכרון און זיי צו פאַראייניגען אין פאַרבינדונגען. ניט מעהר און ניט ווייניגער. די גאַנצע אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פון מענשען האָט פאַר איהר אויסגאַנגס פונקט אָט די אַנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע באַדינגונגען" (ז. 352).

סאָרטען אינסטינקטיווע איינדרוקען, אין די, וועלכע געהערן *צו די אינסטינקטען פון אויפהאַלטען דאָס אינדיווידועלע לעבען*, און אין די, וואָס געהערן צו די אינסטינקטען פון אויפהאַלטען דאָס לעבען פון דעם מין. די ערשטע קאַטעגאָריע ווערט איבערגעאַרבייט אין *אייגענליעבע*, די צווייטע — אין *ליעבשאַפט צו אַנדערע*, אונטער דער פרימיטיווער פאָרם פון דער ליעבע פון דער מוטער צום קינד און פון דעם קינד צו דער מוטער.

„פון דעם דאָזיגען שטאַנדפונקט וועט זיין ניט איבעריג צו וואַרפען אַ בליק אויף דער פאַרגלייכס־פיזיאָלאָגיע. ביי פיש, וואָס שטעהען בנוגע צו געהירן אויף דעם נידעריגסטען שטאַפעל פון אַלע רוקענביינינגע חיות און וואָס וויסען ניט פון פאַמיליע און פון קינדער, פאַרבלייבט דער אינסטינקט אַ ריין סעקצועלער. אָבער די געפיהלען, וואָס ווערן פון איהם אַרויסגערופען, הויבען זיך אָן אַרויסצייגען ביי מאַנכע מילך־זויגערס און פויגלען; עס שטעלט זיך איין אַן עכטער צוזאַמענלעבען, אָבער מייסטענס נאָר צייטווייליג. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער אַנטשטעהונג פון באַציהונגען צווישען עלטערן און קינדער. ענדליך ווערן ביי מאַנכע חיות, און אגב אויך ביים מענשען, געשאַפען באַציהונגען צווישען פאַרשיידענע פאַמיליעס פון דעמזעלבען מין, ווי צווישען די מיטגלידער פון איין און דערזעלבער פאַמיליע; דאָ און דאָרט, אויף פאַרשיידענע פונקטען פון טיערן־רייך אַנטשטעהט די געזעלשאַפטליכקייט. און קוים איז דער יסוד אויף אָט דעם אופן אוועקגעלעגט געוואָרן, איז שוין ניט שווער צו פאַרשטעהן, אַז וואָס מעהר קאָמפּליצירט עס ווערט די עקזיסטענץ פון דעם אינדיווידום, אַזוי גוט ווי פון דער געזעלשאַפט, אַלץ קאָמפּליצירטער, און קאָמבינירטער ווערן *די פרימיטיווע געפיהלען*, וועלכע ווערן פונקט אַזוי ניט־צעטיילבאַר, ווי אומצעטיילבאַר עס זיינען אין דעם אינטעלעקט אַסאָציאירטע אידעען.“ (ז. 375).

ווי עס שיינט אַלזאָ, איז עס פעסטגעשטעלט, אַז אין מאַרך עקזיסטירן ניט קיין ספּעציעלע אָרגאַנען, ניט פאַר פאַרשיידענע אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען, ניט פאַר פאַרשיידענע מאָראַלע אייגענשאַפטען, נייגונגען און ליידענשאַפטען, גוטע אָדער שלעכטע.

פאָלגליך קאָנען מעלות און חסרונות ניט איבערגעהן בירושה, זיי קאָנען אויך ניט זיין איינגעבאָרן, וואָרים, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, די איינגעבאָרנקייט און די פאַרערבונג ביי נייגעבאָרענע קאָנען בלויז זיין פיזישע, מאַטעריעלע. אין וואָס זשע קאָן באַשטעהן די פּראָגרעסיווע פאַרפאָלקאָמונג פון געהירן, וואָס ווערט היסטאָריש איבערגעגעבען, סיי אין אינטעלעקטועלער, סיי אין מאָראַלער הינזיכט? אויסשליסליך אין דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצען מאַרך און נערוועןֿ־סיסטעם, ד. ה. אין דער עכטקייט, פיינקייט און לעבעדיגקייט פון די נערווען איינדרוקען, ווי אין דער פעהיגקייט פון מאַרך איבערצואַרבייטען די איינדרוקען אין געפיהלען, אין אידעען, און זיי קאָמבינירן, ארומנעהמען און אריינגעהמען אַלץ מעהר און מעהר ברייטערע פאַרבינדונגען פון געפיהלען און אידעען.

עס קאָן גאַנץ מעגליך זיין, אַז אין פאַל ועלכע עס איז ראַסע, נאַציע, קלאַס אָדער פאַמיליע, צוליעב איהר באַזונדער כאַראַקטער, וואָס איז שטענדיג אָפּהענגיג פון איהר געשיכטע, פון איהר געאָגראַפישער און עקאָנאָמישער לאַגע, פון איהר אַרט באַשעפטיגונג, פון דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון שפּייז, ווי אויך פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, — מיט איין וואָרט, פון איהר גאַנצען לעבען אין דער קלענערער אָדער גרעסערער מדרגה פון איהר אינטעלעקטועלער און מאָראַלער אַנטוויקלונג, — אַז אין פאַל ווען צוליעב די אַלע באַדינגונגען וועלען איינער אָדער איניגע סיסטעמען פון אָרגאַנישע פונקציעס, וועמעס פאַראייניגונג עס בילדעט דאָס לעבען פון מענשליכען קערפּער, זיין אַנטוויקעלט צום שאָדען פון אַלע איבעריגע סיסטעמען ביי די עלטערן, — איז זעהר מעגליך, כמעט קיין ספק ניט, זאָגען מיר, אַז דאָס קינד וועט אויף אַ געוויסען גראַד ירש'ענען דעמזעלביגען טרויעריגען חסרון, — מיט דער מעגליכקייט, נאַטירליך, אויף וויפיעל ניט איז אויסגעבעסערט צו ווערן אַ דאַנק דער שפּעטערדיגער אייגענער אַרבייט אויף זיך אַליין, און מאַנכעסמאָל אויך אַ דאַנק סאָציאַלע ענדערונגען, אָהן ועלכע די איינשטעלונג פון אַ פולערער האַרמאָניע אין דער פיזיאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון די אינדיווידוּמען, גענומען אין אַבסאָלוטען זין, קאָן אָפּט זיין אוממעגליך.

אַלענפאַלס מוז געזאָגט ווערן, אַז אַן אַבסאָלוטע האַרמאָניע

אין דער אַנטוויקלונג פון מענשליכען קערפּער, און פאָלגליך אויך אין דער אַנטוויקלונג פון די מענשליכע, מוסקולעזע, אינסטינקטי־ווע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלע פעהיגקייטען, איז אַן אידעאַל, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט ווערן; ערשטענס צוליעב דעם, וואָס פיזיאָלאָגיש דריקט די געשיכטע מעהר אָדער וועניגער (און עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט קאָנען זאָגען: אַלץ וועניגער און וועניגער) — אַלע פעלקער און אַלע אינדיווידומען; צווייטענס צוליעב דעם, וואָס יעדע פאַמיליע און יעדער פאָלק געפינט זיך שטענדיג אַוועקגעשטעלט אין פאַרשיידענע באַדינגונגען, אין וועלכע אייניגע וועלען תמיד זיין קעגענגעזעצט צו דער פולער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון די מענשען.

אַלזאָ, דאָס, וואָס ווערט איבערגעגעבען בירושה פון איין דור צום צווייטען, דאָס וואָס קאָן פיזיאָלאָגיש זיין איינגעבאָרן אין אינדיווידומען, איינגעבאָרן אין לעבען, איז ניט קיין מעלות אָדער חסרונות, ניט קיין אידעען אָדער פאַרבינדונגען פון אידעען און געפיהלען, נאָר ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער מוסקול־און נערווען־מעכאַניזם, מעהר אָדער וועניגער פאַרפאָל־קאָמטע און האַרמאָנירענדע אָרגאַנען, מיט דער הילף פון וועלכע דער מענש באַוועגט זיך, אָטעמט, דערפיהלט זיך, באַקומט אויסערליכע איינדרוקען און פאַסט־אויף, דענקט, אורטיילט, קאָמבינירט, פאַרבינדט און באַגרייפט געפיהלען און אידעען, וואָס זיינען ניט עפּעס אַנדערש, ווי דיזעלבע אויסערליכע און אינערליכע איינדרוקען, גרופּירט און איבערגעאַרבייט צוערשט אין קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען, דערנאָך אין אַבסטראַקטע באַגריפען, מיט דער הילף פון ריין פיזיאָלאָגישע און, מיר וועלען נאָך צוגעבען, געצוואונגענע טעטיגקייטען פון מאָרך.

די פאַרבינדונגען פון אידעען און געפיהלען, וועמעס כסדר׳־דיגע אַנטוויקלונג און פאַרענדערונג עס שטעלט מיט זיך פאָר דעם גאַנצען אינטעלעקטועלען און מאָראַלען טייל פון דער מענשליכער געשיכטע, פאָראורזאַכען ניט, אַז אין מענשליכען מאָרך זאָלען זיך אויסבילדען נייע אָרגאַנען, וואָס זאָלען אַנטשפּרעכען יעדער באַזונדערער פאַרבינדונג, און פאָלגליך קאָנען זיי ניט איבערגעגעבען ווערען צו די אינדיווידומען דורך אַ פיזיאָלאָגישער פאַרערבונג.

דאָס וואָס געהט יאָ איבער פיזיאָלאָגיש בירושה, איז אַן אַלץ מעהר און מעהר פארשטארקטע, אויסגעברייטערטע און פארפאָלקאָמ־טע פעהיגקייט זיי צו פארשטעהן און צו באשאפען נייע. אָבער די פארבינדונגען גופא און די קאָמפליצירטע אידעען, וואָס שטע־לען זיי פאָר, ווי למשל, די אידעע פון גאָט, פאָטערלאנד, זיטליכ־קייט א. אַ. וו., קאָנען ניט זיין איינגעבאָרן, זיי ווערן בלויז איבער־געגעבען צו די אינדיווידועמן דורך דער געזעלשאפטליכער דער־ציהונג און טראדיציע. זיי כאפען ארום דאָס קינד פון דעם ערש־טען טאָג פון זיין געבורט, און אַזוי ווי זיי זיינען שוין פארקער־פערט אין זיין ארומיגען לעבען, אין אַלע מאַטעריעלע ווי מאָראַלע פּרטים פון דער סאָציאַלער וועלט, אין וועלכער ער איז געבאָרן געוואָרן, דרינגען זיי אריין אויף טויזענדערליי אופנים פריהער אין זיין קינדערשען, דערנאָך אין זיין אינגעלשען און יוגענדליכען בא־וואוסטזיין, וועלכער ווערט געבאָרן, וואקסט און בילדעט זיך אוים אונטער זייער אַלמעכטיגען איינפלוס.

נעהמענדיג די ערציהונג אין דעם ברייטסטען זין פון וואָרט, פארשטעהענדיג אונטער איהר ניט נאָר דאָס לערנען און די לעק־ציעס פון מאָראַל, נאָר איבערהויפּט אויך די ביישפּיעלען, וואָס די ארומיגע מענשען גיבען די קינדער; די ווירקונג אויף דעם קינד פון אַלץ, וואָס עס הערט, וואָס עס זעהט; פאַרשטעהענדיג אונ־טער דעם וואָרט ניט נאָר די גייסטיגע בילדונג פון קינד, נאָר אויך די אַנטוויקלונג פון זיין קערפּער דורך נאָהרונג, היגיעניע, פיזישע איבונגען, — זאָגען מיר, מיט דער פולער זיכערהייט, אַז קיינער וועט אונז ערנסט ניט באשטרייטען, אַז יעטווידער קינד, יעדער יונגער מענש, און ענדליך יעדער דערוואקסענער איז אינגאנצען אַ פּראָדוקט פון דער וועלט, וועלכע האָט איהם אויפגעהאָדעוועט און ערצויגען אין איהר סביבה, — אַ פאַטאלער פּראָדוקט, אַ געצוואונ־גענער און פאָלגליך אַ ניט פאראַנטוואָרטליכער.

דער מענש קומט אריין אין לעבען אָהן אַ נשמה, אָהן אַ בא־וואוסטזיין, אָהן אַ סימן פון וועלכער עס איז אידעע אָדער געפיהל; ער קומט אָבער מיט אַן אָרגאניזם, וועמעס אינדיווידועלע נאטור איז געוואָרן באשטימט דורך אַן אומענדליכער צאָהל פון צושטאנ־דען און באדינגונגען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער סאמע אַנט־

שטעהונג פון ווילען, און וועלכע (די אינדיווידועלע נאַטור) אין איהר רייה האָט אַרויסגערופען די גרעסערע אָדער די קלענערע פעהיגקייט פון מענשען אויפצונעהמען און צו מאַכען פאַר זיין אייגענם געפיהלען, אידעען און פאַרבינדונגען פון געפיהלען און אי־דעען, וואָס האָבען זיך אויסגעאַרבייט דורך יאָהרהונדערטער און זיינען איבערגעגעבען געוואָרן צו יעדען איינעם אַלס א געזעל־שאַפטליכע ירושה, מיט דער הילף פון דער ערציהונג, וואָס יעדער איינער האָט באַקומען. צי די דערציהונג איז א שלעכ־טע אָדער א גוטע, זי ווערט אָבער אַרויפגעוואָרפען אויף דעם מענשען אָהן זיין ווילען, ער איז פאַר איהר לחלוטין ניט פאַראַנט־וואָרטליך. זי אַנדערשט איבער דעם מענשען אויף וויפיעל דאָס דערלאָזט זיין מעהר אָדער וועניגער איינגעגעבענע אינדיווידועלע נאַטור, אַזוי צו זאָגען לויט זיין פאָרם, אַזוי אַז דער מענש דענקט, פיהלט און פאַרלאַנגט דאָסזעלבע, וואָס עס דענקען, פיהלען און פאַרלאַנגען די אַלע וואָס רינגלען איהם אַרום.

אויב אַזוי, וועט מען אפשר פרעגען, טאָ ווי אַזוי זשע דער־קלערט מען, וואָס דיזעלבע ערציהונג, אַלענפאַלס אויסערליך די־זעלבע, ברענגט אָפט צו גאַנץ פאַרשיידענע רעזולטאַטען בנוגע דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער, פאַרשטאַנד און האַרץ? און זיינען דען ביים געבאָרען ווערן ניט פאַרשיידען די אינדיווידועלע נאַטורען? אָט דער נאַטירליכער און איינגעבאָרענער אונטער־שייד, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, איז ער דאָך פונדעסטוועגען א פאָזיטיווער און רעאַלער: אַן אונטערשייד אין טעמפּעראַמענט, אין לעבענס־ענערגיע, אין דער פאָרהערשונג פון אַן איינציגען גע־פיהל, פון אַן איינציגער גרופּע אָרגאַנישע פונקציעס איבער די אַנ־דערע, אין דער נאַטירליכער לעבהאַפטיגקייט און פעהיגקייט. מיר האָבען געזוכט צו באַווייזען, אַז די חסרונות, ווי אויך די מאָראַלע אייגענשאַפטען — פאַקטען פון אינדיווידועלען און געזעלשאַפטלי־כען באַוואוסטזיין, — קאָנען פאַקטיש ניט איבערגעגעבען ווערן בירושה און אַז קיין איינציגע פיזיאָלאָגישע אייגענשאַפט קאָן ניט פאַראורטיילען א מענשען צו שלעכטס און איהם מאַכען פאַר אַב־סאָלוט אומפעהיג פאַר גוטס; מיר האָבען אָבער ניט געדענקט אָפּצולייקענען, אַז עס זיינען פאַראַן גאַנץ אַנדערע אינדיווידועלע נאַטורען, פון וועלכע אייניגע זיינען גליקליכערווייז מעהר באַגאַבט

און מסוגל צו א ברייטערער מענשליכער אנטוויקלונג, ווי די אנ־דערע. באמת דענקען מיר, אז היינט צו טאג ווערט צופיעל אי־בערטריבען דער נאטירליכער אונטערשייד צווישען די אינדיווי־דומען, און אז צום גרעסטען טייל דארפען די היינטיגע אונטער־שיידען צוגעשריבען ווערן ניט אזוי פיעל צו דער נאטור, ווי צו דער פארשיידענארטיגער ערציהונג, וואס יעדער איינער קריגט.

כדי צו לעזען די דאזיגע פראגע, וואלט זיך אלענפאלס גע־פאדערט, אז די צוויי וויסענשאפטען, וואס קאנען איהר לעזען, נעמ־ליך: די פיזיאלאגישע פסיכאלאגיע אדער די לעהרע וועגען מארך און פעדאגאגיע, אדער די לעהרע וועגען דערציהונג און געזעל־שאפטליכער אנטוויקלונג פון מארך, זאלען ארויסגעהן פון דעם קינ־דערשען צושטאנד אין וועלכען זיי ביידע געפינען זיך. קוים אבער איז פעסטגעשטעלט געווארן א פיזיאלאגישער חילוק צווישען די אינדיווידומען, אויף וואס פאר א מדרגה דאס זאל ניט זיין, איז פאלקאם קלאר אז דערפון פאלגט, אז אירגענד וועלכע דערציהונג־סיסטעם, מעג זי זיין אן און פאר זיך די בעסטע, ווען מען בא־טראכט זי אבסטראקט, קאן זי זיין גוט פאר איינעם און שלעכט פאר א צווייטען.

כדי צו ווערן פאלקאם, מוז די דערציהונג ווערן פיעל אינדי־ווידואליזירטער ווי זי איז איצט; זי מוז אינדיווידואליזירט ווערן אין גייסט פון פרייהייט און ניט אנדערש ווי דורך דעם רעספעק־טירן די פרייהייט, אפילו ביי קינדער. זי מוז שטרעבען ניט צו דרעסירן דעם כאראקטער, שכל און הארץ, נאר זיי אויפוועקען צו אומאפהענגיגער און פו״עו״ טעטיגקייט. זי טאר ניט האבען קיין אנדער ציעל, ווי נאר צו שאפען פרייהייט, ניט האבען קיין אנדער קולט, אדער בעסער געזאגט, קיין אנדער מאראל, קיין אנדער גע־גענשטאנד פון אכטונג, ווי די פרייהייט פון יעדען און פון אלע; אלס א פשוט׳ע גערעכטיגקייט, ניט קיין יורידישע, נאר א מענש־ליכע; אלס פשוט׳ען שכל, ניט קיין טעאלאגישען, ניט קיין מעטא־פיזישען, נאר א וויסענשאפטליכען; און ענדליך טאר זי ניט זיין באזירט אויף דער ארבייט, סיי פון די מוסקולען, סיי פון די נער־ווען, אויף דער ארבייט, אלס דעם ערשטען און פאר אלעמען פאר־פליכטענדען פונדאמענט פון וועלכער עס איז ווירדע, פרייהייט

און רעכט. אַזאַ דערציהונג וואָס זאָל זיך ברייט פאַרשפּרייטען איבער אַלעמען, אויף פרויען אַזוי גוט ווי אויף מענער, אונטער עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַציהונגען, וואָס זיינען באַזירט אויף ריכטיגער גערעכטיגקייט, אַזאַ דערציהונג וואָלט געמאַכט פאַרשווינדען אַ סך אַזויגערופענע נאַטירליכע אונטערשיידען.

מען קאָן אונז ענטפערן: גוט, זאָל זיין, אַז די היינטיגע דערציהונג איז ניט פאָלקאָם, אָבער יעדענפאַלס קאָן מען דאָך דערמיט אַליין ניט דערקלערן דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז צווישען פאַמיליעס, וואָס שטעהען מאָראַליש זעהר נידעריג, קאָן מען גאַנץ אָפט באַגעגענען פערזענליכקייטען, וועלכע איבערראַשען אונז מיט דער פיינקייט פון זייערע אינסטינקטען און געפיהלען; און פאַרקעהרט פאַסירט נאָך אָפטער, אַז צווישען די אין מאָראַלען און אינטעלקטועלען הינזיכט אַנטוויקעלטסטע פאַמיליעס, טרעפט מען אינדיווידומען וואָס זיינען געמיין אין די געדאַנקען און אין האַרצען. דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי אַ שיינבאַרער ווידערשפּרוך. אין דער ווירקליכקייט, כאָטש מיר האָבען געזאָגט, אַז אין די מייסטע פאַלען איז דער מענש אינגאַנצען אַ פּראָדוקט פון די סאָציאַלע באַדינגונגען אין וועלכע ער אַנטוויקעלט זיך; כאָטש מיר האָבען איבערגעלאָזען פאַרהעלטניסמעסיג אַ גאַנץ קליינעם טייל פאַר דעם איינפלוס פון דער פיזיאָלאָגישער פאַרערבונג, פאַר די נאַטירליכע אייגענשאַפטען מיט וועלכע דער מענש ווערט געבאָרן, פונדעסטוועגען לייקענען מיר ניט אָפּ אויך דעם דאָזיגען איינפלוס. מיר האָבען זאָגאַר אָנערקענט, אַז אין געוויסע אויסנאַהמספאַלען, ביי געניאַלע און זעהר באַגאַבטע מענשען, ווי אויך ביי אידיאָטען און ביי מענשען וואָס זיינען מאָראַליש זעהר פאַרדאָרבען, איז מעגליך אַז דער איינפלוס אָדער די נאַטירליכע באַשטימונג פון דער אַנטוויקלונג פון אינדיווידום, — אַ באַשטימונג וואָס איז אַזוי פאַטאַל ווי די ווירקונג פון דערציהונג און פון געזעלשאַפט, — זאָל זיין זעהר גרויס. דאָס לעצטע וואָרט בנוגע אָט די אַלע פראַגען געהערט צו דער געהירן־פיזיאָלאָגיע, און די לעצטע האָט נאָך ניט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע פון אַנטוויקלונג, אַז זי זאָל זיין ביכולת זיי מעהר־וועניגער צו לעזען. די איינציגע זאַך, וואָס מיר קאָנען היינט מיט זיכערהייט זאָגען איז, אַז אָט די אַלע פראַגען געפינען זיך צווישען צוויי פאַטאַליזמען: דעם נאַטירליכען, אָרגאַ־

נישען, פיזיאָלאָגיש פארערבליכען פאטאליזם און דעם פאטאליזם פון געזעלשאפטליכער פארערבונג און טראדיציעס, די ערציהונג און די געזעלשאפטליכע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרדענונג פון יעדען לאנד. צווישען אָט דיביידע פאטאליזמען איז קיין פּלאַץ ניט פאראן פאר דעם פרייען ווילען.

אָבער חוץ דעם נאטירליכען, פּאָזיטיווען אָדער נעגאטיווען כאַראקטער פון דעם אינדיווידום, וואָס קאָן איהם אוועקשטעלען אין א קלענערן אָדער גרעסערן ווידערשפרוך צו דעם גייסט, וואָס הערשט אין דער פאמיליע, קאָנען עקזיסטירן פאר יעדער באזונדערן צופאל נאָך א סך אנדערע פארבאָרגענע אורזאכען, וועלכע בלייבען אומבאוואוסט אין די מעהרסטע פאלען, וועלכע מיר מוזען אָבער פונדעסטוועגען נעהמען אין אכט. די צונויפטרעפונג פון געוויסע אומשטענדען, אומדערווארטע געשעהענישען, אמאָל א גאנץ אומבאדייטענדער צופאל, א צופעליגע באגעגעניש מיט א וועלכען עס איז מענשען, א בוך, וואָס פאלט אריין אין די הענט פון א געוויסען אינדיווידום אין דעם ריכטיגען מאָמענט, — אָט דאָס אלץ קאָן ארויסרופען ביי א קינד, ביי א וואקסענדען, ביי א יונגען מענשען, וועמעס פאנטאזיע קאָכט און איז נאָך פּאָלשטענדיג אָפען פאר איינדרוקען פון לעבען, א גרינדליכע איבערקעהרעניש סיי צום גוטען, סיי צום שלעכטען. א צוגאָב דערצו איז די עקשנות, וואָס אלע יונגע כאראקטערן פארמאָגען, באזונדערס דעמאָלט, ווען זיי זיינען באגאבט מיט א געוויסער נאטירליכער ענערגיע, וועלכע צווינגט זיי צו רעאגירן קעגען די איבערפלעכליכע באפעהלענדע און דויערהאפטע דעספּאָטישע איינפלוסען, און א דאנק וועלכער אפילו אן איבערפלוס פון שלעכטס קאָן מאנכעסמאָל ארויסרופען גוטס.

צי קאָן פון דער אנדער זייט אויך אן איבערפלוס פון גוטס, אָדער דאָס וואָס מען רופט מיט דעם דאָזיגען נאָמען, ארויסרופען שלעכטס? יאָ. ווען גוטס ווערט ארויפגעצוואונגען, אלס א דעספּאָטישער, אבסאָלוטער געזעץ, א רעליגיעזער, דאָקטרינער־פילאָזאָפישער, פּאָליטישער, יורידישער, סאָציאלער אָדער פאמיליען־פּאטריארכאלער, — מיט איין וואָרט, ווען דאָס ווערט ארויפגעצוואונגען אויף דעם

אינדיווידום, ווי גוט דאָס זאָל ניט זיין אָדער זיך אויסווייזען, אַלס אַ פאַרניינונג פון פרייהייט און ניט ווי איהרער אַ פּראָדוקט. אין אַזאַ פאַל אָבער איז דער אויפשטאַנד געגען גוטס, וואָס איז אַרויפ־געצוואונגען געוואָרן דורך אַזעלכע מיטלען, ניט נאָר נאַטירליך, נאָר אויך געזעצליך; אַזאַ אויפשטאַנד איז ניט נאָר ניט שלעכט, נאָר פאַרקעהרט, עס איז גאָר גוט; מחמת אָהן פרייהייט איז ניטאָ קיין גוטס, און פרייהייט איז דער קוואַל און דער אבסאָלוטער באַדינג פון אַלץ וואָס איז גוט, וואָס איז ווירקליך ווערט דעם דאָזיגען נאָמען: מחמת גוטס איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי פרייהייט.

דער איינציגער צוועק פון דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג איז צו אַנטוויקלען און צו באַווייזען דעם אמת, וועלכער ערשיינט פאַר אונז פערזענליך אַזוי איינפאַך און אַזוי קלאָר. לאָמיר זיך איצט אומקעהרען צו אונזער פראַגע.

ביישפּיעלען פון דעם דאָזיגען שיינבאַרן ווידערשפּרוך אָדער ניט־רעגעלמעסיגקייט צייגען זיך אָפט פאַר אונז אין דער בריי־טערער ספערע, אין דער געשיכטע פון פעלקער. למשל, ווי דער־קלערט מען, וואָס דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז אַלעמאָל געווען דאָס ענגסטע און אָפּגעשלאָסענסטע פאָלק אויף דער וועלט, אויף אַזוויפיעל ענג אָפּגעשלאָסען, אַז עס האָט אַנערקענט, אַזוי צו זאָגען, די אבסאָלוטע פּריווילעגירטקייט, די „אתה־בחרתנו׳קייט״ אַלס דעם יסוד פון זיין עקזיסטענץ, אַז דאָס דאָזיגע פאָלק האָט באַהויפּטעט, אַז נאָר ער אַליין איז אָנגעלעגט ביי גאָט, האָט זיך איינגערעדט, אַז זיין גאָט, יהוה — דער גאָט־פאָטער פון די קריס־טען — דערגעהט אין זיין זאָרגען זיך וועגען אידישען פאָלק צו דער ווילדסטער אכזריות צו אַלע אַנדערע פעלקער, און אַז ער האָט דעם אידישען פאָלק פאַרזאָגט, צו פאַרניכטען מיט פייער און שווערט אַלע אומות, וואָס האָבען זיך באַזעצט אויף אַ שוין פאַרשפּראָכענער ערד, כדי אָפּצורייניגען דעם אָרט פאַר זיין פאָלק — די משיחים; — ווי דערקלערט מען, וואָס ביי דעם דאָזיגען פאָלק האָט געקאָנט געבאָרן ווערן ישו הנוצרי, דער גרינדער פון דער אַלוועלטליכער, אַלמענשליכער רעליגיע, און מיט דעם אַליין שוין דער פאַרניכטער פון דעם עצם קיום פון דער אידישער נאַציע

אַלס אַ פּאָליטישער און סאָציאַלער קערפּער. אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט געקאָנט אַט די אָפּגעשלאָסענע נאַציאָנאַלע וועלט אַרויסברייגען אַזאַ רעפּאָרטאַטאָר, רעליגיעזען רעוואָלוציאָנער, ווי עס איז דער אַפּאָסטאָל.* — — — — — — — — — — —

* דאָס איבעריגע פון דעם ווערק איז פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער איז ניט דערשריבען געוואָרן.

# בריעף וועגען פאַטריאָטיזם

צו די באַטײליגטע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבײטער אַסאָציאַציע
פון די שטעדט לאָקל און שאָ־דע־פאָנדס.

# ערשטער בריעף.

מיינע פריינד און ברידער!

איידער איך פארלאז אייערע בערג, פיהל איך א פארלאנג אייך נאכאמאל אויסצודריקען שריפטליך מיין טיעפסטע דאנקבארקייט פאר דעם ברידערליכען אויפנעהם, וואס איהר האט פאר מיר געמאכט. איז עס ניט צו באוואונדערן, אז עפעס א מענש, א רוסישער, א געוועזענער אדעלמאן, פון וועלכען איהר האט ביז דער לעצטער צייט לחלוטין ניט געוואוסט, און וועמעס פוס האט צום ערשטען מאל באטראטען אייער לאנד, איז גלייך ביי זיין אנקומען ארומגערינגעלט געווארן פון עטליכע הונדערט ברידער! אזא וואונדער אין דער היינטיגער צייט קאן נאר געשעהן דורך דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאציאציע, און די אורזאך דערפון איז א גאנץ איינפאכע: זי איז איצט די איינציגע, וואס צייגט אין זיך ארויס א היסטאריש לעבען און א שאפענדע קראפט פאר א פאליטישער און סאציאלער צוקונפט. די, וואס זיינען פאראייניגט פון א לעבעדיגען געדאנק, פון א לעבעדיגען ווילען און גרויסע געמיינשאפטליכע שטרעבונגען, זיינען ווירקליכע ברידער, אפילו ווען זיי זיינען צווישען זיך ניט באקענט.

עס איז געווען א צייט, ווען די בורזשואזיע איז אויך באזעסען דיזעלבע לעבעדיגע קראפט און איז געווען דער איינציגער היסטארישער קלאס, וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט דאסזעלבע בילד פון ברידערליכקייט און אייניגקייט, סיי אין טעטיגקייט, סיי אין געדאנקען. דאס זיינען געווען די גוטע צייטען פון דעם דאזיגען קלאס, וועלכער איז צו יענער צייט בלי ספק געווען עהרענהאפט, אבער וועלכער האט זיך זינט דעמאלט פארוואנדעלט אין עפעס טעמפעס, פרוכטלאזעס און שוואכעס. עס איז דאן געווען די עפאכע פון זיין שטארקסטער אנטוויקלונג. אזוי איז געווען די בורזשואזיע ביז צו דער גרויסער רעוואלוציע פון 1793; אזוי איז זי נאך געווען, כאטש אין א קלענערער מאס, ביז די

רעוואָלוציעס פון די יאָהרען 1830 און 1848. די בורזשואזיע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט איינצונעה־מען, עס איז געווען דער פּלאַץ, וואָס זי האָט געדאַרפט פאַר־נעמען אין דער געזעלשאַפט, און אַן אָרגאַניזירטע צום קאַמף, אַ קלוגע, אַ דרייסטע, פיהלענדיג אַז זי איז די פאָרשטעהערין פון אַלגעמיינעם רעכט, האָט זי געהאַט אַ גוואַלדיגע גבורה; זי אַליין האָט דורכגעפיהרט דריי רעוואָלוציעס: קעגען די פאַראייניגטע כחות פון דער מאָנאַרכיע, דעם אַדעל און די גייסטליכע.

אין יענער צייט האָט די בורזשואזיע אויך באַשאַפען די אַלוועלטליכע, מעכטיגע אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט: דעם פריימויערערטום.

אַ גרויסען טעות וואָלט באַגאַנגען דער, וואָס וואָלט געוואָלט אורטיילען דעם פריימויערערטום פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט אָדער אַפילו פון אָנהויב פון איצטיגען יאָהרהונדערט לויט דאָס, וואָס ער שטעלט מיט זיך איצט פאָר. דער פריימויערערטום איז זיין וואַקסענדער מאַכט, און שפּעטער אין זיין פאַלען, איז געווען אַזוי צו זאָגען, דער אויסדרוק פון דער אינטעלעקטועלער אַנט־וויקלונג, פון דעם וואוקס און דעם פאַלען פון דער בורזשואזיע. היינט צו טאָג, ווען זי איז שוין אַרונטערגעזונקען צו דער טרויע־ריגער ראָלע פון אַן אַלטער פאַרלוימדערקע און פלאַפּלערקע, איז זי נישטיג, נוצלאָז, צייטענווייז שעדליך און שטענדיג לעכערליך, בעת ביז 1830 און באַזונדערס ביז 1793 האָט זי, מיט קליינע אויסנאַהמען, אין זיך פאַראייניגט אַלע אויסגעצייכענטע דענקער, די פלאַמענדסטע הערצער, די שטאָלצסטע ווילענס, די דרייסטסטע כאַראַקטערס און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמת'ע אַקטיווע, מעכטיגע און נוצליכע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען די מעכ־טיגע פאַרקערפּערונג און פּראַקטישע פאַרווירקליכונג פון די הור־מאַניטאַרע אידעען פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. די אַלע גרויסע פּרינציפּען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, פון מענשליכען שכל און מענשליכער גערעכטיגקייט, וואָס זיינען טעאָרעטיש אויסגעאַרבייט געוואָרן פון דער פילאָזאָפיע פון יענעם יאָהרהונדערט, זיינען אין דעם קרייז פון פריימויערערטום געוואָרן פּראַקטישע דאָגמען און יסודות פון אַ נייער מאָראַל און פּאָליטיק, — די נשמה פון אַ גיגאַנטישער אונטערנעהמונג פון צעשטערונג

און באַנייאונג. דער פריימויערערטום איז צו יענער צייט געווען, ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי אַן אַלוועלטליכער, קאָנספּיראַטי־ווער בונד פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע קעגען דער פעאָדאַלער, מאָנאַרכיסטישער און געטליכער טיראַניי. — דאָס איז געוועזען דער אינטערנאַציאָנאַל פון דער בורזשואַזיע.

עס איז באַוואוסט, אַז אַלע הויפּט־טוער פון דער ערשטער רעוואָלוציע זיינען געווען פריימויערער, און אַז בעת די רעוואָלו־ציע האָט אויסגעבראָכען, האָט זי באַגעגענט, אַ דאַנק דעם פריי־מויערערטום, מעכטיגע בונד־גענאָסען אין אַלע אַנדערע לענדער, וואָס האָט זיכער פיעל מיטגעהאָלפען צו איהר נצחון. עס איז אָבער אויך קלאָר, אַז דער טריאומף פון דער רעוואָלוציע האָט דער'הרג'עט דעם פריימויערערטום, וואָרים נאָכדעם ווי די רע־וואָלוציע האָט אין אַ באַדייטענדער מאָס דורכגעפיהרט די פאַר־לאַנגען פון דער בורזשואַזיע און איהר אוועקגעשטעלט אויף דעם פּלאַץ פון דער געבאָרענער אַריסטאָקראַטיע, איז די בורזשואַזיע, וועלכע איז אַ לאַנגע צייט געווען דער אונטערדריקטער און עקס־פּלואַטירטער קלאַס, נאַטירליך אין איהר ריה געוואָרען דער פּריי־ווילעגירטער, עקספּלואַטירנדער, אונטערדריקענדער, קאָנסערוואַטי־ווער און רעאַקציאָנערער קלאַס, זי איז געוואָרען דער פריינד און די הויפּט־שטיצערן פון דעם שטאַאַט. נאָכדעם ווי נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, איז דער פריימויערערטום אין די מייסטע לענדער פון אייראָפּעאישען קאָנטינענט געוואָרן אַ קייזערליכע אינסטיטוציע.

די רעסטאָראַציע האָט איהם טיילוויז אויפגעלעבט. די בורזשואַזיע, דערזעהענדיג פאַר זיך אַ געפאַהר אין דער צוריק־קעהרונג פון דעם אַלטען רעזשים, זייענדיג געצוואונגען אָפּצוטרע־טען דער קירכע און דעם אַדעל דעם אָרט, וואָס זי האָט פאַר זיך ערָאָבערט אין דער ערשטער רעוואָלוציע, איז געטריבען געוואָרן פון דאָס ניי צו ווערן רעוואָלוציאָנער. אָבער וואָס פאַר אַן אונ־טערשייד איז עס צווישען דעם דאָזיגען אונטערגעוואַרימטען רע־וואָלוציאָנעריזם און דעם ברענענדיגען, מעכטיגען רעוואָלוציאָ־נעריזם, וואָס האָט זי באַגייסטערט אין סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָהר־הונדערט! דעמאָלט איז די בורזשואַזיע געווען אויפריכטיג, זי האָט ערנסט און נאַאיוו געגלויבט אין מענשליכע רעכט, זי איז גע־

ווען באַוועגט און באַגייסטערט פון דעם זשעניע פון צעשטערונג און באַנייאונג, זי איז געווען אין איהר פולער גייסטיגער קראַפט און אין דער פולער אַנטוויקלונג פון איהר מאַכט; זי האָט נאָך ניט פאַרדעכטיגט, אַז אַ תהום טיילט איהר אָפּ פון פאָלק; זי האָט זיך באַטראַכט און געפיהלט, און איז ווירקליך געווען די פאָר־שטעהערין פון פאָלק. די רעאַקציע פון טערמידאָר און די קאָנספּי־ראַציע פון באַבעף האָבען ביי איהר אויף אייביג אַוועקגערויבט די דאָזיגע אילוזיע. — דער תהום, וואָס טיילט פאַנאַנדער דעם אַר־בייטענדען פאָלק פון דער עקספּלואַטירענדער, הערשענדער און גע־דייהענדער בורזשואַזיע, האָט זיך אַנטפּלעקט; און כדי דעם דאָ־זיגען תהום צו פאַרשיטען איז נויטיג צו אָפּפערן ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי דעם גאַנצען בורזשואַזען קלאַס, די גאַנצע פּריווי־לעגירטע עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזיע.

דעריבער האָט ניט די בורזשואַזיע אַלס גאַנצע, נאָר אַ טייל פון איהר, נאָך דער רעסטאַוראַציע באַנייט די פאַרשווערונג קעגען דעם רעזשים פון די אַדעליגע און גייסטליכע, און קעגען די לעגיטימע קעניגע.

אין דעם נעקסטען בריעף מיינעם, וועל איך פאַר אייך אויפ־דעקען, אויב איהר וועט ערלויבען, מיינע געדאַנקען וועגען דער לעצטער פאַזע פון קאָנסטיטוציאָנעלען ליבעראַליזם און בורזשואַ־זען קאַרבאַנאַריזם.*

## צווייטער בריעף.

איך האָב געזאָגט אין דעם פריהערדיגען בריעף, אַז די רעאַק־ציאָנערע, לעגיטימיסטישע, פעאָדאַלע און קלעריקאַלע פּראָבען האָבען ווידער אַרויסגערופען אין לעבען דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער בורזשואַזיע, נאָר אַז צווישען דעם נייעם גייסט און יענעם וואָס האָט זי באַגייסטערט ביז דעם יאָהר 1793 איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד. די בורזשואַזען פון דעם פאַרגאַנ־גענעם יאָהרהונדערט זיינען געווען ריעזען, אין פאַרגלייך מיט

* די „קאַרבאַנאַרי" איז געווען אַ געהיימע געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין איטאַליע, אין אָנפאַנג פון לעצטען יאָהרהונדערט, מיט דעם צוועק צו עטאַבלירען אַ רעפּובליק. — איב.

די בורזשוען פון היינטיגען יאָהרהונדערט, וואָס אפילו די דרייסט־סטע פון זיי קוקען אויס גענען די פריהערדיגע ווי קאַרליקעס.

כדי זיך צו איבערצייגען אין דעם דאַרף מען נאָר פאַר־גלייכען זייערע פּראָגראַמען. וואָס איז געווען דער פּראָגראַם פון דער פילאָזאָפיע און דער רעוואָלוציע פון אכצעהנטען יאָהרהונ־דערט? ניט מעהר און ניט ווענינער ווי די פאָלשטענדיגע באַ־פרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט; די רעאַליזירונג פאַר יע־דען איינעם און פאַר אַלעמען די אמת'ע פולע פרייהייט דורך אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישען און סאָציאַלען אויסגלייך; דער טריאומף פון דער מענשליכקייט אויף די חורבות פון דער געטליכער וועלט; די מלוכה פון פרייהייט און ברידערליכקייט אויף דער ערד. — דער טעות פון אָט דער פילאָזאָפיע און רעוואָלוציע איז געווען דער ניט פאַרשטעהן, אַז די פאַרווירקליכונג פון דער מענשליכער פאַר־ברידערונג איז אוממעגליך כל זמן עס עקזיסטירן שטאַאַטען, און אַז די ווירקליכע פאַרניכטונג פון קלאַסען און די פּאָליטישע און סאָציאַלע אויסגלייכונג פון די אינדיווידומען איז אַנדערש ניט מעגליך, סיידען עס וועלען אויסגעגליכען ווערן פאַר אַלעמען און פאַר יעדען די עקאָנאָמישע מיטלען פאַר בילדונג, ערציהונג, אַר־בייט און לעבען. עס וואָלט פונדעסטוועגען געווען אומגערעכט פאַרצואוואַרפען דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט, פאַרוואָס ער האָט דאָס ניט באַגריפען. די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען ווערן ניט געשאַפען און געשטודירט נאָר מיט דער הילף פון ביכער אַליין; זיי נויטיגען זיך אין די גרויסע לעקציעס פון דער געשיכטע, און עס איז נויטיג געווען צו מאַכען די רעוואָלוציעס פון 1789 און 1793, עס איז נויטיג געווען צו ווידערהאָלען די פּראָבעס פון 1830 און 1848, כדי צו קומען צו דעם היינט אומבאַשטרייטבאַרן שלוס, אַז יעדע פּאָליטישע רעוואָלוציע, וואָס שטעלט זיך ניט פאַר איהר באַלדיגען און דירעקטען ציעל די עקאָנאָמישע גלייכ־הייט, איז פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסען און רעכט פון פאָלק ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ היפּאָקריטישע און פאַרמאַסקירטע רע־אַקציע.

דער דאָזיגער, אַזוי דייטליכער און פּשוט'ער אמת, איז נאָך געווען אומבאַוואוסט אין סוף פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט, און ווען באַבעף האָט אַרויסגעשטעלט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע

פראגע, זיינען שוין די כחות פון דער רעוואָלוציע געווען אויסגע־שעפּט. פונדעסטוועגען קומט דעם לעצטען דער אומשטערבליכער כבוד פאַר דעם ארויסשטעלען דעם גרעסטען ציעל, וואָס איז ווען עס איז ארויסגעשטעלט געוואָרן אין דער היסטאָריע, — די באַ־פרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט.

אין פארגלייך מיט דעם דאָזיגען גרויסען פּראָגראַם, וואָס זשע פאַר א ציעל פאַרפאָלגט דער פּראָגראַם פון דעם רעוואָלוציאָנערן ליבעראַליזם אין דער עפּאָכע פון דער רעסטאָראַציע און דער יולי־מאָנאַרכיע ? די באַריהמטע פאַרנינפטיגע פרייהייט, די זעהר באַ־שיידענע, זעהר איינגעאָרדענטע, זעהר באַגרעניצטע און אַקוראַט צו־געפּאַסטע צו דעם אָפּגעשוואַכטען טעמפּעראַמענט פון דער האַלב־אָנגעזעטיגטער בורזשואַזיע, וועלכע, פאַרמאַטערט פון קאַמף און פּיהלענדיג א בענקעניש נאָך זאַטער רחבות, האָט זיך שוין דער־פיהלט אין געפאַהר ניט פון אויבען, נאָר פון אונטען, און מיט אומ־רוה האָט זי דערזעהן אויפ׳ן האָריזאָנט די ערשיינונג פון עפּעס א שוואַרצער מאַסע, פון אומצעהליגע מיליאָנען עקספּלואַטירטע פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען מיעד געוואָרן צו דולדען און וואָס גריי־טען זיך צו פאָדערן די פאַרווירקליכונג פון זייער רעכט.

מיט דעם אָנהויב פון דעם איצטיגען יאָהרהונדערט איז אָט דער וואַקסענדער געשפּענסט, וועלכען מען האָט שפּעטער גערופען „דאָס רויטע געשפּענסט", — אָט דער שרעקענדער גייסט פון אַל־געמיינעם רעכט, וואָס איז ארויסגעטראָטען קעגען די פּריווילע־גיעס פון דעם גליקליכען קלאַס, אָט די פאָלקס־גערעכטיגקייט און פאָלקס־פאַרנונפט, וועלכע האָבען אין זייער ווייטערדיגער אַנט־וויקלונג געמוזט פאַרוואַנדלען אין שטויב די סאָפיזמען פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמיע, יוריספּרודענץ, פּאָליטיק און מעטאַפיזיק, — געוואָרן א שטערונג אין די ווייטערדיגע טריאומפען פון דער בורזשואַזיע, א שטערונג אין איהר גליק, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט איהר איבערצייגונג, איהר שכל.

בעת דער רעסטאָראַציע אָבער איז נאָך די סאָציאַלע פראַגע געווען כמעט אומבאַקאַנט אָדער, בעסער געזאָגט, פאַרגעסען. עס זיינען געווען עטליכע איינצעלנע גרויסע טרוימער, ווי סען סימאָן, ראָבערט אָוועון, פוריע, וועמעס גאונות און גרויסע הערצער האָ־בען פאָראויסגעזעהן די נויטווענדיגקייט פון א ראַדיקאַלער ענדע־

רונג אין דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. אַרום יעדערן פון זיי האָט זיך גרופּירט אַ קליינע צאָהל אייפע־ריגע און איבערגעגעבענע תלמידים, וואָס האָבען אַזוי ווי געבילדעט עטליכע קליינע קירכעס, זיי זיינען אָבער געבליבען פּונקט אַזוי אומבאַקאַנט ווי זייערע לעהרער און האָבען קיין שום איינפלוס ניט געהאַט אויף דער אַרומיגער וועלט. עס איז נאָך געבליבען די קאָ־מוניסטישע צוואה פון באַבעף, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט זיין באַריהמטען חבר און פריינד, בואָנאַראָטי, דעם ענערגישסטען פּראָ־לעטאַריער, דורך אַ געהיימער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָס איז נאָך דאַן געווען אַן אונטערערדישע אַרבייט, וועמעס ערשיי־נונג עס האָט זיך געלאָזט פיהלען ערשט שפּעטער, ביי דער יולי־מאָנאַרכיע; אין דער צייט פון דער רעסטאַוראַציע איז זי אינגאַנ־צען פון בורזשואזען קלאַס ניט באַמערקט געוואָרן. — דאָס פאָלק, די אַרבייטער מאַסען זיינען געבליבען רוהיג און האָבען נאָך פאַר זיך אַליין גאָרנישט געפאָדערט.

עס איז קלאָר, אַז אויב דער געשפּענסט פון דער פאָלקס גע־רעכטיגקייט האָט אין יענער עפּאָכע געהאַט וועלכען עס איז קיום, איז דאָס נאָר געווען אין דעם זינדיגען געוויסען פון דעם בורזשוא. פון וואַנען איז געקומען דער דאָזיגער זינדיגער געוויסען? זיי־נען דען די בורזשוען, וועלכען האָבען געלעבט אין דער צייט פון דער רעסטאַוראַציע, אַלס אינדיווידומען, געווען ערגער פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבען געמאַכט די רעוואָלוציעס פון 1789 און 1793? דורכאויס ניט! דאָס זיינען געווען כמעט דיזעלבע מענ־שען, זיי זיינען בלויז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַן אַנדער סביבה, אין אַנדערע פּאָליטישע באַדינגונגען, זיי זיינען באַרייכערט געוואָרן מיט נייע ערפאַהרונגען און פאָלגליך האָבען זיי געהאַט אויך אַן אַנ־דער געוויסען.

די בורזשוען פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָבען אויפ־ריכטיג געגלויבט, אַז באַפרייענדיג זיך אַליין פון מאָנאַרכיסטישען, קלעריקאַלען און פעאָדאַלען יאָך, באַפרייען זיי צוזאַמען מיט זיך אויך דאָס גאַנצע פאָלק. און אָט דער נאַאיווער, אויפריכטיגער גלויבען איז דאָס געווען דער מקור פון זייער העלדישען מוט און אומגלויבליכער קראַפט. זיי האָבען געפיהלט זייער איינהייט מיט'ן כלל, זיי זיינען אַרויס אויף דער אַטאַקע, טראָגענדיג אין זיך די

געמיינשאפטליכע קראפט און רעכט. א דאנק אט דעם רעכט און אט דער מאכט פון פאלק, וועלכע האבען זיך דעמאלט אזוי צו זאגען פארקערפערט אין דעם קלאס, זיינען די בורזשועזן פון פארגאנגענעם יאהרהונדערט געווען ביכולת אויפצושטייגען און צו פארכאפען די פעסטונג פון פאליטישער מאכט, די זאך צו וואס עס האבען אזוי שטארק געשטרעבט זייערע פאטערס אין פארלויף פון אזויפיעל יאהרהונדערטען. אבער אין דעם אויגענבליק, וואס זיי האבען אויף איהר ארויפגעצויגען זייער פאהן, האט א ניי ליכט באלויכטען זייער פארשטאנד. ווי נאר זיי האבען ערָאבערט די מאכט, האבען זיי אנגעהויבען פארשטעהן, אז צווישען זייערע בורזשואזע אינטערעסען און די אינטערעסען פון די פאלקסמאסען איז ניט פאראן קיין געמיינשאפטליכעס, אז עס איז פארקעהרט, פאראן צווישען זיי א ראדיקאלער ווידערשפרוך, און אז די מאכט און דער אויסשליסליכער געדייהען פון דעם אייגענטימער קלאס קאן בלויז זיין געשטיצט אויף דעם אומגליק און דער פאליטישער און סאציאלער אפהענגיגקייט פון פראלעטאריאט.

פון יענער צייט אן האבען זיך די באציהונגען צווישען דער בורזשואזיע און דעם פאלק גרינדליך געביטען, און נאך איידער די ארבייטער האבען באגריפען, אז די בורזשועזן, מעהר אויס נויט ווי צוליעב שלעכטען ווילען, זיינען זייערע נאטירליכע שונאים, זיינען שוין די בורזשועזן געקומען צום באוואוסטזיין פון אט דעם פאטאלען אנטאגאניזם. אט דעם באוואוסטזיין רוף איך דאס דער אומריינער געוויסען פון די בורזשועזן.

## דריטער בריעף.

ווי איך האב געזאגט, האט דער בורזשואזער אומריינער געוויסען אין אנהויב פון דעם יאהרהונדערט פאראליזירט די גאנצע אינטעלעקטועלע און מאראלע באוועגונג פון דער בורזשואזיע. איך פארריכט און פארבייט דאס ווארט: פ א ר א ל י ז י ר ט אויף דעם ווארט: פ א ר ד ר ע ה ט: מחמת עס וואלט געווען ניט ריכטיג אנצורופען פאראליזירט אדער באוועגונגסלאז יענער אינטעליגענץ, וועלכע, אריבערגעהענדיג פון דער טעאריע צו דער אנ־

וועגדונג פון פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען, האָט באַשאַפען די וואונ־דער פון דער היינטיגער אינדוסטריע, די דאַמף־שיפען, די אייזענ־באַהנען און דעם טעלעגראַף; וועלכע, פון דער אַנדער זייט, האָט אַנטדעקט אַ נייע וויסענשאַפט: די סטאַטיסטיק, און דערפיהר־רענדיג די פּאָליטישע עקאָנאָמיע און די קריטיק פון דער היסטאָ־רישער אַנטוויקלונג פון רייכטום און די ציוויליזאַציע פון פעלקער צו זייערע לעצטע שלוסען, האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פון אַ נייער פילאָזאָפיע, — פון סאָציאַליזם, וואָס איז פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ גרויסמוטיגער זעלבסטמאָרד, די פאַרניינונג פון דער גאַנ־צער בורזשואַזער וועלט.

די פּאַראַליזירונג איז געקומען ערשט שפּעטער, מיט דעם יאַהר 1848, ווען די בורזשואַזיע, אַ דערשראָקענע פון די רעזול־טאַטען פון איהר פריהערדיגער אַרבייט, האָט באַוואוסטזיניג זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק, און כדי אָנצוהאַלטען איהר רייכטום האָט זי זיך אָפּגעטרייסעלט פון יעדען געדאַנק און יעדען ווילען, זיך אונטערוואָרפען דעם מיליטערישען פּראָטעקטאָראַט, און זיך אי־בערגעגעבען מיט'ן גוף און מיט דער נשמה צו דער פולסטער רע־אַקציע. פון יענער צייט אָן האָט זי מעהר שוין ניט דערפונדען, צוזאַמען מיט איהר מוט האָט זי אויך פאַרלאָרן איהר שאַפענדע קראַפט. זי באַזיצט שוין אַפילו ניט דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, מחמת אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן און וואָס זי טוט פאַר איהר רעטונג, שטויסט איהר פאַטאַל אין אָפּגרונט.

ביז 1848 איז זי נאָך געווען ביי איהרע פולע גייסטיגע כחות. אמת, דער דאָזיגער גייסט איז שוין ניט באַזעסען יענע לעבענס־קראַפט, מיט וועמעס הילף ער האָט פון 16טען ביז'ן 18טען יאָהר־הונדערט באַשאַפען אַ גאַנץ נייע וועלט. דאָס איז שוין ניט געווען דער העלדישער גייסט פון אַ קלאַס, וואָס באַזיצט די פולע העזה, מחמת ער מוז אַלץ עראָבערן: איצט איז דאָס געווען דער געזעצ־טער און איבערלעגטער גייסט פון דעם נייעם אייגענטימער, וועל־כער, אַריינקריגענדיג דעם היים־געגאַרטען אייגענטום, דאַרף זיך איצט זאָרגען פאַר זיין געדייהען און ווערט. דער כאַראַק־טעריסטישער שטריך פון דעם בורזשואַזען גייסט פון דער ערשטער

העלפט פון היינטיגען יאָהרהונדערט איז כמעט אויסשליסליך די אוטיליטערע טענדענץ.

מען האָט דאָס איהם געמאַכט אַלס פאָרוואורף און דער פאָרוואורף איז ניט קיין גערעכטער. איך מיין פאַרקעהרט, אַז די בורזשואַזיע האָט באַוויזען דער מענשהייט דעם לעצטען גרעסטען פאַרדינסט, פּראָפּאַגאַנדירנדיג, מעהר דורך אייגענעם ביישפּיעל ווי דורך טעאָריעס, דעם קולט, אָדער בעסער געזאָגט, די אַכטונג, פון די מאַטעריעלע אינטערעסען. אין עצם האָבען אָט די אינטערעססען שטענדיג געהאַט אין דער וועלט אַן איבערוועגענדע באַדייטונג; נאָר פריהער האָבען זיי זיך מאַסקירט אונטער דער פאָרם פון אַ היפּאָקריטישען און אומגעזונטען אידעאַליזם, וועלכער האָט זיי באַזונדערס געמאַכט פאַר אומגעזונט און אומגערעכט.

דער, וואָס האָט זיך כאָטש אַביסעל פאַרנומען מיט געשיכטע, האָט ניט געקאָנט ניט באַמערקען, אַז אין גרונט פון די אַבסטראַקטע, העכסטע און אידעאַל־טעאָלאָגישע שטרייטיגקייטען און רעליגיעזע מלחמות, איז תמיד געלעגען וועלכער ניט איז גרויסער מאַטעריעלער אינטערעס. אַלע מלחמות פון ראַסען, נאַציאָנען, שטאַאַטען און קלאַסען האָבען קיינמאָל קיין אַנדער צוועק ניט געהאַט ווי צו פאַרכאַפּען די הערשאַפט, וואָס איז אַ נויטיגע גאַראַנטיע און באַדינג פאַר דעם באַזיץ פון אייגענטום און דאָס באַנוצען זיך מיט איהם. ווען מען באַטראַכט די מענשליכע געשיכטע פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, איז זי ניט מעהר ווי די פאָרטזעצונג פון דעם גרויסען לעבענסקאַמף, וואָס שטעלט צונויף, אין איינקלאַנג מיט דאַרווינ׳ען, דעם גרונד־געזעץ פון דער אָרגאַנישער נאַטור.

אין דער וועלט פון די בעלי־חיים געהט דער דאָזיגער קאַמף אָן אָהן געדאַנקען און אָהן פראַזען, און ער וועט דאָרט אויך קיינמאָל ניט געלייזט ווערן, אַזוי לאַנג ווי די ערד וועט עקזיסטירן. די בעלי־חיים, וואָס זיינען פליייש־פרעסער לויט פאָרצוג, האָבען אָנגעהויבען זייער געשיכטע פון קאַניבאַליזם. איצט שטרעבען זיי שוין צו אַן אַלוועלטליכע פאַראייניגונג, צו אַ קאָלעקטיווער פּראָדוקציע און פאַרברויך.

אָבער צווישען די דאָזיגע עקסטרעמע צוויי פּונקטען, ווי בלוטיג און ווי שרעקליך איז די טראַגעדיע! און די טראַגעדיע איז

נאָך ניט געענדיגט. נאָך דעם קאַניבאַליזם איז געקומען די שקלאַפעריי, נאָך דער שקלאַפעריי — דאָס לייבאייגענטום, נאָך דאָס לייבאייגענטום — די געדונגענע ארבייט, וועלכע מוז אָפּטרעטען איהר אָרט צוערשט פאַר דעם שרעקליכען יום־הדין און שפּעטער, א סך שפּעטער, דער עפּאָכע פון ברידערליכקייט. אָט דאָס זיינען די מדרגות דורך וועלכע דער טיערישער קאַמף פאַר'ן לעבען ווערט שטופּענווייז איבערגעאַרבייט אין דער געשיכטע, אין דער מענשליכער אָרגאַניזאַציע פון לעבען.

און אין אָט די ברודערמאָרדליכע קאַמפּען פון מענש קעגען מענש, אין אָט דעם געגענזייטיגען פאַרניכטען איינע די אַנדערע, אין אָט דעם פאַרשקלאַפּען און עקספּלואַטירן איינע די אַנדערע, וואָס האָבען געביטען זייערע נעמען און פאָרמען און זיינען אָהן אויפהער פאָרטגעזעצט געוואָרן דורך די אַלע יאָהרהונדערטען ביז צום היינטיגען טאָג, וואָס פאַר א ראָלע האָט געשפּיעלט די רעליגיע? זי האָט שטענדיג פאַרהייליגט די גוואַלט און האָט איהר צוגעגעבען די פאָרם פון רעכט. זי האָט אַריבערגעטראָגען די מענשליכקייט, די גערעכטיגקייט און די ברידערליכקייט אויף אַן אויסגעטראַכטען הימעל, כדי איבערצולאָזען די ערד צו דער ממשלה פון אומגערעכטיגקייט און רויהער גוואַלט. זי האָט געגעבען איהר ברכה די גליקליכע רוצחים, און כדי צו מאַכען זייער גליק נאָך פולער, האָט זי געפּרעדיגט פאַר זייערע אומצעהלבאַרע קרבנות, ד. ה. דאָס פאָלק, זעלבסט־פאַרניינונג און געהאָרכזאַמקייט. און וואָס שעהנער עס איז געווען דער אידעאַל, וואָס זי האָט פאַרגעטערט אויפ'ן הימעל, אַלץ שרעקליכער איז געוואָרן די ווירקליכקייט אויף דער ערד. מחמת אין דער טבע פון יעדען אידעאַליזם, סיי רעליגיעזען, סיי מעטאַפיזישען, ליגט א פאַראַכטונג צו דער רעאַלער וועלט, און אין דערזעלבער צייט וואָס ער פאַראַכטעט איהר עקספּלואַטירט ער זי, — פון וואָס עס פאָלגט, אַז יעדער אידעאַליזם מוז אומבאַדינגט אַרויסרופען היפּאָקריטיזם.

דער מענש איז מאַטעריע, און ער קאָן ניט אומבאַשטראָפט פאַראַכטען די מאַטעריע. ער איז א חיה, און ער קאָן ניט פאַרניכטען זיין טיערישקייט; אָבער ער קאָן און ער מוז איהר איבעראַנדערשען און מאַכען מענשליכער דורך דער פרייהייט, דאָס

הייסט דורך דער פּאַראַייניגטער ווירקונג פון געוועכטיגקייט און שכל'דיגקייט, וועלכע קאָנען האָבען אַ איינפלוס אויף דער טיע־רישקייט נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען איהר פּראָדוקט און איהר העכסטער אויסדרוק. אָבער, אין געגענזאַץ צו דעם, יעדעס מאָל ווען דער מענש האָט געוואָלט אָפּטרייסלען פון זיך זיין טיעריש־קייט, איז ער געוואָרן איהר שפּיעלצייג און איהר שקלאַף, און גאַנץ אָפט אויך איהר היפּאָקריטישער דיענער, — אַלס באַווייז דערפאַר קאָנען דיענען די גלחים פון דער אידעאַלסטער און אומזיניגסטער פון אַלע אמונות, פון קאַטאָליציזם.

פאַרגלייכט זייער גוט־באַוואוסטע אויסגעלאַסענקייט מיט זייער נדר צו בלייבען ריין פון זינד; פאַרגלייכט זייער אומגע־זעטיגטע גיריגקייט מיט זייער לעהרע זיך אָפּצוזאָגען פון עולם־הזה, — און איהר וועט איינשטימען, אַז קיין מעהר מאַטעריאַליס־טישע באַשעפעניש'ען ווי די דאָזיגע פּרעדיגער פון קריסטליכען אידעאַליזם, עקזיסטירן ניט. און אַפילו איצט, וואָס פאַר אַ פראַ־גע באַהערשט דער קירכע? די פראַגע ווי אַזוי צו אָנהאַלטען איהר אייגענטום, וועלכער שטעהט אין געפאַהר צו ווערן קאָנפיסקירט זייטענס דעם שטאַאַט פון דער נייער קירכע, וואָס איז געוואָרן דער אויסדרוק פון פּאָליטישען אידעאַליזם.

דער פּאָליטישער אידעאַליזם איז ניט וועניגער אומזיניג, ניט וועניגער שעדליך, ניט וועניגער היפּאָקריטיש, ווי דער רעליגיעזער אידעאַליזם, פון וועלכען ער איז ניט מעהר ווי אַן אַנדער פאָרם, ניט מעהר ווי אַ וועלטליכער און ערדישער אויסדרוק און אָנווענ־דונג. דער שטאַאַט, דאָס איז דער אינגערער ברודער פון דער קיר־כע; און דער פּאַטריאָטיזם, דאָס איז די שטאַאַטליכע טוגענד, דאָס איז דער שטאַאַטליכער קולט, וואָס איז ניט מעהר ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם געטליכען קולט.

אַ טוגענדהאַפטער מענש, לויט די פּרינציפּען פון די אידעאַלע, רעליגיעזע און פּאָליטישע לעהרעס, מוז דיענען גאָט און זיך מקריב זיין פאַר'ן שטאַאַט. און אָט די דאָזיגע לעהרע האָט דאָס דער בורזשואַזער א ו ט י ל י ט א ר י ז ם אין אָנהויב פון יאָהר־הונדערט אָנגעהויבען אָפּצושאַצען לויט זיין ווערט.

# פערטער בריעף.

איינער פון די גרעסטע פאָרדינסטען פון בורזשואזען אוטי־ליטאַריזם איז געווען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, דער טויט־שלאָג פון דער רעליגיע פון שטאַאט, דער טויט־שלאָג פון פאַטריאָטיזם.

דער פאַטריאָטיזם, ווי באַוואוסט, איז די טוגענד פון אַלטער־טום, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין דער סביבה פון די גריכישע און רוימישע רעפובליקען, וואו עס איז ווירקליך קיינמאָל ניט גע־ווען קיין אַנדער רעליגיע, חוץ די רעליגיע פון שטאַאט, קיין אַנ־דער געגענשטאַנד צו פאַרגעטערן אחוץ דעם שטאַאט.

וואָס איז אזוינס דער שטאַאט? די מעטאַפיזיק און די רעכטס־לעהרע ענטפערן אונז, אז ער איז דאָס, וואָס איז נוגע אַלעמען; אינטערעסען, אַלגעמיינער וואוילזיין, אַלגעמיינע רעכט, אין געגענזאַץ צו דער צעטיילענדער ווירקונג פון די עגאָאיסטישע אינטערעסען און ליידענשאַפטען פון די איינצעלנע. דאָס איז די ערדשיע גערעכטיגקייט, דאָס איז די ערדישע רעאַליזירונג פון מאָראַל און טוגענד. פאָלגליך, קאָן פאַר די אינדיווידומען ניט זיין קיין גרעסערער אויפטו און קיין העכערער חוב, ווי זיך איבער־צוגעבען, צו אָפּפערן, און ווען נויטיג שטאַרבען, פאַר דעם טריאומף, פאַר דער מעכטיגקייט פון שטאַאט.

דאָס איז אין קורצע ווערטער די גאַנצע טעאָלאָגיע פון שטאַאט. לאָמיר איצט אַ בליק טאָן, צי באַהאַלט ניט די דאָזיגע פּאָליטישע טעאָלאָגיע, פונקט ווי די רעליגיעזע טעאָלאָגיע, אונטער דער זעהר שעהנער און פּאָעטישער אויסערליכקייט, גאַנץ געוועהנליכע און שמוציגע ווירקליכקייטען.

לאָמיר פריהער אַנאַליזירן די אידעע גופא פון שטאַאט, נעה־מענדיג איהר אזוי, ווי עס שטעלען זי אונז פאַר די וואָס לויבען איהר. דאָס איז דער אָפּפערן מיט דער נאַטירליכער פרייהייט און מיט די אינטערעסען פון יעדען איינציגען, פון אינדיווידומען ווי פון פאַרהעלטניסמעסיג קליינע קאָלעקטיווע איינהייטען: פאַר־איינען, קאָמונעס און פּראָווינצען, — פאַר די אינטערעסען און פרייהייט פון דער געמיינשאַפט, פאַר דעם גליק פון דעם גרויסען כלל. אָבער די געמיינשאַפט, דער גרויסער כלל, וואָס איז דאָס

אזוינס אין דער ווירקליכקייט? דאָס איז די פאַראייניגונג פון אַלע אינדיווידומען און פון אַלע ענגערע מענשליכע געזעלשאַפ־טען, וואָס שטעלען זי צונויף. אָבער, אויב אום איהר צונויפצו־שטעלען און זיך צו אונטערוואַרפען אונטער איהר איז נויטיג צו אָפּפערן מיט אַלע אינדיווידועלע און אָרטיגע אינטערעסען, טאָ אין וואָס זשע צייגט זיך אין דער ווירקליכקייט יענע איינהייט, וואָס האָט לפנים געזאָלט זיין זייער פאַרשטעהער? זי איז ניט קיין לעבעדיגע איינהייט, וואָס לאָזט יעדען איינעם פריי אָטעמען און ווערט אַלץ רייכער, מעכטיגער און פרייער, וואָס ברייטער עס וויקעלט זיך פאַנאַנדער אין איהר שוים די פרייהייט און דאָס גליק פון יעדערן; זי איז ניט קיין נאַטירליכע מענשליכע געזעלשאַפט, וואָס מאַכט שטאַרקער און גרעסער דאָס לעבען פון יעדען איינעם דורך דעם לעבען פון כלל; — נאָר פאַרקעהרט, זי איז א קללה פאַר יעדען אינדיווידום באַזונדער און פאַר יעדער אָרטיגער אסאָ־סיאַציע, זי איז אַן אַבסטראַקציע, וואָס פייניגט די לעבעדיגע גע־זעלשאַפט דורך באַגרעניצונגען, אָדער בעסער געזאָגט, דורך דער פולער פאַרלייקענונג פון דעם לעבען און רעכט פון אַלע טיילען, וואָס שטעלען צונויף דאָס געמיינשאַפטליכע גאַנצע, אין נאָמען פון אַן אויסגעטראַכטען, איינגעבילדעטען געמיינשאַפטליך גאַנ־צען. דער שטאַאַט איז אַלזאָ דער מזבח פון דער פּאָליטישער רע־ליגיע, אויף וועלכען מען איז שטענדיג מקריב די נאַטירליכע גע־זעלשאַפט. דאָס איז דער זולל ושובא, וועלכער נעהרט זיך, פונקט ווי די קירכע, מיט מענשליכע קרבנות. דער שטאַאַט, איך ווידער־האָל דאָס נאָכאַמאָל, איז דער אינגערער ברודער פון דער קירכע.

כדי צו באַווייזען אז דער שטאַאַט און די קירכע זיינען איינס און דאָסזעלבע, בעט איך דעם לעזער צו קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אז דער שטאַאַט, אַזוי גוט ווי די קירכע, זיינען הויפּטזעכליך גע־גרינדעט אויף דער אידעע פון אָפּפערן דאָס לעבען און דאָס נאַ־טירליכע רעכט, און אַז ביידע געהען ארויס פון איין און דעמזעלבען פּרינציפּ. דאָס איז דער פּרינציפּ פון דער מענשליכער איינגעבאָ־רענער פאַרדאָרבענקייט, וואָס קאָן אַנדערש ניט באַזיעגט ווערן סיידען, — ווי דאָס וויל האָבען די קירכע, — דורך דעם געטלי־כען חסד און דורך דעם טויט פון דעם נאַטירליכען מענשען אין גאָט, און ניט אַנדערש ווי דורך געזעצען און דורך דעם מקריב זיין

דעם אינדיווידום אויף דעם מזבח פון דעם שטאַאַט, — ווי דאָס וויל האָבען דער שטאַאַט. סיי די קירכע, סיי דער שטאַאַט שטרעבען איבערצושאַפען דעם מענשען, די ערשטע — אין אַ היילינען, דער צווייטער — אין אַ בירגער. אָבער דער נאַטירליכער מענש מוז שטאַרבען, וואָרים זיין אורטייל איז איינשטימיג אַנטשידען פון דער קירכליכער רעליגיע, ווי פון דער שטאַאַטליכער רעליגיע.

אָט דאָס זיינען אין זייער אידעאַלער ריינקייט די איין־און־דיזעלבע טעאָריעס פון קירכע און שטאַאַט. דאָס זיינען ריינע אַבסטראַקציעס, אָבער אַלע היסטאָרישע אַבסטראַקציעס זיינען געבויט אויף היסטאָרישע פאַקטען. און די דאָזיגע פאַקטען, ווי איך האָב שוין געזאָגט אין מיין פריהערדיגען בריעף, טראָגען אַ זעהר רעאַלען, אַ זעהר ברוטאַלען כאַראַקטער: דאָס איז די גוואַלט, דער רויב, די פאַרשקלאַפונג, די ערָאָבערונג. דער מענש איז אַזוי באַשאַפען, אַז ער שטעלט זיך ניט צופרידען דערמיט וואָס ער טוט אָפּ, ער פיהלט אַ נויטווענדיגקייט צו דערקלערן און גערעכטפאַרטיגען פאַר זיין אייגענעם געוויסען און אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט דאָס וואָס ער טוט. די רעליגיע איז ערשינען, כדי צו געבען איהר ברכה צו די געשעהענע פאַקטען, און אַ דאַנק דער דאָזיגער ברכה זיינען די אומגערעכטע און ברוטאַלע פאַקטען פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין רעכט. די יורידישע וויסענשאַפט און דאָס פאָליטישע רעכט זיינען אַרויסגעקומען, ווי באַוואוסט, פריהער פון דער טעאָלאָגיע, דערנאָך פון דער מעטאַפיזיק, וועלכע איז ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ פאַרמאַסקירטע טעאָלאָגיע, אַ טעאָלאָגיע, וואָס האָט די לעכערליכע פּרעטענזיע ניט צו זיין אומזיניג. די מעטאַפיזיק האָט זיך באַמיהט, אָבער אומזיסט, זיי צו געבען דעם כאַראַקטער פון אַ וויסענשאַפט.

לאָמיר איצט באַטראַכטען, וואָס פאַר אַ ראָלע עס האָט געשפּיעלט און עס שפּיעלט נאָך אין רעאַלען לעבען, אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, די אַבסטראַקציע פון שטאַאַט, וואָס איז עהנליך צו דער היסטאָרישער אַבסטראַקציע, וואָס מען רופט קירכע?

דער שטאַאַט, האָב איך געזאָגט, איז לויט זיין סאַמע פּרינציפּ אַ ריעזיגער בית־הקברות, וואו עס קומט פאָר די זעלבסט־אָפּפערונג, דער טויט און די קבורה פון אַלע ערשיינונגען פון אינדיווידועלען און אָרטיגען לעבען, אַלע אינטערעסען פון די טיילען, וועלכע

אַלע צוזאַמען שטעלען דאָס צונויף די געזעלשאַפט. דאָס איז דער מזבח, אויף וועלכען עס ווערט געאָפּפערט די רעאַלע פרייהייט און דער גליק פון די פעלקער צוליעב דער פּאָליטישער גרויסקייט; און וואָס פולער עס איז דער קרבן, אַלץ פּאָלקאָמענער איז דער שטאַאַט. איך שליס דערפון, און דאָס איז מיין איבערצייגונג, אַז די רוסישע אימפּעריע איז אַ פּאַרציגליכער שטאַאַט, דאָס איז, אָהן רעסטאָריק און אָהן פּראַזען, דער פּאָלקאָמענסטער שטאַאַט אין אייראָפּאַ. פּאַרקעהרט, אַלע שטאַאַטען, אין וועלכע די פעלקער קאָנען נאָך אָטעמען, זיינען פון אידעאַלען שטאַנדפּונקט, ניט קיין פּאָלקאָמענע שטאַאַטען, פּונקט ווי אַלע אַנדערע קירכען, אין פּאַרגלייך צו דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע, זיינען ניט קיין געלונגענע קירכען.

דער שטאַאַט, האָב איך געזאָגט, איז אַן אַבסטראַקציע, וואָס פרעסט אויף דאָס לעבען פון פּאָלק; אָבער כדי די אַבסטראַקציע זאָל געבאָרן ווערן, זיך אַנטוויקלען און אָנהאַלטען איהר קיום אין דער רעאַלער וועלט איז נויטיג, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ רעאַלע, קאָלעקטיווע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיין פּאַראינטערעסירט אין איהר עקזיסטענץ. אַזוינס קאָן ניט זיין די מאַיאָריטעט פון פּאָלק, ווייל זי אַליין איז דער קרבן פון שטאַאַט; זיך נויטיגען אין איהם קאָן בלויז די פּריווילעגירטע גרופּע, די כלי קודש פון שטאַאַט, דער אייגענטום פּאַרוואַלטענדער און באַזיצענדער קלאַס, וועלכער איז אין שטאַאַט דאָס אייגענע, וואָס עס איז אין דער קירכע דער כלי קודש קלאַס פון דער רעליגיע — די גלחים.

און ווירקליך, וואָס זעהען מיר אין דעם לויף פון דער גאַנצער היסטאָריע? דער שטאַאַט איז שטענדיג געווען דאָס אייגענטום פון וועלכען עס איז פּריווילעגירטען קלאַס: פון פּריסטערטום, אַדעל אָדער בורזשואַזיע; ענדליך, ווען אַלע אַנדערע קלאַסען האָבען זיך אויסגעשעפּט, קומט אַרוים אויף דער סצענע דער קלאַס פון ביוראָקראַטען, און דער שטאַאַט פּאַלט אָדער, אויב איהר ווילט, דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון אַ מאַשין. אָבער פאַר דער עקזיסטענץ פון שטאַאַט איז אומבאַדינגט נויטיג, אַז וועלכער עס איז פּריווילעגירטער קלאַס זאָל זיין פּאַראינטערעסירט אין זיין עקזיסטענץ. און אָט דער באַזונדערער אינטערעס פון דעם פּריווי־

לעגירטען קלאַס, איז דאָס אייגענטליך, וואָס מען רופט פ אַ ט־ר י אָ ט י ז ם.

## פינפטער בריעף.

איז ווען עס איז געווען אַ פאַטריאָטיזם אין דעם קאָמפּלי־צירטען זין, ווי עס גיבען דעם דאָזיגען וואָרט די טוגענד און ליי־דענשאַפט פון פאָלק?

האָבענדיג אויף דער האַנט די געשיכטע, ענטפער איך אויף דער דאָזיגער פראַגע, אָהן צוריקהאַלט, מיט אַן אַנטשיידענעם נ י י ן; און כדי צו באַווייזען דעם לעזער, אַז איך מאַך ניט קיין טעות ענטפערנדיג אַזוי, בעט איך ביי איהם די ערלויבניש צו צע־גלידערן די הויפּט־עלעמענטען, וואָס קומען אריין, אין מעהר אָדער ווייניגער פאַרשיידענאַרטיגע פאַרבינדונגען און שטעלען צונויף דאָס, וואָס רופט זיך פאַטריאָטיזם.

אַזוינע עלעמענטען זיינען פאַראַן פיער: 1) דער נאַטירליכער אָדער פיזיאָלאָגישער עלעמענט; 2) דער עקאָנאָמישער עלעמענט; 3) דער פּאָליטישער עלעמענט; 4) דער רעליגיעזער אָדער פאַנאַ־טישער עלעמענט.

דער פיזיאָלאָגישער עלעמענט איז דער וויכטיגסטער יסוד פון יעדען נאַאיווען, אינסטינקטיווען און גראָבען פאַטריאָטיזם. דאָס איז אַ נאַטירליכע ליידענשאַפט, וועלכע, טאַקע דערפאַר וואָס זי איז שוין צו־נאַטירליך, ד. ה. אינגאַנצען טיעריש, געפינט זיך אין שטאַרקען ווידערשפּרוך מיט דער גאַנצער פּאָליטיק, און, וואָס נאָך ערגער איז, מאַכט פיעל שוועריגקייטען דער עקאָנאָמישער, וויסענשאַפטליכער און מענשליכער אַנטוויקלונג פון דער געזעל־שאַפט.

דער נאַטירליכער פאַטריאָטיזם איז אין גאַנצען אַ טיערישע ערשיינונג, וואָס מען באַגעגענט אין פאַרשיידענע מדרגות אין דעם רייך פון די בעלי־חיים און, טיילווייז קאָן מען זאָגען, אפילו פון די פלאַנצען. אין דעם זין אויפגעפאַסט, איז דער פאַטריאָטיזם אַ פאַרניכטענדע מלחמה, דאָס איז די ערשטע ערשיינונג אין דער מענשהייט פון יענעם גרויסען און פאַטאַלען קאַמף פאַר'ן לעבען,

וואס פילט אן די גאנצע אנטוויקלונג, דעם גאנצען לעבען פון דער נאטירליכער, רעאלער וועלט, — א קאמף פון אומאויפהערליכען, אלוועלטליכען פארשלינגען איינס דאס אנדערע, וואס שפייזט יע־דען אינדיווידום, יעדען מין מיט'ן פלייש און בלוט פון די אינ־דיווידומען פון אנדערע מינים, און וועלכער, אנהויבענדיג זיך פא־טאל יעדער שעה, יעדער רגע פון דאס ניי, ערלויבט צו לעבען און אנטוויקלען זיך די פאלקאמענערע, שטארקערע און שכל'דיגערע מינים אויף דעם חשבון פון די איבעריגע.

יענע, וואס באשעפטיגען זיך מיט ערדארבייט אדער גערט־נעריי, ווייסען ווי שווער עס איז צו פארהיטען די פלאנצען פון די פאראזיטען־מינים, וועלכע נעהמען ביי זיי אוועק די שיין און די נויטיגע פאר זייער נאהרונג כעמישע עלעמענטען פון דער ערד. יענע פלאנצען, וואס זיינען די שטארקסטע, וואס זיינען אמבעס־טען צוגעפאסט צו די ספעציעלע באדינגונגען פון קלימאט און באדען, אנטוויקלען זיך שטענדיג מיט א פארהעלטניסמעסיג גרע־סערער קראפט און נאטירליך שטרעבען זיי צו דערשטיקען אלע איבעריגע. דאס איז א שטילער, אבער אן אומערמידליכער קאמף און עס איז נויטיג אז דער מענש זאל זיך אריינמישען מיט זיין גאנצער ענערגיע, כדי צו באשיצען די געוויקסען, וואס ער ציהט פאר, פון אט דער אנשיקעניש.

אין דעם רייך פון די בעלי־חיים ווערט פארטגעזעצט דער־זעלבער קאמף, נאר מיט א מעהר דראמאטישער לעבעדיגקייט און טומעל. דא איז דאס שוין ניט א שטילער, אומבאמערקבארער דערשטיקען. דא רינט שוין בלוט, און די געפייניגטע, צעפליקטע, געפרעסענע חיה מאכט פול די לופט מיט געשרייען. ענדליך ברענגט דער מענש, די ריידענדיגע חיה, אריין אין דעם קאמף די ערשטע פראזע, און די פראזע רופט זיך פאטריאטיזם.

דער קאמף פאר'ן לעבען אין דער וועלט פון פלאנצען און חיות איז ניט נאר א קאמף צווישען אינדיווידומען; עס איז א קאמף צווישען פעלקער, גרופעס און פאמיליעס, א קאמף פון איינע גע־גען די אנדערע. — אין יעדער לעבעדיגער באשעפעניש זיינען פאראן צוויי אינסטינקטען, צוויי הויפט אינטערעסען: דער פאר־לאנג נאך נאהרונג און דער פארלאנג זיך צו רעפראדוצירן. פון שטאנדפונקט פון נעהרען זיך, איז יעדער אינדיווידום דער נא־

טירליכער שונא פון אלע איבעריגע, ניט קימערנדיג זיך פאר דעם בונד פון משפחה און שבט. דאס ווערטעל, אז וועלף עסען ניט איינע די אנדערע, איז בלויז אזוי לאנג ריכטיג, כל זמן די וועלף געפינען פאר זייער נאהרונג חיות, וואס געהערן צו אן אנדער מין; מיר ווייסען אבער, אז אזוי גיך ווי די לעצטע פעהלען אויס, פרעסען די וועלף גאנץ רוהיג איינע די אנדערע. קעץ, חזרים און נאך א סך אנדערע ברואים פרעסען אויף גאנץ אפט זייערע אייגענע קינדער, און עס איז גאר ניטא א חיה, וואס זאל דאס ניט טאן, ווען זי ווערט געצוואונגען פון הונגער. און די מענשליכע געזעלשאפטען, האבען זיי דען ניט אנגעהויבען מיט מענשענפרעסעריי? און ווער האט דען ניט געהערט די טרויעריגע מעשיות וועגען ים־פאהרער, וועלכע האבען געליטען שיפסברוך און האבען זיך פארלארן אין מיטען ים, טראגענדיג זיך אויף שוואכע שיפלעך, און ניט האבענדיג וואס צו עסען, האבען געווארפען גורל, ווער עס זאל זיין דער ערשטער קרבן, אויפגעגעסען צו ווערן פון די איבעריגע? לסוף, האבען מיר דען ניט געזעהן ביי דעם לעצטען גרויסען הונגער, וואס האט חרוב געמאכט אלזשיר, אז מוטערס האבען אויפגעגעסען זייערע אייגענע קינדער?

די זאך באשטעהט אין דעם, וואס דער הונגער איז א שטרענגער און אומבאזיעגבארער דעספאט, און די נויטווענדיגקייט זיך צו דערנעהרן, די ריין אינדיווידועלע נויטווענדיגקייט, איז דער ערשטער געזעץ, דער וויכטיגסטער באדינג פון לעבען. דאס איז דער יסוד פון דעם גאנצען מענשליכען און סאציאלען לעבען, פונקט ווי פון דעם לעבען פון חיות און פלאנצען. זיך צו שטעלען קעגען דער נויטווענדיגקייט זיך צו דערנעהרן איז פונקט דאסזעלבע ווי זיך צו אנטזאגען פון לעבען בכלל, זיך צו פאראורטיילען צו ניט־זיין.

אבער אין איין רייה מיט את דעם גרונדגעזעץ פון דער לעבעדיגער נאטור, איז אויך פאראן א צווייטער, פונקט אזא וויכטיגער, — דער געזעץ פון פארטפלאנצונג. דער ערשטער שטרעבט צו דער אויפהאלטונג פון די אינדיווידומען, דער צווייטער — צו דער באשאפונג פון משפחות, גרופעס און מינים. די אינדיווידומען, געטריבען פון דער נאטירליכער נויט, שטרעבען צו פאראייניגען זיך, פאר דעם צוועק פון פארטפלאנצונג, מיט אינדיווידומען,

וועלכע זיינען אָרגאַניש נאָהענט צו זיי, עהנליך צו זיי. עס זיינען דאָ אָרגאַנישע פאַרשיידענהייטען, וואָס מאַכען אַ פּאַראייניגונג אומ־פּרוכטבאַר אָדער אינגאַנצען אוממעגליך. צווישען דעם רייך פון פּלאַנצען און דעם רייך פון בעלי־חיים איז די אוממעגליכקייט קלאָר; אָבער אפילו צווישען בעלי־חיים איז אַ פאַראייניגונג פון די פיער־פיסיגע, למשל, מיט עופות, פיש, רעפּטילען אָדער אינ־זעקטען פּונקט אַזוי אוממעגליך.

באַגרעניצענדיג זיך בלויז אויף די פיערפיסיגע, געפינען מיר, אַז די איינענע אוממעגליכקייט עקזיסטירט צווישען די פאַרשיידע־נע גרופּען, און אויף אַזאַ אופן קומען מיר צום באשלוס, אַז די מעג־ליכקייט פאַר פאַראייניגונג און פאָרטפּלאַנצונג קאָן פאַר דעם אינ־דיווידום פאַרווירקליכט ווערן בלויז אין אַ גאַנץ באַשרענקטען קרייז פון אינדיווידומען, וועלכע, זייענדיג באַשאַנקען מיט דיזעלבע קערפּערליכע פאָרמען אָדער עהנליכע צו די קערפּערליכע פאָרמען פון די ערשטע, שטעלען צוזאַמען מיט זיי צונויף דיזעלבע גרופּע אָדער דיזעלבע פאַמיליע.

אַזוי ווי דער פאָרטפּלאַנצונגס אינסטינקט איז די איינציגע סאָלידאַרישע פאַרבינדונג, וועלכע קאָן עקזיסטירן צווישען אינדי־ווידומען פון דער טיער־וועלט, איז דאָרט, וואו די דאָזיגע פעהיג־קייט הערט אויף, הערט אויך אויף יעדע טיערישע סאָלידאַריטעט. די אַלע וואָס בלייבען אויסער די גרופּען, אין דעם קרייז פון וועל־כע עס איז מעגליך פאַר די אינדיווידומען זיך פאָרטצופּלאַנצען, שטעלען צונויף אַן אנדערן מין, אַ גאַנץ פרעמדע וועלט, אַ וועלט וואָס איז פיינדליך און פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג; אַלע די, וואָס געפינען זיך אינערהאַלב, שטעלען צונויף דאָס ברייטע פאַ־טערלאַנד פון דעם מין, ווי צום ביישפּיעל, די מענשהייט פאַר די מענשען.

אָבער דאָס טויטען און פאַרניכטען פון איין לעבעדיגען אינ־דיווידום דורך דעם אנדערן קומט פאַר ניט נאָר אויסער דער אָפּ־געגרעניצטער וועלט, וואָס מיר האָבען אָנגערופען דאָס פאָטערלאַנד פון דעם מין. זיי מאַכען אָן אַ חורבן אין דער דאָזיגער וועלט גופא מיט דערזעלבער, און אָפט נאָך מיט אַ גרעסערער קראַפט, אי צו־ליעב די צוזאַמענשטויסען און דעם ווידערשטאַנד, וואָס זיי באַגע־

גענען דאָרט, ווי אויך דערפאר, וואָס צו דעם קאמף פאר'ן הונ־גער קומען נאָך צו די פּונקט אזוי פארביטערטע קאמפען פאר דער ליעבע.

אחוץ דעם פאלט נאָך יעדער מין בעלי־חיים פאנאנדער אויף פארשיידענע גרופּעס און פאמיליעס, וואָס פאַרענדערן זיך אונ־טער דער ווירקונג פון די געאָגראַפישע און קלימאַטישע באדינגונ־גען פון די פארשיידענע געגענדען, אין וועלכע זיי לעבען. א גרע־סערער אָדער א קלענערער אונטערשייד אין די באדינגונגען פון לע־בען רופט ארויס אַן עהנליכע ענדערונג אין דער אָרגאַניזאַציע פון די אינדיווידומען, וואָס געהערן צו איין און דעמזעלבען מין. עס איז אויסער דעם באוואוסט, אז יעדער לעבעדיגער אינדיווידום שטרעבט זיך צו פאַראייניגען מיט אַן אינדיווידום, וואָס איז אַם נאָהנטסטען עהנליך צו איהם, פון וואָס עס קומט נאַטירליך ארויס די אַנטוויקלונג פון א גרויסער צאָהל פאַרענדערונגען אין יעדען מין. און אזוי ווי דער אונטערשייד, וואָס באשטימט די דאָזיגע פאַרענדערונגען בארוהט הויפּטזעכליך אויף דער פאָרטפּלאַנצונג, ווייל די פאָרטפּלאַנצונג איז דער איינציגער יסוד פון דער גאַנצער סאָלידאַריטעט צווישען די בעלי־חיים, איז אַלזאָ קלאָר, אז די בריי־טע סאָלידאַריטעט פון די מינים מוז פאנאנדערפאלען אויף א סך מעהר באגרעניצטע סאָלידאַריטעטען, און דאָס ברייטע פּאַטערלאַנד פון דעם מין טיילט זיך פאנאנדער אויף א מאַסע קלייניקע טיע־רישע פּאַטערלאַנדלאַך, וואָס זיינען פיינדליך און פאַרניכטען איי־נע די אַנדערע.

## נאַטירליכער אָדער פיזיאָלאָגישער פּאַטריאָטיזם.

אין מיין פריהערדיגען בריעף האָב איך באוויזען, אז דער פּאַטריאָטיזם, אויף וויפיעל ער איז א נאַטירליכע ליידענשאַפט, קומט ארויס פון א פיזיאָלאָגישען געזעץ, באזונדערס פון דעם געזעץ, וואָס באשטימט די צעטיילונג פון די לעבעדיגע ברואים אויף מינים, פאַמיליעס און גרופּעס.

די פּאַטריאָטישע ליידענשאַפט איז אייגענטליך א געזעל־שאַפטליכע ליידענשאַפט. כדי צו געפינען איהר דייטליכסטען

אויסדרוק אין דער טיער־וועלט, מוז מען זיך ווענדען צו די מינים בעלי־חיים, וועלכע זיינען פּונקט ווי דער מענש באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אַ הויכען גראַד פון געזעלשאַפטליכקייט: למשל, די מוראַשקעס, די ביהנען, די ביבערס און אַ סך אַנדערע חיות, וועלכע באַזיצען געמיינשאַפטליכע אומבאַוועגליכע וואוינפּלעצער, ווי אויך צו די חיות, וועלכע וואַנדערן אַרום אין סטאַדעס; די חיות, וואָס לעבען צוזאַמען און זיצען אויף איין אָרט, דיענען אַלס אילוסטראַציע פאַר דעם פּאַטריאָטיזם פון די אַגראַר־פעלקער, און די חיות, וואָס וואַנדערן אום אין סטאַדעס — פון דעם פּאַטריאָטיזם פון די וואַנדערענדע פעלקער, פאַרשטעהט זיך, בלויז פון דעם פּאַטריאָטיזם אין זיין נאַטירליכען, פיזיאָלאָגישען עלעמענט.

עס איז קלאָר, אַז דער פּאַטריאָטיזם פון די ערשטע איז אַ פּולערער ווי דער פּאַטריאָטיזם פון די לעצטע. דער פּאַטריאָטיזם פון די לעצטע באַשטעהט נאָר אין דער סאָלידאַריטעט פון די אינדיווידומען אין דער סטאַדע, בעת דער ערשטער באַשאַפט נאָך אויך דעם צובונד פון די אינדיווידומען צו דעם באָדען און דער וואוינונג, וואו זיי לעבען. די געוועהנהייט — אָט די צווייטע נאַטור ביי מענשען, אַזוי ווי ביי חיות, — דער אַרט פון לעבען, דאָס אַלץ איז באַשטימטער און איינגעשטעלטער ביי די געזעלשאַפטליכע און באַזעסענע חיות, ווי ביי די אומוואַנדערנדע סטאַדעס; און פון אָט די דאָזיגע אייגענטימליכקייטען אין די געוועהנהייטען און אין דעם אַרט פון לעבען ווערט דאָס צוזאַמענגעשטעלט דער הויפּט עלעמענט פון פּאַטריאָטיזם.

דער נאַטירליכער פּאַטריאָטיזם קאָן באַשטימט ווערן אַזוי: דאָס איז אַ נאַטירליכע, מעכאַנישע, און לחלוטין ניט קריטיקירטע, צוגעבונדענקייט צו דעם געמיינשאַפטליך אָנגענומענעם, בירושה'־דיגען, טראַדיציאָנעלען אַרט לעבען, און פּונקט אַזאַ אינסטינקטיווע, מעכאַנישע פיינדשאַפט צו יעדען אַנדערן אַרט לעבען. דאָס איז אַ ליעבשאַפט צו זיך און צו די אייגענע, און אַ פיינדשאַפט צו אַלץ, וואָס האָט אַ פרעמדען כאַראַקטער. דער פּאַטריאָטיזם איז דעריבער פון איין זייט קאָלעקטיווער עגאָאיזם, און פון דער צווייטער זייט — מלחמה.

דאָס איז אַ ניט גענוג שטאַרקע סאָלידאַריטעט, כדי די אינדיווידועלע מיטגליעדער פון דער טיערישער חברותא זאָלען ניט

אויפפרעסען איינע די אַנדערע אין פאַל פון נויט; זי איז אָבער געגוג שטאַרק, אַז די אינדיווידומען זאָלען פארגעסען זייערע גע־נעגזייטיגע שטרייטען און זיך פאַראייניגען יעדעס מאָל, ווען זיי זיינען אין געפאַהר באַפאַלען צו ווערן פון אַ פרעמדער געמיינדע.

באַטראַכט, למשל, די הינט פון וועלכען עס איז דאַרף. הינט אין אַ נאַטירליכען צושטאַנד שטעלען ניט צונויף קיין קאָלעקטיווע רעפּובליקען; איבערגעלאָזען צו זייערע אייגענע אינסטינקטען, לעבען זיי, פּונקט ווי וועלף, אין באַזונדערע באַנדעס, און נאָר אונטער דעם איינפלוס פון מענשען פאַרוואַנדלען זיי זיך אין באַ־זעסענע חיות. אָבער צוגעבונדענע צו אַן אָרט, שטעלען זיי צו־זאַמען אין יעדען דאָרף אַ מין אייגענע רעפּובליק, וואָס איז גע־בויט ניט אויף אַ קאָמוניסטישער אָרדענונג, נאָר אויף אינדיווי־דועלער פרייהייט, לויט דער מאָטאָ, וואָס איז אַזוי באַליעבט ביי די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען: יעדער פאַר זיך און צום טייפעל מיט די לאַ־יצלח׳ס. ביי הינט הערש אומבאַגרעניצטע פרייהייט און הפקרות, קאָנקורענץ און אומאויפהערליכער, אום׳רחמנות׳די־גער קאַמף, אין וועלכען דער שטאַרקערער בייסט שטענדיג דעם שוואַכערן, — פּונקט ווי אין די בורזשואַזע רעפּובליקען. אָבער זאָל אָקאָרשט אַ הונט פון אַ שכנ׳ישען דאָרף זיך באַווייזען אויף זייער גאַס, און איהר וועט גלייך זעהן, ווי אַט די אַלע צעקריעגטע מיטבירגער וועלען זיך צוזאַמען אַ וואָרף טאָן אויף דעם אומגליק־ליכען פרעמדען.

איז דאָס ניט אַ ריכטיגע קאָפּיע, אָדער בעסער געזאָגט, אַן אָריגינאַל, וואָס ווערט טאָג־טעגליך קאָפּירט פון דער מענשליכער געזעלשאַפט? איז דאָס ניט אַ פאַלשטענדיגע ערשיינונג פון יענעם נאַטירליכען פאַטריאָטיזם, וועגען וועלכען איך האָב שוין געזאָגט און ערלויב זיך צו ווידערהאָלען, אַז דאָס איז אַ ריין טיע־רישע ליידענשאַפט? איהר טיערישער כאַראַקטער איז אומצווייי־פעלהאַפט, מחמת הינט זיינען אומבאַשטרייטבאַר חיות, און דער מענש, זייענדיג אַ חיה פּונקט ווי אַ הונט און אַנדערע ערדישע חיות, נאָר בלויז אַ חיה, וואָס איז באַשאָנקען מיט דער פיזיאָלאָגישער פעהיגקייט צו דענקען און צו ריידען, פאַנגט אָן זיין געשיכטע פון טיערישען צושטאַנד און נאָר אין פאַרלויף פון יאָהרהונדערטער ערווערבט ער און באַשאַפט זיין מענשליכקייט.

קוים ווייסען מיר די אַנטשטעהונג פון דעם מענשען, דאַרף אונז ניט וואונדערן זיין טיערישקייט, וועלכע איז א נאַטירליכער פאַקט אין א גאַנצער רייהע פון נאַטירליכע פאַקטען, און מיר דאַרפען זיך צוליעב איהר ניט אויפרעגען. פונדעסטוועגען איז נאָך דער פון ניט געדרונגען, אַז מען דאַרף געגען איהר ניט קעמפען, מיט דער גרעסטער ענערגיע, מחמת דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַן אומאויפהערליכער קאַמף מיט דער נאַטירליכער טיערישקייט פון דעם מענשען פאַר זיין מענשליכקייט.

איך האָב בלויז געוואָלט פעסטשטעלען, אַז דער פאַטריאָטיזם, וועלכער ווערט פאַר אונז באַזונגען פון די פּאָעטען, פון די פּאָליטיקער פון אַלע שיטות, פון די רעגירונגען און פון אַלע פּריווילעגירטע קלאַסען, אַלס די העכסטע און אידעאַלסטע טוגענד, האָט זיינע וואָרצלען ניט אין די מענשליכע, נאָר אין די טיערישע אייגענשאַפטען פון מענשען.

די ווירקליכע, אומגעטיילטע, פאַלשטענדיגע הערשאַפט פון דעם נאַטירליכען פאַטריאָטיזם זעהען מיר אין אָנהויב פון דער געשיכטע און אין די וועניגער ציוויליזירטע טיילען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. — אין די מענשליכע געזעלשאַפטען איז נאַטירליך דער פאַטריאָטיזם א מעהר קאָמפּליצירטער געפיהל, ווי אין די איבעריגע טיערישע געזעלשאַפטען, צוליעב דער איינפאַכער אורזאַך, וואָס דאָס לעבען פון דעם מענשען, א חיה וואָס דענקט און איז באַשאָנקען מיט א שפּראַך, נעהמט ארום ניט אין ערך מעהר געגענשטאַנדען, ווי דאָס לעבען פון אַנדערע מינים חיות. צו די ריין פיזישע געוועהנהייטען און מנהגים קומען איהם נאָך צו טראַדיציעס, מעהר אָדער וועניגער אַבסטראַקטע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלע, — א גאַנצע מאַסע פון ריכטיגע און פאַלשע פאָרשטעלונגען צוזאַמען מיט פאַרשיידענע רעליגיעזע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע מנהגים. דאָס אַלע קומט אויף אַזוי-פיעל אַריין אַלס עלעמענט אין דעם נאַטירליכען פאַטריאָטיזם פון דעם מענשען, אויף וויפיעל אָט די אַלע זאַכען, קאָמבינירנדיג זיך אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, שטעלען צונויף די עקזיסטענץ, דעם טראַדיציאָנעלען און פון אַלע אַנדערע לעבענס-אַרטען אויסגעצייכענטען, דענקען און האַנדלען.

אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד עס זאָל ניט זיין בנוגע

דער קוואנטיטעט און דער קוואליטעט פון די געגענשטאנדען וואס זיי נעהמען ארום, דאס געמיינשאפטליכע צווישען דעם נאטירליכען פאטראיטיזם פון די מענשליכע און טיערישע געזעלשאפטען איז דאס, וואס ביידע זיינען זיי אינסטינקטיווע, טראדיציאנעלע, רגילות'דיגע געזעלשאפטליכע ליידענשאפטען, וועמעס אינטענסיווקייט איז לחלוטין ניט אפּהענגיג אן דעם כאראקטער פון זייער אינהאלט. פארקעהרט, מען קאן זאגען, אז וואס וועניגער קאמפּליצירט דער דאזיגער אינהאלט איז, אלץ פשוט'ער, אלץ שטארקער און אויסשליסליכער איז דער פאטריאטישער געפיהל, וואס רופט איהם ארויס און גיט איהם זיין אויסדרוק.

א חיה, פארשטעהט זיך, איז פיעל מעהר צוגעבונדען צו די גע'ירש'עטע רגילות'ן פון דער געזעלשאפט, צו וועלכער זי געהערט, ווי דער מענש. ביי דער חיה איז די פאטריאטישע צוגעבונדענקייט א פּאטאלע; די חיה קאן זיך פון איהר אליין ניט באפרייען, און אויב זי באפרייט זיך יא ווען עס איז, איז דאס נאר אונטער דעם איינפלוס פון דעם מענשען. פונקט דאסזעלבע איז אין די מענשליכע געזעלשאפטען; וואס וועניגער עס איז אנטוויקעלט די ציוויליזאציע, וואס וועניגער עס איז קאמפּליצירט דער יסוד פון דעם סאציאלען לעבען, אלץ שטארקער צייגט זיך ארויס דער נאטירליכער פאטריאטיזם, ד. ה. די אינסטינקטיווע צוגעבונדענקייט פון די אינדיווידומען צו אלע מאטעריעלע, אינטעלעקטועלע און מאראלע געוועהנהייטען, וואס שטעלען צוזאמען דאס געוועהנליכע, טראדיציאנעלע לעבען פון דער באזונדערער חברותא, און א שנאה צו אלץ, וואס איז פרעמד און צייכענט זיך אויס. — פון וואנען עס פאלגט, וואס דער נאטירליכער פאטריאטיזם איז פון זיין זייט צונעפּאסט צו דער אנטוויקלונג פון דער ציוויליזאציע, דאס הייסט, צו דעם זיעג פון דער מענשליכקייט אין די מענשליכע געזעלשאפטען.

קיינער וועט ניט אפּלייקענען, אז דער נאטירליכער אינסטינקטיווער פאטריאטיזם פון די אומגליקליכע שבטים פון די אייזגעגענדען, וועלכע זיינען קוים באריהרט געווארן פון דער מענשליכער ציוויליזאציע און וועמעס מאטעריעלער לעבען איז אויך א גאנץ ארימער, איז א ניט דער ערך שטארקערער, ניט דער ערך אויסשליסענדער, איידער דער פאטריאטיזם פון א פראנצויז,

אָן ענגלענדער אָדער למשל א דייטש. א דייטש, אַן ענגלענדער, א פראנצויז קאָנען לעבען אומעטום און זיך אַקלימאַטיזירן, בעת אַן איינגעבאָרענער פון די פּאָלאַר געגענדען וואָלט גיך געשטאָר־בען פון בענקעניש נאָך זיין געבורטס־אָרט, ווען מען זאָל איהם האַלטען ווייט פון איהם. און וואָס קאָן נאָך זיין נישטיגער, ווע־ניגער מענשליך, ווי זיין עקזיסטענץ איז! דאָס דיענט אָבער אַלס אַן איבעריגער באַווייז, אַז די שטאַרקייט פון נאַטירליכען פּאַטריאָטיזם איז ניט קיין צייכען פון מענשליכקייט, נאָר פון טיע־רישקייט.

צוזאמען מיט דעם פּאָזיטיווען עלעמענט פון פּאַטריאָטיזם, וואָס עס שליסט איין אין זיך די אינסטינקטיווע צוגעבונדענקייט פון די אינדיווידומען צו א באַשטימטען אָרט פון לעבען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער חברותא, צו וועלכער זיי געהערן, איז נאָך פאַראַן א נעגאַטיווער עלעמענט, וועלכער איז פּונקט אַזוי וויכטיג ווי דער ערשטער און פון וועלכען מען קאָן איהם ניט אָפּ־טיילען; דאָס איז אַן עהנליכע אינסטינקטיווע פאַראַכטונג צו אַלץ וואָס איז פרעמד — א פאַראַכטונג, וואָס איז אינסטינקטיוו און פאָלגליך דורכאויס טיעריש, יאָ,ווירקליך טיעריש, מחמת אָט די פאַראַכטונג איז אַלץ ענערגישער און אומבאַזיגבאַרער, וואָס ווייניגער עס דענקט און פאַרשטעהט דער וואָס פיהלט איהר, וואָס ווייניגער מענש ער איז.

אין דער היינטיגער צייט באַגעגענט מען די דאָזיגע פּאַטריאָ־טישע פאַראַכטונג צו אַלץ וואָס איז פרעמד ניט בלויז ביי ווילדע פעלקער; אין אייראָפּאַ קאָן מען איהר טרעפען ביי דער האַלב־וויל־דער באַפעלקערונג, וועלכער די בורזשואַזע ציוויליזאַציע געפינט ניט פאַר נויטיג אויפצוקלערן, כאָטש זי פאַרגעסט ניט איהר צו עקספּלואַטירן. אין די גרעסטע הויפּט שטעדט פון אייראָפּאַ, אין פּאַריז און באַזונדערס אין לאָנדאָן, זיינען פאַראַן גאַסען, וואָס זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר דער אָרימסטער באַפעלקערונג, וועלכער די שטראַלען פון בילדונג האָבען נאָך ניט אָנגעריהרט. עס איז גענוג, אַז אויף די דאָזיגע גאַסען זאָל זיך באַווייזען אַן אויסלענדער, אַז איהם זאָל אַרומרינגלען א גאַנצער געזעמעל פון אומגליקליכע מענשליכע וועזענס, מענער, פרויען און קינדער, וואָס זיינען האַלב־נאַקעט און וואָס טראָגען אין זייער גאַנצען אויסער־

ליכען אויסזעהן די סמנים פון דער שרעקליכסטער אָרימקייט און פון דער טיעפסטער געזונקענהייט; זיי באַשיטען דעם ניי־גע־קומענעם מיט זידלרייען, און אמאָל אויך מיט קלעפּ, און בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ פרעמדער. צי איז דען אַזאַ מין ברוטאַ־לער און ווילדער פּאַטריאָטיזם ניט די שרייענדסטע פאַרלייקענונג פון דאָס אַלץ וואָס רופט זיך מענשליכקייט?

און פונדעסטוועגען זיינען פראַאַן אַזעלכע אויפגעקלערטע בור־זשואַזע צייטונגען, ווי למשל דער „זשורנאַל דע זשענעווע", וועל־כע שפּירן גאַר קיין שאַנד ניט, ווען זיי נוצען־אויס אַזאַ קליינ־ליכען מענשליכען פאָראורטייל און אַזאַ פּאַלקאָמענע טיערישע לייד־דענשאַפט. איך מוז אָבער זיין גערעכט צו זיי און גערן גיב איך צו, אַז די דאָזיגע צייטונגען נוצען־אויס דעם פּאַטריאָטיזם, ניט דערפאַר ווייל זיי האַלטען פון איהם, נאָר איינציג דערפאַר, ווייל עס לוינט זיך זיי איהם צו עקספּלואַטירן, פּונקט ווי עס טוען היינט צו טאָג כמעט אַלע גייסטליכע פון אַלע רעליגיעס, וועלכע פּרע־דיגען רעליגיעזע אומזיניגקייטען, אַליין ניט גלויבענדיג אין זיי, און איינציג צוליעב דעם, ווייל דאָס איז אין די אינטערעסען פון די פּריווילעגירטע קלאַסען, כדי די פּאָלקסמאַסען זאָלען ווייטער פאָרטזעצען צו גלויבען.

ווען דער „זשורנאַל דע זשענעווע" געפינט שוין ניט מעהר קיין אַרגומענטען און באַווייזען, זאָגט דאַן די דאָזיגע צייטונג: „אָט די זאַך, אָט די אידעע, אָט דער מענש איז אונז פ ר ע מ ד", און זי האָט אַזאַ נידעריגע פאָרשטעלונג וועגען איהרע מיטבירגער, אַז זי שפּייזט זיך מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט גענוג זיין דער שרעקליכער וואָרט פ ר ע מ ד ע ר, כדי, פאַרגעסענדיג אָן אַלץ, אָן דעם געזונטען פאַרשטאַנד, דער מענשליכקייט און גערעכטיג־קייט, זאָלען זיי זיך שטעלען אויף איהר זייט.

איך בין אַליין ניט קיין זשענעווער, אָבער איך רעספּעקטיר גענוג די איינוואוינער פון זשענעווע, אום ניט צו דענקען, אַז דער „זשורנאַל" מאַכט אַ טעות אויף זייער רעכענונג. זיי וועלען זי־כער ניט וועלען מקריב זיין די מענשליכקייט צוליעב דער טיעריש־קייט, וואָס ווערט עקספּלואַטירט פון שוואַרץ־קינצלער.

# פאטריאָטיזם.

(פאָרטזעצונג)

איך האָב געזאָגט, אז דער פאטריאָטיזם, אויף וויפיעל ער איז אינסטינקטיוו אָדער נאַטירליך, האָט זיינע אַלע וואָרצלען אין דעם לעבען פון די חיות און שטעלט מיט זיך פאר ניט קיין אנדער זאך, ווי א געוויסע קאָמבינאַציע פון געוועהנהייטען: מאטעריעלע, אינטעלעקטועלע און מאָראלע, עקאָנאָמישע, פאָליטישע און סאָציאַלע, וואָס האָבען זיך אנטוויקעלט דורך טראַדיציע אָדער געשיכטע אין דער באגרעניצטער מענשליכער געזעלשאפט. אָט די געוועהנהייטען, ווי איך האָב נאָך צוגעגעבען, קאָנען זיין גוטע אָדער שלעכטע; דער געגענשטאַנד פון דעם אינסטינקטיווען געפיהל פון פאטריאָטיזם האָט דערביי קיין שום ווירקונג ניט אויף דעם גראַד פון זיין אינטענסיווקייט. אפילו ווען עס זאָל אויסקומען צוצוגעבען א געוויסען אונטערשייד אין דער הינזיכט, וואָלט עס גיכער געווען אויף דער זייט פון די שלעכטע איידער פון די גוטע אייגענשאפטען. וואָרים אין יעדער געזעלשאפט, — צוליעב דער טיערישער אָפשטאַמונג פון יעדער מענשליכער געזעלשאפט, און צוליעב יענער קראַפט פון אינערציע, וואָס האָט אזא ברייטען פעלד פאר טעטיגקייט אין דער אינטעלעקטועלער און מאָראלער וועלט, ווי אין דער מאטעריעלער, — וואָס דעגענערירט נאָך ניט, נאָר פארקעהרט, פראָגרעסירט און געהט פאָרווערטס, זיינען די שלעכטע געוועהנהייטען, האָבענדיג פאר זיך דעם פאָרצוג פון צייט, טיעפער איינגעוואָרצעלט ווי די גוטע. דאָס דערקלערט אונז פאַרוואָס לפחות ניין־צעהנטעל פון דעם אלגעמיינעם סך הכל פון די היינטיגע געזעלשאפטליכע געוועהנהייטען, אין די פאָרטגעשריטענסטע לענדער פון דער ציוויליזירטער וועלט, דיענען צו גאָרנישט ניט.

און זאָל מען ניט מיינען, אז איך דענק צו דערקלערן קריעג דעם אלגעמיינעם מנהג פון דער געזעלשאפט און פון די מענשען זיך צו פיהרן לויט געוועהנהייטען. ווי אין פיעלע אנדערע זאכען פאָלגען זיי דאָ אויס א נאַטירליכען געזעץ, און עס וואָלט געווען אַן אומזין זיך צו שטעלען קעגען די נאַטירליכע געזעצען. די ווירק־

קונג פון די געוואוינהייטען אין דעם אינטעלעקטועלען און מאראַ־לען לעבען פון אינדיווידומען און געזעלשאפטען איז פונקט ווי די ווירקונג פון די וועגעטירנדע כחות אין אָרגאַנישען לעבען. ביידע זיינען זיי באדינגונגען פון עקזיסטענץ און ווירקליכקייט. גוטס, אזוי ווי שלעכטס, כדי צו ווערן א רעאלע זאך, מוז איבער־געהן אין א רגילות, סיי ביי דעם אינדיווידועלען מענשען, סיי אין דער געזעלשאפט. אלע ערפאהרונגען, וואָס מענשען גיבען זיך איבער, האָבען ניט קיין אנדער צוועק, און די בעסטע זאכען קאָנען זיך אנדערש ניט איינוואָרצלען אין מענשען און ווערן זיין צווייטע נאטור, ווי דורך דער קראפט פון רגילות. עס איז דאַ־ריבער אַן אומזין זיך צו שטעלען קעגען איהר, מחמת דאָס איז א פאטאלע קראפט, וועלכער קיין שום שכל און קיין שום ווילען קאָנען ניט פארניכטען. אָבער, אויב אויפגעקלערט פון דעם גייסט פון אונזער יאָהרהונדערט און דורך אונזער פאָרשטעלונג וועגען אמת'ער גערעכטיגקייט, ווילען מיר ערנסט ווערן מענשען, דאַן בלייבט פאַר אונז איבער נאָר איינס: כסדר אָנווענדען אונזער ווילענסקראפט, ד. ה. די רגילות צו פארלאנגען, וואָס איז ביי אונז אנטוויקעלט דורך אומשטענדען, וואָס זיינען ניט אָפהענגיג אָן אונז, אויסצוואָרצלען אלע שלעכטע געוואוינהייטען און איינ־צופלאנצען אויף זייער אָרט גוטע. כדי אויסצומענשלען א גאנ־צע געזעלשאפט, דאַרף מען אָהן רחמנות אויסראָטען אלע אורזאכען, אלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאלע באדינגונגען, וואָס רו־פען ארויס ביי די אינדיווידומען שלעכטס, און זיי פארבייטען מיט אזעלכע באדינגונגען, וואָס זאָלען ביי דיזעלבע אינדיווידומען ארויסרופען די געוואוינהייט און די פראקטישע אָנווענדונג פון גוטס.

פון שטאנדפונקט פון היינטיגען באוואוסטזיין, פון שטאנד־פונקט פון מענשליכקייט און גערעכטיגקייט, וועלכע זיינען ענדליך פון אונז באגריפען געוואָרן, א דאנק דער פריהערדיגער געשיכטלי־כער אנטוויקלונג, — איז דער פּאטריאָטיזם א שלעכטע געוואוינ־הייט, א דריקענדע און אַן אומגליקליכע, ווייל ער שטעלט זיך ארויס אלס די אָפּלייקענונג פון יעדער מענשליכער גלייכהייט און סאָלידאַריטעט. די סאָציאלע פראגע, וואָס ווערט היינט פראק־טיש ארויסגעשטעלט פון דער ארבייטער־וועלט אין אייראָפּא און

אַמעריקאַ, און וועמעס לעזונג עס איז אַנדערש ניט מעגליך, סיי-
דען עס וועלען אָפּגעשאַפּט ווערן די גרעניצען פון די שטאַאַטען,
שטרעבט אומבאַדינגט אויסצוואָרצלען אָט די טראַדיציאָנעלע גע-
וועהנהייט פון דעם באַוואוסטזיין פון אַלע ארבייטער אין אַלע לענ-
דער. שפּעטער וועל איך באַווייזען, אַז מיט דעם אָנהויב פון דעם
יאָהרהונדערט איז שוין די דאָזיגע געוועהנהייט געוועזן צעטריי-
סעלט אין דעם באַוואוסטזיין פון דער העכערער פינאַנציעלער, קאָ-
מערציעלער און אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, אַ דאַנק דער וואונ-
דערליכער און פאָלשטענדיגער אינטערנאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון
רייכטום און איהרע עקאָנאָמישע אינטערעסען. פריהער אָבער מוז
איך ווייזען ווי אַזוי, נאָך אַ סך פריהער אײדער די בורזשואַזע
רעוואָלוציע, דער אינסטינקטיווער, נאַטירליכער פּאַטריאָטיזם, וועל-
כער איז בטבע גופא אַ זעהר ענגער, גאַנץ באַגרעניצטער געפיהל
און אַ העכסט לאָקאַלע געזעלשאַפטליכע געוועהנהייט, האָט דורכ-
געמאַכט אין אָנהויב פון דער געשיכטע אַ טיעפע אומוואַנדלונג,
אַן איבערקעהר און אָפּשוואַכונג, אין דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג
פון די פּאָליטישע שטאַאַטען.

דער ווירקליכער פּאַטריאָטיזם, אויף וויפיעל ער איז אַ ריין
נאַטירליכער געפיהל, ד. ה. אַ פּראָדוקט פון דעם פּראַקטישען סאָ-
לידאַרישען לעבען פון דער געמיינדע, איז נאָך ניט אָפּגעשוואַכט
דורך איבערלעגונגען און איינפלוסען פון עקאָנאָמישע און פּאָליטי-
שע אינטערעסען, ווי אויך פון רעליגיעזע אַבסטראַקציעס; אַזאַ
פּאַטריאָטיזם, אויב אפילו שוין ניט אינגאַנצען, נאָר צום גרעס-
טען טייל אַ טיערישער, קאָן בלויז אַרומנעהמען אַ באַגרעניצטע
וועלט, איין שבט, איין דאָרף. אין אָנהויב פון דער געשיכטע, ווי
היינט ביי די ווילדע פעלקער, זיינען ניט געוועזן קיין נאַציאָ-
נען, ניט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַכען, ד. ה. עס איז ניט געוועזן קיין
פאָטערלאַנד אין דעם פּאָליטישען זין פון דעם וואָרט. יעדער
שטעדטעלע, יעדער דערפעל האָט געהאַט אַן אייגענע שפּראַך, אַן
אייגענעם גאָט, אַן אייגענעם פּריסטער אָדער מכשף. דאָס איז
געוועזן ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פאַרגרעסערטע, אויסגעברייי-
טערטע פאַמיליע, וואָס האָט זיך באַפעסטיגט אין לעבען, און זייענ-
דיג אין קריעג מיט אַלעמען, האָט זי מיט איהר עקזיסטענץ ניט
אָנערקענט די גאַנצע איבעריגע מענשהייט. אָט דאָס איז דער

נאַטירליכער פּאַטריאָטיזם אין זיין קרעפטיגער און נאַאיווער ניט־צוגעפּאַרבטקייט.

איבערבלייבאַכצען פון דעם דאָזיגען פּאַטריאָטיזם באַגעגענען מיר נאָך אין אייניגע פון די גאַנץ ציוויליזירטע לענדער פון איי־ראָפּאַ, ווי למשל אין איטאַליע, באַזונדערס אין די דרום געגענדען פון דער איטאַליענישער האַלב־אינזעל, וואו דער געבוי פון באָדען, די בערג און דער ים באַשאַפען באַריערען צווישען די טאָלען, גע־מיינדעס און שטעדט, זונדערען זיי אָפּ, איזאָלירן זיי און מאַכען זיי כמעט פרעמד איינע צו די אַנדערע. אין זיין בראָשורע וועגען דער איטאַליענישער איינהייט האָט פּרודאָן גאַנץ ריכטיג באַמערקט, אַז דערווייל איז נאָך אָט די איינהייט ניט מעהר ווי אַן אידעע, און אַ ריין בורזשואַזע, אָבער באַין אופן ניט קיין פאָלקס-ליידענשאַפט; אַז לפּחות די דאָרפישע באַפעלקערונג איז נאָך ביז היינט צו דער דאָזיגער איינהייט פּאַרבליבען גאַנץ גלייכגילטיג, און איך וויל נאָך צוגעבען, זאָגאַר פיינדליך, וואָרים די דאָזיגע איינהייט, קומענדיג פון איין זייט אין ווידערשפּרוך מיט די אָרטיגע פּאַטריאָטיזמען, האָט פון דער אַנדער זייט דער באַפעלקערונג גאָרנישט געבראַכט, אחוץ אומ׳רחמנות׳דיגע עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און פּאַר־וויסטונג.

זעהען מיר דען ניט אָפט אפילו אין דער שווייץ, באַזונדערס אין די אָריגינעלע קאַנטאָנען, דעם קאַמף פון דעם לאָקאַלען פּאַט־ריאָטיזם קעגען דעם קאַנטאָנאַלען, און פון דעם לעצטען קעגען דעם פּאָליטישען, נאַציאָנאַלען פּאַטריאָטיזם, וועלכער האָט פּאַר זיין ציעל די גאַנצע רעפּובליקאַנישע קאָנפעדעראַציע אין איהר גאַנצ־קייט?

צום שלוס, אין דער פּאָרם פון אַ רעזומע פון דאָס געזאָגטע, ווידערהאָל איך, אַז דער פּאַטריאָטיזם, אַלס אַ נאַטירליך געפיהל, וועלכער איז בעצם איבערהויפּט אַ לאָקאַלער געפיהל, איז אַן ערנ־סטע שטערונג פּאַר דער אויסבילדונג פון שטאַאַטען, און פאָלג־ליך האָבען די לעצטע, און צוזאַמען מיט זיי די ציוויליזאַציע, אַנדערש ניט געקאָנט געגרינדעט ווערן, סיידען פאַרניכטענדיג, אויב ניט איינגאַנצען איז אין אַ באַדייטענדער מאָס, די דאָזיגע טיערישע ליידענשאַפט.

# פאטריאָטיזם

## (פאָרטזעצונג)

האָבענדיג באטראכט פון אָנהויב דעם פאטריאָטיזם פון דעם נאַטירליכען שטאַנדפונקט און האָבענדיג באוויזען, אַז פון דעם שטאַנדפונקט איז דער פאטריאָטיזם פון איין זייט אַ געפיהל וואָס איז אייגענטימליך פאַר חיות אָדער בעלי־חיים, און אַז פון דער אַנדער זייט איז ער איבערהויפט אַ לאָקאַלע ערשיינונג, מחמת ער קאָן בלויז ארומנעהמען אַ גאַנץ באַגרעניצטען שטח פון דער וועלט, וואו דער אומציוויליזירטער מענש פאַרברענגט זיין לעבען, — געה איך איצט אַריבער צו אַנאַליזירן דעם אויסשליסליך מענשליכען פאַטריאָטיזם, דעם עקאָנאָמישען, פּאָליטישען און רעליגיעזען פאַטריאָטיזם.

עס איז אַ פאַקט, וואָס איז קאָנסטאַטירט געוואָרן פון נאַטוראַליסטען און איז שוין איצט געוואָרן אַן אַקסיאָמע, אַז די צאָהל פון יעדער טיערישער באַפעלקערונג איז תמיד אין איינקלאַנג מיט דער מאָס פון די נאַהרונגס־מיטלען, וואָס געפינען זיך אין דעם געגענד, וואָס די באַפעלקערונג באַוואוינט. וואָס מעהר נאַהרונגס־מיטלען עס זיינען בנמצא, אַלץ מעהר פאַרגרעסערט זיך די באַפעלקערונג; וואָס וועניגער זיי ווערן, אַלץ מעהר פאַרקלענערט זי זיך. ווען די טיערישע באַפעלקערונג פאַרצעהרט אַלע זאַפּאַסען פון דעם געגענד, וואַנדערט זי איבער. אָבער די דאָזיגע איבערוואַנדערונג, וועלכע צערייסט אַלע אַלטע געוועהנהייטען, אַלע טאָג־טעגליכע, רוטינע לעבענס מנהגים און צווינגט, אָהן וועלכען עס איז וויסען, אָהן יעדען געדאַנק, אינסטינקטיוו און אינגאַנצען אָנגעווייזען אויפ׳ן צופאַל, צו זוכען נאַהרונגס־מיטלען אין גאַנץ אומבאַקענטע געגענדען, איז שטענדיג פאַרבונדען מיט ליידען און שרעקליכע מאַטערנישען. דער גרעסטער טייל פון דער איבערגעוואַנדערטער טיערישער באַפעלקערונג שטאַרבט פון הונגער, און דיענט אָפט אַלס שפּייז פאַר די וואָס בלייבען לעבען; נאָר דעם קלענסטען טייל געלינגט צו אַקלימאַטיזירן זיך און צו געפינען נייע נאַהרונגס־מיטלען אין דעם נייעם געגענד.

דערפון קומען אַרויס מלחמות, מלחמות צווישען מינים וועלכע נעהרן זיך מיט איינע און דיזעלבע זאַכען; מלחמות צווישען

מינים וועלכע מוזען, צוליעב זייער נאַהרונג, אויפפרעסען איינע די אַנדערע. פון דעם שטאַנדפּונקט באַטראַכט, איז די בעלי־חיים וועלט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ בלוטיג שלאַכט־הויז, אַ שרעק־ליכע און טרויעריגע טראַגעדיע, וואָס ווערט געשריבען פון הונגער.

יענע, וואָס גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון אַ בורא־גאָט, פאַלט גאָר ניט איין, וואָס פאַר אַ קאָמפּלימענט זיי מאַכען איהם, ווען זיי שטעלען איהם אַרויס אַלס דעם באַשאַפער פון אָט דער־וועלט. ווי איז עס מעגליך, אַז אַן אַלמעכטיגער גאָט, וואָס איז פול מיט חכמה און גוטסקייט, האָט ניט געקאָנט דערגעהן צו עפּעס אַנדערש, ווי צו באַשאַפען אַזאַ וועלט, אַזאַ סטראַשידלע!

אמת, די טעאָלאָגען האָבען אַן אויסגעצייכענטען אַרגומענט צו דערקלערן אָט דעם רעוואָלטירנדען ווידערשפּרוך. די וועלט איז באַשאַפען געוואָרן אַ פאָלקאָמענע, זאָגען זיי; אין אָנהויב האָט אין איהר געהערשט אַבסאָלוטע האַרמאָניע, ביז וואַנען דער מענש האָט זיך פאַרזינדיגט, און גאָט, ווערנדיג אין כעס אויף איהם, האָט פאַרשאָלטען דעם מענשען און די וועלט.

די דאָזיגע דערקלערונג איז נאָך באַלעהרנדער דערמיט, וואָס זי איז פול מיט נאַרישקייטען, און ווי באַוואוסט, באַשטעהט טאַ־קע די גאַנצע קראַפט פון די טעאָלאָגען אין דומקייטען. וואָס נאַרישער און אוממעגליכער אַ זאַך איז פאַר זיי, אַלץ אמת'ער איז זי. די גאַנצע רעליגיע איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי די פאַרגע־טערונג פון דעם אומזין.

הייסט עס, דער פאָלקאָמענער גאָט האָט באַשאַפען אַ פאָל־קאָמענע וועלט, נאָר די דאָזיגע פאָלקאָמענהייט האָט זיך אויסגע־גליטשט און האָט אויף זיך געבראַכט די קללה פון דעם באַשעפע־רערנאָך איז די אַבסאָלוטע פאָלקאָמענהייט פאַרוואַנדעלט גע־וואָרן אין אַן אַבסאָלוטער אומפאָלקאָמענהייט. ווי אַזוי האָט אַ פאָלקאָמענהייט געקאָנט ווערן אַן אומפאָלקאָמענהייט? ענטפערט מען דאַרויף, אַז פאַסירט האָט עס טאַקע דערפאַר, וואָס די וועלט, כאָטש זי איז באַשאַפען געוואָרן פאָלקאָם, איז זי אָבער פונדעסטוועגען ניט געווען אַבסאָלוט פאָלקאָמען, ווייל אַבסאָלוט איז נאָר גאָט אַליין, די אַלערהעכסטע פאָלקאָמענהייט. די וועלט איז געווען פאַרהעלטניסמעסיג פאָלקאָם, בלויז אין פאַרגלייך צו דעם, ווי זי איז איצט.

אָבער ווי באַלד אַזוי, טו צו וואָס געברויכען דאָס וואָרט: פאָלקאָמענהייט, אַ וואָרט, וואָס קאָן ניט אָנגעווענדט ווערן אויף עפּעס פאַרהעלטניסמעסיגעס? צי איז דען מגעליך אַ ניט־אַב־סאָלוטע פאָלקאָמענהייט? זאָגט בעסער, אַז גאָט האָט באַשאַ־פען די וועלט ניט פאָלקאָם, נאָר בעסער ווי זי איז היינט. אָבער אויב זי איז בלויז געווען פאַרהעלטניסמעסיג בעסער, אויב זי איז געווען ניט־פאָלקאָם, טאָ האָט זי דאָך אין זיך ניט געהאַט די האַר־מאָניע און דעם אבסאָלוטען פרידען, פון וועלכע די הערען טעאָלאָ־גען פאַרטויבען אונז די אויערן מיט זייערע מעשיות. און אין דעם פאַל פרעגען מיר ביי זיי: דאַרף מען דען ניט, לויט אייערע איי־גענע ווערטער, אָפּשאַצען דעם באַשעפער נאָך זיין שאַפונג, ווי אַן ארבייטער נאָך דער ארבייט וואָס ער מאַכט? עס איז קלאָר, אַז דער באַשאַפער פון ניט פאָלקאָמענע זאַכען איז אַליין ניט פאָל־קאָם; קוים איז די וועלט באַשאַפען געוואָרן ניט פאָלקאָם, איז גאָט, איהר באַשאַפער, זיכער ניט פאָלקאָם. וואָרים דער פאַקט, וואָס די וועלט איז באַשאַפען געוואָרן ניט־פאָלקאָם, לאָזט זיך בלויז ערקלערן מיט זיין ניט־קלוגשאַפט, אָדער אָהנמעכטיגקייט, אויב ניט שלעכטסקייט.

זאָגט מען מיר, אַז די וועלט איז געווען פאָלקאָם, זי איז בלויז געווען ווייניגער פאָלקאָם, ווי גאָט. ענטפער איך דאַרויף, אַז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פאָלקאָמענהייט, קאָן מען ניט ריי־דען פון קלענערער אָדער גרעסערער; פאָלקאָמענהייט איז גאַנץ, פולשטענדיג, אבסאָלוט, אָדער זי עקזיסטירט איינגאַנצען ניט. בכן, אויב די וועלט איז געווען ווייניגער פאָלקאָם ווי גאָט, איז די וועלט געווען ניט־פאָלקאָם; פון וואָס עס פאָלגט, אַז גאָט, דער באַשאַ־פער פון דער ניט־פאָלקאָמער וועלט, איז אַליין געווען ניט פאָלקאָם, אַז ער איז איצט אויך ניט פאָלקאָם, אַז ער איז קיינמאָל קיין גאָט ניט געווען, אַז גאָט עקזיסטירט ניט.

כדי צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון גאָט, וועלען די הערען טעאָלאָגען זיין געצוואונגען איינצושטימען, אַז די וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפען, איז בעת דער שאַפונג געווען פאָלקאָם. דאַן אָבער שטעל איך זיי צוויי קליינע פראַגען. די ערשטע פראַגע איז: אויב די וועלט איז געווען פאָלקאָם, טאָ ווי אַזוי האָבען אין איין

צייט געקאָנט עקזיסטירן צוויי באַזונדערע פּאָלקאָמענהייטען? פּאָלקאָמענהייט איז נאָר מעגליך איינע; זי פּאַרטראָגט ניט קיין דואַליטעט (צווייאינקייט), מחמת אין דער דואַליטעט באַגרעניצען זיך איינע די אַנדערע און ווערן אויף אַזאַ אופן ניט־פּאָלקאָם. הייסט דאָס, אויב די וועלט איז געווען פּאָלקאָם, דאַן איז ניט געווען קיין גאָט איבער איהר, אפילו ניט אויסער איהר, — די וועלט אַליין איז געווען אַ גאָט. די צווייטע פראַגע איז: אויב די וועלט איז געווען פּאָלקאָם, טאָ ווי אַזוי האָט זי געקאָנט פּאַלען? אַ שעהנע פּאָלקאָמענהייט איז דאָס, וואָס קאָן זיך ענדערן און פּאַרשווינדען! ווירקליך, אויב מען זאָל אָנערקענען, אַז פּאָלקאָמענהייט קאָן פּאַלען, הייסט דאָס, אַז אויך גאָט קאָן פּאַלען! — מיט אַנדערע ווערטער, גאָט האָט זיכער עקזיסטירט אין דער גלויבענדער פּאַנטאַזיע פון די מענשען, נאָר דער מענשליכער פּאַרשטאַנד, וועלכער טריאומפירט אַלץ מעהר און מעהר אין דער געשיכטע, פּאַראורטיילט איהם צו פאַרניכטונג.

און איבער אַלץ, ווי מאָדנע דאָס איז דער גאָט פון די קריסטען! ער האָט באַשאַפען דעם מענשען אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען, אַז ער זאָל מוזען זינדיגען און פּאַלען. גאָט, וועלכער האָט צווישען זיינע אומענדליכע אַטריבוטען די אַלוויסענהייט, האָט ניט געקאָנט ניט וויסען, באַשאַפענדיג דעם מענשען, אַז ער וועט זינדיגען; און וויבאַלד גאָט האָט דאָס געוואוסט, האָט דער מענש געמוזט פּאַלען: אַנדערש וואָלט עס געווען אַ העזה צו מאַכען צום ליגנער די געטליכע אַלוויסענהייט. טאָ וואָס־זשע רעדט מען, אַלזאָ, וועגען אַ מענשליכער בחירה? דאָס איז דאָך געווען אומפּאַרמיידליך! געהאָרכענדיג אָט דעם פּאַטאַלען דראַנג, — אפילו דער איינפּאַכסטער פּאַמיליען־פּאָטער אויף גאָט׳ס פּלאַץ וואָלט דאָס געקאָנט פּאָראויסזעהן, — זינדיגט דער מענש: און אָט פּאַלט די געטליכע פּאָלקאָמענהייט אריין אין אַ שרעקליכען צאָרן, אין אַ צאָרן, וואָס איז פּונקט אַזוי לעכערליך ווי עקעלהאַפט. גאָט פּאַרשילט ניט נאָר יענע, וואָס האָבען איבערגעטראָטען זיין געבאָט, נאָר אפילו זייערע אַלע שפּעטערדיגע דורות, כאָטש מיר האָבען נאָך צו יענער צייט גאָר ניט עקזיסטירט און זיינען פּאָלגליך דורכאויס אומשולדיג געווען אין די זינד פון אונזערע אורעלטערן. און ניט באַגנוגענענדיג זיך מיט דער דאָזיגער רעבעלירענדער אומגערעכ־

טיגקייט, פאַרשילט ער נאָך די לחלוטין אומשולדיגע האַרמאָנישע וועלט, און מאַכט זי פאַר אַ פּלאַץ פון אַלערליי שרעקענס און פאַרברעכענס, אַן אָרט פון שטענדיגע שלאַכטערייען. דערנאָך, זייענדיג שקלאַפיש געבונדען פון זיין אייגענעם צאָרן און קללה, וואָס ער האָט ארויסגערעדט געגען דער וועלט און די מענשען, גע־גען זיין אייגענער שאַפונג, וואָס טוט גאָט ווען ער דערמאָנט זיך סוף כל סוף, אַז ער איז דער גאָט פון ליעבשאַפט? איהם איז ניט גענוג, וואָס ער האָט צוליעב זיין צאָרן אָנגעפילט די גאַנצע וועלט מיט בלוט; אָט דער בלוטיגער גאָט פאַרגיסט נאָך דאָס בלוט פון זיין איינציגען זוהן; ער איז איהם מקריב אונטער דעם אויס־רייד פון איבערבעטען די וועלט מיט זיין געטליכער מאַיעסטעט! און וואָלט זיך דאָס כאָטש איינגעגעבען! אָבער ניין, די וועלט פון די מינים און די מענשהייט בלייבען נאָך אַלץ אַזוי צעריסען און פאַרבלוטיגט, פונקט ווי פאַר דעם משונה'דיגען קרבן. פון וואָס עס איז זעהר קלאָר צו זעהן, אַז דער גאָט פון די קריסטען, פונקט ווי די געטער וואָס זיינען געווען פאַר איהם, איז אַזאַ אָהנ־מעכטיגער גאָט ווי אַ ברוטאַלער, אַזאַ אומזיניגער, ווי אַ שלעכטער.

ליידער! אין דער וויגעלע פון דער מענשליכער ציוויליזאַ־ציע געפינען מיר מענשען־פרעסעריי. אָנהויבענדיג פון יענער צייט און ניט אויפהערנדיג ביז צום היינטיגען טאָג, ווערן געפיהרט אַלץ פאַרניכטענדע מלחמות, ראַסען־ און פעלקער־מלחמות: מלחמות פאַר עראָבערונג, מלחמות צוליעב גלייכגעוויכט, מלחמות פּאָלי־טישע און מלחמות רעליגיעזע, מלחמות אין נאָמען פון גרויסע אי־דעען, פונקט ווי די וואָס עס פיהרט איצט אָן פראַנקרייך אונטער דער פיהרערשאַפט פון איהר איצטיגען קיסר*, און פאַטריאָטישע מלחמות, ווי עס פּלאַנעווען היינט, פון איין זייט, דער פאַנגערמאַ־ניסטישער מיניסטער אין בערלין און פון דער צווייטער זייט, דער פאַנסלאַוויסטישער צאַר אין פעטערבורג.

און אין יסוד פון אַלעם דעם, אונטער די אַלע היפּאָקריטישע פראַזען, וואָס מען באַנוצט, כדי זיך צו געבען דעם אויסערליכען אויסזעהן פון מענשליכקייט און גערעכטיגקייט, וואָס געפינען מיר

---

* נאַפּאָלעאָן דער 3טער.

אזוינס? שטענדיג איינע און דיזעלבע עקאָנאָמישע פראגע: די שטרעבונג פון איינע צו לעבען אין וואוילטאָג אויף דעם חשבון פון אנדערע. דאָס איבעריגע איז ניט מעהר ווי היפּאָקריטסטוואָ. די אומוויסענדע, די פּשוט'ע און נאראָנים לאָזען זיך כאַפּען אויף דער דאָזיגער ווענטקע, אָבער די דורכגעטריבענע מענשען, וואָס גע־וועלטיגען איבער דעם גורל פון די שטאאטען, ווייסען גאנץ גוט, אַז אין תוך פון אַלע מלחמות, איז פאראן נאָר איין באוועגענדער מאָטיוו: גזלה, די עראָבערונג פון פרעמדען רייכטום און די פאר־שקלאַפונג פון פרעמדער ארבייט.

דאָס איז די גרויזאמע און רויהע ווירקליכקייט, וואָס די גור־טע געטער פון אַלע אמונות, די געטער פון מלחמות האָבען שטענ־דיג געבענשט; אָנהויבענדיג פון יהוה, דער אייביגער פאָטער פון אונזער גאָט יעזוס קריסטוס, וועלכער האָט פארזאָגט זיין אויס־דערוועהלטען פאָלק אויסצו'הרג'ענען אַלע איינוואוינער פון פאר־שפּראָכענעם לאַנד, — און ענדיגענדיג מיט דעם קאַטוילישען גאָט, וועלכער ווערט פארטראָטען פון די פּויפּסטען, וואָס האָבען אַלס שכר פאר דעם טויטען די געצענדינער, מאכמעדאַנער און אפּיקור־סים, אוועקגעשאָנקען צו די גליקליכע מערדער די ערד פון די אומ־גליקליכע, אויף וועלכער עס זידט נאָך די ווארעמע בלוט. פאר די קרבנות איז דער גיהנום; פאר די תליונים — דאָס פארמעגען און די ערד פון די דער'הרג'עטע, — דאָס איז דער צוועק פון די הייליגסטע רעליגיעזע מלחמות.

עס איז קלאָר, אַז לפּחות ביז היינט, איז די מענשהייט ניט געוועזען קיין אויסנאהם פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דער טיער־וועלט, וואָס פאר'משפּט אַלע לעבעדיגע ברואים צו פרעסען איינע די אנדערע, כדי צו עקזיסטירן. בלויז דער סאָציאַליזם, ווי איך וועל זיך באַמיהען דאָס צו באווייזען אין פארלויף פון די ארטיקלען, בלויז דער סאָציאַליזם, וועלכער שטעלט אוועק אויף דעם אָרט פון דער פּאָליטישער, יורידישער און געטליכער גערעכטיגקייט די מענשליכע גערעכטיגקייט; וועלכער פארבייט דעם פּאַטריאָטיזם אויף דער אַלוועלטליכער סאָלידאריטעט פון די מענשען, און די עקאָנאָ־מישע קאָנקורענץ אויף דער אינטערנאציאָנאַלער אָרגאַניזאציע פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז איינגאנצען באַזירט אויף אַרבייט, —

בלויז ער קאָן מאַכען אַ סוף צו מלחמה, צו אַט דעם רויהען אויס־דרוק פון דער מענשליכער טיערישקייט.

אָבער כל זמן דער סאָציאַליזם האָט נאָך ניט מנצח געווען אויף דער ערד, וועלען ניט העלפען די פּראָטעסטען פון אַלע בור־זשואזע קאָנגרעסען פון שלום און פרייהייט, וועט זיין ארויסגע־וואָרפען די פּאַרזיצערשאַפט פון אַלע וויקטאָר הוגאָס פון דער גאַנ־צער וועלט; מענשען וועלען ווייטער צעררייסען איינער דעם אַנ־דערן, ווי ווילדע חיות.

עס איז אַזוי גוט ווי פעסטגעשטעלט, אַז די מענשליכע גע־שיכטע, ווי די געשיכטע פון אַלע אַנדערע מינים חיות, האָט זיך אָנגעהויבען מיט מלחמות. די דאָזיגע מלחמה, וועלכע האָט ניט געהאַט און האָט ניט קיין אַנדער צוועק אחוץ דער עראָבערונג פון לעבענסמיטלען, האָט געהאַט פאַרשיידענע פאַזען פון אַנטוויקלונג, וואָס זיינען געגאַנגען גלייך מיט די פאַרשיידענע פאַזען פון דער ציוויליזאַציע, דאָס הייסט, מיט דער אַנטוויקלונג פון די מענשלי־כע באַדערפעגישען און די מיטלען זיי צו באַפרידיגען.

און אַזעלכע אומזיניגקייטען וויל מען דאָס אָנהענגען אויף אונזער פרייהייט, אויף אונזער שכל! מיט דער הילף פון אַזעל־כע אומגעלומפּערטקייטען פּרעטענדירט מען דאָס צו ערציהען און אויסמענשלען די מענשען! ווען וועלען שוין די הערען טעאָלאָגען זיך אָננעהמען מיט געגנוג מוט, כדי אָפּען זיך אָפּצוזאָגען ניט נאָר פון שכל, נאָר אויך פון מענשליכקייט? עס איז נאָך ניט גענוג צו זאָגען מיט טערטולליאַנ׳ען: „איך גלויב, ווייל עס איז אַב־סורד" (Credo, quia absurdum); — זיי מוזען זיך נאָך באַ־מיהען ארויפצוצווינגען אויף אונז, אויב מעגליך, דעם קריסטענטום מיט דער הילף פון קאַנטשוק, ווי דאָס טוט ד ע ר ר ו ס י ש ע ר צ אַ ר; מיט דער הילף פון שייטערהויפענס, ווי קאַלווין; מיט דער הילף פון דער הייליגער אינקוויזיציע, ווי די גוטע קאַטאָליקען; מיט דער הילף פון גוואַלט, ענוים און טויטשטראָפען, מיט וועלכע עס וואָלטען אַזוי געוואָלט זיך קאָנען באַנוצען די גייסטליכע פון אַלערליי רעליגיעס, וואָס קאָן געבען. — זאָלען זיי אויספּרובירן אָט די אַלע שעהנע מיטלען, זאָלען זיי זיך אָבער ניט טרויסטען מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלען ווען עס איז טריאומפירן איבער אונז.

וואָס איז שייך צו אונז, לאָמיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל אי־בערלאָזען אָט די אַלע געטליכע שרעקענעס און אומזיניגקייטען פאַר יענע, וואָס גלויבען אומזיניג, אַז מען וועט נאָך לאַנג קאָנען אין זייער נאָמען עקספּלואַטירן דאָס פאָלק און די אַרבייטער־מאַסען. לאָמיר זיך אומקעהרן צו אונזער ריינעם מענשליכען שכל און לאָמיר שטענדיג געדענקען, אַז די מענשליכע בילדונג, — די איינציגע, וואָס קאָן אונז אויפקלערן, באַפרייען, מאַכען אונז וויר־דיג און גליקליך, — איז ניט אין אָנהויב, נאָר אין סוף פון דער געשיכטע, און אַז דער מענש איז אין זיין היסטאָרישער אַנטוויק־לונג ארויסגעקומען פון טיערישקייט, כדי ביסלעכווייז צו דערגריי־כען צו מענשליכקייט. לאָמיר דאריבער קיינמאָל ניט קוקען אויף צוריק, נאָר פאָראויס, מחמת פאָראויס איז אונזער זון און אונזער רעטונג. און אויב עס איז ערלויבט, אויב עס איז אפילו ניצליך אַמאָל זיך אומצוקוקען אויף צוריק, איז דאָס נאָר צוליעב דעם, כדי צו קאָנסטאַטירן, וואָס מיר זיינען געווען און וואָס מיר דאַר־פען שוין מעהר ניט זיין, וואָס מיר האָבען געטאָן און וואָס מיר דאַר־פען שוין מעהר ניט טאָן.

די נאַטירליכע וועלט איז אַ שטענדיגע אַרענאַ פון אומאויפ־הערליכען קאַמף, פון קאַמף פאַר'ן לעבען. מיר דאַרפען זיך ניט פרעגען, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. מיר האָבען עס ניט געשאַפען, מיר האָבען עס אַזוי געפונען, אַריינטרעטענדיג אין לעבען. דאָס איז אונזער נאַטירליכער אויסגאַנגספּונקט, און מיר זיינען אין דעם גאָרנישט פאַראַנטוואָרטליך. פאַר אונז איז גענוג צו וויסען, אַז אַזוי איז געווען און וואהרשיינליך וועט שטענדיג אַזוי זיין. די האַרמאָניע ווערט אין דער דאָזיגער וועלט אויפגעהאַלטען דורך קאַמף, דורך דעם נצחון פון איינע און דער מפּלה, און זעהר אָפט דעם טויט, פון אַנדערע. דער וואוקס און די אַנטוויקלונג פון די מינים זיינען באַגרעניצט פון זייער אייגענעם הונגער און דורך די אַפּעטיטען פון די אַנדערע מינים, דאָס הייסט, דורך ליידען און טויט. מיר זאָגען ניט מיט די קריסטען, אַז דאָס איז אַ יאָמערטאָל, אָבער מיר מוזען צוגעבען, אַז זי (די נאַטירליכע וועלט) איז גאָר ניט אַזאַ צערטליכע מוטער, ווי אַנדערע דערצעהלען, און אַז די לע־בעדיגע וועזענס דאַרפען האָבען ניט ווייניג ענערגיע, כדי צו לע־בען אין איהר. אין דער נאַטירליכער וועלט בלייבען לעבען די

שטאַרקע, און די שוואַכע קומען־אום; און די ערשטע בלייבען לעבען נאָר דערפאַר, ווייל די לעצטע קומען־אום.

איז דען מעגליך, אַז אַט דער פאַטאַלער געזעץ פון נאַטור־לעבען, זאָל זיין אַזוי אומפאַרמיידליך אין דער מענשליכער און סאָציאַלער וועלט?

# פאַטריאָטיזם

(פאָרטזעצונג.)

זיינען די מענשען פון דער נאַטור אויס פאַראורטיילט צו פרעסען איינע די אַנדערע, כדי צו לעבען, ווי דאָס טוען די חיות פון אַנדערע מינים?

פון אָנהויב האָט דער מענש, די אַלץ־עסענדע חיה, זיך ערנעהרט ווי אַלע אַנדערע חיות מיט פרוכטען, גרינסען, מיט געיעג און פיש־פאַנג. פאַר אַ משך פון פיעלע יאָהרהונדערטער איז דער מענש געגאַנגען אויף געיעג און האָט געפאַנגען פיש, פונקט ווי דאָס טוען נאָך היינט די חיות, ד. ה. אָהן דער הילף פון אַנדערע געצייג, אַחוץ די מיט וועלכע די נאַטור האָט איהם באַשאָנקען. זיך באַנוצענדיג צום ערשטען מאָל מיט אַ רויהען געצייג, מיט אַ פראָסטען שטעקען אָדער שטיין, איז ער שוין באַגאַנגען אַן אַקט פון דענקען און האָט זיך שוין ארויסגעוויזען, פאַרשטעהט זיך, ניט האָבענדיג קיין אַהנונג וועגען דעם, אַלס אַ דענקענדע חיה, — אַ מענש. וואָרים דאָס איינפאַכסטע געצייג האָט דאָך געמוזט זיין צוגעפאַסט פאַר דעם צוועק, וואָס ער האָט זיך געשטעלט צו דערגרייכען דורך איהם, און פאָלגליך האָט דאָס באַנוצען זיך מיט דעם שוין באַטייט אַ געוויסע אויסרעכענונג פון שכל, אַן אויסגערעכענטקייט, וואָס טיילט גרינדליך אָפּ דער חיה־מענש פון אַלע אַנדערע ערדישע חיות. אַ דאַנק אָט די פעהיגקייטען צו דענקען, אורטיילען, ערפינדען, האָט דער מענש פאַרפאָלקאָמט, אמת, זעהר לאַנגזאַם אין פאַרלויף פון אַ סך דורות, זיינע געוועהר, און דורך דעם האָט ער זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ יעגער, אָדער אין אַ באַוואַפענטער ווילדער חיה.

דערגרייכענדיג אָט די ערשטע מדרגה פון ציוויליזאַציע, האָ־

בען די קליינע גרופּעס מענשען נאַטירליך זיך געקאָנט לייכטער דערנעהרען, טויטענדיג לעבעדיגע ברואים, ניט אויסשליסענדיג דעם מענשען, וואָס האָט זיי אויך גדיענט אַלץ שפּייז, ווי די חיות, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין געוועהר פאַר יאַגד און מלחמה. און אַזוי ווי די פאַרמעהרונג פון די טיערישע מינים איז שטענדיג לויט דער דירעקטער פּראָפּאָרציע פון דער מאָס נאַהרונגס־מיטלען, איז קלאַר, אַז די צאָהל פון מענשען האָט זיך געמוזט פאַרגרעסערן אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע ווי די צאָהל חיות פון אַנדערע מינים, און לסוף האָט געמוזט קומען אַ מאָמענט, ווען די ניט־באַארבייטע נאַטור איז שוין ניט געווען ביכולת צו שפּייזען אַלע מענשען.

ווען דער מענשליכער שכל וואָלט ניט געהאַט די פעהיגקייט צו פּראָגרעסירען; ווען ער וואָלט זיך ניט אַנטוויקעלט אַלץ מעהר און מעהר, שטיצענדיג זיך פון איין זייט אויף דער טראַדיציע, וועלכע אַנטהאַלט צום נוצען פון די צוקינפטיגע דורות דאָס וויסען, וואָס די פריהערדיגע דורות האָבען זיך ערוואָרבען, און פון דער אַנדער זייט ווערנדיג אַלץ ברייטער, אַ דאַנק דער מתנה פון וואָרט, וואָס איז ענג פאַרבונדען מיט דער מתנה פון געדאַנק; ווען ער וואָלט ניט געווען באַשאָנקען מיט דער אומבאַגרעניצטער פעהיגקייט צו ערפינדען אַלץ נייע מיטלען צו באַשיצען די מענשליכע עקזיסטענץ קעגען די פיינדליכע כחות פון דער נאַטור, — וואָלט אָט דער חסרון פון דער נאַטור געווען אַ ניט־דורכדרינגליכע גרעניץ פאַר דער פאַרמעהרונג פון דעם מענשליכען מין.

אָבער, אַ דאַנק אָט די אומשאַצבאַרע פעהיגקייטען, וואָס דערלויבען איהם צו דערגעהן, דענקען און באַגרייפען, איז דער מענש געווען ביכולת אריבערצוטרעטען די נאַטירליכע גרעניץ, וועלכע האָט אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון אַלע אַנדערע מינים חיות. ווען די נאַטירליכע קוואַלען האָבען זיך אויסגעשעפּט, האָט ער באַשאַפען קינסטליכע. זיך באַנוצענדיג ניט מיט זיין פיזישער קראַפט, נאָר מיט זיין שכל'דיגען פאַרצוג, האָט ער אויפגעהערט סתם צו טויטען די חיות, כדי זיי באַלד אויפצועסען, נאָר ער האָט אָנגעהויבען זיי צוימען, צוגעוועהנען און זיי ווי ערציהען, אַז זיי זאָלען דיענען זיינען צוועקען. און אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך פאַר אַ משך פון יאָהרהונדערטער געצויגען און ציהט זיך נאָך

ביז היינט די פאַרוואַנדלונג פון יעגער־גרופּעס אין פּאַסטוכער־גרו־פּעס.

אַט דער נייער מקור פון חיונה האָט נאַטירליך נאָך מעהר פאַרמעהרט דעם מענשליכען מין, וואָס האָט געפיהרט צו דער נויטוועגדיגקייט צו באַשאַפען נאָך נייע מיטלען פאַר דער דערהאַל־טונג פון לעבען. ווען די אויסנוצונג פון די חיות איז געוואָרן ניט גענוג, האָבען די מענשען גענומען אויסנוצען די ערד. אויף אַזאַ אופן האָבען די וואַנדערענדע און נאָמאַדישע פעלקער אין משך פון פיעלע יאָהרהונדערטער זיך פאַרוואַנדעלט אין פעלקער, וואָס באַ־ארבייטען די ערד.

אין אָט דער געשיכטליכער פּעריאָדע איז דאָס אייגענטליך איינגעפיהרט געוואָרן די שקלאַפעריי. די מענשען, וועלכע זיינען געווען דורכאויס ווילדע חיות, האָבען אָנגעהויבען מיט דעם, וואָס זיי פלעגען אויפפרעסען די געה'רג'עטע אָדער די געפאַנגענע שונאים. ווען זיי האָבען אָבער אָנגעהויבען באַגרייפען דעם גאַנ־צען נוצען פון צווינגען די חיות צו דינען זיי און זיי עקספּלואַ־טירן, און ניט זיי גלייך טויטען, האָבען זיי גיך געמוזט באַגרייפען, אַז מען קאָן ציהען נוצען אויך פון דעם דיענסט פון דעם מענשען, וועלכער איז דער קליגסטער פון אַלע ערדישע חיות. מען האָט אויפ־געהערט אויפעסען דעם באַזיגטען שונא, מען האָט איהם אָבער פאַרוואַנדעלט אין אַ שקלאַף, וועלכער מוז אויספיהרן די ארבייט, וואָס איז נויטיג אויפצוהאַלטען זיין בעל־הבית.

די אַרבייט פון די פּאַסטוך־פעלקער איז אַזוי לייכט און איינ־פאַך, אַז עס איז פאַר איהר כמעט ניט נויטיג די ארבייט פון שקלאַ־פען. מיר זעהען דאריבער, אַז ביי די וואַנדערנדע און פּאַסטוך־פעלקער איז די צאָהל פון שקלאַפען זעהר באַגרעניצט, אויב ניט צו זאָגען, כמעט אינגאַנצען ניט פאַראַנען. אַנדערש איז די זאַך ביי באַזעסענע און אַגראַר־פעלקער. די ערד־ארבייט פאָדערט גע־דולדזאַמע, טאָג־טעגליכע און שווערע פּראַצע. דער פרייער מענש פון וועלדער און סטעפּעס, דער יעגער אָדער פּיהצוכטער, נעהמט זיך צו ערד־ארבייט מיט גרויס ווידערווילען. מיר זעהען דאריבער אפילו אין דער היינטיגער צייט, ווי למשל, ביי די ווילדע פעלקער פון אַמעריקאַ, אַז די גאַנץ שווערע און ווידערוויליגע הויז־ארבייט ווערט אַרויפגעוואָרפען אויף דער פאַרהעלטניסמעסיג שוואַכער באַ־

שעפעניש — אויף דער פרוי. די מענער ווייסען ניט פון קיין אַנדער באשעפטיגונג, אחוץ געיעג און קריעג, וואָס ווערן אפילו אין אונזער ציוויליזאציע באטראכט פאר די בכבוד׳יגסטע באשעפטיגונגען, און, פאראכטענדיג אַלע אַנדערע ארבייטען, ליגען זיי פויל, רויכערנדיג זייערע ליולקעס, בעת זייערע אומגליקליכע פרויען, אַט די נאַטירליכע שקלאַפען פון דעם רויהען מענשען, פאַלען אונטער דער לאַסט פון זייער טאָג־טעגליכער ארבייט.

אַ טריט פאָרווערטס אין דער ציוויליזאציע, און די ארבייט פון דער פרוי ווערט ארויפגעלעגט אויפ׳ן שקלאַף. אַן אונטערטעניגע חיה, באשאַנקען מיט שכל, ווערט דער מענש געצוואונגען צו טראָגען די גאַנצע לאַסט פון קערפערליכע ארבייט און ניט זיין בעל־הבית די מעגליכקייט פאר פרייע צייט און אינטעלעקטועלער און מאָראַלער אנטוויקלונג.

# די קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

(The Kropotkin Publication Society)

איז אַן אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט (אין יאָהר 1913) אויפ'ן עהרען־נאָמען פון פּעטער קראָפּאָטקין, דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער, וויסענשאַפטס־מאַן און פרייהייט־קעמפּער, מיט דעם צוועק אַרויסצוגעבען אין אידישער איבערזעצונג אַלע אַלגעמיין סאָציאַליסטישע קלאַסיקער און אַנדערע ווערטפולע סאָציאַל־פּאָליטישע ווערק.

זי איז אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט, אין וועלכער יעדער פריידענקענדער מענש קאָן ווערן אַ מיטגליעד. דער יעהרליכער ביישטרייער איז $1.50, איינגעצאָהלט אין פאָראויס. די געזעלשאַפט גיט אַרויס צוויי גרויסע ביכער אַ יאָהר, יעדעס בוך שעהן געבונדען, (דער רעגעלמעסיגער פּרייז פאַר ניט־מיטגליעדער איז כמעט צוויי מאָל אַזויפיעל) און ווערן אַוועקגעגעבען צו די מיטגליעדער פריי (פאַר צושיקען אַהיים, 25 סענט עקסטרא פאַר ביידע ביכער).

מיטגליעדער ווערן אָנגענומען צו יעדער צייט און זיינען באַרעכטיגט, גלייך ווי זיי צאָהלען איין זייער ביישטרייער, צו די צוויי ביכער, וואָס די געזעלשאַפט גיט אַרויס אין דעם יאָהר. אַלס מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט קאָנען זיי קריגען די ביכער, וועלכע די געזעלשאַפט האָט אַרויסגעגעבען אין די פאָריגע יאָהרען, מיט 40 פּראָצענט ביליגער ווי זייער רעגעלמעסיגער פּרייז.

די געזעלשאַפט האלט אָפּ איין מאָל אַ יאָהר אַן אַלגעמיינע מיטגליעדער־פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס ווערט אָפּגעגעבען אַ באַריכט פון דער טעטיגקייט און דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט. יעדער מיטגליעד איז באַרעכטיגט צו אַ שטימע ביי די פערהאַנדלונגען און די וואהלען פון מיטגליעדער אין פערוואַלטונגסראַט.

די דורכשניטליכע צאָהל מיטגליעדער איז ביז איצט געווען אַריבער צוויי טויזענד. וואָס גרעסער די צאָהל מיטגליעדער, אַלץ מעהר נוצען פאַר די מיטגליעדער אַליין.

פערלאַנגט די סטאַטוטען פון דער געזעלשאַפט און דעם קאַטאַלאָג פון די אַרויסגעגעבענע ביכער! אַדרעסירט אַלע בריעף און געלד־זענדונגען צו דער

KROPOTKIN PUBLICATION SOCIETY

250 East Broadway New York, N. Y.

# קאטאלאג

פון די ביכער, וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארען

פון דער

## קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט

ניו יארק.

# מעמוארען פון א רעוואָלוציאָנער

## פון פעטער קראָפּאָטקין

מיט א פאָררעדע פון געאָרג בראַנדעס

איבערזעצט פון ג. דייוויד.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 6 טיילען:

1טער טייל: קינדהייט.

2טער טייל: דער פּאזשען־קאָרפּוס.

3טער טייל: סיביר.

4טער טייל: פּעטערבורג, ערשטע רייזע נאָך מערב איירָאָפּא.

5טער טייל: פּעטראָ־פּאוולאָווסקי פעסטונג; דאָס אנטלויפען.

6טער טייל: מערב־אייראָפּא.

„דער פּערפּאעסר זוכט מעהר איבערצוגעבען די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע צייטגענאָסען, איידער פון זיך אליין. מען קאָן אין זיין בוך געפינען די פּסיכאָלאָגיע פון דער אָפּיציעלער רוסלאַנד און פון די רוסישע מאַסען; פון דער פאָרווערטס־קעמפענדער רוסלאַנד און פון רוסלאַנד, וואָס שטעהט אויף איין אָרט. די באשרייבונג פון זיין לעבען ענטהאַלט די געשיכטע פון רוסלאַנד, ווי אויך פון דער אַרבייטער־באוועגונג פאַר דעם לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט. ווען ער פאַרטיעפט זיך אין זיין אייגענער אינער־ער וועלט, זעהען מיר די אויסערע וועלט זיך אָפּשפּיגלען אין איהר.”

דאָס בוך ענטהאַלט 526 זייטען, שעהן געבונדען אין קלאָטה.

פּרייז $1.50.

(פאַר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — 90 סענט)

# געגענזייטיגע הילף

## ביי חיות און מענשען אלס א פאקטאר פון ענטוויקלונג.

## פון פעטער קראפאטקין

איבערזעצט אין אידיש פון דר. י. א. מעריסאן.

פעטער קראפאטקין האט געשריבען א ספעציעלע פאררעדע פאר דער אידישער איבערזעצונג, וועלכע געפינט זיך ניט אין קיין אנדער אויסגאבע.

די קאפיטלען 1 און 2 באהאנדלען די פאקטען פון געגענזייטיגער הילף ביי חיות, באשרייבענדיג דאס לעבען פון מוראשקעס און ביענען, די געזעלשאפטליכקייט פון פויגלען, פון די זויגטיערען, פון די גריזונעס און אפען א. אז. וו., דעם קאמף פאר עקזיסטענץ און די באזייטיגונג פון קאנקורענץ אין דער נאטור.

קאפיטעל 3 באהאנדעלט די פאקטען פון געגענזייטיגער הילף ביי די ווילדע מענשען.

קאפיטעל 4 באשרייבט דאס לעבען פון די בארבארישע פעלקער.

קאפיטלען 5 און 6 באהאנדלען די מיטעלאלטערליכע שטאדט, איהר אורשפרונג און זעלבסט-פארוואלטונג; די לייבאייגענשאפט און די פעאדאלע פריצים; די ארבייטער און זייערע צעכען; די קונסט און וויסענשאפט א. אז. וו.

קאפיטלען 7 און 8 באהאנדלען די געגענזייטיגע הילף אין דער היינטיגער געזעלשאפט: די פאלקס-אויפשטאנדען, די דארף-געמיינדען אין דער שווייץ, פראנקרייך, דייטשלאנד און רוסלאנד; די ענטשטעהונג פון ארבייטער יוניאנס, סטרייקס, קאאפעראציעס, הילפס-פאראיינען א. אז. וו.

דאס בוך ענטהאלט אויך א פאלשטענדיגען אינדעקס און ווארט-ערקלערער. 433 זייטען, שעהן געבונדען אין רויטען קלאטה.

**פרייז $1.25.**

(פאר מיטגלידער פון דער געזעלשאפט — 75ס.)

# פעלדער, פאַבריקען און ווערקשעפּער

## אינדוסטריע פאַרבונדען מיט אַגריקולטור און גייסטיגע אַרבייט מיט האַנדאַרבייט.

## פון פּעטער קראָפּאָטקין

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן.

### אינהאַלט:

די קאַפּיטלען 1 און 2 באַהאַנדלען די דעצענטראַליזאַציע פון די אינדוסטריען אין גרויס בריטאַניען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, איטאַליען, שפּאַניען, אינדיע, יאַפּאַן און די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא. דער פּראָפעסער באַווייזט ווי יעדעס פאָלק שטרעבט צו ווערן דער פּראָדוצירער פון זיינע אייגענע פאַבריצירטע אַרטיקלען, און ווי עס וואַקסט די נויט אין יעדען לאַנד זיך צו שטיצען דערהויפּט אויף די היימישע פאַרברויכער. קאַפּיטלען 3, 4 און 5 באַהאַנדלען די מעגליכקייט פון אַגריקולטור, אַרויסצוברענגען אומענדליך פיעל מעהר פּראָדוקטען פון דער ערד, ווי עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביז איצטער. די אינטענסיווע קולטור איז דער וויסענשאַפטליכער ענטפער אויף אַלע רעאַקציאָנערע שלוסען פון די מאַלטוזיאַנער, וועלכע באַהויפּטען, אַז עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלע מענשען ביים מאָהלצייט־טיש פון דער נאַטור. קאַפּיטלען 6 און 7 באַהאַנדלען די קליינע אינדוסטריען און אינדוסטריעלע דערפער און באַווייזען די נוצען פון אַ פאַראייניגונג צווישען אַגריקולטור און אינדוסטריע. דער קאַפּיטעל 8 רעדט וועגען גייסטיגע אַרבייט און האַנד־אַרבייט און באַווייזט די נוצען, וואָס די וויסענשאַפט קאָן ציהען פון דער פאַרבינדונג פון זייביידען. דער פּראָפעסער ברענגט קלאָר אַרויס די וויכטיגקייט פון דער אינטעגראַלער אָדער פאָלשטענדיגער ערציהונג און באַשרייבט די פאַרשיידענע פּראָבעס פון אַזאַ ערציהונג לויט דעם מאָסקעווער סיסטעם, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן אין אייניגע שולען פון באָסטאָן, שיקאַגאָ און אַבערדין.

דאָס בוך ענטהאַלט 410 זייטען, שעהן געבונדען אין קלאָטה.

פּרייז $1.25.

(פאַר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — 75 סענט)

# דער איינציגער און זיין איינענטום

## פון מאַקס שטירנער

### איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן.

**מיט אַ ביאָגראַפישער סקיצע פונ'ם פאַרפאַסער און אַן איינלייטונג געשריבען פון דעם איבערזעצער.**

שטירנער'ס בוך „דער איינציגער" האָט קיין גלייכען ניט צו זיך אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. עס איז דאָס גרעסטע אַפּיקורסישע בוך פון אַלע צייטען און פון אַלע ליטעראַטורען. „שטירנער איז דער איינציגער, וואָס בויגט ניט זיין קאָפּ, ניט פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, ניט פאַר דער צוקונפט; וואָס לייקענט אין יעדער מאָראַל און מאַכט צונישט יעדען אידעאַל"... „שטירנער לאָזט ניט דורך קיין געזעלשאַפטליכען באַגריף, אויף וועלכען ער ווענדט ניט אָן זיין שאַרפען מעסער פון קריטיק: שטאַאַט, רעכט, פליכט, געזעץ, פרייהייט, איינענטום א. אז. וו. ווערן צוגלידערט און אַרויסגעשטעלט אין זייער נאַקעטקייט און אינהאַלטסלאָזיג־קייט." „שטירנער'ס גרויסער פאַרדיענסט באַשטעהט דערהויפּט אין דעם, וואָס ער העלפט דעם מענשען צו צעברעכען אַזויפיעל קייטען. און ווען אפילו מיר קאָנען מיט איהם ניט איינשטימען, אַז י ע ד ע היילינקייט איז אַ קייט; ווען אפילו זיין שווערער האַמער, מיט וועלכען ער שלאָגט אַזוי מעכטיג אויף אונזערע קייטען, רייסט אָפּטמאָל אָפּ אויך אַ שטיק לעבעדיג פלייש — ווען אפילו זיין מוטיג פייפען אויף אַלע אונזערע אידעאַלען און היילינ־טימער גרילצט אונז אַזוי שאַרף אין די אויערען — מוזען מיר דאָך באַטראַכטען דעם „איינציגען און זיין איינענטום" פאַר איינעם פון די גייסטרייכסטע אויפקלערונגס־ווערק פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, און דעם פאַרפאַסער — פאַר איינעם פון די גרויסע וואוילטעטער פון דער מענשהייט." (אויסצוג פון איבערזעצער'ס איינלייטונג.)

דאָס בוך ענטהאַלט 504 זייטען, איז שעהן געבונדען אין קלאָטה.

**פרייז $1.50.**

(פאַר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — 90 סענט.)

# נעקליבענע שריפטען

## פון פערדינאַנד לאַסאַל

1. די וויסענשאַפט און די ארבייטער

א פארטיידיגונגס־רעדע געהאַלטען פאר דעם בערלינער קרי־מינאַל־געריכט אנטקעגען דער באשולדיגונג, אז ער האָט עפענטליך אויפגערייצט די אָרימע קלאַסען צו האַסען און פאראַכטען די רייכע.

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן.

2. באַסטיא־שולצע אָדער קאַפּיטאַל און אַרבייט

איבערזעצט און איינגעלייטעט פון א. א. ראָבאַק.

לאַסאַל'ס „קאַפּיטאַל און ארבייט" איז זיין הויפּט עקאָנאָ־מישעם ווערק און באהאַנדעלט אין 4 גרויסע קאַפּיטלען: די אר־בייט; דאָס קאַפּיטאַל; אויסטויש, ווערטה און פרייע קאָנקורענץ און די פּראָדוקטי־ווע קאָאָפּעראַציעס. דאַן קומט א שלוס און א נאָכוואָרט.

דאָס בוך ענטהאַלט 434 זייטען, שעהן געבונדען אין קלאָטה.

פּרייז $1.25.

(פאר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — 75 סענט.)

# וואָס איז אייגענטום?

## א פאַרשונג פונ'ם פרינציפּ פון רעכט און רעגירונג.

## פון פּ. זש. פּרודאָן

איבערזעצט און איינגעלייטעט פון דר. א. קאַראַלניק.

### א י נ ה א ל ט :


קאַפּיטעל 1 : די מעטאָדע פון דעם ווערק. די אידעע פון א רעוואָלוציע.

קאַפּיטעל 2 : וועגען דעם אייגענטום אלס נאַטור־רעכט.

קאַפּיטעל 3 : ארבייט אלס אַן אורזאַך פון אייגענטום.

קאַפּיטעל 4 : אייגענטום איז אוממעגליך (די ווידערשפּרוכען פון אייגענטום).

קאַפּיטעל 5 : א פּסיכאָלאָגישע ערקלערונג פון דער אידעע פון גערעכטיגקייט און א באַשטימונג פון דעם פּרינציפּ פון רעגירונג און רעכט.


פּרודאָן'ס ענטפער: „אייגענטום איז גנבה" האָט געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק אויף זיין צייט. זיין שאַרפע קריטיק און שטרענגע לאָגיק, דער געוואַלטיגער פּאַטאָס און זיין אויפריכטיגקייט, און דערהויפּט זיין רעוואָלוציאָנערער טאָן קאָנען ניט פאַרפעהלען צו מאַכען א שטאַרקען רושם אויף יעדען לעזער אין אלע צייטען.

דאָס בוך ענטהאַלט 341 זייטען, שעהן געבונדען אין קלאָטה.

פּרייז $1.25.

(פאַר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — 75 סענט.)

# דאָס קאַפּיטאַל

## פון קאַרל מאַרקס

### איבערזעצט נאָך קאַרל קאַוטסקי'ס דייטשע פאָלקסאויסגאַבע
### פון דר. י. א. מעריסאָן

מיט א ביאָגראַפישע סקיצע פון דעם פּראָפעסער.

דער באַריהמטער ערשטער באַנד „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט פאַרדיענט דעם נאָמען „די ביבעל פון פּראָ־לעטאַריאַט" איז איינגעטיילט געוואָרן אין דריי טיילען און ארויס־געגעבען אין דריי באַזונדער געבונדענע ביכער. דאָס ערשטע בוך ענטהאַלט 477 זייטען, דאָס צווייטע בוך ווערט פאָרטגעזעצט ביז זייטע 886, און דאָס דריטע בוך ענדיגט זיך מיט זייטע 1270. צום סוף פון דריטען בוך געפינט זיך א גרויסער רעגיסטער, וועל־כער איז איינגעטיילט אין צוויי טיילען: א נ א מ ע ן ־ ר ע ג י ס ־ ט ע ר, וועלכער פאַרצייכענט די נעמען פון די מחברים, וואָס זיינען ציטירט געוואָרען אין „קאַפּיטאַל", און גיט קורצע ביאָגראַ־פישע דאַטען פון יעדען מחבר; און א ז א ך ־ ר ע ג י ס ט ע ר, וועלכער צייגט וואו יעדער ענין אָדער געגענשטאַנד, וואָס מאַרקס האָט דערמאָנט, געפינט זיך אין די דריי ביכער פון אָט דעם גרויסען ערשטען באַנד. אָט דער טאָפּעלער רעגיסטער, וואָס איז א העכסט ניצליך ווערק פאַר זיך, פאַרנעהמט 45 זייטען טאָפּעל־קאָלום, גע־דיכט געזעצט אין קליינעם שריפט.

די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט און טרייהייט צום אָריגינאַל. קיין אות און קיין נקודה איז ניט אויסגעלאָזט אָדער געענדערט געוואָרן. עס איז אויך ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוּוו צו פּאָפּולאַריזירן אָדער פאַרטייטשען אירגענד וועלכען שווערן אויסדרוק. דער לעזער און דער שטודענט וועלען געפינען אין אָט די אידישע דריי ביכער פון דעם ערשטען באַנד „קאַפּיטאַל" אַן אַבסאָלוט געטרייע קאָפּיע פון דעם דייטשען אָריגינאַל, אויף וועלכער זיי קאָנען זיך פאַר־לאָזען מיט דער גרעסטער זיכערקייט.

די דריי ביכער זיינען איינהייטליך ארויסגעגעבען און גע־בונדען אין א שעהנעם קלאָטה און ווערן פאַרקויפט צוזאַמען אָדער יעדעס בוך באַזונדער.

**דער פּרייז פון יעדען בוך איז $1.50.**

(פאַר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — 90 סענט.)

עס ווערט פאַרפאַרטיגט צום דרוק

# די געשיכטע פון טרייד־יוניאָניזם

## אַ וויסענשאַפטליכע פאָרשונג וועגען דער ענטשטעהונג, ענטוויקלונג און אויסברייטונג פון דער טרייד־יוניאָן באוועגונג אין ענגלאַנד.

## פון סידני און ביטריס וועב

דאָס ווערק וואס די „קראָפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאַפט" גיט ארויס פאַר איהרע מיטגליעדער פאַר דעם יאָהר 1919—1920. וועט פארנעהמען ארום 900 זייטען און וועט זיין איינגעטיילט אין צוויי טייל, ווי פאָלגט:

### ערשטער טייל:

1. די ענטשטעהונגען פון טרייד־יוניאָניזם.
2. דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ (1799—1825).
3. די רעוואָלוציאָנערע פעריאָדע (1829—1842).
4. דער נייער גייסט אין דער נייער מאָדעל (1843—1860).
5. די יונטא און איהרע פארבינדעטע (1860—1875).

### צווייטער טייל:

6. סעקציאָנעלע ענטוויקלונגען (1863—1885).
7. דער אַלטער טרייד־יוניאָניזם און דער נייער (1875—1889).
8. די טרייד־יוניאָן וועלט (1892—1894).
9. אַנהאַנגען (וועגען דעם אַנגענומענעם צוזאמענהאַנג צווישען די טרייד־יוניאָנס און די גילדעס אין דובלין. — די פאַר־רופונג פון דעם ערשטען טרייד־יוניאָן קאָנגרעס, און אנדערעס.)

**דער פרייז פוןביידע ביכער וועט זיין $3.00.**

(מיטגלידער וועלען זיי קריגען ווען זיי וועלען איינצאָהלען זייער ביטראַג — $1.50.)